STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04815

MAYN YUGEND

Sam Weinman

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Albert & Lillian Fink
in memory of
their daughter, Deborah Fink Zigun, 1950-1998

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין יוגענד

אַ ביאָגראַפישער ראמאן

פון

סעם וויינמאַן

פאַרלאַג קדימה-צענטראַל
פילאדעלפיע, פּא.

Copyrighted by
SAM WEINMAN
July 1935

KADEEMAH-CENTRAL
1902 S. 5th Street
Philadelphia, Pa.

17

ערשטער קאַפּיטל

דאס דארף וואו איך בין געבוירען געווארען האט זיך ניט אויס־געצייכענט מיט קיין זאך. ס'איז ניט געווען קיין זאך וואס זאל באגייסטערען און וועקען מיין קינדערשע נשמה.

קליינע פויערשע הייזקעס מיט ארעמע פעלדער ארום. וואו־ניט־וואו א בערגעלע, א טהאל, וואס האט ניט צוגעגעבען קיין שעהנקייט, אויפצואוועקען מיין בייגקענדע קינדערשע נשמה, אבער די ארימקייט ארום האט מיך נאך מער געמאכט צו בייגקען נאך שעהנע וועלטען. דער נעהענטסטער וואלד צו אונז איז געווען דער איזערישצער וואלד. דארט איז שוין געווען פאר מיר א קינדערשער גן עדן. גרויסע סאסנע ביימער, אלכע ביימער, בעריאזע מיט ווייסער קארע, ווי כלות אונטער דער חופה. פון דעם וואלד פלעגט מען אפט אין די קאלטע ווינטער נעכט הערען דאס וואיען פון הונגעריגע וועלף. נאך דעם וואלד און זיינע געהיימניסען פלעג איך אפט בייגקען, כאטש מיט מורא פלעג איך טראכטען פון די וועלף מיט די גרויסע אפע־נע מיילער און שארפע ציינער, און ווער ווייסט וועלכע נאך חיות דארט געפינען זיך, וועלכעווארטען אויף זייערע קרבנות. דאס נאהענטסטע וואסער צו אונזער דארף איז געווען צוויי וויארסט. א גרויסע אזערע מיט אן אינזעל אין מיטען וואס האט אויסגעקוקט ווי א גרויסער פיש וואס שטעלט ארויס זיין רוקען צום הימעל. קליינע ניסען־ביימער זיינען געוואקסען דארט, און ווילדע ענטלאך פלעגען

דאָרט קוואַקען. צו דעם אינזל האָט מיך געצויגען. ער האָט אויסגעקוקט פון דער ווייטענס אַזוי שיין, ווי אַן אָפּגעזונדערטע קעניגרייך, אַ פּאַלאַץ אויסגעבויעט פון דער נאַטור, פאַר וועמען, פאַר וואָס ווייס איך נישט. ס׳איז נישט געווען קיין מענטשליכע קראַפט אַנצוואַרפען אַזוי פיל ערד און שטיינער אין מיטן טיפעניש. אָפט פלעג איך שטיין ביי דעם ברעג און טראַכטן: וואָס האָט געבראַכט די נאַטור צו שאַפען אַזאַ שטיק ערד? האָט די נאַטור געבויעט אַן אַפּרוה־פּאַלאַץ פאַר פליענדע באַשעפענישען וועלכע קענען נישט דערגרייכן צום אַנדערען ברעג אָהן אַ אָפּשטעל?

די נאַטור האָט, ווייזט אויס, רחמנות אויף געוויסע באַשעפענישען און גיט זיי אַ לייטער אָדער בויעט פאַר זיי אַ בריק אַריבער צו גיין, אום זיי זאָלען נישט דאַרפען אומקומען, אָדער פאַר אַזעלכע פייגלען וואָס ווערען פאַרטיידיגט פון אַ וואַסער צאַם, און זיי קענען פריי לעבען, נישט מורא האָבענדיג פאַר זייערע פיינד. איך האָב זעהר געוואָלט זיין אויפ׳ן אינזל. מיר האָט זיך שטאַרק געביינקט נאָך זייערע געהיימניסען. ווי אַזוי די פייגעלעך לעבען דאָרט און ווי אַזוי זיי בויען דאָרט זייערע נעסטען, און זינגען זייערע שיינע לידער. זעהר פיל נאַכטיגאַלען זענען דאָרט געווען, און זייער שיין זינגען האָט זיך געהערט ווייט אַרום די ברעגען. ווינטער, ווען דאָס וואַסער ווערט פאַרפרוירען, ווערט דאָס גאַנצע אינזל באַדעקט מיט שניי און קיין זאַך איז נישט צו באַמערקען. ווייט הינטער דעם וואַלד וואָס איך האָב פריהער דערמאָנט איז געווען אַ טייך וואָס האָט געהייסען ביסטראַ (שטראָמיג). אָט דער טייך איז געווען פאַר מיר אַ געהיימניס. דאָס וואַסער איז געווען נישט טיף, נאָר איילענדיג, ווי עס דאַרף ערגעץ קומען אין צייט. אויפ׳ן גרונט פון וואַסער האָבען זיך געפונען מיליאַרדען קליינע שטיינדעלעך, און יעדער שטיינדעלע האָט זיך באַוועגט מיט אַ ציטער ווי אַ מענטשליך האַרץ, געוויגט זיך ווי אַ לעבעדיג וועזען וואָס וויל אַוועקגעהן פון פּלאַץ. אויף די לעבעדיגע שטיינדעלעך האָב איך ליב געהאַט צו קוקען און טראַכטען: זענען זיי נישט

עהנליך צו מיין קינדערש הארץ? מיין הארץ פלעגט אויך אזוי קלאפּען און זיך באווענגען ווי עס וויל ערגעץ אנטלויפען; איך בין עהנליך צו דעם וואסער וואָס טראגט זיך מיט שנעלען אימפּעט ערגעץ וויט אהן באשטימונג.

צו דעם שטראמיגען וואסער פלעגט מיך אפט ציהען, ווי איך וואלט געוואלט אין זיין שאטען זעהן מיין אייגענעם איך, מיין אייגען קינדערש פארבענקט לעבען. איך זאל זאגען אז איך האָב געהאַט א באשטימטע בײנקען, א געוויסען ציל? ניין! איך האָב געחלומט, געוועבט פאנטאזיעס, געזונגען לידעלעך, וועלכע פלעגען קומען פון מיין הארצען, און מיין באליבטע גע־וועהנהייט איז געווען ווארפען שטיינדעלעך אין דער וויטקייט אהן א ציל.

וואס איז געווען דער זין פון דעם, ווייס איך ניט. נור איך האָב ניט ליב געהאַט רוהיקייט. וואָס ליגט דער שטיין אייביג אזוי רוהיג? איך האָב געוואָלט יעדע זאך צוגלייכען צו מיין הארץ און נשמה, און מיין הארץ און נשמה האָב איך קיינמאל ניט גע־לאזט איינדרימלען, זיי האָבען ביי מיר אימער געמוזט ליידען און בעוועגען זיך. רוהיגקייט איז געווען מיין גרעסטע קריינק. האָב איך דערפילט אז מיין הארץ ווערט איינגעשלאפען, האָב איך פאר דעם געזוכט איבערלעבונג. איך האָב געמוזט געפינען א צרה וואָס זאָל מיר וועה טאָן און וועקען, וואָס זאל מיין הארץ מאכען קלאפּען שטארקער.

די פויערים אין דארף זיינען געווען אונוויסענדע, און דאך אזעלכע אינטערעסאנטע. זייער אבערגלויבען האָט צוגעגעבען פיל חן צו זייער אונוויסענהייט, און זייערע געשיכטעס זיינען געווען שפּאנענד. מעהרערע מעשה'לעך זיינען דערצעהלט גע־ווארען וועגען מכשפות (קאלדוניעס ווי זיי פלעגען זיי רופען). באַ דעם קליינעם קעראסינענעם לעמפּעלע אדער קינעלע פייער פלעגען זיי דערצעהלען געשיכטעס פון אמאל וואס האָבען גע־טראפען מיט זייערע עלטער זיידעס און באבעס, ווי גאנצע דער־פער פלעגען זיך פארוואנדלען אין וועלף און הינט און דערנאך פלעגען זיי ארומלויפען איבער פוסטען דארף קלייבען שפּייז

ביז מען פּלעגט זײ כאַפּען, און דאַן זײנען זײ געוואָרען ווידער אַמאָל מענשען. צו די פריערשע דערצעהלונגען פּלעג איך שפּאַנענד זיך צוהערען און מאָלען מײנע אײגענע פאַנטאַזיעס. בײ דעם לעמפּעל פײער פּלעגט זמיטרוכע, פּלעכטענדיג די לאַפּצעס, דערצעהלען די געשיכטעס און זײן ווײב און שנור פּלעגען שפּינען, שפּײענדיג אין די פינגער און ציהענדיג דעם דינעם פאַדים פון בינטעל פלאַקס.

די שפּינרעדער פּלעגען ברומען ברוה־ברוה. די שאָטנס פון אַלעמען פּלעגען זיך אָפּשפּיגלען אויף די גרויע ווענט. שטיל ווערט אין הויז. אהן ווערטער שטעהט אויף זמיטרוכע, געהט צו צום ווינקעל און פאַרנויגט זיך, צלמ׳ט זיך איבער עטליכע מאָל און זאָגט: „קינדער, צײט צו שלאָפען.״ אַלעס בלײבט שטיל און דער פײער אין לעמפּעלע ווערט טונקעלער.

זמיטרוכע איז געווען דער עהרליכסטער מוזשיק בײ אונז אין דאָרף. האָט ער קײנמאָל ניט געוואָלט אַננעמען קײן אַמט. ווי־פיל מאָל האָבען איהם די פויערים געוואָלט אויסקלײבען פאַר א שטאַרשענא אָדער אַן אַנדער אַמט, נור ער פּלעגט זיך אימער ענטזאָגען, ער פּלעגט זאָגען:

„מען קען צו אַלעמען עהרליך ניט זײן, איך וויל שטאַרבען א רײנער מענש.״

כאָטש איך האָב אין מײן יוגענד פון זײן גאָט גאָרנישט געהאַל־טען, דאָך האָב איך זמיטרוכעס עהרליכקײט פאַרהײליגט. א רײנער מענש. זמיטרוכע איז שוין אין דער צײט געווען אין די אכציגער, זײן באָרד האָט געהאַט א גרויקײט, נור ניט ווײס ווי בײ מערערע מענשען אין די יאָהרען ווי ער. זמיטרוכע האָט ניט געקענט לײענען און שרײבען, און איך גלויב ניט, אַז ער האָט געגאַרט נאָך ווײסענשאַפט. ער האָט נור געוואָלט ווײסען וויפיעל קלויסטערס יעדע גרויסע שטאָט פאַרמאָגט, און דאָס האָט ער געוואוסט גוט. פאַר יעדען קלויסטער האָט ער זיך אײ־בערגע׳צלמ׳ט, פאַרנײגענדיג זיך צו דער ערד, פרעפּלענדיג זײן לויב צו גאָט. זײן לאַנג לײווענטען העמד איז אימער געווען זוי־

בער, נאר זיינע לייוועגטענע הויזען זיינען אימער געווען אָפּ־געטראגען אויף די קני. דאָס האָט געציינט וויפיעל צייט ער האָט אפּגעלויבט יעדען טאג צו קריסטוס׳עם בילד, וואס איז געווען אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל פון הויז. ווינטער פלעגט זמיט־רוכע פלעכטען לאפּצעס, קארזינעס פון קינעלעך צו ברייגגען זיינע ארימע בהמה׳לעך און פערד היי און שטרוי צום עסען. זומער פלעגט ער פיטערען זיין קליינע סטאַדע גענז, אויף די גרינע לאנקעס ארום דארף, פארהיטען זיי פון אנפאלען פון וועלף און פוקסען, וועלכע זענען געווען אזוי פיל אין אונזערע פעלדער און קליינע קוסטארניקעס. אימער פלעגט ער טראגען מיט זיך א לאנגען שטעקען — ווי דאס וואָלט געווען א וועג ווייזער פאר זיינע גענז, און מיר דוכט, אז זיי האָבען זיך איינע די אנדערע פארשטאנען. די גענז פלעגען פארשטעהען זמיטרוכע׳ס שפּראך, און זמיטרוכע האָט פארשטאנען וואס די גענז ריידען. ס׳איז געווען א מין חבר׳שאַפט צווישען זיי.

איינמאָל איז זמיטרוכע געקומען צו מיר און האָט געפרעגט:

—ווילסטו מיר געבען א פּאָר קאָנפעקטען? דו ווייסט אז איך בין שוין אכציג יאהר, און האָב קיין זיסקייט ניט פארזוכט, מיר דוכט אז זיסקייט איז א זינד פאר דעם מענשען, נור ווער ווייסט וויפיל איך וועל נאך לעבען, ס׳ווילט זיך פארזוכען א קאנפעקט" . . .

איך האָב ניט פיל געטראכט און האָב איהם באלד געבראכט פון אונזער קראם א הייפעלע קאָנפעקטען. ער האָט זיי בע־טראכט א ווײלע.

—ניין, איך דאנק דיר, איך וועל זיי ניט פארזוכען. דאָס איז א זינד, איך האָב מורא אויב איך וועט ניט זינדיק. מיר ווילט זיך ווייסען אזעלכע זאכען וואָס איך האָב מורא ס׳זאָל מיך ניט אראָפּפירען פון קריסטליכען גלויבען. אפשר איז מיין פארשטאַנד טעמפּיג, אַלט? ווי מען זאָגט: אָן אַלטער איז געגליכען צו א קינד, נור אלס קינד האָב איך קיין שלעכטע פארלאנגען ניט געהאט, היינט קריכען זיי אין מיינע געדאנקען ווי שלאַנגען. מיר ווילט זיך ווייסען זאכען פון וועלכע איך האָב מורא געהאט אמאָל

צו טראַכטען, איז דאָס ניט אַ זינד, קינד מײנס? איך שעם זיך דיך צו פרעגען. אפשר וועסטו מיר ניט וועלען ענטפערען. דו לײענסט דאָך גאַזעטען, ווײסט פון זאַכען וואָס זײנען מיר פרעמד און אומפאַרשטענדליך. אפשר מאַטער איך דיך צו פיל מיט מײנע פראַגען, נור ס'ווילט זיך מיר ווײסען זאַכען. איך בין אַן אַלטער, בלינדער נאַר. זאָג מיר אָהן מורא. ענטפער מײנע פראַגען אויף וויפיל דו פאַרשטײסט. פיליכט וואָלט דײן עלטע־רער ברודער מיר וואָס אַנטפּלעקען? איך וויל קײן זאַך ניט אומזיסט. דו ווײסט אַז איך בין אַן עהרליכער . ..

מײנע געדאַנקען האָבען זיך ניט געקאָנט באַרוהיגען. וואָס קען איך טאָן פאַר דעם עהרליכען זמיטרובען? נאָך אַלעמען איז ער דאָך דעם שלעכטען גלח'ס אַ קנעכט, און וואָס טו איך, אַז ער גיט מיך אַרוים פאַר'ן פינסטערען פּאַפּ, וועלכער איז געווען אַ פײנד פון יעדען פרײען געדאַנק? ער וויל ניט אוועקגעבען אַזאַ טרײען דינער ווי זמיטרובע איז, וועלכער איז אַ מוסטער פון עהרליכען גלויבען . . .

דער פּאַפּ פון אונזער קלויסטער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, אַן אומעטיגע באַשעפעניש, און האָט געקוקט אויף אַלע־מען פון אויבען אַראָפּ, ווי אַלע גלחים וואָס האָבען זיך אײנגע־רעדט אַז זײ זענען אויסדערוועהלטע פון אַ הימלישען גאָט. זײן פּנים איז געווען טרוקען. די אויגען טיף אײנגעגראָבען אין זײן צוקנײטשטען שטערן, ווי ער וואָלט טראַכטען פון געטליכער און מענשליכער ליבע. אין אמת'ן איז ער געווען אַ טיראַן. זײנע בעדינער פלעגט ער בעהאַנדלען ווי שקלאַפען, אימער פלעגט ער זײ זאָגען: „קנעכט! איך וועט זײן בעסער אויף יענער וועלט, ווײל איהר זײט געהאַרכזאַמע, גאָטספאַרכטיגע מענשען, מיט ווײניג פאַרלאַנגען. גאָט האָט ליב אַזעלכע ווי איהר זײט, און איהר וועט געוויס גײהן אין גן עדן." אין אמת'ן האָט ער פון גן עדן גאַרניט געטראַכט, נור ווײל איהם האָט זיך געלוינט אַזוי צו רײדען כדי עס זאָל איהם קאָסטען וואָס ביליגער. דער קלויסטער וועגען וועלכען איך רעד דאָ איז געווען אַ דרײ ווייאָרסט פון אונזער דאָרף, און יעדען זונטאָג פריה

האָט מען געזעהן פּויערים מיט פוּיערטעס, קינד און קייט, גע־הענדיג אין קלויסטער צו גאָטס דינסט. דאָרט פלעגט ער זיי בענשען און קריגען דערפאַר די פּאָר קאָפּיקעס וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט, און שיקען זיי אַהיים מיט ברכות. געווען איז דער גלח א גרויסער אַנטיסעמיט. ווי וועניג ער האָט זיך אַנגעקערט מיט די אידען פון מיין דערפעל, דאָך האָט מען געפילט זיין גיפט דורך די רעדעס וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר זיינע צוהער־רער. געווען איז ער א לייענער פון דער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ", וועל־כע איז געווען גיפטיג אַנטיסעמיטיש, און מיט דער שפּייז האָט ער געשפּייזט זיינע שעפעלעך ווי ער האָט גערופען זיינע נאָכפאָל־גער. געוואוינט האָט ער אין א גרויסער הילצערנער הויז מיט גרויסע עפּעלבוימער אַרום, און אַנדערע בוימער וועלכע זיינען געווען הונדערטער יאָהר אַלט מיט א הויכען צאַם אַרום, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי א פאַרבאַרגענער שלאָס וואו פלעדער־מייז און שדים טאַנצען אַרום אין די פינסטערע נעכט.

זמיטרוכע פלעגט אָפט ריידען פון זיין הייליגען באַטושקאַ, און מיט א זיפץ זאָגען: „איהם לעבט זיך גרינגער ווי מיר, כאָטש עס איז אַ זינד ניט צו פאַרגינען יענעם. יאָ, ער איז דאָך גאָט'ס אויסדערוויילטער, ער האָט דאָך צו טאָן מיט גאָט, און איך דאַרף דורך איהם שיקען מיינע תפלות צום הימעל." זמיטרוכע פלעגט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכטען ווי ער זאָל מורא האָבען פאַר שלעכטע געדאַנקען. ס'איז ניט גלאַט אין אונזער וועלטעל, ער, דער פאַרשטעהער, לעבט אַזוי גוט, זיינע בהמות זיינען פעטע און זאַטע, זיינע פערד לויפען גוט, זיינע הינט זיינען בייזע, און ער, זמיטרוכע איז אַלע מאָל הונגעריג, עסט ברויט מיט וואַסער. זיין בהמה'לע איז מאָגער, עסט נעבעך שטרוי, זיין פערדעל קוים אז עס שלעפּט די פיס, זיין הייזקע, א נידעריגע פאַלט באַלד איין, וואָרום קומט אים אַזוי פיל? איז דען ניט זמיטרוכע אַזוי ערליך צו גאָט ווי ער?

„ס'איז אַ זינד אַזוי צו טראַכטען און ריידען, פלעגט ער אָנהויבען צו רעדען ווי צו זיך אַליין — נאָך אַלעמען בין איך שוין אין די אַכציגער, און וויפיל וועל איך נאָך לעבען? נור

גראַד יעצט ווילט זיך מיר וויסען פיל מעהר ווי אַלע מיינע יאָהרען . . . בין איך אומגערעכט, סאַלאַמאָן?

— געוויס ניט. איך אַליין טראַכט פון דעם.

ביידע פלעגען מיר זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכטען ווי מיר וואָלטען געזוכט אין אונזער שווייגען אַן ענטפער.

— יאָ, זיידעניו, ס'איז ניט ריכטיק אין אונזער וועלטעל, דער שטאַרקער רעגירט איבער דעם שוואַכערען, איז ניט מיט גאָט, איז מיט דער נאַגאַיקע. יעדער איינער האָט זיך זיין מיטעל ווי אַפּצונאַרען דעם שוואַכערען, ווי צו ברייגגען דאָס פערדעל אין שפּאַן.

די גענזעלעך פלעגען אַרום לויפען זוכען די גרינע גרעזעלעך און ריידען איינער צום אַנדערען — גי־גי־גי — אונזער פּאַסטוך איז דאַ, אונזער שפּייז איז דאַ. לאָמיר זיין פריילוך און אַ לויף טהאָן אויף פּאַראויס, צושפּרייטענדיג די פליגעלאַך און ווידער ריידען אויף דער גענזען שפּראַך. זמיטרוכע פלעגט קוקען אויף זיינע גענז און קוועלען. זיי האָבען ניט קיינע זאָרג און זינד.

אַ ווײַלע טראַכטענדיג האָט זמיטרוכע אַרויסגעברומט האַלב שטיל: ווער ווייסט וואָס זינד איז? ווען מיר טוהען אַ זאַך, מיר זאָלען באַצאָלט ווערען, דאַן איז דאָס אַן אומרעכט, מיר מוזען פאַרגעסען זיך און אונזער געצאָלט. מיר טוען דאָס נאָר צוליב דער גוטסקייט, ווייל אונזער האַרץ דיקטירט אַזוי. דענקסטו אַז איך טוה דער מענשהייט גוטעס מיט דעם וואָס איך שטיי אָפּ טעג און אָוועגטען אויף די קני און צלם זיך פאַר דער הייליגער איקאָנע? דאָס איז נור גוט פאַר גאָט און פאַר מיין האַרצען, איך פיל אַז איך דין דעם גאָט פון הימעל עהרליך. דער מענשהייט טוה איך מיט דעם קיין גוטעס. נור אפשר איז מיין געבעט אַ פאַנצער, וואָס פאַרהיט גאָט'ס צאָרן אויף דער וועלט? איך בין אַלט, און דאָך האָב איך זיך צו דעם ניט דערטראַכט. אַך, אַן אַלטער נאַר בין איך, זעה גערדאַנקען! אַ מוראַ . . . "

זמיטרוכע פלעגט נעמען דעם שטעקען אין האַנט און געהן

אהין און אהער, שארענדיג די ערד ווי ער וואָלט עפּיס געוואלט אויסמאלען און דערנאך איבערלעזען די צייכענונגען.

—איך וויל ניט קיין זאך אומזיסט, סאלאמאן, איך וויל פאר אלעם באצאָלען, דו וועסט מיר מוזען איבערלעזען ביכלעך, איך ווייס אז איר האָט זיי. דו וועסט בעטען דיין ברודער פאר מיר פארצולעזען, מיר ווילט זיך וויסען זאכען וואָס זיינען ביז יעצט געווען א רעטעניש. האָב קיין מורא נישט, אלעם וועט זיין א געהיימניש. גלויב מיין עהרליכקייט, און דאָס איז מיין הייליג־סטע שבועה.

אין דער צייט האָט מיר זמיטרוכע אויסגעקוקט ווי אן אלטער דעמבענער בוים, וואס איז בעוואקסען מיט גרויער קארע, און דאך לאזט ער גרינע בלעטעלעך און יונגע צווייגעלעך. ער וויל לעבען, ער האָט דערפילט פריהלינג, א פרילינג פון וויסענ־שאפט פארלאנגען. ניט איין צעהנדליג יאהר האָבען זיך גע־קניפּט און געבונדען אין זיין מוח ליכטיגע געדאנקען, און יעצט שפּראצן זיי ארוים און ער ברענגט זיי פאַר מיר.

דער טאג איז געווען א הייסער, די זון האָט מיט איר גאנצען ברען אראפּגעקוקט אויף דער ערד, מיט אירע גאלדענע ארעמס האָט זי אלעמען ארומגענומען און מיט איר ווארעמען אטהעם געקושט. אלעס האָט געפילט א מידקייט, און שטיל איז געווען דאס גראז, דער בוים, און אויך דער הימעל, א בלויליכער, איז געהאנגען הויך א פאר׳חלום׳טער ווי ער וואלט געווארט אויף א ווינטעלע. די פאסטוכער זיינען געלעגען פארבעהאלטענע אין די קוסטעס און געקוקט אויף די בהמות, וועלכע האָבען געשמי־סען מיט די עקען אפצוטרייבען זייערע שונאים, די פליגען, וועלכע האָבען געביסען זייער פעל. אָפט האָט, מען געהערט דאָס קלאַפּן פון זייערע פיס און אַ ווילדען רעווען מוה־מוה־מוה, ווי זיי וואָלטען בעטען דעם פאַסטוך ער זאָל זיי ראַטעווען פון די בייזע אנשיקענישען. די זון האָט זיך געקייקעלט לאנגזאם ארונטער און איהרע הייסע

שטראָמען האָבען זיך גענומען אפּקיהלען. וואו ניט וואו האָט מען געזעהן אַ פייגעל פליהענדיג און זינגענדיג אויף זיין שפראַך, ווי ער וואָלט דערפילט אַ דערלייכטערונג. די זון האָט גענומען זינקען נידעריקער, איז געוואָרען גרויס ווי אַ גאָלדענער טאַץ און ווינקען מיט איר גרויס פייערדיג אויג ווי זי וואלט געזאגט צו אלעמען: אַ גוטע נאכט, איך געה אוועק פון אייך אין אַן אנדער וועלט, מארגען וועל איך אייך ווידער זעהן. אַ קיהל ווינטעלע נעמט אנקומען, די מידע גרעזעלעך ציהען אויס די העלזער צום פארנאכטיגען הימעל, די בלעטעלעך הויבען אַן מורמלען און פּאַטשען בראַוואָ, ווי זיי וואָלטען וואונדער באַגעגענט, ווי זיי וואלטען אַ פרייד דערלעבט און אלעס אין טונקעלקייט ווערט סודות׳דיג. די זשוקעס הייבען אַן ארומפליהען מיט פרעהליכען זשומען, און פליהענדיג טאנצען זיי אַ קאראהאד, ווי זיי וואלטען אַ יום טוב דערלעבט. ווייט אויפ׳ן אנדערען עק דארף הערט מען דעם בייזען הונט, ליסקאַ, בילען. פאר איהם קומט אַן די נאכט און ער וועט דארפען היטען זיין בעל־הבית׳ס האָב און גוטס. די קייט צו וועלכער ער איז צוגעבונדען קלינגט אפּ ווייט אין נאכט אריין און מען הערט זיין האוו־האוו . . .

און שטיל ווערט אין דארף. די הייזלעך ווערען איינגעטונקען אין טיפען פאר׳חלום׳טען שלאף. וואו־ניט־וואו הערט מען אַ בהמה אויסשרייענדיג מוה־מוה, אַ פערד הירזשענדיג און קלאַפּנדיק זיינע קאַפּיטעס אין דער ערד. נאכט פייגעלעך הויבען אן פליהען הין און הער, ווי זיי וואלטן ארויס פון זייערע בעהעלטעניסען, איבעררײדענדיג איינס מיט דעם צווייטען: קום אהער, טייערער, קיינער איז דא נישטאַ!” אלעס שלאָפט אַ שטאַרקן שלאף און מען זעהט זייערע פליגעלעך פלאטערען אין דער לופטען מיט אַ ליבליכען חן. בעגינען, ווען אין מזרח הויבט אן טאגען, הערט מען דעם נאכטיגאל זינגען. דארט הינטער׳ן דארף, אין דעם קוסטארניק, עפענט ער זיין הימלישן קאָנצערט. אָט דער קליינינקער גרויענקער פייגעל, הייבט אָן אויסזינגען זיינע נגונים אויף דער העכסטער אקטאווע. מען

הערט איהם מיילען ארום, זיין שטימע קלינגט ווי טויזענטער גלעקעלעך, ווי טויזענטער סטרונעס וואלטען געפירט א כאר, און מיר דוכט אז אלעס איז שטיל געבליבען פאר דעם הימלישען געזאנג.

אך, ווי שעהן דאס איז ווען אט דער פּיצינקער פויגעלע הויבט אן ארויסגעבען אזעלכע טענער, טויזענטער סטרונעס וועקט ער אויף אין מיין קינדערשער נשמה, טויזענטער פעדים פארקניפּט ער אין מיין הארצען, און ווייטע וועלטען ענטפּלעקען זיך פאר מיר. מיר ווילט זיך אויך ווערען א פייגעלע, זינגען אין וואלד אויף א צווייגעלע. אין טויאיגען פריהמארגען ליג איך אויף מיין געלעגער. פאַר'ן אָפענעם פענסטער הער איך זיך איין צו זיינע טענער. איך פלעג מורא האָבען צוצוגעהן נאָהענט לעבען דעם בוימעלע וואו ער האָט אויסגעזונגען זיין נגון'דעל. ער וואלט געוויס דערשראקען זיך ווי פאר א שונא און וואלט אוועק פליהען ווייט, ווייט וואו איך וואָלט איהם מעהר ניט געהערט און געזעהען. אַך, טייערער נאכטיגאל, ווען דו ווייסט וואָס פאר'א פריינד דו האסט אין מיר וואלסטו קיינמאל פאר מיר ניט מורא געהאט. דו וואלסט נאך ליבער דיינע טענער צוגאסען פאר מיר. איך זינג אויך, נור מיין זינגען איז אנדערש. איך זינג אין מיין הארצען, אין מיין נשמה, און האָב מורא ארויסברייגנען מיינע מעלאדיען . . .

יעדער פריהמארגען אין דער זעלבער צייט פלעגט ער אנפירען זיין קאנצערט, ווי ער וואלט געוואוסט אז דער זייגער איז צוויי בעגינען . . . די נאסע בלעטעלעך פון די טוי בעקושטע בוימער פלעגען ארויספּרייכען א זיסען גערוך ביז די צופלאמטע זון פון איר ווייטען וועג פלעגט אנקומען און אויסקושען די דימענטענע טראפּענס.

דער ווייסער בעגינען וועקט אויף די מענשען פון דארף און יאגט זיי אין פעלד אריין, מיט קאסעס, מיט גראבלעס, יאגען זיי זיך, ווער ס'פירט דאס דארע פערדעל ביי דעם צוים, און ווער ס'פּארט רייטענדיג, אונטערצמאקענדיג: גיכער, גיכער, פערדעלע! דאָס דאַרע פערדעל, נעבאך, פאַרשטייט אַז זיין שווערע

פּראַצע הייבט זיך אָן, גיהט ער פאַרטראַכטערהייט אַראָפּגעלאָזען זיין גרויסען פעררדישען קאָפּ, ניסענדיג, ווי איינער זאָגט: „איך ווייס וואָס דו טראַכסט.״

אין די קליינע שטיבלעך ווערט לעבעדיג, מען זעהט ווי פון די פאַרשוואַרצטע קוימענס פון אַריבער די שטרויענע דעכער שלייַנגעלט זיך אַ רויך און ווערט פאַרטראָגען הויך אין די וואָלקענס. די פרויען מיט די קאַראַמעסלעך און עמער לויפען צו די ברונימער שעפּען וואַסער און געהען געאיילט אַוועק צו די שטיבעלעך צוצוגרייטען דעם פרישטיק פאַר די האָרעפּאַשנע מענער, וועלכע אַרבעטען שווער אין פעלד. דער פּאַסטוך מיט זיין טרובע זאָגט אָן אַז ס׳איז שוין צייט אין פעלד די בהמות אַרויסצולאָזען. די בהמות ווייסען וואָס דעם פּאַסטוכ׳ס נגון מיינט, ווערען זיי אומגעדולדיג און הייבען אָן רעווען מוה־מוה־מוה, די לופט פילט זיך אָן מיט שטויב און רעש פון זייערע טריט, מען הערט דעם פּאַסטוכ׳ס אויסגעשריי עי־עי אַנוטקאַ. קענטיג אַז די בהמה וואָס ער רופט אַנוטקאַ שטעכט מיט איהרע הערנער אָן אַנדער בהמה. פיו־פיו־פיו זינגט אויס דער פּאַסטוך, דאַס זאָגט ער זיי — זייט געזונט, מען זאָל ווייסען אַז ער פאַרלאָזט דאָס דאָרף אין פעלד אַריין. פיאַדאָר דער פּאַסטוך איז געוועזען ניט קיין יונגער מאַן, ער איז געווען אַ פויער אין די זעכציגער. זייט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהרען איז ער געווען פּאַסטוך אין אונזער דאָרף, און ער האָט געוואוסט יעדער ברעקעלע ערד אין אונזערע פעלדער, ער האָט געוואוסט יעדעס בערגעלע און קוסטאַרניק, וואו די בהמות דאַרפען באַשיצט ווערען פון געפאַר, פון איינגעזונקען צו ווערען אין די בלאָטעס, אָדער פאַרצוקט ווערען פון אַ וואָלף. אָפט פלעגט פיאַדאָר זיך אָנ׳שכור׳ען און ניט געהען צו זיינע דינסטען, און זיין אָרט פלעגט פאַרנעמען ווער ניט איז פון דאָרף, לויט זיין גורל. צומאָל האָב איך פאַרבראַכט גאַנצע טעג אין די פעלדער מיט די פּאַסטוכער. איך האָב ליב געהאַט די מעשה׳לעך וואָס די פּאַסטוכער פלעגען דערצעלען ווי אַזוי אַ וואָלף נעמט צו אַ שעפּעלע, און פאַר אַ ווייַלע האָט געטראָפען אַז יעדען טאָג האָט ער צוגענומען אַ שעפּעלע. די

פויערים פלעגען זיין בעזארגט, יעדען טאג ווערט פארפאלען איינס בא איינעם, מארגען א צווייטענס. ווי אזוי דער וואלף פירט דורך די גנבה פלעגען די פאסטוכער דערצעהלען, און עס איז שווער צו גלויבען אז אט די וואלד חיה זאל זיין אזוי קלוג. מיר האט זיך געוואלט אליין בייוואוינען און זעהען ווי אזוי ער טוט זיין פערצוקונג ארבעט, און טעג נאך טעג פלעג איך אומבלאנזשען מיט די פאסטוכער איבער די פעלדער, אבער מיין מזל איז געווען א שלעכטער, אדער דער וואלף איז צו קלוג פאר'ן מענשליכען אויג. איך פלעג קומען אהיים א מידער, א דער־שלאגענער, גיט אויסזאגענדיג מיין מוטער וואו איך בין געווען דעם גאנצען טאג. געווים וואלט זי אויף מיר געשריען ווארום איך חבר זיך מיט פאסטוכער, און דערצו די שרעק פאר'ן וואלף. נור אימער פלעג איך זאגען אן אנדער ליגען כדי ניט צו קריגען קיין שטראף. אין פילע זאכען האב איך זיך באַ־דארפט שעמען פאר מיינע אידישע שכנים, וועלכע האבען מיך קיינמאל ניט פארשטאנען און זענען באמת געווען גראבע יונגען, אלעם האט בעדארפט זיין א געהיימניש, אום מיין מוטער זאל קיין שאנדע ניט האבען. איר זון איז גאר א פאסטוך געווארען. נור אימער בין איך געווען איינגעשפארט אין דעם וואס איך האב געטהאן. איך מוז קומען צום ציל. מיר האט ניט פארדראָ־סען וואס איך האב פארבראכט אזוי פיעל טעג מיט די פאסטוּ־כער, ווי דאס וואס איך האב מיין ציעל ניט עררייכט, און אומע־דיג פלעג איך זיך אומקערען אהיים א פארשפילטער. נור אז מען האט געדולד, קומט מען צו אלעס. איך האב מיין קאמף ניט אויפגעגעבען און האב ווידער פארבראכט טעג אין די פעלדער, ביז מיין טאג איז געקומען און איך האב דערלעבט דעם נחת.

איך רוף דאס אן נחת. אין אמת'ן וואלט איך נאך אמאל דאס ניט געוואלט זעהען, ווייל שרעקליך איז דעם שעפעלע וואס פאלט אריין אין דעם וואלפ'ס ציינער. ס'איז ניט אזוי דער פאר־דראס וואס ער פארצוקט זי ווי דער אפנארען זיינער. ווארום ווערט ער מיט דעם שעפעלע א גוטער ברודער און דורך דעם צוטרוי קרינט ער זי פאר זיינע שארפע ציינער? דער וואלף

װעט קײנמאל ניט ארײנלױפֿען אין א טשערעדע שעפּסען און װעלען כאפּען אײנע, דאס איז ניט זײן קונסט. זײן קונסט באשטעהט אין דעם װאס ער הײבט זיך אן ארומצושפּילען, ארומצוקײקלען זיך, מאכענדיג זיך אז ער האָט גאר מורא פֿאר־דעם שעפּעלע. דאס שעפּעלע איז פֿון דער נאטור א׳ גוטס, עס װיל קײנעם קײן שלעכטס ניט טאָן, און גלױבט אז ער איז װי זי. ביז דער װאלף קריגט איהר צוטרױען, און זי װערט נאהענט צו אים דאן כאפּט ער זי און װארפֿט זי אויף זײן רוקן און טראגט זי אװעק. װערט ער באמערקט פֿון דעם פּאסטוך, דאן ברײנגט ער זי צו א שטײן װאו ער גיט איהר א שטארקען זעטץ און דער הרג׳עט זי, לאזט זי איבער און אנטלױפֿט, און אין אװענד קומט ער נאך זײן מאלצײט.

צװײ דרײ מאל איז מיר אױסגעקומען צו זעהען װי ער טוט זײן ארבעט, און מען קען זאָגען אז דער װאָלף איז אײנע פֿון די קלוגע באשעפֿענישען.

זומער אין די פֿעלדער פֿלעג איך האָבען אלערלײ פֿארגעניגענס, זעהען װי אזױ פֿײגעלאך בױען זײערע נעסטען. װי אזױ זײ באװארענען זיך פֿון אנפֿאלען, ניט דערקענט צו װערען פֿון זײערען א שונא. ניט אלע פֿײגעלאך זענען געבױרען מיט דער נײגונג פֿון באהאלטעניש, אנדערע גיבען זיך אלײן ארױס מיט זײער פֿישטשען און זינגען. איהר קענט זײ גלײך מערקען אז זײ זענען דא. פֿון די אלע פֿײגלען װאָס איך האָב געזעהען אין אונזערע פֿעלדער און װעלדלעך זענען געװען די דראזדען, מערערע אין גרופּעס, און אז װעה איז דעם װאס האָט באדארפֿט דורכגעהען זײערע פּלעצער, װאו זײ האָבען געבױעט זײערע נעסטען. דער בעליבטער פּלאץ פֿאר זײ איז געװען דער אלכע בױם. דא װאו אלכען בױמער זענען געװאקסען האָבען זײ זײערע הײמען געפֿונען, און אין די הונ־דערטער זענען זײ געװען, װי זײ װאלטען אן ארמײ ארױסגע־שטעלט געגען דעם שונא. דער ערגסטער פֿײנד זײערער איז געװען די װאראנע. און װען זײ פֿלעגען באמערקען װי א װאראנע קומט נאָהענט צו זײער הײם, זענען זײ אלע װי אײנער

אנגעפאלען און פארטריבען זי ווייט, ווייט אוועק. זיי האָבען אימער געהאלטען וואך איבער זייער היים, און ווי עפּעס א געפאר האָט דער וועכטער גלייך אנגעזאגט: קומט ארויס, מיר האָבען דא א פרעמדען אין אונזער קעניגרייך! און אין א רגע זענען אלע געווען אויף דער וואך, גרייט צו פאַרטיידיגען.

אפט פלעג איך אוועקגעהן אין דעם וועלדעל וואו זיי האָבען זיך אויפגעהאלטען און איך פלעג קריגען פון זיי זעהר אונפריינדליכע באגעגענישען. זיי פלעגען פליהען מיר אין פּנים אריין און וועלען אראפּווארפען מיין היטעל פון קאָפּ, אדער באַשמוצען מיך. ווי בייזע פליגען פלעגען זיי פליהען מיר אין פּנים אריין מיט ווילדע אויסגעשרייען ווי זיי וואָלטען געזאגט: „אוועק פון דאנען” און ווייט פלעגען זיי מיך בעגלייטען. איך האָב ליב געהאט צו פארברענגען מיינע שטונדען אין די פעלדער, דארט זענען געווען פארשיעדענע פלאנצונגען און בלומען וועלכע ברייננגען פרייד אין הארצן. ווען פריהלינג קומט, צו־בליהען זיי זיך אזוי שעהן. פרייבען ארויס זייער זיסען אטעם, און די קינדערשע נשמה זינגט מיט זיי צוזאמען . . .

זמיטרוכע האָט מיך ניט אפּגעלאָזען פון זיך. ער האָט געוואלט אז איך זאָל איהם ברייננגען א ביכעל און פארלעזען פאר איהם. פּלוצלינג האָט ער געוואלט וויסען וואס אין די ביכער שרייבט זיך, און ער האָט געהערט פון זיינע שכנים אז מיר האָבען ביכער וואָס מאכען קלוג.

— ניין, סאָלאָמאָן, דו וועסט זיך פון מיר ניט ארויסדרייען, האָט ער געזאָגט צו מיר, דו מוזט פּאַר מיר פארלייענען די ביכ־לעך וואָס דו לייענסט. איך בין טאקע אן אלטער, נור ס'איז קיינ־מאָל נישט צו שפּעט צו וויסען זאכען וועלכע דער מענש דארף וויסען. איך האָב פערגרייזט מיין יוגענד, וויל איך ביי דעם סוף פון מיין לעבען עפּעס פארשטעהן.

זמיטרוכע נעהמט ארויס א צוויי־דריי הינער אייער פון א טארבעלע, און רעדט ווייטער:

— איך מיין ניט חלילה אומזיסט, איך וועל דיר בעצאָהלען און אויך דאנקבאר זיין.

— איך דאנק דיר זעהר, זיידעניו, פאר דיין בעצאלונג, איך וועל זיי פון דיר ניט נעהמען, איך וועל דיר פארלייענען א ביכעל און זיין צופרידען אז דו ועסט מיין פארלייענען הערען, ווייל איך בין זייער א שלעכטער פארלעזער. נאר אויב זאכען וועלען זיין פאר אונז ביידע אומפארשטענדליך, וועלען מיר ביידע רעדען ביז מיר וועלען פארשטעהן וואס די ווערטער בעדייטען. שטימ־סטו איין מיט מיר, זיידעניו?

— יא, קינד מיינס.

זמיטרוכעס פנים האט זיך מיט א ליכטיגער שיין אנגע־צונדען.

—איך וועל זיך צוהערען צו די געשריבענע ווערטער און וועל געוויס נעכט ניט שלאפען, און טראכטען פון די קלוגע מענשען וואס האבען די ביכלעך געשריבען. מען דארף זיין זעהר א קלוגער מענש צו שרייבען א ביכעל. נור זעהסט ווי קלוג זיי זיינען, ווייסען זיי ניט וויפיעל קלויסטערס עס איז דא אין קיעוו, מאסקווע, פעטערבורג, און איך וויים, אבער מיר דוכט, אז דאס איז ניט קיין שכל צו וויסען וויפיעל קלויסטערס עס איז דא אין די גרויסע שטעט, עטוואס אנדערש ווייל איך וויסען, נאך אלעמען קען איך דאך ניט לעבען מיט דעם גלח׳ס גלויבען. ער הייסט מיר גלויבען און מאכט מיך פאר א קינד. איך מוז גלויבען בלינד ווי ער הייסט מיר, און וואו בין איך? וואו איז מיין איינענער שכל?

זמיטרוכע האט זיך בייזליך צורעדט אויף זיין הייליגען גלח.

נאך אלעמען, האט ער די בעסטע פעלדער פון ארום—ערד, פעטע גערטנער מיט זיסע און זויערע עפעל. און אויב איינער וויל אן עפעל אפצופען פון גאט׳ס פלאנצונגען האט ער בייזע הינט וואס קענען צורייסען דעם קרבן אין שטיקער. ער גלויבט אז גאט איז דער באשיצער, ווארום האט ער אזעלכע גרויסע שלעסער אויף זיינע קלייטען, אויף די שטאלען און קאנושנעס, און ביינאכט געהט נאך ארום ציכאכע, דער וועכטער, מיט א ביקס? אויב ער קען אויסבעטען פאר אונז ביי גאט ווארום בעט ער ניט אויס באשיצונג פאר זיך און פאר זיינע פערד און

בהמות, אז גנבים זאָלען זיי ניט צו׳גנב׳ענען, אז וועלף זאָלען זיי ניט פארצוקען?

— הערסט, סאָלאָמאָן, מיר קערט זיך איבער מיין נארישער מוח ווען איך הויב אן צו טראכטען, און מיר דאכט, אז מיר האָט זיך בעסער און רוהיגער געלעבט ווען די געדאנקען זענען ניט געקומען אין מיין קאָפּ. נעכט נאך נעכט ליג איך אָפּ און טראכט, טראכט און קלער אז עס זענען דא שלעכטע פיהרונגען. די וועלט, די מענשען האָבען באדארפט זיך איבעראנדערשען. אויב דו קענסט עפּעס טאן פאר מיר, טוה און זוך ניט קיין זאך פאר זיך. עס איז דיין פליכט צו העלפען דעם בלינדען אין זיין וועג.

דער פריהמאָגען איז געווען א ווארימער. די זון האָט ליבליך געשמייכעלט און ווארים אראפּגעקוקט אויף דער ערד און אלעם ארום. די שטראַלען האָבען געקושט דעם טוי פון נאסען גראז און די בלעטעלאך פון די בוימער. דער הימעל האָט אויס־געקוקט בלויליך פאר׳חלומ׳ט. נידעריג אויפן מזרח האָריזאנט האָבען רויטע פלעקען געשפּילט מיט דעם בלויליכען הימעל. די אויפגעהענדע זון האָט שארפער מיט איהר פייערדיג אויג אראָפּ־געקוקט אויף דער וועלט און ווארעמער געאטהעמט.

זמיטרוכע האָט שוין פון באגינען זיינע גענז געפיטערט אין דער נידעריגער לאנקע. די גענז האָבען געצופּט דאס גראז און גערעדט גי־גי־גי. זייער פאסטוך ווי אימער איז געשטאנען אנגעשפּארט אויף זיין שטעקען און צוגעקוקט מיט פרייד ווי אזוי זיינע גענז עסען מיט אפּעטיט דאס גרינע גראז. זמיטרוכע האָט געקוקט צום וועג פון וואנען איך פלעג אימער אנקומען צו פיהרען מיינע געשפּרעכען מיט איהם. און היינט האָב איך איהם צוגעזאָגט צו לייענען א ביכעל וואָס וועט אים געוויס געפעלען. אין זיך האָב איך געציטערט אנצופאנגען, ווייל איך בין געווען נאך גאר יונג, און אין אמת׳ן בין איך געווען זעהר א שלעכטער פארלעזער. מיר האָט זיך געוואָלט מאכען א בעסערען איינדרוק אויף דעם אלטען זמיטרוכען.

די נאכט בין איך ווענינ געשלאָפען. אין מיר האָט גע־

ציטערט מיין האַרץ. ווער ווייסט וואָס פאַר אַן איינדרוק וועל איך מאַכען מיט מיין פאַרלייענען און ווי עס וועט איהם געפעלען ווערען דאָס ביכעל. איך האָב געטראַכט: וועלכעס ביכעל וואָלט געווען דאָס פּאַסיגסטע פאַר מיין אַנפאַנגער און פאַר מיר גרינגער פאַרצולייענען? אין זיך האָב איך פאַרגעלייענט, דעקלאַ־מירט, אויסגעפּרובירט מיינע נערוועז, און טראַכטענדיג קוק איך אויף זמיטרוכען און מערק זיינע גרימאַסען. גאַנץ פריה בין איך שוין געווען אויף און האָב פאַר זיך פאַרגעלעזען דאָס ביכעל אויפן קול. דאָס ביכעל האָט געהייסען „די דערצעהלונג פון קייסער סעמיאָן". דאָרט דערצעהלט זיך פון אַ קייסער וואָס איז געווען אַ נאַרישער טיראַן. ווי איך געדיינק האָט דאָס ביכעל אַרויסגעגעבען „דאַנסקאַיאַ ריעטש." מיט ווילען און קראַפט בין איך געגאַנגען צום פעלד וואו זמיטרוכע האָט געפּיטערט זיינע גענז, און ווי אַ העלד וואָס געהט אַנטפּלעקען אַ נייע וועלט האָב איך זיך געפיהלט. איך, דער קליינער אינגעל, געה לערנען דעם אַלטען מאַן. דאָ באַגעגנען זיך צוויי וועלטען, אַלט און יונג. אַך, ווי קען איך, אַ יונגער ווייכענקער ווערבעלע, בייגען צו זיך דעם אַלטען דעמב? אַ דעמב מיט אַזעלכע טיפע וואָר־צלען איינגעוואַקסענע פון טויזענטער יאָהרען. יאַ, איך געה, האָב איך זיך מיט קינדערישען מוטה דערנעהנטערט צו זמיט־רוכען, מיט אַ ליבליכען שמייכעל האָט זיך מיין לעהרען אינגעל פאַרבייגט פאַר זיין גרויסען ענטדעקער און לעהרער.

— גוט מאָרגען! גוט מאָרגען! איז געווען מיין ענטפער און מיר האָבען זיך באַגעגענט מיט די בליקען, ווי זיינע אויגען וואָלטען מיך געפרעגט, געבראַכט דאָס ביכעל? האָסט עס? און זמיטרוכע'ס אויגען האָבען געקוקט אויף דעם ביכעלע וואָס איז געווען אין מיינע הענט, אַרומגעוויקעלט מיט אַ ווייס שטיקעל פּאַפּיער.

— האָסט עס? — האָט זמיטרוכע אַ זאָג געטאָן.

— יאַ, איך האָב עס געבראַכט.

זמיטרוכע האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען ווי ער וואָלט זיך וועלען צוואַוויינען.

— ווילסטו פאר מיר פארלעזען באלד אדער מיר וועלען רײדען א ווײלע? מיין הארץ קלאפט יעצט צו שטארק. וואו וועט מיך דאס ביכעל פירען? אך! איך בין ווידער א קינד, איך הויב אן פון דאס ניי צו לעבען. מיין לעבען אין געווען אומוויסענד. אלעם וואס איך האָב געוואוסט איז דאס הויז, דעם קלויסטער, אין פעלד מיט די נענז, בהמות און חזרים. יעצט וועל איך וויסען וואס עס טוהט זיך אין די ווייטע וועלטען, דארטען אויבען וואו די שטערען און די לבנה לייכטען אין די נעכט. איך פלעג טראכטען אין די לאנגע אווענדען און נעכט פון קלויסטער און הייליגען גלח, אבער איצט דוכט מיר אז איך בין שוין קלוגער געווארען. מיינע אויגען זעהען ווייטער, מיינע אויערען הערען מער, און איך וויים מעהרער ווערטער. דיינקסטו ניט אז א מענש קען זיך איינריידען אז ער איז אן אנדער מענש געווארען? מיינע אויגען זעהן מער און ווייטער. פריער פלעג איך מורא האָבען צו קלערען פון אזעלכע זאכען, יעצט קלער איך פון זיי, און טראכט זיי ארום, און געפין רעכט און אומרעכט. פריהער איז געווען דער גלח און דער קלויסטער מיין וועג, מיין פירער. איצט ליב איך צו באמערקן שענקייט, און וויל פארגעניגען. פריהער איז אין מיר געווען טויט דער פערלאנג. איך טראכט אמאל פיליכט בין איך אריין אין א בלאטע וואָס ציהט מיך צו זינד. דו וויסט אז דער שטן איז מעכטיג און ווען עס קומט צו שלעכטעס האָט ער א גע־פערליכע קראפט. איך פיהל דאס יעצט, יעצט אין דעם מאמענט, נור דער נייער רייץ איז אזוי פראכטפול. נאך אלעמען בע־טראכט, סאלאמאן, איך בין געווען בלינד אזוי פיעל יארען און יעצט בין איך זעהענדיג געוואָרען. ווילט זיך מיר באקוקען די גאנצע וועלט, ווי א הונגעריגער כאפט זיך צו צו זיין שפייז. וועסטו ניט זיין ברוגז אויף מיר וואס איך וועל דיר זאגען?

— געווים ניט, זיידע!

— מיר וועלען היינט ניט לייענען דאָס ביכעל. איך וויל מיינע איינענע געדאנקען ארויסזאגען, און ווען איך וועל ווערען רייפער, וועלען מיר דאן לייענען דאָס ביכעל, פיליכט וועל איך

איהם ניט פאַרשטעהן, נאָך אַלעמען בין איך דאָך אַ קינד, און אַ קינד פאַרשטעהט ניט אַלעס, און ווען זײנע פאַרלאַנגען װערען ניט ערפילט, איז זײן שפּראַך: װײנען. זעסט? אַזוי פיל איך יעצט! מיר װאָלט זיך דיר געוואָלט דערצעהלען זאַכען און פרעגען פראַגען, נור מײן צונג איז נאָך ניט אויסגעשליפט פאַר אַזעלכע װערטער און פראַגען.

אויפ'ן הימעל האָבען זיך װאָלקענדלעך באַוויזען און אַ צאַרט װינטעלע האָט אָנגעהויבען בלאָזען. מיר האָבען בײדע געקוקט אויף די װײסע הימלישע פלעקען, שטיל װי די טויבען שװעבען זײ אַרום דאָרט הויך. די גרינע בלעטער האָבען זיך גענומען באַוועגען װי עמיצער װאָלט זײ אויפגעוועקט פון שלאָף און געשעפּטשעט צװישען זיך סודות'דיג, װי זײ װאָלטען פון עפּעס װאָס זיך דערוואוסט. ניט װײט האָט אַ פויגעלע געטשיריקעט, צריק־צריק און װײט אויף אַ בוים האָט דער פויגעל קוקו אויסגעשריען, קו־קו־קו. די קוקו איז בײ אונז ניט געוועזען באַליבט. עס איז געוועזען אַ מין אַבערגלויבען אַז די קוקו זאָגט אָן שלעכטס, און פון דעם האָט זיך גענומען די פײנטשאַפט צו איהר.

— גלויבסטו אַז דער פויגעל איז אָן אָנזאָגער פון שלעכטס?

— איך װײס ניט, האָב איך איהם געענטפערט. איך הער װאָס מען רעדט פון איהר, איך בין קײנמאָל ניט געוועזען דער־שראָקען װאָס זי שרײט אויס איהר קו־קו. איך האָב זי פײנט דערפאַר װאָס זי איז אַ שלעכטע. בויט יענער אויס אַ נעסט קומט זי און פאַרנעמט דעם פּלאַץ, און װיל יענע זאָל אויס־בריען איהרע אײעלאַך און װערען אַ מאַמע צו איהרע קינדער־לאַך, נור דערפאַר האָב איך זי פײנט. איהר קו־קו אַרט מיך ניט.

—זעהסט, איך האָב װעגען דעם קײנמאָל ניט אַ טראַכט געטאָן, איך האָב אַלעס געגלויבט אַז גאָט װיל אַזוי. מײן קינד, דו ביזט אַנדערש, דו האָסט פײנט דעם װאָלף פאַר זײנע צײנער, און איך האָב געטראַכט אַז גאָט האָט איהם באַשאַפען און נור דער־פאַר איז ער אַ װאָלף. האָסטו ליב שלאַנגען? האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן.

— שלאנגען? איך גלויב אז ניט, זייער גיפט איז טויטליך און ווי קען מען א שלאנג ליבען?

— האסטו ליב פייגעלאך?

— געווים האב איך ליב פייגעלעך, נור ניט אלע פייגעלעך ליב איך גלייך. נעהם דעם סאלאוועי, איהם ליב איך מער פון אלע פייגעלאך, זיינע טענער וועקען אין מיין נשמה געזאנגען. ער מיט זיינע טענער וועקט אויף אין מיין הארצען מעלאדיעס, מיין מוזע וועקט ער! און איך ווער א פאעט!

עס האט אין מיר אימער געזונגען, לידעלעך האבען זיך גע־גראמט, און פון יעדער זאך האב איך געלערענט א משל. ניט אלע לידעלאך האב איך פארשריבען. אין די וועלדער און פעל־דער האב איך געזוכט דאס אמת'ע לעבען. דא וואו די מענשען לעבען איז א כאאס, א ווילדערניש. די פייגעלעך פלעג איך בעאבאכטען, וועלען קענען זייער ארט לעבען, אויך די שרע־קעדיגע ווערוריקלעך וועלכע לויפן ארום אזוי געאיילט און שפרינ־גען פון בוים צו בוים. מעהר פון אלעמען פלעג איך באטראכ־טען די קופעס מאראוועניק, קליינינקע מוראשקעלעך וועלכע בויען אוים גרויסע בערגלאך. יעדער איינער און פאראייניגט ברייננגט עפעס צום בערגעלע און אלע צוזאמען בויען זיי א נעסט פאר מיליאנען, וואו זיי לעבען צוזאמען. ווען אט דער מארא־וועניקעל ארבעט נור יעדער פאר זיך, וואלט ער פארניכטעט גע־ווארען אדער פארטרונקען געווארען פון די שטראמען רעגענס. אין אונזער דארף זענען די מענשען אנדערש. זיי בויען ניט צוזאמען זייער לעבען. איך זעה ווי פויערים שכור'ע ווארפען זיך מיט מעסערס און שטעקענס און ווילען פארניכטען איינער דעם אנדערען. ריידען אזוי שמוציג און ווילען אוועקרויבען איינער בא דעם צווייטען.

אונזערע פעלדער האבען ניט פארמאגט קיין שעהנקייטען. וואו ניט וואו א בערגעלע, א טהאל מיט גרינע און ווילדע גרא־זען. נור מען האט ניט באדארפט האבען קיין שטורעם אויפ־צווועקען מיין הארץ און נשמה. איך פלעג פון קליניקייטען מעהרער ווערען גערייצט און בעגייסטערט, ווי איך וואלט דער

זעהן גרויסע בערג. אַ קלײן בערגעלע אַרום מיט אַ טהאָל ווײט פון אַנדערע בערג, פילט עס זיך ניט אומעדיג? איז עס ניט פאַרבלאָנדזשעט? בענקט עס ניט נאָך בערג אָדער בער־געלאַך וואָס זענען ווײט פון דעם? דערזעה איך אַן עלענדען בוים, בעטראַכט איך איהם ווי אַ פאַרשאָלטענעם, אַרויסגע־טריבענעם פון געזעלשאַפט. ער איז עלענד און קען ניט פירען קײן געשפּרעך מיט אַנדערע בוימער. זײנע בלעטעלעך קענען זיך ניט סוד'ען מיט די אַנדערע בלעטלעך און קושען זיך ווי געליבטע, און די מורא פאַר'ן שטורם איז געווים גרעסער. ווען דער שטורעם קומט אָן, הייבען אָן געמײנשאַפטליך אַלע בײמער צו בויגען זיך און קושען זיך און האַלזען זיך, און פרעפלען איבער דער געפאַר. ווען אַ בוים שטעהט אַלײן איז ער מעהר אין געפאַר אַרויסגעריסען צו ווערען מיט די וואָרצלען: און ער פאַלט צו דער ערד גיכער פון אַלע בוימער.

אָפט פלעג איך באַטראַכטען דעם קרומען בוים, ווי איך האָב אים גערופען — די אַלטינקע באַבע — אײנע אַלײן אויף דעם שיפּאָוער באַרג איז ער געשטאַנען עלענד און אײנגעהויקערט, און האָט אַראָפּגעקוקט אין דער ווײטער וועלט אין אַלע פיער טהײלען. אָפט פלעג איך קומען זעהן די אַלטינקע באַבע, בע־טראַכטען איהר געבויגענעם רוקען, איהר צורינצעלטע הויט, און איהרע געלבלעכע נאַדעל בלעטער. פון אַט דעם באַרג'ס הויכקײט האָט מען געקענט זעהן די שפּיצען פון די קלויסטערס און די אָרעמע פויערשע דערפער אַרום. דאָרט אויף דעם באַרג האָב איך זיך געפילט דערהויבען. העכער פאַר די מענשעלעך וואָס געהען דאָרט אונטער'ן באַרג. קלײנינקע, אומווירדיגע האָבען זײ מיר אַלע אויסגעקוקט, ווי שפּרינגענדע זשאַבעס. אימער האָט דאָרט אַ ווינטעלע געבלאָזען און די זון האָט ניט אַזוי הײס געבריהט. דער באַרג האָט אויסגעזעהן ווי אַ געלער מת וואָס ליגט הויך אַריבער דער פלאַכער ערד. אַרויפצוגעהן אויף דעם זאַמדינגען באַרג האָט מען ניט געקענט. מען האָט געמוזט געהן געשלענגעלט אום איהר זאָלט ניט פאַלען אויף אַרונטער. אָן וואָס אַנצוהאַלטען זיך איז ניט געווען, און ווען

איהר האָט געמאַכט אַ פעלער, האָט איר געמוזט אַרונטער־קייקלען זיך אין טהאָל אַרונטער, וואָס דאָס וואָלט געמיינט נע׳מזיק׳ט צו ווערען. אפט פלעג איך דאָרט געפינען בריוועלעך מיט ליבעס ערקלעהרונגען פון פאַרלעך וואָס פלעגען איבער־געבען זייערע געפילען איינער צום אַנדערען, און ניט איין זינד איז דאָרט באַגאַנגען געוואָרען אונטער דעם פרייען הימעל, וואו בלויז דער ווינט, די שטערען און די לבנה האָבען געוואוסט פון די הייליגע פאַרשפּרעכונגען און זיסע, הילכיגע קושען.

אַראָפּקלעטערענדיג פון באַרג פלעגט זיך אימער מיין שטימונג בייטען. איך האָב געפילט אַנדערש, אַ מין אומעט פלעגט מיך באַפאַלען און איך פלעג זיך פילען דערשלאָגען, ווי עטוואָס טייערעס האָב איך דאָרט איבערגעלאָזט. אין אמת׳ן, איז דאָס געווען אַזוי. דאָרט אויבען אין דער הויכקייט זענען די טרוימען לויטער הימלישע. דאָ אונטען, אויף דער פלאַכער ערד, באַגעגענט איהר זיך מיט מינים ברואים׳לעך וואָס קריכען אַרום אַזוי אונווירדיג. איהר זעהט ווי אַ זשאַבע שפּרינגט איבער דעם וועג וואו איר דאַרפט אַריבערגעהן און נאָך באַשע־פעגישען פויזען אַרום, פילט איהר אַן אַפּשטויס. דאָרט אויף דעם הויכען באַרג זענען זיי ניט פאַראַנגען, און אייער געדאַנק ווערט ניט אָפּגענומען פון די באַשעפענישען. פיליכט זענען זיי ניצליך פאַר דער וועלט, וואָרום יעדער זאַך וואָס איז דאָ אויף דער ערד איז באַשאַפען צוליב אַ געוויסען צוועק, נור מיר ווייסען נאָך ניט פון דעם, און דאָך פילט איר בעסער ווען אייער אויג באַמערקט עס ניט. יעדע זאַך האָט אַ רעכט צום לעבען ווען עס לעבט, און דאָך זענען מיר עגאָאיסטיש.

די סטעזשקע מיט וועלכער איך פלעג דאַרפען געהן אהיים איז געווען פול מיט שטיינער און גריבער און קליינע לויפענדע שטראָמען וואַסער. איך פלעג זיך אָפּשטעלען און באַטראַכטען די פעלדער פון אַרום. די פעלדער זענען באַוואַקסען מיט אַלערליי גראָזען און קלאָווער בלומען. די קליינע ביימעלעך זענען באַדעקט מיט גרינע בלעטעלעך און דאָס מילדע ווינטעלע באַוועגט זיי ווי ער וואָלט זיי וועלען איינשלעפערען. פייגעלעך

פלעגן אומפלאָטערן ווי זיי וואָלטן ערגעץ זיך געאײַלט, און פאַרשידענע קוויטשערייען האָט מען געהערט אין די קליינע בייַמעלעך פון אַרום. די קליינע טייכלעך פלעגן שטיל שיקן זייער וואַסער ערגעץ אין ווייטע וועג. וווּ ניט וווּ פלעגט דאָס וואַסער פּרעפּלען. קענטיק אַז עטוואָס פאַרהאַלט עס אין דעם געלויף. בלומען האָב איך ליב געהאַט און ווייל איך האָב זיי געליבט בין איך געווען שלעכט צו זיי, איך האָב זיי אימער אָפּגעצופּט און געשפּילט זיך מיט זייער שענקייט און דופט, ניט באַטראַכטענדיג אַז מאָרגן אָדער באַלד וועלן זיי פאַרוועלקט. וואָרום איך בין געווען אַזוי ווייס איך ניט. איך האָב דאָך זיי געקענט לאָזן צורוה, לאָזן זיי וואַקסען. נור עס איז געווען אַ מין ניט פאַרגינונג פון מיר צו דער בלום. וואָרום בליהט זי אַזוי שעהן און איך בין אַזוי פאַר'חלומ'ט און פאַרוועלקט? פאַרוואָס בײַנק איך און וואָס איז מײַן פאַרלאַנג? אין אמת'ן האָב איך ניט געוואוסט נאָך וואָס איך בײַנק, אַהן אַ ציעל איז געווען מײַן לעבען. איך האָב ניט געוואוסט וווּ איז מײַן ריכטונג, אָדער ווער וועקט מײַן שטורעמדיג קינדערש האַרץ. איך פלעג אַפּט זיך אַליין שילטען. וואָס שטורעמט אין מיר? ווערט מײַן האַרץ אײַנגעדרימעלט, פיהל איך זיך ווידער פאַרלאָרען. ווער בין איך? פלעג איך אויסשרייען און וואַרפען זיך צו דער ערד, ווי עס וואָלטען מיר קאַנוואָולסען אַנגענומען. האָב איך דערזעהן אַ זשוק איבערגעקערט, און ער האָט זיך ניט געקענט איבערקערען און איז אויסגעגאַנגען, פלעג איך באַדויערען און טראַכטען: וואָרום האָט דיר, זשוקעלע, די נאַטור ניט באַוואָרענט אַז דו זאָלסט ניט אומקומען אַזוי טראַגיש? שטונדען האָב איך געקענט שטעהן לעבען דעם זשוק, באַטראַכטען זײַן לאַנגזאַמען טויט און וויינען אין זיך. דאָס קען דאָך טרעפען מיט מיר אָדער מיט אַנדערע.

דער קורצער וועג פון באַרג ביז אונזער אָרעם דערפעלע האָט באַדאַרפט דויערן נישט מעהר ווי אַ האַלבע שעה, ווייל מײַנע יונגע פיס האָבען מיך אימער שנעל געטראַגען. מען האָט מיך גערופען מיט אַ קינדערשען צונאָמען, דער „האָז”, ווייל איך

בין געווען אלע מאל א געווינער אין די קינדערשע שפּילערייען, נור געהענדיג פון הויכען בארג, פון דער אלטינקער באבען, האָב איך זיך גענומען צייט. מיר האָט זיך ניט געוואלט קומען גלייך אהיים. מיר האָט זיך געוואלט דורכטראכטען אלעס, באמערקען אלעס און באטראכטען דעם אונטערשייד פון דעם הויכען לעבען דארט אויפ'ן בארג און דאס לעבען דא אין דער נידער. עס איז געווען אַן אונטערשייד. און ווי יונג איך בין געווען האָב איך פארשטאנען אז דארט שוועבט דער געדאנק אין די הויכקייטען, און דא אויף דער ערד איז די ווירקליכ־קייט וואָס איז ארים און שרעקליך, און ווער האָט זיך געוואלט באגעגענען מיט דער ווירקליכקייט? איז ניט בעסער צו פליהען אויף א גאלדענער קארעטע, ווי צו טרייבען אַן ארעם פערדעל וואס זשיפּעט קוים?

מיין בליק איז געווען א ווייטער און א פייערדיגער. איך האָב ניט געקענט לעבען אין צאמען, איך האָב געמוזט געבען מיינע געדאנקען א פרייען וועג. מיין אויג האָט באמערקט זאכען וואָס זענען געווען אומבאמערקט פאר אנדערע. מיין הארץ האָט דערפילט דעם שטורעם נאך איידער דאס ווינטעלע האָט אָנגעפאנגען צו בלאָזען. עס איז געווען א מין אנזאג אפּאראט.

מיין פרייד און אומעט זענען געווען פאר מענשען ווי א וואונדער. וואָס ביסטו אזוי אומעטיג? וואָס ביסטו אזוי פריי־ליך? זיי ווייסען ניט וואָס איך האָב באמערקט. א מילב האָט געקענט זיין פאר מיר דער גרעסטער בארג, און א בארג די קלענסטע מילב. דאָס אלעס האָט זיך געווענדט ווי איך האָב געפילט און וואָס עס איז געקומען צו מיין נשמה. וואָס ביסטו אזוי אומעטיג, סאלאמאן? ענטפלעק זיי, וועלען זיי מיך בא־טראכטען פאר משוגע. וואָס האָבען זיי געוואוסט וואָס אין מיין נשמה טוהט זיך אפּ? זיי ווייסען ניט אז מיינע פּאעטישע פליגלען האָבען מיך געטראגען אין וועלטען אומבאוואוסטע. מיין געלעכטער איז ניט געווען פון דעם וואס איינער האָט א וויץ געזאגט. מיין געוויין איז ניט געווען ווייל איך האָב פון

צער געהערט דערצעהלען. מיין הארץ האָט דערפילט אַן אומעט, א ביינקעניש, מיין הארץ האָט דערפיהלט א פרייד פון אומגע־זעהענעם, א פארבאָרגענע קראפט האָט פאר מיר בילדער גע־מאלען, און ווענען זאָל איך מיין קראפט ענטפלעקען? געוויס וואָלט מען זיך גע׳סוד׳עט אז דאָ געהט ארום א ווילד משוגע׳נער וואס מען דארף זיך היטען פאר איהם.

אין די וועלדער און פעלדער איז געוועזן דאָס זייען און אויפ־קלייב פון מיינע טרוימען. דארט האָב איך זיי געזעעט און דארט האָב איך זיי געשניטען. אין די גרינע פעלדער האָב איך געקענט ארומגעהן פריי, דעקלאמירענדיג מיינע אנגעקומענע פערזען, און נאטור וועט מיר ניט זאגען א משוגע׳נער פרעפעלט און רעדט צו זיך אליין. דאס פישטשען פון די פייגעלאך פלעגט מיר אימער ארויסהעלפען אין מיינע געזאנגען און צוזאמען פלעגען מיר אנפיהרען א געטליכען כאהר.

איך האָב ניט אויסגעמיידט צו זיין מיט די מענשען פון מיין דערפעל. איך האָב זיך פון זיי געלערענט דעם געגענזאץ.

פארנאכט פלעגען די פויערים פון דארף צוזאמענקלייבן זיך אין גרופעס. הילכיג פלעגט קלינגען זייער געלעכטער, און נאך הילכיגער פלעגען זיך הערען די גראבע אויסדרוקען. דער פארזאָגער פון אלע ווערטער איז געוועזן שלעמעץ. ער האָט געהאט אַ טאַלאַנט איבערצוגעבען גלייך־ווערטלעך און מעשה־לעך. שלעמעץ איז געוועזן ניט קיין נארישער פויער. לעזען און שרייבען האָט ער אין יענער צייט ניט געקענט, נור אויב ער האָט איינמאל געהערט א זאך האָט ער עס געדענקט אויף זיין גאַנץ לעבען. ער איז געוועזן געניאל איבערצוגעבען זאַכען, און ווען אט דער שלעמעץ וואָלט געוועזן א געבילדעטער וואָלט ער געוועזן דער בעסטער רעדנער און דעקלאמירער. די פויער־טעס פלעגען ריידען אין א בעזונדער קלייזעל ניט ווייט אוועק פון די מענער. דער געלעכטער פון די פרויען האָט זיך געהערט ווייט ארום. זייער געלעכטער איז געוועזן א געזונטער. איך פלעג זיך אפט צוהערען צו זייערע געשפרעכען און לערנען זייערע געוויינהייטען.

קאפּיטעל צוויי

איך האָב אויפגעעפּענט די טאַוולען פון מיין ביכעלע.

זמיטרוכע האָט אריינגעקוקט אין די שורות ווי ער וואלט זיך געוואונדערט ווי אזוי ווייסט מען פון די פינטעלעך וואָס זיי בעדייטען. איך האָב באַמערקט ווי ער וויל זיך איבער־צלמ'ען, נור דערזעהענדיג מיין שמייכעל האָט ער צוגענומען די האַנט פון הארצען, און האָט זיך פארענטפערט אז דאָס איז מעהר א געוויינהייט ווי גלויבען. איך האָב א שמייכעל געטהאָן און האָב איהם געזאָגט אז איך וויים וואָס געוויינהייטען בעדיי־טען, ווייל איך האָב זיי פיל.

עטליכע שורות האָב איך דורכגעלייענט, און אין אמת'ן האָט מיר מיין הארץ געקלאפּט. איך האָב געוואוסט אז איך בין ניט פעהיג פאַר דעם און מיר האָט זיך געוואָלט מאַכען א גוטען איינדרוק אויף דעם אלטען זמיטרוכען.

— האָסטו פאַרשטאַנען וואָס איך לייען און וואָס די ווערטער בעדייטען?

—געוויס, און וואָס איך וועל ניט פארשטעהן וועל איך דורכ־קלערען אין די נעכט, און דערנאָך דיך פרעגען, און ווען דו וועסט מיר ניט קענען ערקלעהרען וועל איך געהן העכער. איך וועל געהן צו דיין ברודער. איך האָב געהערט אז דיין ברודער איז שוין גאר א קענער.

זמיטרוכע האָט געקראַצט זיין קאָפּ, און געמאַכט גרימאַסען, ווי איינער זאָגט: וואָס מיינט ער דאָ?

א פּאָר ווערטער האָט ער מיך געפרעגט וואָס זיי בעדייטען, און נאָך מיין ערקלעהרונג האָט ער זיך פארטיפט:

—אזוי מוז דאָס זיין, א שלעכטער איז דער צאַר סעמיאָן, א קיסר א שלעכטער איז נאָך ערגער פון א גזלן. א גזלן ווייסט מען אז ער איז א פארברעכער. א קיסר איז דאָך אונזער אויפ־

זעהער, ער איז דאָך געזאַלבט פון גאָט. ער האָט דאָך אַ שטערן אין הימעל. און אויב ער איז אַ טיראַן דאַן איז זיין פאַרברעכען נאָך מוראַדיקער. דיינקסטו אַז ביי אונז אין לאַנד איז אַלעס גלאַטיק? געוויס ניט! איך הער ווי קינדער פון פאָלק ווערען אין די טורמעס פאַרשפּאַרט, דערפאַר וואָס זיי ווילען ביי די רייכע צונעמען. דו האָסט געהערט פון דעם? אמת, מען דאַרף זיך בענוגענען מיט דעם וואָס גאָט האָט דיר געגעבען, — זמיטרוכע האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט— וואָרום גיט ער דעם אָרעמען מענשען אַזוי ווייניג און דעם רייכען אַזוי פיל?

—ער גיט זיי ניט, האָב איך געענטפערט. זיי נעמען אָדער זיי האָבען שוין גענומען, און ווען זיי זענען שטאַרק און רייך קען דער שוואַכינקער ביי זיי ניט אַפּנעמען.

— אָ, שרייט אויס דער אַלטער זמיטרוכע, זיי זענען נור אַ הייפעלע און אָרעמע מענשען זענען דאָ זעהר פיעל.

— געוויס ביסטו גערעכט. ווען די אָרעמע מענשען פאַר־אייניגען זיך געהערט אַלעס צו זיי. די צרה איז מיט די אָרימע מענשען וואָס זיי זענען אונוויסענד און פאַרפיהרט. זעהסט דעם גלח, ער איז דיין גרעסטער פיינד. ער האָט דיר געזאָגט דו זאָלסט זיין געהאָרכזאַם, דו זאָלסט ניט פאַרלאַנגען פיעל, דו טאַרסט ניט האָבען מעהר ווי עס איז אָנגעצייכענט פון אויבען. דאָס איז אַ ליגען. מען טוט דיר אָן אַ צוים און מיט דעם קירעוועט מען דיך וואו מען וויל, האָסטו פאַר־שטאַנען?

— יאָ, קינד מיינס, דו ביסט גערעכט, עס וועט מיר געוויס זיין שווער צוצוגעוואוינען זיך אַז גאָט איז ניט גערעכט.

—יאָ, גאָט איז גערעכט, נור גלויב מיר אַז גאָט האָט ניט וואָס צו טאָן מיט דעם. גאָט איז מיט דעם גוטען, מיט דעם שלעכטען האָט ער גאָרנישט וואָס צו טהאָן. גאָט גלויבט אין העלפען, אָבער ניט אין באַרויבען. דו, אַלטער זמיטרוכע, דו ביסט שוין אַלט אַכציק יאָהר, דו האָסט דיין גאַנצען לעבען ניט פאַרלאַנגט קיינעמס. דו האָסט געלעבט אויף דיין אייגענער פּראַצע, דו

ביסט דער גאָט!

—אך, סאַלאמאן, האָט זיך זמיטרובע געטאָן א שטעל־אויף, א מענש קען ניט זיין קיין גאט, גאָט איז אויפ'ן הימעל און איך בין אויף דער זינדיגער ערד. איך וויל דאָס ניט, סאַלאָמאָן. איך וויל דאָס ניט, ניין, ניין.

איך האָב פארשטאַנען אז איך האָב פאר מיין לעהרען איינגעל צופיעל אנטפלעקט, און וואָס צו, איז אומגעזונט. איך האָב מיין געשפרעך איבערגעריסען און האָב גענומען לעזען דאס ביכעל. געלעזען האָב איך יעצט שנעלער, ער זאל עס ניט פארשטעהן און ער זאל מיך ווידער נעמען פרעגען פראגען. זמיטרובע איז געזעסען ווי פארגאפט, קענטליך אז ער האָט אָך נאך ניט אויסגעניכטערט פון מיינע קלעפּ אויף זיין גלויבען.

— וואָס האָסטו דא געלעזען — האָט ער זיך א כאפּ געטאָן ווי ער וואָלט קומען צו זיין ערוואכונג — דער קיסר סעמיאן האָט זיך ניט געקימערט פאר זיין פאלק. ער האָט נור געזוכט זיינע ווילדע פארגעניגענס. נו, און דאָס פאָלק האָט געדולדעט?

—די רייכע זענען געווען מיט אים ,דער גלח איז געווען מיט אים, און דעם ארעמען האָט מען באטראכט פאר א שקלאף. און וואָס דארף א שקלאף מעהר ווי די בייטש איבער זיך? גלויבסטו אין גיהנם און אין גן עדן?

—געווים, האָט ער מיר געענטפערט שטיל. געווים איז דאָ א יענע וועלט. וואו דען קומט אהין דער מענש?

— איך פארשטעע אויף אַזוי פיל, אז ווען דער געצאָלט וואָלט געקומען דארט אויף יענער וועלט וואלטען די רייכע זיך פאר־טראכט. נאך אלעמען איז דאך דאס לעבען זעהר קורץ און יענע וועלט איז דאך אן אייביגקייט, וואלטען זיי ניט געווען בעסער צו די מיט־מענשען?

—די פראגע וויל איך דו זאלסט מיר ענטפערען, האָט ער געזאגט.

איך האָב דערפיהלט ווי איך מאך אויף איהם א קאנטר־אטאקע, און ער ווייסט ניט ווי אויסצובאהאלטען זיך פון מיינע פראגען, ווי א סאלדאט וואס קען זיך ניט באהאלטען פון די

פליהענדע קויהלען.

מיר זײנען זיך צוגאַנגען װי ברוגז'ע, ניט חלילה קײן שונאים, נור א פּאַראיבל אײנס אויפן צווייטען, װי עס וואלט אונז ביידען װעה געטאָן, וואס מיר פאַרשטעהען זיך ניט.

די זון האָט אַראָפּגעגליטשט זיך פון הימעל און איז אוועק ערגעץ אין אַן אַנדער װעלט, נור רויטע, פייערדיגע פלעקען האָבען אָפּגעשפּיגעלט אירע טריט, און דער זומער פאַרנאַכט האָט גענומען פאַרטונקלען די ליכט פון טאָג. בהמות, שעפּסען, חזירים, זײנען געגאַנגען, געאײלט פון די פעלדער, יעדער אײנער צו זיין שטאַל, דער שטויב האָט אַנגעפּילט די װעגן פון דאָרף. א מידער, א צושרויפטער, בין איך געקומען אַהיים.

די נאַכט בין איך געשלאָפען אומרוהיג. עס האָט מיר װעה געטאָן וואָרום זמיטרוכע איז געווען אַזױ אומפאַרשטענד־ליך און ברוגז. נאָך אַלעמען איז מיין ערקלעהרונג געווען א גערעכטע, און באַלד האָב איך גענומען פאַרענטפערען זמיט־רוכען: נאָך אַלעמען האָט דאָך זמיטרוכע געגלויבט און גע־דינט זיין גאָט אַזױ פיעל יאָהרען, און יעצט ביי דער ענדע פון זײן פאַרגעהן, פאַרלאָזען זײן גלויבען? עס איז שווער האָב איך א טראַכט געטאָן, נאָך אַלעמען, בין איך דען בכח איהם איבערצייגען עפּעס אַנדערש? איך װײס די אומ־רעכטען פון מענש צו מענש, אָבער די אומרעכטען פון גאָט זײנען פאַר מיר שווער צו לײזען. איך װײס אַז עס איז ניט גלאַטיג אין אונזער װעלט. איך האָב געוואוסט אַז זמיטרוכע וועט קומען מיט טויזענטער פראַגען, און װער װײסט צי איך וועל זײן אימשטאַנד איהם צו ענטפערען. אין מיין קאָפּ האָבען זיך געוויקעלט קנוילען פון פראַגען און ענטפערס, און מיט דער איבערלעבונג בין איך אײנגעשלאָפען.

באַגינען בין איך געווען וואַך. אין מיין שלאָף האָב איך געטראַכט פון מיינע פראַגען, ווייל ווען איך בין נאָך געווען אין הינערפלעט האָט נאָך מיין צונג גערעדט ווערטער, און אַזױ בין איך וואַך געוואָרען טראַכטענדיק: וועט זמיטרוכע וועלען מיך זעהען נאָך אַמאָל?

אלעס ארום האָט נאָך גערוהט, נור אין די גזאווענצעס האָט געזונגען דער סאלאוויי. ער האָט געזונגען זיינע העכסטע און שענסטע מעלאָדיען. די זון האָט גענומען ווינקען צו מיר ווי זי וואלט מיך גערופען צו זיך. דורך די פּאַרוויינטע שויבען האָב איך ארויסגעקוקט אין די פעלדער וואו דער טוי האָט זיך געשלענגעלט ווי א שווערער רויך וואס פאלט ארונטער צו דער ערד.

דעם טאג בין איך אין פעלד ניט געגאנגען. איך האָב געפירט א קאמף מיט זיך און געוואָלט זאָגען דעם אלטען זמיטרוכען, אז אויב ער וועט מיך נאָך אמאָל ברוגז מאכען וועל איך אין פעלד ניט קומען. . אויף דער באנק וואס איז געווען לעבען אונזער הויז בין איך געזעסען און געלעזען א בוך, א ראמאן. זייענדיג פארטיפט אין די ליבעס פאנטאזיעס, האָב איך דערהערט די רעדער פון א שווערען וואגען און דעם קלאפּ פון פערדישע קאפּיטעס. איך האָב זיך אומגעקוקט און באַמערקט ווי ביי דער זייט פון דעם שווערען וואגען געהט נאָך א מיידעלע, מיינע אויגען זענען געווארען אנגעשטריינגט, פאר א וויילע האָט זיך מיר געדוכט אז דאָס איז א פאנטאזיע, א שווינדעל פון מיינע אויגען.

אונזערע בליקען האָבען זיך באגעגענט. איהר קינדערשער פנים איז געווען מיד און צופלאמט, די לאקען צוואווארפען איבער אירע קינדערשע פלייצעס. זי האָט א שמייכעל געטאָן. איר שמייכעל האָט מיר אויסגעקוקט ווי א בליץ וואָס פאַרבלענדט די אויגען. איך האָב איהר נאכגעקוקט פאר א וויילע, און מער האָב איך דעם בוך ניט געקענט לעזען, מיינע געדאנקען זענען געפלויגען אהין וואו די מיידעלע איז אוועק, אהין אין יענער ריכטונג, און לאנג האָט ניט גענומען און איך בין געווען ביי דער הויז וואוהין דאס מיידעלע איז געקומען צו איהרער א שוועסטער, און לאנג האָט ניט גענומען און איך בין געווארען בעקאנט און בעפריינדעט.

— ווי איז אייער נאמען? האָט זי מיך געפרעגט.

— סאלאמאן.

— און ווי איז דיין נאמען?

—באשע. איר וועט מיר דארפען אמוזירען, סאלאמאן, איך קען דא קיינעם ניט.

— איך וועל ניט וועלען אז ווער אנדערש זאל פארנעמען מיין פלאץ.

זי האט א שמייכעל געטאן און האט געענטפערט:

— דאס איז א הייליגער פארשפרעכען, איך האלט אייך פאראנטווארטליך פאר אייער פארשפרעכען, איהר הערט סא־לאמאן? איך בין מיד, האט זי מיר געזאגט, נור אויב איר ווילט נעמען א שפאציר מיט מיר וואלט דאס געווען א פארגעניגען פאר מיר. איך וויל באטראכטען דעם פלאץ וואו איך וועל דאר־פען פארברייננגען מיין זומער וואקאציע.

— אונזער דארף איז זעהר ארעם אין נאטור שעהנקייטען, נור מיר זיינען ביידע יונגע קינדער. מיר וועלען געפינען פאר־געניגענס. ניט ווייט פון דאנען איז דא אן אזערע, וואו מען קען זיך שיפען, מיט אן אינזעל וואו דו וועסט געווים געפינען בעגייסטערונג, דער אינזעל קוקט אויס ווי אן אפגעזונדערטע קעניגרייך. זעהר פיעל פייגעלעך געפינען זיך אויף דעם אינזעל, און קליינינקע העזעלעך לויפען ארום דארט.

— וועט איר מיך נעמען אהין, סאלאמאן?

זי האט מיר טיף אין די אויגען אריינגעקוקט און האט צערטליך מיין האנט געדריקט.

— געווים וועל איך דיך נעמען.

א ליבעס ווארעמקייט האט אריינגעשטראמט אין מיין הארצען און נשמה. איך האב דערפיהלט איהר נאהענטקייט און מיין הארץ האט שטארק גענומען קלאפען.

— יא, טייערינקע, האט זיך מיר געוואלט אויספרעפלען, איך וועל דיך נעמען איבעראל, וואו דו וועסט מיר נור הייסען. איך האב דערפיהלט אז די קראפט פון מיין לעבען ליגט אין איר.

איר צארטע הענטעלע האב איך בארירט, און האב איר געפרעגט:

— ביסטו מאט?

— געווים בין איך מאַט, נור איך וויל אַז איהר זאָלט זיין מיט מיר. איך וועל באַלד זיין פאַרטיג מיט מיין מאַלצייט, און דאַן וועלען מיר געהען באַקוקען דאָס דאָרף, די פעלדער, פּיליכט וועל איך זיין אַנדערש ווי איר. איך בין דאָ נײַ, און איך קען באַמערקען זאַכען וואָס אייך איז דאָס געוויינליך.

דער טאָג איז געווען אויסערגעוועהנליך אַ הייסער, די זון האָט געבריהט מיט איהר גאַנצער קראַפט. די וואָלקענדלאַך האָבען זיך פאַרבאַהאַלטען ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט אַרויס־צוקומען פון די האָריזאָנטען. ווי אַ וועוועריקעל איז זי אַרויס־געלאָפען פון שטיבעלע, האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין אָרעם.

— איהר געהט?

— וואוהין ווילסטו געהן?

— דאָ אַרום דאָרף וועלען מיר אַרומשפּאַצירען. וואַקסען דאָ בלומען אין די פעלדער?

— געווים, נור די בלומען זיינען אָרעמע.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן: וואָס הייסט אָרימע בלומען? ניטאָ קיין אָרעמע בלומען. יעדער בלום האָט איהר שעהנקייט.

— ווייט דאַרפען מיר געהען צו די אָרימע בלומען?

— ניט ווייט, האָב איך איהר געענטפערט און האָב זיך דערפיהלט האַלב באַליידיגט פון איהר אויסדרוק.

— ווי איך זעה זייט איר ברוגז וואָס איך האָב אייך געזאָגט אַז קיין אָרעמע בלומען זיינען ניטאָ, מיר זענען ביידע קינדער, און קינדער דאַרפען זיין אימער בעגייסטערט.

— מיר וועלען געהן צום זויאָוער באַרג, דאָרט וועלען מיר געפינען בלומען. דאָרט האָט אַמאָל געוואוינט אַ דאָקטאָר וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט בלומען, און עס זיינען נאָך פאַר־בליבען פון אַמאָל קליינינקע רויזען בוימעלעך, און אויף זיי וואַקסען רויזען בלומען. אמת, זיי זיינען פאַר דער צייט פאַר־ווילדעוועט געוואָרען, דאָך זיינען זיי שעהן. מוזט אָבער זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט דעם אַרונטעררייסען, ווייל די בוימעלעך האָבען שאַרפע שפּיזען, און ווען דו וועסט ניט זיין פאָרזיכטיג וועסטו דיינע הענט פאַרוואונדען.

— זיינען אלע בלומען אזוי?

— ניין, ניט אלע. דער רויזען בוים האָט מיט דעם געוואָלט פאַרטיידיגען זיינע שעהנע בלומען, און די נאַטור האָט איהם באַשאָנקען מיט די שטעכעדיגע שפּיזען.

די זון, ווי א גרויסער גאָלדענער טעלער, איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ צו איהר נאַכט רוה. האַלב פון איהר צופלאַמטען פּנים האָט באַדעקט דער באַרג גאַראַוואַטקעס — הינטער דעם באַרג פלעגט זי אימער געפינען איר נאַכט־רוה. אַ מילד ווינטעלע האָט גענומען בלאָזען און באַוועגען די בלעטעלעך פון די בעריאַזע בוימער. אַ מין פרעהליכער שעפּטשען האָט זיך דערהערט פון די בלעטעלעך און צווייגעלעך.

די נאַכט פויגעלע האָט גענומען טוויטשען, ווי זי וואָלט זיך דערפרעהט אז די צייט פון איר קאָנצערט איז געקומען. זי האָט זיך צוזונגען. אנדערע פויגעלאך האָבען איהר נאַכגעשריען און אין אַלעמענס געזאַנגען האָט מען געהערט ווי א ווייטער וואַסער פאַל.

דער וועג איז געווען א זאַמדיגער און א שטויביגער. די טונקעלקייט פון פאַרנאַכט האָט זיך געשפּילט מיט די שאָטענס פון נאַכט. די לבנה, נאך גאר א בלאַסע, האָט זיך בעוויזען אויף דעם פאַרנאַכטיגען פאַנטאַסטישען הימעל, הויך אריבער דער ערד האָט זי געשוועבט, און האָט אַראָפּגעקוקט אויף די געהענגדע שאָטענס.

— האָסט ניט מורא פאַר דער טונקעלקייט? אפשר איז שוין צו שפּעט צו געהען אַהין?

— איך בין דא א פרעמדע, ווייס קיינעם ניט, דאַרף זיין מעהר פאַרזיכטיג ווי איך בין, און מיין שוועסטער וועט געוויס איבערטראַכטען.

מיר געהען אהיים. דאס ברייננגען איהר אהיים איז געווען א פאַנטאַסטישער, זי איז געגאַנגען האַרט ביי מיין זייט, געאַרעמט. א ליבליכע וואַרעמקייט האָב איך דערפילט, די וואַרעמקייט פון א יונגער פרוי. איך האָב געקוקט אויף איר פּנים, טיף אריינגעקוקט אין אירע אויגען וועלכע האָבען מיר אויס־

געקוקט טיף און מעלאנכאָליש, רופענד און ציהענד. אין אירע אויגען האָב איך געזעהען פארבאָרגענע וועלטען פון צארטקייט, און דעם פייער פון וועלפישע אויגען. מיט אויגען ווי זי האָט, קען זי רעגירען, פארשקלאפען די וועלט. מיר האָט זיך געוואלט ארייַנקוקען אין זיי טיף. ווי אן אפגרונט האָבען זיי מיך געשלעפּט אין זייערע געהיימענישען. איך האָב אומגעבלאנדזשעט אין מיינע געדאנקען און ווי א שכור וואס ווייסט ניט זיין וועג בין איך געגאַנגען מיין וועג. איך האָב זי געבראכט צו איהר שוועסטער'ס שטיבעלע.

— מיר זיינען שוין ווידער דאָ, האָט זי צו מיר א זאָג געטאָן.

— יא, מיר זיינען שוין דא.

מיינע געדאנקען זיינען געווען צושרויפטע און איך האָב זיי ניט געקאנט צוזאמען ברייַנגען.

—איהר געהט דא שלאפען פריה? האָט זי געפרעגט.

— געוויס! ווען מען קען אנשלאָפען ווערען. איך וועל געהען שלאָפען שפּעט אויב איך וועל קענען אַנשלאָפען ווערען. זי האָט א שמייכל געטאָן, און האָט מיך געפרעגט.

— איך האָף אז איך בין ניט די אורזאך?

— איך ווייס ניט, איך וועל זעהן, ווען ניט וועל איך מארגען באשולדיגען דיך און דו וועסט טייער בעצאָלען.

— איך בין ווילּיג צו שטעהן פאר א משפט, ווער וועט זיין דער ריכטער?

— דאָס הארץ! האָב איך א זאָג געטאָן.

— איז דען ניט צו פריה אייער אויסדרוק?

— מיין הארץ זאגט מיר קיינמאל ניט פאראויס זאכען; ווען זיי קומען, קומען זיי מיט שטורעם.

— איר זאָגט, אז אייער דארף איז ארעם, ארעם אין נאטור זאכען. עס האָט ניט קיין שעהנקייטען, דאך איז אייער הארץ פול מיט ליבע, און שעהנע אויסדרוקען, וואו האָט איר זיי גענומען?

— א מענש בענקט מעהר נאך זאכען וואָס איהם פעלט, ווי

נאָך דעם וואָס ער האָט, וואו עס זײַנען דאָ מעהר שטײנער דאָרט לױפט רױשיגער דאָס װאַסער. איך בענק נאָך דעם, און דערפאַר איז מײַן פאַנטאַזיע רײַך. אפט בלאָנזשע איך אַװעק װײַט אין דעם װאַלד הינטער איזערישצע, דאָרט איז די נאַטור א רײַכערע, און פון יעדער בלאָנזשעניש ברײַנג איך אַהײם אַ סך מאַטעריאַל אויפצובילדען דעם העכסטען טורעם, די שענסטע קעניגרײַך.

— האָסטו ניט מורא פאַר װעלף און גזלנים? דו װײסט אַז זײ האַלטען זיך אױף אין געדיכטעניש פון װאַלד.

— אַמאָל האָב איך מורא, נור די מורא אַלײן איז דאָס שענסטע אין לעבען. די איבערלעבונג פון שרעק איז רײַך מיט פאַרשטעלונגס־קראַפט. אָפט מאָל האָב איך אַ פאַרלאַנג צו װערען געפאַנגען, געיאָגט פון חיות אָדער גזלנים — האָב איך געערדט.

— איך ניט! האָט זי מיט ציטער אַ טרײסעל געטאָן איר קערפּער. — איך װיל בעסער זײַן אין דער הײם.

—איך האָב מורא אַז דו זאָלסט ניט זײַן מײַן גזלן. מיר דוכט אַז דו האָסט מיך שױן געפאַנגען.

זי האָט קינדיש אַ לאַך געטאָן.

— אַזױ, בין איך אַ גזלן? איך האָב פון דעם ביז יעצט ניט געװאוסט.

— גוט נאַכט! זי האָט מיר שטאַרק אַ דריק געטאָן די האַנט, גוט נאַכט, און שנעל איז זי פאַרשװאונדען הינטער דער טיר װאָס האָט זיך אַזױ שװער פאַרמאַכט.

פון איר שונעסטער׳ס הױז צו אונז איז געװען בלױז אַ קורצער מהלך, און דאָך איז מײַן יעצטיגער געהן אַהײם געװען אַ אײביגקײט: מיר דוכט אַז מײנע פיס האָבען ניט געװאָלט געהן אין דער ריכטונג פון אונזער הױז. זײ װאָלטען בעסער זיך געװאָלט אומװאַקלען דאָרט אַרום די גרױע װענט װאו די מײדעל איז רוהיג געשלאָפען, אָדער געטראַכט פון דער נײער בעגעגעניש װאָס האָט געשטראַמט מיט זײַלען ליבעס פײער.

מיר האָט זיך געװאָלט װיסען װאָס זי טראַכט יעצט. פי־

לײכט שלאָפֿט זי יעצט געשמאַק און גיט גאָר ניט אַ טראַכט פֿון דעם שטורעם װאָס זי האָט אָנגעטאָן אין מײַן האַרץ. װער קען דאָס ענטפֿערן װען די װאַנט פֿון אײן האַרץ צום צװײטען איז אַזױ דיק און אומזעהבאַר?

אַ מידער בין איך געפֿאַלען אױף מײַן געלעגער, און אײנגע־שלאָפֿען.

דריטער קאַפּיטעל

איך האָב געוואוסט אז איך וועל זמיטרוכען וועה טאָן מיט ניט קומען זעהען אים אין פעלד, ווי איך האָב דאס אימער געטאָן, און אויב איך האָב א טאָג פארפעהלט האָב איך איהם געזאָגט אז איך קען מיט איהם היינט אין פעלד ניט זיין, איך געה ערגעץ וואו אנדערש, נור דעמאלט איז מיין אבוועזענהייט ניט געווען אזוי וויכטיג ווי יעצט. יעצט האָב איך אנגעפאנגען פארצוליעזען דאס ביכעל פאר איהם, און געוויס האָט ער פראַגען פאר מיר. געוויס האָט ער געהאט א שלאפלאזע נאכט. איך וויים אז זמיטרוכע איז א פילאָזאָף, נור ער איז אונבאלעזען. ווען זמיטרוכע האָט בילדונג וואָלט איך אפילו זיין לעהרען אינגעל ניט נעקאנט זיין. זמיטרוכע האָט אויסגעזעהן ווי אן אפּאָסטעל, א ליכטיג, גרוים פּנים מיט לאנגע האָר וואס האָבען באדעקט זיינע ברייטע פּלייצעס, א שטערען וואָס האָט אויסגעקוקט פלאטשיג ברייט, מיט לאנגע קנייטשען. זיינע אויגען זיינען געווען טיפע, קלוגע און דער אמת האָט פון זיי ארויסגעשפּראָצט. אפט פלעגט זמיטרוכע באַ אַ פראַגע קראַצען די פאטילניצע, ווי ער וואָלט זיינע פראגען און ענטפערס דארט געזוכט און געפונען. איך האָב געוואָרט אז ער זאָל מיך קומען פריה בעזוכען און פרעגען די אורזאכע פון מיין ניט ווייזען זיך אין פעלד. ער האָט געוואוסט אז איך האָב ליב געהאט די פעלדער, בפרט אין דער צייט ווען אלעס איז גרין און בלומיג. אין אמת׳ן האָב איך דערוייל ניט געוואוסט וואוהין איך זאָל געהען?

מיר האָט זיך געוואָלט פארלעזען פאר איהם וואָס איך האָב אנ־געפאנגען. מיר האָט זיך געוואָלט זעהען דאס מיידעלע וואָס האָט מיך אזוי באצויבערט. איך האָב ניט געוואוסט ווי צו האנדלען אין דעם מאמענט, צו ווענמען איך זאָל פריער מיין וויזיט אפשטאַטען. איך האָב מורא געהאט זיי ביידען נאכצוגע־בען, פיליכט וועט מיר שפעטער באנג טאָן.

איך בין געווען א ווילע פארטראכט, וועלכע ווענדונג איז די בעסטע. נאָך אלעמען קען איך זי בלויז א ווילע. ווער ווייסט וואָס איהר שוועסטער האָט געזאָגט וועגען מיר? און זי אליין? איך מוז זיין שטאלץ, און מיט שטאלץ וועל איך זי זיכער געווינען.

איהרע רויטע צופלאמטע בעקעלעך זיינען געשטאנען פאר מיינע אויגען. איהרע שווארצע צואוואָרפענע לאָקען האָבען מיר כשופ־דיג געשעפטשעט. איך האָב דערפילט איר ווארעמקייט, איר נאהענטקייט. דער נעכטיגער אווענט איז געווען א צויבער פאר מיר, און איך האָב אים ניט געוואָלט צושטערען. פיליכט וועט זי היינט זיין אנדערש, און מיינע נעכטיגע חלומות פון גליק וועלען צושמעטערט ווערען. איך וועל געהן היינט מיט זמיט־רוכען. דארט וועל איך פאר איהם פארלעזען און דיסקוטירען.

היינט בין איך רייכער, אין מיין הארצען האָט אנגעפאנגען צו ברענען א פלאַקערעל וואס מען רופט אן ליבע, און דעם פלאַקערעל וועל איך צוזאמענגיסען מיט אלע מיינע פונקען און שטראַמען פייער.

אין דעם מאמענט האָב איך געזעהן א לאווע, א פייער שפיי־ענדען בארג: ליבע! ליבע! אין זיך האָב איך דעקלאמירט, גע־זונגען לידעלעך. מיין הארץ האָט זיך צובליהט, צופלאמט. איך בין געפלויגען הויך אריבער בערג, וועלדער און פעלדער. אין פארבארגענע צויבער וועלטען. איך האָב זיך אליין ניט געקענט קאנטראלירען, א צושרויפטער, יעדער אבר רייסט זיך זיין וועג, זוכט זיין אייגען גליק. אין מיין פארטיפונג בין איך אנגעקומען אין פעלד, דארט וואו זמיטרוכע האָט געפיטערט די גענז.

זמיטרוכע האָט מיך באַמערקט, ער האָט באַמערקט מײַן פאַרטראַכטונג און האָט מיך געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, סאַלאָמאָן? דו קוקסט אויס אַזוי בלײַך און אויסגעמאַטערט, ביסטו געזונט? איך זעה אין דײַן פּנים אַן ענדערונג. וואָס איז געשעהן, סאַלאַמאָן?

איך האָב אויסגעווישט דעם שווייס פון מײַן שטערען. איך האָב דערפיהלט מײַן אייגענעם זיפץ. וואס זיפץ איך? וואָס איז מיט מיר געשעהען? איז דען די מיידעלע שולדיג אין מײַן פּלוצלינגען שטורעם? וואָס האָט זי מיר אַזוינס געטאָן וואָס מײַן האַרץ איז אַזוי צושרויפט געוואָרען?

— דו האָסט נאָך מיר ניט געזאָגט ווארום דו קוקסט אויס אַזוי בלאַס און צוטראָגען? האָט ער ווידער אַמאָל געפרעגט.

— פיליכט וועל איך דיר דערציילען אַמאָל, יעצט קען איך ניט. דו וועסט געוויס לאַכען פון מיר. איך בעט דיך פרעג מיך ניט, מיר וועלען בעסער רעדען פון אונזערע זאַכען. האָסטו געטראַכט פון דעם וואָס מיר האָבען נעכטען גערעדט?

— איך האָב געטראַכט. די גאַנצע נאַכט בין איך געוועזן שלאָפלאָז, איך האָב פאַר דיר פילע פראַגען, און אויב דו וועסט ניט ברוגז ווערען וועלען מיר אָנהייבען צו ריידען פון דעם. איך האָב געדיינקט אַז דו ביסט ברוגז אויף מיר. נעכטען ביסטו מיט מיר ניט געווען אין פעלד און איך האָב שוין איבערגע־טראַכט מיט וואָס איך האָב זיך פאַרזינדיגט.

— פאַרגעס וועגען דעם — האָב איך איהם געזאָגט — אַזוי האָט דאָס באַדאַרפט זײַן.

דער טאָג איז געוועזן אַ בריהענדיגער, נור דאָס מילדע ווינ־טעלע האָט געהיילט די הייסע שטראַמען זונען פייער. די פייגעל, זשוקעס און זשאַבעס זיינען געלעגען ערגעץ פאַרבאַהאַלטען ביז דער קיהלער פאַרנאַכט וועט אָנקומען. וווייט ביי דעם ברעג פון פעלד האָט אַ קראָה געשריען: קראה! קראָה! קראָה! ווי זי וואָלט געשריען צו דער ברענענדיגער זון — געה פון דאַנען! דעם פּאַסטוכ׳ס טרובע האָט מען געהערט פון ווייטען עק פעלד. קענטליך אַז די בהמות האָבען גערוהט אונטער די ווערעס בוי־

מער, מעלה־גירה׳דיג האָבען זיי געטריבען מיט זייערע עקען די פליגען וואָס זיינען זייערע פעלען באַפּאַלען און געביסען.

— א הייסער טאג היינט.

— זייער א ווארעמער האָב איך איהם געענטפערט, אין דארף מוז זיין נאך הייסער. דא זיינען פארט דא פעלד בוימעלאך וואָס פארשטעלען די זון, דארט מוז זיין פיל ערגער, און דערביי האָב איך א טראכט געטאָן וועגען דער מיידעלע וואָס זיצט און ווארט, פיליכט. דאָ האָב איך א ציטער געטאָן. מיר האָט זיך ניט געוואָלט טראכטען. זאָל דאָס זיין ווי א חלום, וואָס קומט אזוי צוזיבערהאפט, און ווערט קיינמאל ניט פארגעסען. אהן ווערטער, מיט שטילע טריט, בין איך אוועקגעגאנגען, ניט זאגענדיג ווארום.

אפגעהענדיג עטליכע טריט האָב איך אנגעפאנגען שנעלער און שנעלער צו שפאנען, ביז מיינע טריט האָבען זיך פארוואנ־דעלט אין געלאָף. געאיילט בין איך געלאפען צו דעם שטיבעלע וואו איך האָב נעכטען איבערגעלאזען דאָס מיידעלע וואָס איך האָב אזוי ליב. פון דער וויטענס האָב איך דערזעהן איהרע אויסגעשטרעקטע הענטעלעך וואָס רופען מיך צו זיך. זי איז געלאָפען מיר אנטקעגען.

— וואו זייט איר געווען, איך האָב אויף אייך געווארט. עס איז אן אומרעכט מיך איבערצולאזען אויף אזא לאנגען טאג.

—איך האָב דערפילט ווי מיין הארץ קלאפט שטארקער, אין מיין האלז האָבען מיר גענומען ווערגען די ווערטער וואָס איך האָב צו איר געוואָלט ריידען.

— וואו זייט איר געווען, סאלאמאן?

איך האָב זיך געשעמט צו זאגען אז אין פעלד, ווייל זיין א פאסטוך איז ביי אונז געווען די גרעסטע שאנדע.

— איך בין אומגעגאנגען באטראכטען דעם קאָרן אין פעלד, בעטראכטען די בלומען, די שיינע גרינע לאנקעס, און די נעסטען פון די פייגעלעך.

— נעמט מיך מיט אייך. געפינט איר אמאָל קליינינקע פייגעלעך דארט?

— געוויס.

— איר פארניכטעט זײ ניט?

—געוויס ניט, איך ליב זײ, און האָב ליב צו בעאבאכטען זײער לעבען, ווי אזוי די מוטער גיט זײ עסען.

ווי א וועוועריקעל האָט זי זיך גענומען ארומוויקלען ארום מיר.

— נעמט מיך מיט, איך וויל זײ זעהן, איך ליב פײגעלעך. איר דארפט ניט קלעטערען אויף די ביימער צו געפינען זײערע נעסטען.

ניט אלע פײגעלעך בויען זײערע נעסטען אויף בוימער, פילע פויגעלעך בויען זײערע נעסטען אויף דער ערד. זײ זענען פאַרשידען, שפּעטער וועסטו לערנען וועגען זײ.

געארעמט האָט זי מיך געפיהרט אהין צו דעם זויאוווער בארג וואו מיר זײנען נעכטען אווענד געוועזן. שנעל ווי א הירש איז זי געלאָפען צו יענעם גארטען וואו איך האָב איר אנגעצײגט אז דארטען וואקסען רויזען בלומען. זי האָט מיך געבעטען אז איך זאָל איהר נאכלויפען. זי האָט אויסגעשטרעקט איהרע צארטע הענטעלעך.

— קומט, סאלאמאן, קומט גיכער, איך וויל זעהען ווי זײ וואַקסען און אײנאטעמען זײער געזאלבטען דופט.

ווי א יונג ציגעלע איז זי אריבער דעם פּלאנקען און איז אריין אין ווילד פאַרוואקסענעם רויזען־קוסט. זי האָט גענומען אפּצופּען א בלום, און דערביי האָט זי א געשריי געטאָן.

— איך האָב מײנע הענט צושטאכען.

— איך האָב דיר געזאָגט אז דו מוזט זײן פארזיכטיג, דער רויזען־בוים גיט ניט אוועק זײנע רויזען בלומען. די נאטור האָט אים באַשאָנקען מיט פאַרטיידיגונג, מיט שאַרפע שפּיזן. פאַר יעדע בלום וואָס דו ווילסט אראפּצופּן, מוזטו ווערען באַשטראָפט.

אויף אירע פינגער האָבן זיך באַוויזן קלײנינקע טראָפּנס בלוט. די צוויי שעהנע בלימעלעך וואָס זי האָט אפּגעצופּט האָט זי צוטײלט אײנס פאַר איר, די צווייטע האָט זי מיר אפּגעגעבען.

— סאָלאָמאָן, דאס איז פאַר אײך.

— וואוהין וועלען מיר יעצט געהן?

איך האָב איר פארגעלייגט אויב זי וויל געהן אין קאָרן־פעלד, אהין צו דער איזערישצער אזערע, דאָרט אין דעם קאָרן־פעלד וועלען מיר געפינען קאָרן־בלימעלאך און אנדערע בלומען, וואָס וואקסען דאָרט.

מיט א געשלענגעלטער סטעזשקעלע זיינען מיר געגאנגען דורך דעם קאָרן פעלד אהין צו דער איזערישצער אזערע.

— דו זעסט די בלויענקע קארן בלומען, איך וועל זיי אפצופען און פלעכטען א בלומען קראנץ.

— האָבן זיי ניט קיין שטעכעדיגע שפיזלעך?

— ניין, האָב איך געענטפערט, ניט אלע בלומען האָט די נאַטור באשאָנקען מיט פארטיידיגונג, נור די רויזען בלומען.

צווישען גרינעם הויכען קאָרן האָט זי זיך געלאָזט געהן און צופען די בלויענקע קארן בלומען. באלד איז זי ארויס מיט א זשמעניע אנגעצופטע בלומען.

— איר זעט, דאס וועט זיין גענוג אויסצופלעכטען א קראנץ. איר פנים איז געווען צופלאמט, די אויגען פול מיט נייגעריקייט.

— יעצט דארף מען געפינען א פאַסיגען פלאץ וואו אוועקצוזעצן זיך, איך וויל דעם קראנץ באַלד אנהויבען פארטיג מאכען ווייל די זון וויל זיי פארוועלקען.

געאיילט זיינען מיר געגאנגען מיט דעם סטעזשקעלע צו דער אזערע. דאס וואסער האָט אזוי רוהיג אפגעשפיגעלט די שטראַלען פון דער זון. דא ביי דעם זאמדיגען ברעג זיינען מיר ביידע געזעסען. זי האָט מיט אירע צארטע הענטעלעך געפלאכטען די ריטעלעך אין א בלומען קראנץ.

שטיל האָט דאָס וואסער געקושט דעם זאמדיגען ברעג. ווען ניט ווען האָט מען דערהערט אדער דערזעהן א שטילען וואסער גערויש ווי א מין פרעפלען צו די זאמדיגע ברעגען, א מין ליבע־קושענים. וואו ניט וואו איז א פישעלע אריבער־געשפרונגען די וואסער פלאכקייט און איז געאיילט פערשוואונדען אין דער טיפעניש, ווי עס וואלט זיך דערשראָקן פאר זיך

אַליין. באַסקע איז געווען פאַרטאָן אין איר צויבער אַרבעט. דאָס איז געווען איר ערשטער בלומען קראַנץ וואָס זי האָט ווען געמאַכט, און אַ הייליגקייט האָט זי אין דעם געפונען.

— איר זעט, ער איז שוין באַלד פאַרטיק — איר פּנים האָט געשטראַלט פון פרייד — איהר זעט, סאָלאָמאָן, איהר האָט מיר געזאָגט אַז אייער דערפעלע איז אַרעם אין נאַטור זאַכען, איר ווייסט אַז אין אונזער שטאָט קענען מיר דאָס ניט געפינען. מיר זיינען נור בעקאַנט מיט די שטיינערנע ווענט, מיט די הויכע מויערען וואָס פאַרשטעלען די זון. דאָ האָט איר די נאַטור, איר זייט אַ גליקליכער מענש. איר וואַקסט פריי און בעקענט זיך מיט זאַכען וואָס זיינען אַזוי וויכטיג צו וויסען אין אונזער לעבען. איר זעהט? איך גֿעה אין שולע, לעז ביכער און האָב נישט געוואוסט אַז די רויזען ביימעלע האָט שאַרפע שפּיזען צו פערטיידיגען אירע בלומען. דאָס איז דאָך אַ פאַקט.

אירע אויגען זיינען ניט געווען געווענדעט צו מיר. זי האָט, ווייזט אויס, ניט געטראַכט וועגען דעם וואָס זי האָט איצט גע־רעדט. אירע אויגען האָבען באַטראַכט דעם באַלד פאַרענדיגטען בלומען קראַנץ וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ קיילעכדיגע לבנה מיט טויזענדער אַפּשפּיגלענדע שטראַלען.

—איך בין שוין באַלד צו ענד פון מיין אַרבעט, וועט איר מיר אַנטאָן דעם בלומען קראַנץ אויף מיין קאָפּ? און דערביי האָט זי שנעל אַ שמייכעל געטאָן.

— דאָס וועט זיין מיין פאַרגעניגען, האָב איך געענטפערט.

— איך ווייס, האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן, ניט אַ קוק טוענ־דיג אויף מיר. זי האָט דעם בלומען קראַנץ עטליכע מאָל בע־טראַכט און איז שוין געווען פאַרטיג מיר איהם איבערצוגעבען פאַר דער הייליגער אַרבעט, צו קרוינען איהר פאַר אַ קעניגין.

— זעט, סאַלאמאַן, איך האָב פאַרגעסען איהם צו מעסטען, פּילייכט וועט ער זיין צו גרויס פאַר מיין קאָפּ.

— ניטאָ די קרוין וואָס זאָל זיין צו גרויס פאַר דיין קאָפּ.

— איך דאַנק אייך פאַר אייער קאָמפּלימענט.

שנעל האָט זי זיך אויפגעשטעלט אויף אירע פיס, דער

לאנגענדיג מיר דעם בלומען קראנץ האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן:

— טוט עס אן אויף מיין קאָפּ.

איך האָב איהם פארזיכטיג ארויפגעלייגט אויף איהר שעהנעם קאָפּ.

— ער איז ניט צו גרויס, ער איז ווי געבארען פאַר דיר.

אירע געקרויזטע לאקען האָבען ארויפגעקוקט ווי שאָטנס אין אַ פאנטאסטישער נאכט. די בלויליכע בלימעלעך האָבען זיך געקושט מיט די שטראַלען פון דער זון ווי זיי וואָלטען דערפילט פערוואנדשאַפט. זי האָט זיך דערפילט גליקליך ווי זי וואָלט אויף פליגלען געפלויגען ערגעץ אין הויכע געטליכע וועלטען.

— איך האָב ניט מיין שפיגעלע אין וואָס ארייצוקוקען, איך וויים ניט ווי איך קוק אויס, — האָט זי געזאָגט.

— מיר וועלען באַלד געפינען אַ שפיגעלע, האָב איך מיט אַ שמייכעל אַ זאָג געטאָן. איך האָב אנגענומען איהר הענטעל און האָב זי צוגעפירט צום וואסער וואו דער שאָטען האָט פאַרשטעלט די זון.

— אָט דאָ האָסטו דיין שפיגעלע. מיר, ארעמע מענשען פון דארף, דארפען ניט האָבען קיין שפיגעלעך, מיר קענען זיך זעהן אזוי ווי דא יעצט.

זי האָט אראפּגעקוקט אין דער טיפעניש און האָט זיך פאַרטראַכט.

—יא, איך קען זיך זעהן, דאס איז אן איינפאַל, נור דער מענש פון דארף קען זיך העלפען אזוי, מיר שטאטישע זיינען נאראָנים, אלעס מוז פאר אונז געשאַפען ווערען. אויסצוגעפינען זאכען אליין זיינען מיר ניט פעהיג. זי האָט אויסגעשטרעקט איהרע הענטעלעך צו דער זון און האָט צו איהר גערעדט.

— דו ביסט מיין שוועסטער, דו קעניגסט אין די הויכקייטען, איך בין דא די קעניגין.

די שטראַלען האָבען איהרע הענטלעך ווארעם געקושט. די זון האָט זיך נידעריג אראָפּגערוקט צום האריזאנט. איר ליכטיקער אפשיין האט געווארפען אַ לאנגען זילבערנעם וועג אויף דעם פלאכען שטילען וואסער. אלעס האָט אויסגעקוקט ווי דער

פֿאַרנאַכט װערט פֿאַרװיגט אין דרימעל. די װאַסער פֿײגלען האָבען זיך נידעריג אַראָפּגעלאָזט צו דער פֿלאַכקײט און ניט אײנער פֿון זײ האָט זיך מיט אימפּעט אַ װאָרף געטאָן, כאַפּענדיג אַ פֿישעלע װאָס ער האָט גלײך פֿאַרשלונגען.

דער פֿאַרנאַכטיגער טוי האָט גענומען אַראָפּזינקען צו דער ערד און האָט גענומען קושען מיט זײנע פֿײכטע ליפּען דאָס גראָז און די בלעטעלעך פֿון די בוימער. אַלעס האָט דערפֿילט אַ דערלײכטערונג, און שטיל האָט די נאַכט גענומען װעבען אירע חלומות, טונקעל און פֿאַנטאַסטיש האָט אויסגעזעהען די טונקעלע װאַנט פֿאַראויס, מען האָט נור געהערט װי די נאַכט פֿויגלען שרײען אויס צריק, צריק, און װײט קלינגט אָפּ די עכאָ. דער שײן פֿון דער לבנה איז געװען בלאַס װי זי װאָלט געפֿילט אַ מידקײט—װי אַ ליכט װאָס געהט אויס האָט מען קוים געזעהן איר פּנים.

— װײסטו גוט דאָס סטעזשקעלע צו אונזער דאָרף? — האָט זי מיך אַ פֿרעג געטאָן. — עס איז דאָך דאָ אַזױ פֿיל גריבער און ראָװען, מיר װעלען געװיס אומפֿאַלען געהענדיג אין דער פֿינסטער.

— שרעק זיך ניט, מײדעלע, איך װײס גאַנץ גוט דעם װעג דאָ, ער איז פֿאַרצײכענט געװאָרען אין מײן זכרון. איך װעל דיר זאגען יעדען טראַט װאו צו זײן פֿאָרזיכטיג.

— איר װעט זײן מײן װעג װײזער און איך װעל זײן אײער פֿרײלין.

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן מײן אָרעם. מיר געהען. די גרינע קאָרן פֿעלדער האָבען שטיל סודות געמורמעלט װי זײ װאָלטען זיך װאונדערען װאָס מיר קלײנע קינדער װאַנדערען אַרום אין דער פֿינסטערער נאַכט. זשאַבעס זײנען פֿאַרבײ אונזערע פֿיס דורכגעשפּרונגען און זי האָט מיט שרעק מיך שטאַרק אַ כאַפּ געטאָן.

— װער איז?

— דאָס איז בלויז אַ זשאַבע.

— נו, און שלאַנגען זײנען דאָ?

— זעהר ווייניג.

זשוקעס און פליגען זיינען געפלויגען אין אונזערע פענסטער און יעדער מאל האט זי מיט א געלעכטער אויסגעשריען: „עמי־צער האט מיר א קוש געטאן". דאס האווקען פון די דארפס הינט האט זיך גוט געהערט און מיר האבען פארשטאנען, אז מיר זיינען ניט ווייט פון אונזער היים. די פייערלעך פון די קליינע קערעסינענע לעמפעלעך האבען געפינקעלט פון דער ווייטענס, ווי זיי וואלטען גערופען אונז אהיים. דאס דארף איז געווען איינגעוויקעלט אין שטילער נאכט רוה, נור דער גרויסער הונט סאקאל האט אונז בעמערקט און האט אנגעהויבען בילען. איך האב זיין פריינדשאפט באלד געוואונען און ער האט גענומען ענטשולדיגען זיך, אויף זיין הינטישען שטייגער דרעהען מיט זיין עק, ווי איינער זאגט: „איך האב אייך ניט דערקענט".

אין הויז וואו זי האט געדארפט אריינקומען איז געווען טונקעל.

— מיין שוועסטער שלאפט שוין, פיליכט פארדריסט איר וואס איך געה ארום אזוי שפעט. גוט נאכט!

און באלד האב איך דערהערט דעם ריגעל פון טיר. איך בין פאר א ווײלע געשטאנען צוטומעלט, און באלד בין איך מיט קוים געהענדע טריט אוועק צו מיין הויז וואו נאך א ווײלע טראכטען און קלערען בין איך איינגעשלאפען אין זיסע חלומות און פאנטאזיעס.

פערטער קאַפּיטעל

זמיטרוכע האָט ניט געוואוסט וואס מיט מיר איז געשעהן. ער האָט ניט פארשטאַנען מיין איבערקערעניש. ער האָט דערפילט אז איך בין אַן אנדער מענש געווארען, נור וואָס איז די אורזאכע האָט ער ניט געוואוסט. אין זיך האָב איך פארשטאַנען אז איך באַגעה א פארברעכען געגען דעם אַלטען פילאָזאָף ווי איך האָב איהם געראַפּען. אָט דער מענש וועט געווים ווערען ענטוישט און וועט אוועקגעהן צו זיין אַלטער פילאָזאָפיע, און דאָס האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב פּשוט ניט פארגינען דעם גלח טיראן ער זאָל איהם האָבען פאר זיינעם א תלמיד. ער, דער אַלטער קען זיין א נוצליכער מענש פאר דער נייער מענשהייט, וואָס איז נאך ניט קלאָר פאר מיר, מיט דעם אונטערשייד וואָס איך האָב ניט מורא צו טראכטען און ער האָט שוין זיינע ווארצלען טיף איינגעפלאנצט אין זיך, און איך וויל זעהען צו בין איך אין קראפט זיי ארויסצורייסען און איבערפלאנצען אויף א נייעם באָדען. עס איז געווען א מין וועט מיט זיך אליין: קען מען א מענשען איבעראנדערשען ווען ער האָט שוין זיינע זיטען צומישט מיט זיינע בלוטען?

די קראפט פון ליבע איז שטארק, און ראנגלענדיג זיך א ווײַלע בין איך אוועק זעהען זמיטרוכע ביי דעם ברעג פון די גוואווענצעם וואו ער האָט זיינע גענז געפיטערט אין דעם פריהמארגען. פון דער ווייטען האָט ער מיך באגריסט.

— וואו ביסטו געווען, סאלאמאן? ווייסט דאך אז מיין קאפּ איז נאך רויה און איך האָב דארט צופיל פראגען. איך האָב מורא פאר צופיל געוויכט. מיר וועלען היינט פון דעם צאר סע־מיאנען ניט ריידען, ער איז פון קליינער וויכטיגקייט. מיר וועלען ריידען פון העכערע זאכען, פון טיפערע זאכען. איך האָב געטראכט פון מענשליכען הארץ: ווער רעגירט? דאָס הארץ מיט דעם מענשען אָדער דער מענש מיט דעם הארצען? איך בין געקומען צו דער פראגע, און איך גלויב אז די פראגע איז די וויכטיגסטע אין אונזער מענשליכען לעבען. ווייסט ווארום איך פרעג דיך דיזע פראגע? היינט און נעכטען, שטעהענדיג פאר דער איקאנע, איז מיר דער געדאנק געקומען: ווארום איז דער גלח ניט אריינגעגאנגען צו דעם ארעמען איוואנען צו באהייליגען זיין הויז? ער איז דאָך דער וואָס דארף אריינטראגען אַ הייליגע פרייד אין ארימע הערצער— ווייסט וואָרום? ווייל איוואן האָט איהם גארנישט געקענט געבען. איוואנס קינדערלעך ליידען הונגער און קעלט, און ער, דער גאטס געזאלבטער געהט ניט דא וואו מען בעצאָלט ניט. איז דאָס דערפאר?

— געווים, וואָס דיינקסטו?

זמיטרוכע האָט אַ קרעכץ געטאָן.

— פירסטו מיך ניט אראָפּ פון גלייכען וועג?

— ניין, איך ברייננ דיך צום מענשליכען פארשטאנד, דו זאָלסט מיט קלאָרע אויגען זעהען רעכט און אומרעכט.

— הייסט עס ביי דיר, אז גאָט איז ניט דער וואָס איז אויס־געמאָהלען אין דעם געשטאלט וואס שטעהט אין ווינקעל פון מיין אויבען אָן?

— גאָט איז דער פארשטאנד, דיין אייגען הארץ, און אויב דו ביסט גוט צו דיינע מיטמענשען, אט דאָס איז דער ריכטיגער גאָט אין וועמען דו דארפסט גלויבען. זעסטו ניט ווי מענשען וואָס געהען בארויבען און טויטען יענעם צלמ׳ען זיך איבער אום גאָט זאָל זיי געבען כוח בייצוקומען זייער קרבן? ווען אָט די חיות ווייסען אז זייערע הענט וועלען קיינמאל ניט ריין ווערען פון דעם פארגאָסענעם בלוט, וואָלטען זיי קיינמאל ניט בעגאנ־

גען דעם פֿאַרברעכען. וויפֿיל אַזעלכע חיות קומען אַרײַן אַ טאָג אין די טעמפּלען, אין די טויערען וואָס דו רופֿסט עס אַן הייליג־קייט. גײ, דערקען זיי, די מאַסקירטע בעסטיעס. האָסטו ווען פֿון דעם אַ טראַכט געטאָן? און דו, ווײַל זיי גייען מיט דיר אין איין קלויסטער האָסטו דעם גרעסטען צוטרויען צו זיי.

— גלויבען זאָגט דיר ניט אַז דו זאָלסט הרג'ענען און גזל'ענען. גלויבען זאָגט דיר אַז דו זאָלסט זײַן ערליך, ערליך און געדולדיג.

— אויף וואָס געדולדיג? פֿון דעם נעמען זיך אַלע צרות. איינער דענקט אַז ער האָט אַ רעכט און דער צווייטער — ניט. וואָרום? און דאָ קומט די קאַטאַסטראָפֿע. לאָמיר אויף אַ ווײַלע פֿאַרגעסען גאָט. מיר ווערען געבוירען אין אַ וועלט וואו גאָט איז אומבעוואוסט. מען ווייסט גאָר ניט פֿון אַזאַ זאַך ווי אַ גאָט. ווי וואָלטען מיר דאָרט געלעבט? דו וואָלסט מיך מער ליב געהאַט ווײַל קיינער האָט ניט געקענט זאָגען אַז איך בין בעסער פֿון דיר אָדער פֿאַרקערט, ווי דײַן גלח אָדער מײַנע ראַביים האָבען אין אונז אײַנגעפּלאַנצט. מיר וואָלטען ניט רעכטפֿאַרטיגט אַז יעדער מיט זײַן בייטש האָט אַ רעכט צו שמײַסען זײַן געגנער. מיר וואָלטען ניט געקומען צו די פֿינסטערע טעמפּלען און געפּרע־פּעלט אומבאַוואוסטע תּפֿילות. מיר וואָלטען גערעדט צו אונזערע הערצער, צו אונזער בעוואוסטזײַן וואָס דאָס איז דער אמת'ער גלויבען. דײַן גאָט רעכטפֿאַרטיגט דײַנע פֿאַרברעכענס, ווײַל דו ביסט פֿון אַן אַנדער גלויבען, מײַנער — אויך, און דער גלויבען איז דער אייביגער שונא פֿון דער מענשהייט, יעצט פֿאַרשטייסטו וואָרום איך בין געגען גלויבען? איך ליב שענקייט, ערליכ־קייט, נור ניט אין דעם זין פֿון אַ גאָט וואָס איך האָב זיך מיט איהם קיינמאָל ניט בעגעגענט. מיט מײַן האַרץ קען איך ריידען, דאָס איז מײַן געוויסען, און אויב מײַנע הענט זײַנען רויט פֿון מענשליכען בלוט קען זיי קיינער קיינמאָל ניט אָפּוואַשען. ווייסטו וויפֿיעל גלויבענס עס איז דאָ אויף דער וועלט? יעדער גאָט האָט זײַן סטאַדע נאָכפֿאָלגער, און דיינקסטו אַז יעדער איז גערעכט צו זײַן גלויבען? ווייסטו אַז מענשען גלויבען אין קראָקאָדילען? זיי גיבען זיי לעבעדיגע מענשליכע קרבנות, מיט זייערע שאַרפֿע

ציינער פרעסען זיי זיי אויף. דיינקסטו אז דער קראקאדיל ווייסט ווארום עס קומט איהם אט דער לעבעדיגער מענש? און דיינקסטו אז די מיט־מענשען פילען ניט אז זיי האָבען געטאָן א הייליגע פליכט צו זייער גאָט, דעם קראקאדיל? זאָג זיי, אַז זיי זיינען אומגערעכט און זייער גאנץ פאלק וועט אויפשטעהען געגען דעם גאָט פארלעצער.

זמיטרוכע האָט געווישט מיט זיין לאנגער לייווענטענער העמד זיין צושוויצטען שטערען, זיין פנים איז קיינמאָל ניט געווען אזוי פערפלאמט ווי יעצט, קענטליך, אז ער האָט דורכגעלעבט שווע־ריגקייטען. די סטאדע געגנז איז ווייט אוועק פון איהם און ער האָט גאָר וועגען זיי אין דעם מאָמענט פארגעסען.

— מיינע געדאנקען לויפען צו שנעל איך זאָל דיר קענען עפעס פרעגען און ענטפערען — איך פיהל א שרעקליכע מידקייט.

אנשפארענדיג זיך אויף זיין שטעקען איז ער אוועק בריינ־גען זיין בעליבטע סטאדע.

— איך וועל באלד זיין צוריק — האָט ער פון דער ווייטענס אויסגעשריען.

קענטיג אז ער האָט באטראכט זיין אוועקגעהן פאַר אַן אומרעכט, און באלד האָט ער זיינע געגנז צוגעבראכט נאהענט צום פלאץ וואו מיר זיינען פריער געזעסען און דעבאטירט.

— הייסט עס, אז איך בין געווען א נאר אלע מיינע אכציג יאהר? וויפיעל יאהר קען איך זיין קלוג? נאך אלעמען וויפיעל קען איך נאך לעבען? און יעצט ווען מיינע געדאנקען זיינען אנגעלאדען ווי א שווערער וואגען, איך וויים גאר ניט אויב איך וועל זיין בכח ארויפצוגעהן אויף דעם בארג וואוהין איך וויל קומען, איז ניט א מענשענס נארישקייט איבערצוקלייבען זיך פון דער וועלט אויף אן אנדער וועלט? גלויב מיר אז אזוי קוקט מיר אוים. איך דארף אלעס אין מיר פארניכטען און איינפלאנצען נייעס. מענשליכע געוואוינהייטען זיינען שטאַר־קער ווי איבערצייגונגען. איך שטעה שוין ניט אזוי פיעל אויף מיינע קני פאַר דער הייליגער איקאנע, נאר ווען איך געה פארביי, דוכט זיך מיר אז זי בעט זיך: ווארום האסטו מיך פערלאזען? און עס לאזט איבער א שטארקען איינדרוק אויף מיר. ווער

זיינען די מענשען וואָס גלויבען אין די קראָקאָדילען?

— דאָס זיינען מענשען פון דער געלער און שווארצער ראַסע.. זיי גלויבען אַז גאָט האָט זיך צו זיי אַנטפּלעקט איידער די וועלט האָט נאָך געוואוסט וואָס אַזוינס אַ גאָט איז, און זיי זיינען די אמת'ע געזאַלבטע, און די אַנדערע גלויביגע זיינען גאָר נאָכקרימער.

— ווייסט אַז ביז היינט האָב איך פון דעם ניט געהערט. היינט, צום ערשטען מאָל, ענטפּלעקט זיך פאַר מיר דער נייער גלויבען, וואָס איז אַזוי טיראַניש, שרעקליך!

— יעדער גלויבען איז טיראַניש. קיין זאַך האָט ניט פאַר־ניכטעט אַזוי פיעל מענשליכע לעבענס ווי רעליגיע, ווי גלויבענס אין פאַרשידענע געטער. גאַנצע פעלקער זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען אין דעם נאָמען פון גאָט, און וואָס מער שלאַכטעריי אַלץ מער האָט דער צאַר, אָדער יענער, גערעכטפאַרטיגט דעם זעלבען גאָט. רעליגיע איז ערגער ווי כאָלערע, ווי וועלכע עס איז קראַנקהייט וואָס איז בעוואוסט דער וויסענשאַפט. מיך עקעלט פון די וואָס קוילען יענעם מיט דער צושטימונג פון אַ גאָט.

איך האָב אויפגעהויבען הויך מיינע הענט און האָב מיט אַ הויכען אויסגעשריי אויסגערופען.

— מיט דער זעלבער שטראָף וועסטו פאַרניכטעט ווערען.

איך האָב זיך באַלד בארוהיגט. וועמען שרעק איך דאָ, איז ער דאָ אָדער ניט? איך האָב זיך געפּרואווט בארוהיגען.

די זון האָט בלאָס אָראָפּגעקוקט פון איהר הויכקייט דורך די גרויע וואָלקענס רויך. אין דעם מאָמענט האָב איך געזעהען איהר גראַנגעל מיט די שווערע וואָלקענס וואָס פאַרשטעלען איר גאַנג. אין מיין גאַנצען געשפּרעך האָב איך זיך ניט דערמאָנט אין נעכטיגען אָווענד, וואָס איז געווען אַזוי צויבערהאַפט. מיין האַרץ האָט געפילט דעם פייער פון ליבע, די ביינקעניש, נור דער האַס צו אונגערעכטיגקייט האָט פערדונקעלט דעם ליבעס פלאַם.

איך וועל זי זעהן שפּעטער ווען נאַכט וועט קומען, זי וואַרט געוויס. נאָך אַלעמען דאַרף איך זיין אינטערעסאַנט פאַר איר. איך אַנטפּלעק איר אַזוי פיעל וויסענשאַפט וואָס איז איר ביז

יעצט געווען אומבעקאנט. זמיטרוכע האָט זיך געקליבען טריי־בען זיינע גענז אהיים. ער האָט אימער געוואוסט די צייט נאך דעם זון אונטערגאנג, און די גענז אליין האָבען גערעדט ווי זיי וואָלטען זאָגען: גי־גי־גי, אהיים, אהיים. דער שטעקען איז געווען זייער וועג ווייזער. מיט איהם האָט ער רעגירט איבער זיין קעניגרייך. איך האָב איהם באגלייט ביז דעם דארף, און האָב איהם געוואונשען א גוטע נאכט.

— וועלען מיר זיך מארגען ווידער טרעפען?

— איך וויים ניט אויף זיכער, איז געווען מיין ענטפער.

אנגעלאדען מיט אומעט בין איך געגאנגען מיין וועג אהיים. איך וויים ניט וואָס האָט מיין הארץ שווער געמאַכט. אפשר איז דאָס דערפאר וואָס גרויע וואלקענס האָבען באדעקט דעם פארנאכטיגען הימעל? איך האָב דערפילט טראפּענדלעך פון א רעגען, און ביז איך בין אריין אין הויז זיינען מיינע קליידער געווען גאנץ נאסליך. אין אזא מוט האָט זיך מיר ערגעץ ניט געוואלט געהן. איך בין דעם אווענד געבליבען אין דער היים. לאנגע שטונדען בין איך געזעסען ביי די פארווינטע שויבען און האָב ארויסגעקוקט אין דער פינסטערניש, אהן א ציל, אָהן א פאַרוואָס. דער זייגער האָט זיינע שטונדען געשלאָגען, און ווען איך האָב איבערגעציילט איז שוין געווען צוועלף, און באלד האָט זיך דערהערט דאס קרעהען פון האָן, קו־קו־רי־קו, און באלד האָבען די אנדערע הענער געענטפערט, קו־קו־רי־קו. מיינע וויעם האָבען זיך גענומען קלעפּען און איך בין באלד געגאנגעז שלאָפען.

אויפגעוועקט האָט מיך דער פריהמארגען זונען שטראהל. ער האָט ליכטיג ארייגגעקוקט אין מיין פּנים און ליבליך געשמייכעלט, ווי ער וואָלט זאָגען א גוט מארגען. אן דעם פארגאנגענעם שווערען געמיט האָב איך אין גאנצען פארגעסען. שנעל, ווי פון אן אומבאַוואוסטען כח געטריבען, בין איך אויפגעשטאַנען, באלד זיך אנגעטאָן, און בין געווען אין דרויסען.

די ערד, בוים און גראָז זיינען געווען אפּגעפרישט פון דעם רעגען וואָס האָט אנגעטרונקען אלעם וואָס איז געווען אזוי דורשטיג. די פייגעלעך האָבען פרייליך געזונגען און גע־

טוויטשעט, געזוכט ווערעמלעך וואָס דאָס וואַסער האָט ארויס־געטריבען פון דער פייכטער ערד. דער האָהן מיט זיינע הינער האָבען זיך גערויעט אין דער פייכטער ערד, מיט זיינע פליגעל האָט ער ארומגעטאַנצט ארום איינער פון זיינע דאמען. דער טאָג האָט געצייגט צו זיין אַ הייסער, די זון האָט מיט איר גאַנצען מארגען ברען אראָפּגעשיקט איהרע זודיגע שטראַלען. אין דעם מאָמענט האָב איך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן אדער וואו צו געהן. איך וועל לעזען אַ ווײַלע, האָב איך בעשלאָסען, און בין באַלד אריין אין הויז נעמען דאָס ביכעל וואָס איך האָב געוואָלט יעצט לעזען.

אין דארף האָט זיך שוין געטומעלט. די פויערטעס מיט די קאַראַמעסלעך און עמער אויף די פּלייצעס זיינען געלאָפען צו די ברונימער שעפּען וואַסער. די בהמות האָבען געראָעוועט. זיי האָבען זיך געריסען אין פעלד, צו דעם אפּגעפרישטען גרינעם גראָז, און דער פאַסטוך מיט זיין טרובע, ווי אימער, האָט אַנגע־זאָגט, אַז ער איז פאַרטיג פאַר'ן פעלד. „זייט גרייט!״ האָט זיין טרובע דורך אַ געוויסען סיגנאַל אָנגעזאָגט. מיט אַ סקריפּ האָבען זיך די טויערען געעפענט און די בהמות האָבען זיך גע־שטופּט יעדע פאַראויס און געגאַנגען אין וועג צום פעלד צו. אין אַ טאָג אַזאַ, ווי היינטיגער, וואָלט איך געוואָלט זיין ערגיץ וואו אין שאָטען, אין וואַלד, לעבען וואַסער, און אין דעם מאָמענט איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז איך וועל איר פאַר־לעגען צו געהן צו דעם טייך ביסטרע, דאָרט איז אימער קיהל. זי וועט זיך דאָרט באַקענען מיט אַן אומבעוואוסטער וועלט וואָס איז טיף און רוישיג.

דער טייך ביסטרע איז געווען מיין ליבלינג. יעדער זאַך וואָס איז דאַ אויף דער וועלט איז געווען דער אפּשפּיגעל אין דיזען טייך. ער האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין זאַך, מער נישט ווי מיט דעם וואָס אויפ'ן גרונט האָבען געציטערט מיליאַנען שטיינדעלעך. יעדער שטיינדעלע האָט זיך בעוועגט און איז פון פּלאַץ ניט אוועק. ווער זיינען דיזע שטיינדעלעך? ווארום ציטערען זיי זייער אייביקען ציטער? און ווארום גיבען זיי ניט קיין געמיינשאַפטליכען שפּאַן? וואָרום געהען זיי ניט

אוועק פון דער אייביגער וואקלעניש? ווער האט זיי פארשאלטען מיט דער קללה פון ציטערען? און אפט פלעג איך זיי צוגלייכען צו מיין אייגען הארץ. מיר האט זיך געדאכט אז מענשען אזעלכע ווי איך האבען זייערע הערצער ארייננגעווארפען אין דעם טייך, און זיי זיינען פארגליווערט געווארען אין דיזע ציטערדיגע שטיינדעלעך.

אין דעם לויפענדען וואסער פלעג איך אפט ארייינקוקען און זוכען דארט מיין ציטערדיק הארץ וואס איז פארוואנדעלט געווארען אין א ציטער־שטיינדעלע. ווער ווייס וויפיל אזעלכע אומרוהיגע הערצער ליגען דא? מיליאנען שטיינדעלעך — מיליאנען הערצער.

איך בין קיינמאל פון דארט ניט אוועק ביז נאכט איז געקומען, ביז די זון האט איר ליכט פארלאשען. דארט הינטער די הויכע סאסנע בוימער, מער פון אלע צייטען פון טאג, האב איך געליבט צו קוקען אויף דיזע שימערירענדע שטיינדעלעך, אין דעם פארנאכט, ווען די זון הייבט אן אראפגעהן פון מיטען — פון הימלישען רוים, פארנאכט פלעגט זיין אינטערעסאנט דער שפאציר אהיים. האב איך געציטערט פאר די שווארצע בוימער שאטענס וואס האבען אזוי רוישיג געפרעפעלט און אפט געקרעכצט, ווי א מענש ווען ער איז אין וויטאג. די העזעלעך פלעגען זיך ארויסלאזען אויף דעם וועג וואס האט געפירט צו איזערישצע. מיט גרויס פארזיכטיגקייט פלעגען זיי ארומקוקען דעם וועג, ווי זיי וואלטען מורא געהאט פאר אן אנקומענדען שונא וואס קען זיי פארניכטען. דאס העזעלע, באמערקענדיג אז איך קום, פלעגט פון וועג אפלויפען אין געדיכטען וואלד.

אין די דארפישע שויבען האבען זיך די לאמפ פייערלעך בעוויזען און האבען געוואונקען צו זיך. דער זייגער איז שוין געווען צען ווען איך בין געגאנגען אהין וואו די מיידעלע איז. איך האב ניט געוואוסט וואס זי וועט טאן היינט. פיליכט האט זי עפעס אנדערש צו טאן ווי געהן מיט מיר צו דעם טייך ביסטרא. פיליכט וועט איר שוועסטער איר פארווערען צו געהן אזוי ווייט פון דער היים. נור ערגער פון אלעם קען זיין אז זי וועט זיך

ענטזאַגען פון מײן פאַרשלאַג. נאָך פון דער װײטענס האָב איך דערזעהען װי זי רופט מיך מיט איר צאַרטער קינדערשער הענ־טעל.

— איך האָב אויף אײך געװאַרט, סאַלאָמאָן. װאָרום זײט איר אַזוי שפּעט? איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ תירוץ צו זאָגען עס זאָל אויסקוקען גלאַטיג.

— איך האָב געלעזען זעהר אַ גוטען בוך, און איך האָב איהם ניט געװאָלט איבערלאָזען אין מיטען פון דער שעהנער ערציילונג.

— און איך האָב געמיינט אַז איך בין אײך מעהר אינטערע־סאַנט װי אַ בוך?

— געוויס, האָב איך געזאָגט.

אבער איך האָב ניט געוואוסט וױ צו האַנדלען.

—נאָך אַלעמען קען איך דיך בלויז אַ קליינע ווײלע, געוויס וועסטו מיר פאַרגעבען?

—וואוהין ווילט איר געהען, סאַלאָמאָן. איר ווייסט דאָך וואו ס'וועט מיר זײן מעהר אינטערעסאַנט.

— איך וואָלט געוואָלט געהן צו דעם טײך ביסטרא.

— וואוהין ווילט איהר געהן, סאַלאָמאָן? איהר זייט דאָך באַקאַנט מיט אַלעם, און דאָס וואָס איהר דענקט איז אינטערע־סאַנטער, בין איך איינשטימיג מיט אייער מיינונג. ווי ווייט איז צו דעם טײך ביסטרא?

— אַ פיר ווערסט.

— ס'איז אַ ווײטע שטרעקע, נור איר זאָגט אַז ס'וועט זיין אינטערעסאַנט פאַר מיר וועל איך געהן מיט אײך צו דעם טײך, וואָס איהר זייט באַגייסטערט אַזוי, נאָר איך בעט אײך אַז מיר זאָלען דאָרט ניט זײן שפּעט, וואָרום מיין שוועסטער איז זעהר אומרוהיג, ווען איך קום ניט שפּעט אין אָווענט אַהיים.

דורך די שטויביגע וועגען, דורך די בלאָטיגע פעלדער זיינען מיר ביידע געגאַנגען דעם וועג צום טײך. מיר זיינען געקומען נאָהענט צו דעם גרויסען סאָסנאָוועץ וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגען ביז צום טײך, צו די גרויסע סאָסנאָווע בוימער וועלכע זיינען שטאָלץ געשטאַנען

אונטער דעם בלויען הימעל מיט דער צופלאמטער זון, וואָס האָט נור געקענט בעקושען זייערע קעפּ, האָט ניט געקענט דורכ־ברעכען די געדיכטע צווייגען און איז אויסגעלאשען געוואָרען דאָרט אויף זייערע קעפּ. אין דעם געדיכט בעוואקסענעם וואלד האָט דער קיהלער שאָטען געוועלטיגט. ער האָט די זון צו זיך ניט צוגעלאָזען, ווי זי וואלט געווען זיין שונא. דאָ איז קיהלער, די גרויסע בוימער פארשטעלען די זון, אונטער זייערע צווייגען ליגט אימער דער שאָטען.

פייגעלעך זיינען געפלויגען הין און אהער, און פארשיע־דענע טוויטשעריען האָט מען געהערט פון די בוימער צווייגען.

— זעה, האָט זי פּלוצלינג אויסגערופען, אנצייגענדיג אויף א העזעלע וואָס האָט געוואלט אריבערלויפען דעם וועג.

— ווערסט זעהן, האָב איך איהר געזאָגט.

איך האָב א געשריי געטאָן. דערשראָקען האָט זיך דאס העזעלע, אוועקגעשטעלט אויף זיינע הינטערשטע פיסעלעך, מיט זיינע גרויסע אויערען האָט ער זיך צוגעהערט צו אונזערע פאר־שנעלערטע טריט. ווען מיר זיינען געווען נאהענט צו איהם איז ער מיט אימפּעט אנטלאפען אין וואלד.

— זיי זיינען דא פיל?

— געווים זיינען זיי דא פיל, דער וואלד איז זייער היים, ווי די שטאָט אדער דארף פאר אונז.

זי האָט א לאנגע צייט גערעדט פון דעם אנטלאפענעם העזעלע, געוואלט וויסען וואו ער שלאָפט באנאַכט און ווי ער לעבט אין ווינטער, ווען שנעע בעדעקט די פעלדער.

— זעהסט אט דעם העזעלע, יעצט איז ער געלבליך, ווינ־טער ווערט ער ווייס ווי ערשט געפאלענער שנעע. אין גאר די גרויסע פרעסט גראבט ער אונטער דעם שנעע און לעבט אויף דעם גרינעם קאָרן גראז, דאָרט פילט ער זיך געזיכערט און ווארים. יעדע זאך האָט איהר אייגען ארט לעבען. זעסט דאס וואסער וואס לויפט אריבער דעם וועג, דאס איז פון א קוואל וואָס ווערט פארגעטערט פון די דארפסמענשען. זיי גלויבען אז דער קוואל וואסער איז א הייליגער, וואס היילט קראנקהייטען. זעסט אט די ציטענע סטעגנגעלעך אויף די צווייגעלעך ארום, דאָס איז דער

אנזאג אז זײ זײנען דא געווען און האָבען געוואשען די וואונדען אָדער דעם מום, און די הילף וועט שוין קומען. פיעלע לעגענדעס זײנען געווען פארשפרייט וועגען דעם הײליגען וואסער, און פילע פלעגען דערצעהלען אז זײ זײנען געווים געהאָלפען געוואָרען.

— גלויבט איר אין דעם, סאלאמאן?

— אויף גוט ווילט זיך מיר גלויבען, ווען אפילו איך ווײס אז דאָס איז נור אן אבערגלויבען. די קראפט פון צוטרוי איז דער בעסטער דאקטאר. מיר זײנען ניט ווײט פון טײך, האָב איך א זאָג געטאָן.

איהר נײגעריגקײט איז געוואָרען גרעסער.

די גרינע לאנקעס האָבען זיך בעוויזען און וואסער פײגלען האָט מען געקענט זעהען פליהענדיג מיט ברײט צושפרײטע פליגלען.

— דו זעהסט? אָט דאָס איז די טשאיקא פויגעל וועגען וועלכע מען זינגט אפט אין די רוסישע לידער.

—איך האָב אלע מאָל זיך געוואונדערט ווי דער פויגעל קוקט אויס. איך ווײס פילע לידער פון דער טשאיקא, און עס איז מיר גוט צו זעהן זי.

דער שאטען פון די בוימער איז פארשוואונדען און די ווארעמע זון האָט ווידער גענומען קושען אונזערע פנים׳ער.

— זעהסט, אָט איז דער טײך.

— מיט מער קראפט האָט זי אנגענומען מײן האנט און געאײלט האָט זי מיך מיטגעשלעפט צו דעם לויפענדען וואסער וואָס האָט זיך אפגעשפיגעלט אויף דעם גרויען אפגרונט.

— מיר וועלען רוהען א ווײלע.

— געווים האָב איך געענטפערט, איך וויל זיך בערוהיגען. יעדעס מאָל וואָס איך געה דורך וועלדער און פעלדער וויקלען זיך פונאנדער געדאנקען וואָס איך קען זײ פאר א ווײלע ניט פאַרצווײגען. איך קען זײ ניט פאַרבינדען, מוז איך זײ געבען רוה, און רוה קען איך זײ נור געבען ווען איך ווער רוהיג. אינ־טערעסאנט צו זיצען דא בײ דעם ברעג און צו קוקען ווי דאָס וואסער לויפט. וואָס לויפט עס? וואוהין לויפט עס? אַלע

מאָל געאיילט, ווי עס וואָלט דארפען אנקומען ערגעץ אין צייט. וואו קומט אהין דאָס וואסער? וואו קומען אהין זיינע טראָפענדלעך? איך וואָלט געוואלט זיי פרעגען די שטראָמען, די טראפענדלעך, וואוהין קומען זיי אהין אין דעם ענד פון זייער לויפען? מיט וואָס און מיט וועמען גיסען זיי זיך צוזאַמען? אין וועלכען אפגרונט פאַלען זיי אריין? איז דאָרט זייער אייביגקייט? אך, ווען איהר וואַסערען קענט ריידען די זעלבע ווערטער וואָס האָבען זיך מיר געוואָלט פרעגען.

ביידע שטום און פארקלערט זיינען מיר געזעסען, מורא האָבנדיג צו פרעגען איינס דאָס אנדערע וועגען עפּעס אנדערש וואס איז געקומען פאר אונזערע אויגען.

— איהר ווייסט — האָב איך זיך אָנגערופען — אז דאָ קלאַפּט דאס האַרץ שטארקער, עס דערוועקט אין דער נשמה אזעלכע פראגען וואָס ביז אהער זיינען זיי געווען שטום פאר מיר. קענט איהר מיר אנטפּלעקען וואוהין דאס וואסער לויפט? און וואו קומט עס אהין? איר זייט דאך געווען ווייטער פון דאנען, דאָרט וואו דער טייך פאלט אריין אין יענעם ברייטען טיפען וואַסער. איהר ווייסט אז די אנגעקומענע געדאנקען האָבען צו־שרויפט, צוקלאפּט מיין קינדערשען פארשטאַנד. מיין לעבען קוקט איצט אויס אנדערש ווי ערשט ניט לאַנג צוריק. וואוהין לויפט דאָס וואַסער ? וואו קומט עס אהין? איז עס ניט ענליך צו אונזערע לעבענס? מיר לויפען, מיר זיינען געקומען, און דאַן וואוהין?

מיינע פאנטאזיעס האָבען מיך געטראָגען צו דעם ניט געזעהענעם וואסער, געקומען אהער, ווילט זיך מיר זיין אנדערש. וואוהין לויף איך? און וואוהין דערלויף איך? איז ניט אַן אפּגרונט דער געלויף? דער אנקומען?

— אַך, האָט זי א ציטער געטאָן מיט איר גאנצען קינדערשען קערפּער. ווילסטו אריבערגעהן דעם טייך?

—דו וועסט זיך מוזען אנהאַלטען שטארק אן מיר, ווען ניט — זעהסטו וואו ער וועט דיך פאַרטראָגען?

איך האָב אנגעצייגט אויף דער ברייטער און טיפער אזערע. באַלד האָט זי אויסגעטאָן איהרע שיך און האָט אָנגעהויבען

ארײַנגעהען אין דעם שטראָמיגען וואַסער. איהרע פיס האָבען אויסגעקוקט ווי די לאַפּקעלעך פון אַ שווימענדיקער ענטעל. זי האָט זיך געטוליעט צו מיר און האָט אַפּט אַרויסגעשריען:

— האַלט מיך, איך וועל פאַרשלעפּט פון די שטראָמען.

איך האָב איהר געצייגט אויף שימערירענדע שטיינדעלעך וואָס האָבען זיך פיבעריש געצאַפּעלט אויף דעם גרויען אָפּגרונט.

— אַך, ווי שעהן זיי קוקען אויס אין זייער ציטער. טוען זיי אימער אַזוי?

— ווי ווייט איך ווייס.

זי האָט אָפּט געלאַכט, אָפּט געשריען מיט אַ וויינענדיגען קול: „איך פאַל אַנידער אין דעם לויפענדיגען וואַסער!״

איך האָב געלאַכט פון איהרע גרימאַסען. גלייך אַריבער־געהן דעם טייך איז געווען אונמעגליך. דו האָסט געמוזט דיין וועג ענדיגען ווייט צו לינקס.

אויף דער אַנדערער זייט טייך איז געשטאַנען אַ פּויעריש שטיבעלע מיט עטליכע קליינינקע שטעלכעלעך, ניט ווייט פון דער אָרעמער שטיבעלע. דאָרט האָט געוואוינט אַלע זיינע יאָה־רען דער פּויער וואַסקאַ מיט זיין ווייב און קינדערלעך. זיין לעבען האָט ער געמאַכט פון פיש פאַנג און אויך פון דאָס ביסעל אָרימע ערד וואָס איז געווען אַרום. אין הערבסט און אין פריהלינג פלעגט ער, מיט אַ קליין שיפעלע, אַריבערפיהרען מענשען איבערען וואַסער און דערפאַר פלעגט ער קריגען אַ פּאָר קאָפּיקעס.

אַלע אַרום האָבען געקענט דעם פּויער וואַסקען, און מען האָט איהם גערופען וואַסקע דער מוטצער נאָך דעם טייך נאָך. ביסטראַ איז געווען בלויז אַ צונעמעניש, ווייל ביסטראַ האָט געהייסען שטראָמיג.

— ווילסטו געהן מיט דעם זעלבען וועג אַהיים, אָדער ווילסטו געהן פאַרביי דער אַזערע? דער וועג דורכ'ן דאָרף זאַ־זעריע האָט זיך זיינע שעהנקייטען, דורך געדיכטע און סאַסנאַוועס בוימער וועלען מיר דאַרפען געהען עטליכע וויאָרסט, און דער נאָך פאַרביי אַ גרויסער אַזערע דורך פעלדער און בערג און דער נאָך צו אונזער אָרעמען דאָרף.

— וועלכער וועג איז דער נעהענטסטער? האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן.

— דער וועג וואָס האָט אונז געבראכט אהער.

— מיט דעם זעלבען וועג וועלען מיר געהן אהיים. זאָל בלייבען דאָס ניט געזעהענע אויף שפּעטער, און איך וועל ערווארטען דעם אנקומענדען טאָג מיט מעהר אינטערעס.

— ווילסטו דורכגעהן דעם טייך ווי פריער, אָדער ווילסטו אז וואסקא זאָל אונז אריבערפיהרען מיט דעם שיפעלע?

— וועט ער דאס טאָן פאר אונז?

— געוויס.

מיר זיינען ביידע צוגעגאנגען נאהענט צו זיין שטיבעלע. בעמערקענדיג אונז ביידען איז ער געקומען אונז אנטקעגען, און האָט אונז געפרעגט צי מיר ווילען אַ שיפעלע דעם טייך אריבערצופאהרען.

פאראויס איז ער געגאנגען זיין וועג דורך אַ שמאלער סטעזשקעלע אהין וואו דאס שיפעלע איז געשטאנען געבונדען צו אַ סלופּ, זיינע צוויי וויאסלען האָט ער מיטגעבראכט אויף זיינע פּעטע, ברייטע פּלייצעס.

— געהט אריין, האָט ער אנגעצייגט אויף׳ן שיפעלע — זיצט! — האָט ער באפוילען.

די ברעט וואָס האָט געדינט צום זיצען איז געווען פייכט. באשקע האָט זיך אַ קרים געטאָן. וואסקא האָט באמערקט איהר אומצופרידענהייט.

— דאָ איז ניט די שטאט, פאנענקא, דאָ לעבט מען ווי מען קען.

זי האָט פארשטאנען וואָס ער מיינט און שטיל איז זיך דאס שיפעלע געשוואומען צום ברעג וואו מיר זיינען אנגעקומען פריער מיט אַ שעה.

ניט איינמאָל האָט דאס שיפעלע אַ ציטער געטאָן און איז געגאנגען אנגעבויגען אויף אַ זייט. אַ שטילער אויסגעשריי האָט זיך געהערט פון איהר פארשטיקטען אטעם. מיט געקלאמערטע הענטעלעך האָט זי זיך אנגעהאלטען אָן מיר. איך האָב געפילט איר ציטער. דאס שיפעלע איז צוגעשוואומען צום ברעג, ניט דא

וואו מיר זײנען אַריבער פריער, גאַנץ ווײַט פון יענעם פּלאַץ. דאָס וואַסער דאָ איז געווען טיפער און ברייטער. מיר זײנען געווען נאָהענט בײַ דעם מויל פון דער טיפער אַזערע, וועגען וועלכער מען פלעגט דערצעהלען טויזענדער לעגענדעס.

מיט אימפּעט איז זי אַרויסגעשפּרונגען פון שיפעלע און האָט היסטעריש גענומען לאַכען. טרערען האָבען זיך בעוויזען אויף איהרע קינדערשע בעקעלעך. איהר צערטליכקייט צו מיר איז געוואָרען גרעסער.

— ביסט געווען דערשראָקען? האָב איך איהר געפרעגט.

— יאָ, איך בין געווען, איך האָב אַזוי מורא געהאַט פאַר דעם שוואַרצען אָפּגרונט, איך האָב אין איהם געזעהען מיין שאָטען. ווי ער האָט מיך גערופען צו זיך, איהר ווייסט ניט ווי איך האָב געציטערט אין יענע מינוטען. אין דיזע מאָמענטען האָב איך געפיהלט אַז מיין לעבען איז מיר אַזוי טייער.

איך האָב וואַסקען געגעבען פינף קאָפּיקעס פאַר וועלכע ער האָט מיר באַדאַנקט מיט אַ טיפען נויג פון אונ־טערטעניקייט. דער געזונטער פויער וואַסקע איז אַריין אין שיפעלע און איז אַוועקגעשוואוּמען צו זיין ברעג, צו זיין שטי־בעלע. דער פרעהליך קינדערשער געמיט איז צו אונז ניט געקו־מען אין דעם מאָמענט. ביידע פאַרטראַכטע האָבען מיר אָנגע־הויבען געהען אונזער שטילן גאַנג צו אונזער היים. וואָס עס האָט אַריינגעגאָסען אומעט אין אונזערע הערצער האָבען מיר ניט געוואוסט. שווייגענדיג זיינען מיר אָפּגעגאַנגען אַ ווייטע שטרעקע, קוקענדיג אויף ביידע זייטען וועג וואס איז געווען אַזוי פיל־פאַרביג. דאָ איז געשטאַנען אַ ריזען בוים. זיין גרין בע־וואַקסענער קאָפּ האָט זיך געשפּילט מיט דער פלאַמיגער זון. און ניט ווייט פון דעם בוים, אַ קאַרליק בוים, קרום און פאַרדאַרט ווי אַ געוויסע קראַנקהייט וואָלט געפרעסען זיין קערפּער, און יעדער בוים פון אַרום וואַרפט זיין אָפּפאַל אויף דעם קראַנקען געפאַלענעם בוים.

ווארום איז דאָס אַזוי? ווארום וואַקסט דער בוים און בליהט, און דער אַנדערער ווערט צופרעסען? ווער האָט דעם

בעשאַנקען און ווער האָט דעם בעשטראַפט? ניט דער משל פון בוים האָט אונז געבראַכט דעם אומעט, נור דער טיפער אַפּגרונט פון יענעם וואַסער וואָס איז די אייביגע שוואַרצקייט.

ווער ווייסט וואָס יענער טיפער אַפּגרונט בעדייט? — דאָס מענשליכע לעבען וואָס האָט ניט קיין גרונט, דער מענשליכער טויט וואָס האָט ניט קיין אָפּשפּיגעל אַפילו פון יענעם שאָטען. איך האָב זיך דערשראָקען פאַר מיין טיפען אומעט, און האָב צו איהר געזאָגט:

— וואָס בעדייט דיין שווייגען?

— איך ווייס ניט וואָס איך טוה יעצט, איך וויקעל אין א קנויל מיינע געדאַנקען אדער איך צוואַוויקעל זיי און צושפּרייט זיי אין דער וויסטעניש, האָט זי געענטפערט.

— ביסט דורשטיק? — האָב איך איר אַ פראַגע געטאָן. מיר זיינען ניט ווייט פון יענעם קוואַל וואָס היילט די קראַנקע.

— איך וועל שוין באַלד גלויבען.

שנעלער זיינען מיר צוגעלאָפען צו דעם קוועליגען וואַסער און מיר האָבען ווי דורשטיקע הירשען גענומען טרינקען דעם ריין קרישטאַלענעם וואַסער וואָס איז געווען קאַלט און געשמאַק. נאָך אַ ווײַלע פערטרייבענדיג דעם דורשט האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן:

— יעצט גלויב איך אַז דאָס וואַסער איז אַ הייליגער און היילט מענשען. איך אַליין בין געהיילט געוואָרען, איך פיל טויזענדער מאָל בעסער און מוטהיגער, און מיינע געדאַנקען זיינען אַנדערש ווי דאַן ווען מיין דורשט האָט מיך געוואָרגען. איך דענק אַז איך וועל אייך דאַרפען איבערלאָזען אַ לעגענדע, און באַלד האָט זי אַראָפּגענומען דאָס לענטעלע וואָס האָט גע־בונדען איהרע געקרויזטע לאָקען און האָט אויפגעהאַנגען אויף אַ צווייגעלע געגען יענעם ריינעם קוואַל וואַסער.

— זעהסט אַז מען קען גלויבען אין נאַרישקייט אַמאָל, נור ווען דו ווערסט געהאָלפען ווערט דאָס באַ דיר אַ הייליקייט.

דער שווערער אומעט איז פאַרשוואונדען און די שוואַרצע שאָטענס זיינען אָפּגעטראָטען זייער וועג ערגעץ ווייט, ווייט.

יעצט זײַנען מיר בײדע קינדער פֿול מיט לעבען און גלוסט. די קלאָװער בלומען און אַנדערע װאַלד בלומען װאָס זײַנען געװאַקסען נאָהענט פֿון זאַמדיגען װעג זײַנען געריסען געװאָרען פֿון אונזערע הענט, און ניט אײן מאָל האָט זי געװאָרפֿען אַ זשמעניע בלומען צו מיר, און אױף מײַנע טריט.

— זעהסט איהר סאָלאָמאָן, איך װאַרף בלומען צו אײַך, איך װאַרף בלומען אױף אײַער װעג.

— איך בין פֿון דעם זעהר צופֿרידען, װעסטו אימער אַזױ טאָן? און װײסטו װען אַט די שמעקענדע בלומען װערען פֿאַר־דאַרט און פֿאַרטריקענט, װערען זײ שטעקעלאַך און ריטעלעך און װערען צוטראָטען, צושפּרײט איבער דער װיסטעניש. אפשר לאָז זײ בעסער צו רוה און ניט װאַרף זײ אין מײַן װעג. זאָלען זײ בליהען פֿאַר אַנדערע אױך.

— הײַנט איז מײַן טאָג, און אין מײַן טאָג געװעלטיג איך איבער אַלעס, און דיזע בלומען זײַנען נאָר באַשאַפֿען געװאָרען נור פֿאַר מיר, איך זאָל דיר זײ װאַרפֿען אין דײַנע טריט.

— דו ביסט גערעכט, דאָ װאַקסען בלומען. אפשר װײַטער װאַקסען דערנער. דאַרפֿען מיר דעם װעג, דעם שטיקעל גאַנג, אױסנוצען נאָך דער באַגעגעניש און װאַרפֿען בלומען. דער שפּעטערדיגער װעג װער װײסט? װער װײסט?

— איהר װערט שױן װידער אומעדיג. גענוג געװען פֿאַר־זונקען אין אומעט.

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿאַראױס:

— אָט האָבען מיר דאָ געזעהען דאָס הײַזעלע. איך געדענק גענױ דעם פּלאַץ.

דאָס הײַזעלע איז טאַקע דאָ געװען, נור דער־זעהענדיג זי לױפֿענדיג האָט ער שטיל גענומען אָפּשפּרינגען דעם װעג. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט זײַן גרױ־געלבליך פֿעלכעל, זײַנע לאַנגע אױערען און זײַן קלײנינקען פּוכלינקען עק װאָס איז געװען װײס באַשנײעט.

— איר זעט? האָט זי מיט נײַגעריקײט געפּרעפּעלט צו מיר, איך װעל איהם ברײנגען עסען װען איך װעל נאָך אַמאָל

קומען אהער.

— ער וועט געווים ווארטען אויף דיין מאלצייט — האָב איך מיט א שמייכעל געענטפערט. מיט שטילע טריט זיינען מיר פארביי דעם העזעלע דורכגעגאנגען. א לאנגע שטרעקע האָט זי זיך אומגעקוקט און האָט גערעדט פון דעם העזעלע.

דער וואלד האָט אנגעהויבען רוישען. די צווייגען האָבען זיך גענומען בעוועגען ווי זיי וואלטען אויפגעשטאנען פון זייער שלאף, ווי די מעכטיגע פויגעל ווען זיי פליהען אין ווייטע וועגען. אויף דעם דורכזיכטיגען הימעל האָט זיך בעוויזען א וואָלקען וואָס האָט אנגעצייגט אז א רעגען וועט באַלד אראָפּ־קומען פון די הויכע, גרויע וואלקענס. מיר האָבען פארשנעלערט אונזערע טריט. געאיילט זיינען מיר געלאפען דעם וועג צו איזעריסצע, און פון דארט צו אונזער דארף. די פויגלען זיינען נידעריג צו דער ערד געפלויגען. ווי זיי טוען דאָס אימער ווען זיי דערפילען אז א שטורעם קומט אָן. זיי בעהאלטען זיך אונטער די געדיכטע צווייגען וואו דער נאסער רעגען קומט ניט אזוי לייכט צו. דער פויגעלשער כאר וואָס האָט אימער אפגעקלונגען מיט אַן עכא איז היינט פארוואנדעלט געווארען אין ווילדע טוויטשערייען, ווי די פויגלען וואָלטען אנגעזאָגט די אנדערע פייגלען אז א שטורעם קומט, זייט גרייט.

ארויסגעהן פון דעם פינסטער געווארענעם וואלד, האָבען מיר דערזעהען איזערישצע. די בליצען האָבען געשניטען די גרוי־שווארצע וואלקענס און דער דונער האָט זיך געקייקעלט, ווי די רעדער פון אַ וואגען איבער שטיינערנע וועגען.

געאיילט זיינען מיר געלאפען דעם וועג דורך די גרינע פעלדער וואָס האָבען דורשטיג געשלונגען דעם פאלענדען רעגען.

— מיין שוועסטער וועט געווים זיין אומרוהיג וואס איך בין ניטאָ אין דער היים אין דעם שרעקליכען רעגען.

זי האָט גערעדט מיט א פארכאפטען אטהעם:—איך בין מיד, האָט זי מיר א זאָג געטאָן.

מיר זיינען מער ניט געלאפען ווי פריהער. מיר זיינען געווען נאָהענט צו אונזער דארף, וואָס איז געווען איינגעטונקען

אין פּאַרנאַכטיגען נעבעל. אַרײַנקומענדיק אַהײם צו איהר שוועסטער, האָט זי האַלב בייזליך געזאָגט:

— ווייסט אַז עס איז ניט ריכטיג פאַר דיר אַזוי צו טאָן, נאָך אַלעמען וויל איך וויסען וואו דו געהסט אוועק אויף גאַנ־צענע טעג. איך וועל געוויס דערציילען דער מוטער וועגען דיין האַנדלונג, געדיינק!

זי האָט זיך ענטשולדיגט און האָט פערשפּראָכען מער דאָס ניט צו טאָן. איך האָב באַמערקט איהר שוועסטער'ס בייזען בליק און האָב זיך דערפילט ניט איינגענעהם. באַסקע האָט באַמערקט מיין אומעט און איז באַלד צוגעגאַנגען צו מיר.

— איך האָף אַז איהר זייט ניט בייז אויף מיר?

— געוויס ניט! איך בין דאַנקבאַר דיין שוועסטער וואָס זי גיט גוט אַכטונג אויף דיר, דאָס איז אַ שוועסטער'ס פליכט.

— נאָך אַוועגד־ברויט וועט איהר ווידער קומען אַהער?

— איך וועל זעהן.

מיט דעם ענטפער האָב איך פערלאָזען איהר הויז. דער וועג צו אונזער הויז איז געווען בלאָטיג פון דעם שווערען גוס רעגען. און ניט איין מאָל בין איך אַריין אין אַ קאַליזשע וואַסער וואָס האָט מיינע פיס געמאַכט נאַס און בלאָטיג. די מוטער איז געזעסען און האָט אַרויסגעקוקט דורך די נאַסע שויבען אויף מיר. זי האָט געוואוסט אַז איך האָב מורא פאַר דונערען און בליצען און ווען איך בין ניט געקומען אַהײם אין אַזאַ צייט האָט מיט מיר שרעקליכעס פּאַסירט.

— קינד מיינס! — האָט זי אויסגעשריען ווען זי האָט מיך דערזעהען אין טיר — וואו ביסטו געווען, זוהן מיינער, איך בין בייז אויף דיין האַנדלונג.

איך האָב דערפילט אַז איהר בינטעל שטראָף קומט אָן צו מיר. זי וועט געוויס מיך מוסר'ען און שטראָפען. מיין ענטפער איז געווען צו זיך אַליין, אַז יונגע ליבע איז שטאַרקער פאַר אַלטע שטראָף. מיין אוועגד ברויט האָב איך געגעסען ווי אַ באַשולדיג־טער, נור אין האַרצען האָב איך געוואוסט אַז איך בין גערעכט.

דער רעגען האָט א גאַנצע נאַכט ניט אויפגעהערט צו גיסען. דער ווינט האָט צארענדיג געבלאָזען און געריסען דעם דאך און קוימען. דעם פריה מארגען האָב איך דעם סאָלאווײ ניט גע־הערט זינגענדיג ווי אין אַלע שעהנע פריהמארגענס, אויך די אנדערע פייגעלאך האָבען שטום געשוויגען. דער פריהמארגען איז געקומען שפעטער ווי אימער, און א פוילקייט האָב איך דערפילט דאַן ווען דער טאג האָט שוין דורכגעשפרייזט א גרויסע שטרעקע. אין אזא טאָג איז געוועזן דאס בעט מיין בעסטער פריינד.. איך האָב געקענט ליגען שטונדען לאַנג און קוקען אויף דער סטעלי, און מערקען ווי שאָטענס שפילען זיך דארט מיט דעם אומעדיגען דרויסען, ווי פליגען שפילען זייערע ליבעס אויף דעם באַפינטעלטען פאַפיר.

דער זייגער איז שוין געוועזן צוועלף ווען איך האָב פארלאָזט מיין געלעגער. די גרינקייט פון די גראזען האָט זיך אפגעשפי־געלט שטארקער ווי אַלע מאָל. די גרעזעלעך האָבען דורשטיג געזופט דעם נאַסען טוי און האָבן געצויגען די העלזעלעך צום הימעל, ווי זיי וואָלטען געפילט אז דער רעגען איז נור פאַר זיי אנגעטרונקען צו ווערען און פרייליך צו זיין. דער וואָלקען האָט זיך געטיילט אין גרויסע אפגעזונדערטע בערג. וואו ניט וואו האָט זיך בעוויזען דער בלויליכער הימעל. דער שווארצער פויגעל איז ארומגעלאָפען געאיילט איבער דער נאַסער ערד און האָט ווערימלעך געשלונגען וואס זיינען פון דער נאַסקייט ארויסגעטריבען געווארען אויף דער אויבערפלאַך. ערגעץ האָט אַ קראה געשריען: קראה־קראה־קראה. דער האָן מיט זיינע דאַמען זיינען געאיילט ארומגעלאָפען איבער דער נאַסער ערד און האָבן קערענדלעך געקליבן, או ווען דער האָן האָט אַ קערענדעל געפונען, האָט ער מיט זיין מאַיעסטעטישע שטימע גע־רופען זיין דאַמע, און האָט איהר איבערגעגעבען זיין געפינס, און מיט זיין מעכטיגען פליגעל ארומגעדרעהט זיך ארום איר. ווי דאס וואָלט געווען זיין חופה. דאס קליינע אלכאַוואער וועל־דעל, וואָס איז געווען הינטער'ן הויז, איז אימער געווען בלאַטיג. די קליינע אלכע בוימער האָבען זייערע צווייגען ארונטערגעלאָזט

טיף צו דער שוואַרצער, פײכטער ערד. יעדען הערבסט פלעגען די פויערים פון דאָרף קומען מיט זײערע שאַרפע שווערע העק און אויסהאַקען די גרעבערע בוימער, און צום צווייטען יאָהר איז ער שוין ווידער אויפגעוואַקסען ווי ער וואָלט קײנמאָל ניט בערירט געוואָרען, און די פײגלען פלעגען זײערע נעסטען בילדען און פלעכטען ווי דאָרט וואָלט קײן זאַך ניט פּאַסירט.

דעם פײכטען נאַסען טאָג האָט זיך מיר געוואָלט אַרומ־בלאָנזען אין דעם בלאַטיקען וועלדעל, זעהן ווי די פײגעלעך בעשיצען זיך פון אַן אַנקומענדען שטורם. איך האָב אַרײנ־געקוקט אין פײגעלע נעסטען. דער שטורם האָט זײער הײם ניט צושמעטערט, בלויז די מוטער פויגעלע איז געווען נאַס און פאַר־טרויערט. די קינדערלעך זײנען געזעסען רוהיג, מיט אָפענע מײלעכלעך און געוואַרט אויף זײער שפּײז.

פינפטער קאַפּיטעל

דעם טאג האָב איך ניט געזעהן זמיטרוכען און ניט באַס־קען, און איך ווייס ניט וואו מיין באגער איז געוועז, מיר האָט זיך אַנדערש געוואָלט לעבען ווי נעכטען. עפּעס אַן אנדער שטימונג איז געקומען אין מיין הארצען און נשמה. איך ווייס אליין ניט וואָס אַזאַ שטימונג האָט באַדייט. איך ווייס אַז איך בין געוועזן קרענקליך געשטימט, און מיר דוכט אַז איך האָב קיינעם ניט געוואלט זעהען. איך וואָלט בעסער געוועזן אליין אויף אַן אינזעל, אליין דאָרט אויסדרעשען מיינע געדאנקען וואָס זיינען אין קנאספּען און צייטיג. איך האָב קיינע פראגען און ענטפערס ניט געוואלט הערען, בלויז מיין אייגענע שטים, און בלייבען מיט מיין אייגענער פאנטאזיע. מיר האָט זיך געדוכט אַז די פראגען זיינען וואמפּירען וואס זויגען אוים מיין בלוט. איך האָב זיך געוואלט באפרייען פון די טרויעריקע געדאנקען נור איך האָב ניט געקענט ווערען באפרייט, זיי זיינען ווי בייזע פליגען געקומען אלץ שטארקער אויף מיר, און געביסען מיין הארץ ביז שמערצליכען וויטאג. מיר האָט זיך געוואלט וויינען, אנטלויפען ערגעץ אין אַ פינסטערען ארט אַז איך זאָל מיין אייגענעם שאָטען ניט זעהן. איך האָב פּרובירט זינגען און לאַכען, און וואָס מער איך האָב די פרייד צו זיך גערופען, אלץ מער איז דער בייזער טרויער געקומען. ניט איין מאָל האָב איך אויסגעשריען צו זיך אליין — וואָס איז מיט מיר געשעהען? וואָרום צופּט מיין הארץ אזוי? וואָרום וויטאָגט מיין נשמה? אין וואָס איז פאַר־שיידען מיין היינטיגער טאג פון נעכטען און פון אנדערע טעג

וואס זיינען ערשט אוועק? מיר האָט זיך געוואָלט אריינקומען אין מיין אייגען הארץ, דאָרט אין איהרע טיפעגישען, אין איהרע אפגרונטען, און זעהן וואס האָט געמאכט דארט דעם טיפען שניט, דעם שטארקען וועה. איך האָב זיך געבעטען ביי זיך אליין, ביי מיין אייגענער נשמה — הער אויף, טייערינקע, מיך צו מאטערען אזוי, וואָס איז מיין שולד וואָס דו פייניגסט מיך אזוי? טרערען, הייסע טרערען, זיינען ארויסגעשוואומען פון אונטער מיינע אויגען דעקלעך און איך בין געבליבען פאַרטראַכט אין אונמאכט, ערשעפּט און דערשלאָגען.

ווי לאנג איך בין אזוי געשלאָפען ווייס איך ניט. איך בין ניט געשלאפען ווי מען שלאפט אין רוה, איך בין אנדרימעלט געווארען אין מיין טיפער פארטראכטונג, אין מיין בלאנזשענים, וואָס איז געווען אָהן ענד און אָהן ציל. ווען מיין קאָפּ איז מיר לויטער געווארען האָב איך זיך גענומען דערמאנען מיין איבערלעבונג, און איך האָב פּרובירט צו קומען צום פאַרשטאַנד און באוואוסטזיין, און איבעררעכענען וואָס האָט געקענט ברייני-גען צו דער זאווערוכע וואָס האָט איבערגעקערט מיין לעבען, צומישט דאָס זיסטע אין אזא מוראדיקען ביטערען געפיל. איך האָב זיך קיין ענטפער אויף דעם אין דעם מאמענט ניט געקענט געבען. נור ווען איך האָב די בייזע פארלאנגען איינגע-שטילט, האָב איך אין דעם ריינעם געדאנק דערזעהן דעם אפּ-שפיגעל פון די אנקומענדע בייזקייטען. אָט דער אנקומענדער שטורם פון בייזקייט און פארצווייפלונג איז ניט געקומען פּלוצ-לינג ווי מיר האָט זיך גערוכט דאן ווען איך האָב געליטען פון שטורם. ער האָט באדארפט קומען ווייל איך אליין האָב איהם צוגעגרייט. ביסלעכווייז האָב איך אריינגעגאסען סם אין מיינע אדערען, וואָס איך רוף זיי אן טייכעלעך וואָס פליסען אריין אין דעם גרויסען ים — הארץ. איך האָב געוואָלט מיין האַרץ צוגרייטען צו שטורמס, זאווערוכעס און ווינטען. איך האָב געוואוסט אז מיין לעבען וועט ניט אריבער גלאטיג ווי דאן ווען איך האָב גענאָסן מיין פארלאנג מיט מיר. איך האָב מיין דורשט פון ליבע געשטילט מיט איר ווען זי איז געווען לעבען

מיר. וואָס וועט זיין אז זי וועט ניט זיין און מיין בייגקעניש וועט מיך מאַטערען ביז'ן טויט? דאן וואָס וועט זיין? וועל איך דאַן זיין בכוח אריבערצוטראגען דעם בייגקענדען שטורעם פון מיין הארצען, דעם ציטער פון מיין נשמה?

איך האָב געשאָלטען דעם טאָג פון אונזער בעגעגעניש, און איך בין ברוגז געווען אויף דעם געדאנק. קען זי דען ניט ליבען ריכטיג? האָט זי דען ניט אַזאַ הארץ ווי מיינס? ניין, איז געקומען דער געדאנק. זי איז די שטארקערע, און דער שוואכערער ווערט פארלארען איידער ער ווערט באזיגט.

אין דעם מאָמענט האָט זי מיר אויסגעקוקט שעהנער און קליגער ווי אלע מאל, און וואָרום זאָל זי מיך ליבען? איך אַ דארפישער אינגעל, וואָס ווייסט ניט פון קיינע וועלטליכע זאכען אַ חוץ דעם פאסטוך, די גענז און אנדערע חיות, און מיט דעם וואָס איך פיהל זיך אַז איך בין אַ פּאָעט, וועט מען מיך געוויס אויסלאכען און געבען מיאוס'ע צונעמענישען, ווי צודרייטער, און נאך אזעלכע נעמען. ניין! זי איז שטארקער פון מיר. און איך, דער שוואכערער, דארף זיך פילען דערשראָקען.

ווען איך האָב דאס אלעס צוזאמענגעבראכט האָב איך פאר־שטאַנען דעם אנקומען פון שטורם. עס האָט זיך געמוזט ארויס־רייסען און איבערקאכען דאָרט אין מיין אינגעווייד, דורכציטערען אין מיין הארץ און נשמה.

ווען אַלעס האָט זיך אפגעקילט אין מיר האָב איך גענומען לאכען ווי אַ העלד, וואס בעזיגט זיין שונא. איך בין אַ העלד! א העלד! האָט זיך מיר געוואלט אויסשרייען, כאטש קיינער איז לעבען מיר ניט געווען. אין טונקעלקייט פון דער נאכט האָב איך דערהערט לייכטע טריט און אַ שאָטען וואָס האָט זיך דערנע־הענטערט צו דער באנק וואו איך בין געזעסען, און באַלד האָב איך דערהערט:

— סאָלאָמאָן! — מיט א שטימע וואָס האָט געהאט דעם קלאַנג פון געוויין — וואָרום זייט איהר ניט געקומען?

אַ ווייל‌ע האָב איך זיך פארלארען, און באלד בין איך געקומען צו זיך און האָב איהר געענטפערט:

— איך ווייס ניט אויב איך בין געווען נויטיג פאַר דיר.
— זי האָט ארונטערגעלאָזען איהר קאָפּ און טרויעריג ארויס־געריעדט:
— איך בין פערצווייפעלט ווען איהר קומט מיך ניט זעהן.
איך האָב זיך ענטשולדיגט פאַר איהר און האָב איהר געזאָגט אַז איך האָב זי ניט פאַרשטאַנען.
— ווילט איהר געהן פאַר אַ שפּאַציר אין דער טונקעלקייט פון נאַכט?
— איך וויל געהן מיט אייך און זיין אין שרעק, און פאַר־שטעלען זיך ווי רויבער באַפאַלען אונז און ווילען מיך צונעמען פון אייך, און איהר, ווי אַ העלד, ראַנגעלט זיך מיט זיי, הרג'עט זיך מיט זיי, און צו דער ענדע בעזיגט איהר זיי, און איהר ווערט מיין העלד פון לעבען און הארצען. איך בין אייך דאַנקבאַר פאַר מיין גאַנצען לעבען, און מיט וואָס איך בעצאָל אייך איז ווערען אייערע, אייערע אויפן גאַנצען לעבען. אַזוי פיהל איך יעצט ווי צו פּלאַפּלען.
זי האָט מיך אַ ציה געטאָן, און איך בין מיט איהר אוועק אין דעם שווארצען שאָטען וועג, אהין צו זויאַוועו.
אלעס ארום איז געשלאָפען אין דער טונקעלקייט פון נאַכט, בלויז די לבנה, אַ בלאַסע, פון צייט צו צייט, איז ארויס פון אונטער די גרויע וואָלקענס און האָט אויף אונז, געהענגדע שאָטענס אראָפּגעקוקט, ווי אַן אויפזעהערין וואָס באַגלייט איהרע טייערע קינדער אין אַ וועג וואָס איהר דוכט אויס אַז עס איז אַ געפאהר.
אין פעלד האָט דער גרינער קאָרן גערוישט, געפּרעפּעלט, ווי די זאַנגען וואָלטען איבערגערעדט: „ווי קומען קינדער אין דער פינסטערער נאַכט אומבלאַנזשען. ניט איין מאָל האָט זי מיט שרעק אויסגעשריען פּרעפּלענדיג: איך זעה דאָרט וועמען”, און מיט ציטערדיקע פינגער האָט זי ארומגענומען מיין אָרם.
— איהר זעהט דאָ קיינעם ניט, סאָלאָמאָן?

— געוויס ניט, קיינער איז דאָ ניטא אין דער שפּעטקייט פון דער נאַכט.

ווייט אוועק האָט זיך געהערט דאס רוישען פון וואלד און פון וואַסער אין אזערע, און דאָס טוויטשען פון די נאכט פייגעל. א ווילדע ענטעל איז פארביי אונז דורכגעפלויגען. מיט איהרע פליגלען האָט זי געברומט ווי די סטרונעס פון א פידעל, און באַלד איז זי פארשוואונדען געווארען אין טונקעלקייט פון נאַכט. פון דארף סענקעווע האָט זיך געהערט דאס קרעהען פון הענער, און איך האָב איהר אויפמערקזאם געמאכט אז דער זייגער מוז שוין זיין צוועלף. ווייט אויף דעם לוג האָבען זיך פערד געפּאשעט, און זייערע אייזערנע פּענטעס האָבען אפּגעקלונגען ווייט ארום, ווען זיי זיינען געשפּרונגען נאך א פרישער זשמעניע גראָז.

— וואָס וואָלסטו געטאָן ווען איך ווער ברוגז אויף דיר און לאָז דיך איבער אליין אין פעלד? — האָב איך זי געפרעגט.

— וואָס וואָלט איך געטאָן? איך וואָלט אייך ניט אפּגע־לאָזען, און ווען איהר ווערט ברוגז אויף מיר אין העלען טאָג, וואָלט איך אויך מורא געהאט צו געהן מיין וועג אליין.

— ווילסטו געהן צו דער היים?

— אַזוי דיינק איך.

באַלד זיינען מיר געגאנגען דעם וועג אהיים וואָס איז געווען פיעל מאָל פינסטערער. ניט איינמאָל האָבען מיר זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ שטיין, אריין אין אַ ראוו, און ביידע, מיט ציטערדיגען געלעכטער, ארויסגעקומען אויפ׳ן וועג וואָס האָט אונז געפירט צו אונזער דארף.

— מיר זיינען נאך ווייט?

— איך וויים ניט גענוי, נור מיר זיינען נעהענטער ווי ווייטער, האָב איך איהר אין אַ שפּאַס אַ זאָג געטאָן. דיין שוועסטער וועט געוויס דיינקען אז מיר זיצען ביי דער הויז. ווען זי ווייסט דאס וואָלט זי אונז אנגערופען ווילדע, און וואָלט דיר נאך אַמאָל פארווערט צו געהן מיט מיר אין די שפּעטע פינסטערע נעכט.

ווען מיר זײַנען דורכגעגאַנגען אונזער הויז איז שוין דער זײגער געווען צוויי. אויפ׳ן מזרח האָט שוין דער טאָג געטריבען די פינסטערניש פון נאַכט ערגעץ ווײַט הינטער דעם באַרג גאַראַוואַטקעס, וואו זי פלעגט אײַנשלאָ־פען און די זון פלעגט אויפהויבען דעם נאַסען טוי און צושפּריי־טען איהם אין וואַלקענדלעך און פאַרשלינגען. דער טאָג האָט צוגעזאָגט צו זײַן אַ שעהנער און אַ הייסער. רויטע צינגער וואָלקענס האָבען זיך בעוויזען אויפ׳ן האָריזאָנט, ווי די זון וואָלט אַרויסגעשיקט אַ גאָלדענע קאַרעטע אַנצוזאָגען אַז זי קומט מיט איהרע גאָלדענע שטראַלען. די גרויע וואָלקענס אין דער איבערגעבליבענער טונקעלקייט פון נאַכט האָבען גענומען אָפּטרעטען דעם וועג דעם גאָלדענעם ליכט פון דער וואַרעמער זון, און אַלעס אַרום האָט גענומען אויפלעבען און ציהען די העלזעלעך צו דער הויכקייט וואָס האָט אַזוי צערטליך און וואַרעם געקושט. אַ גרויסער גאָלדענער טאָץ האָט זיך בעוויזען ווײַט אַראָפּ, דאָרט אויף דעם ברעג פון הימעל. זילבערנע און גאָלדענע שטראַלען האָבען געוואונקען צו אַלעם און צו אַלעמען, און אַנגעזאָגט פרייד און וואַרעמקייט. דאָס גאָלדענע אויג איז העכער און העכער געשוואומען אויפ׳ן אַפּשיין פון בלוילינען הימעל, און מער ליכט און וואַרעמקייט געגאָסען אויף דער פייכטער ערד, געקושט די דימענטענע טראָפּענדלאַך מיט איהר וואַרעמען אָטהעם, רופענדיג זיי צו זיך צו איהר הויכקייט. פיי־געלעך זײַנען געפלויגען אײַלענדיג הין און הער, כאַפּענדיג מאָט־ליצקעס און ווערעמלעך פאַר פריהמאָרגען שפּייז. זשאַבעס, פאַרשפּעטיגטע פון זייערע נאַכט ליבעס, זײַנען געאײַלט גע־שפּרונגען צו זייערע קאַליזשעס און זומפּען, וואו זיי האָבען געזונגען זייערע לידער, קוואַ! קוואַ! ניט ווײַט האָט דער פאַר־האַסטער פויגעל קוקו אויסגעשריען: קוקו! קוקו! איך האָב אַ ציטער געטאָן און האָב איר געזאָגט:

— צײַט צו געהן אהיים, איך האָב פײַנט ווען דער פויגעל שרײַט אוים קוקו! קוקו! עס איז אַ נאַרישקייט, נור ווען אַ מענש רעדט זיך אײַן אַ נאַרישקייט, ווערט עס אין צײַט אַ גלויבען.

באַלד האָב איך זי געפירט אהיים, א ווײַלע ריידענדיג און דריקענדיג איהר האַנט האָב איך געוואונשען א גוטע נאַכט און בין אוועק מיין וועג צו מיין היים. איך בין געווען מיד און שלעפעריג און דאָך האָב איך ניט געקאָנט אַנשלאָפען ווערען. איך האָב געזעהן אין דרימעל יענע פינסטערניש וואָס איך האָב געזעהן געהענדיג צו דעם זויאָווער בארג, וואו יעדע זאַך האָט אויסגעזעהן א שאָטען פון שרעק. ווי די נאַכט וואָס שלינגט איין די ליכט פון טאָג, אזוי האָט איינגעשלונגען דער שלאָף די ליכט פון מיינע אויגען. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין דער זייגער געווען צוועלף. די זון האָט מיט איהר גאַנצען פייער אריינגעשיקט איהר פלאַמיגען ברען אין די שויבען, וואו איך בין געשלאָפען. מיין מוטער, זעהענדיג מיין טיפען און שפּעטען שלאָף איז צוגעגאַנגען צו מיין בעט און האָט איהר צערטליכע האַנט ארויפגעלייגט אויף מיין שטערען און געפרעגט:

— פּיהלסטו געזונט?

— איך פּיהל גוט, מוטער. איהר צערטליכקייט האָט צוּגעוואַרעמט מיין האַרץ, און מיר האָט זיך געוואָלט דערצעהלען די איבערלעבונגען פון לעצטער נאַכט, נור א קוק טוענדיג אויף איהר גרויען קאָפּ האָר, האָב איך פארשטאַנען, אז מיין איבערלעבונג וועט זיין אין איהרע אויגען א נאַרישקייט, וואָס איז שוין לאַנג ביי איהר פארגעסען געוואָרען.

— האָסטו זיך שפּעט געלעגט שלאָפען? האָט זי מיך צערטליך געפרעגט.

— ניט גאָר שפּעט.

— וואָרום ליגסטו נאָך אין בעט?

— איך וועל באַלד זיין אויף.

באַלד האָב איך געגעסען מיין באַליבטען פריהשטיק, וואָס זי האָט פאר מיר געמאַכט.

אין דרויסען איז געווען שטיקענד ווארעם. די לופט האָט ארויסגעאָטהעמט א זודיקען אָטהעם, און אַלעס ארום האָט געדורשט נאָך א קיהל ווינטעלע, וואָס איז פון ערגעץ ניט געקומען. מיטנעמענדיג גאַנטשאַראָוו׳ס א בוך בין איך געגאַנ־

גען צו די מאַגאַזינען. דאָרט האָב איך געװאוסט דעם קאָס־טאַרניק פון די אַלכע ביימעלעך װאָס האָבען מיט זייערע צווייגען פאַרשטעלט די שטראַלען פון דער ברענענדער זון. אַפּלייענענדיג עטליכע בלעטער בין איך געװאָרען אומגעדולדיג, און מיינע געדאַנקען האָבען זיך גענומען צוזאַמענמישען מיט דעם לעזען. מיט כעס האָב איך צוגעמאַכט די טאָװלען, שווייגענד געקוקט אין אונענדליכקייט. װען מיינע געדאַנקען זיינען קריסטאַליזירט געװאָרען, האָב איך אויפגעעפענט דאָס בלעטעל פון בוך און האָב ווידער גענומען לעזען. יעצט האָב איך געװאוסט דעם ציל פון דעם שרייבער, און פיעל פאַרגעניגען האָבען מיר פאַר־שאַפט די עטליכע בלעטער װאָס איך האָב גרינדליך דורכגעלע־רענט. ניט װילענדיג האָבען זיך מיינע בליקען געװאָרפען אין יענער ריכטונג װאו די מיידעלע איז געװען און האָט געקאַנט יעדען מאָמענט אָנקומען. איך האָב געקוקט אויף די אַלכע בלעטעלעך, אויף די אייביג גרינע װערעם ביימעלעך, װעלכע װאַקסען װילד און פריי. װעמען איז בעסער, מיר, דעם מענש, אָדער די בעגרינטע בוימעלעך? אין דעם מאָמענט האָב איך ניט געקאַנט בעשליסען װעמען איז בעסער, צו זיי, צו מיר, דעם מענשען װאָס טראָגט שטענדיג דעם יאָך פון לעבען, דעם ציטער פון טויט, גוטעס און שלעכטעס, די אייביגע טאַרבע װאָס ליגט אויף די פּלייצעס. זייער לעבען קומט אומבאַװאוסט, זייער טויט אונערװאַרטעט. דער װינטער רייסט אַװעק, דער פריהלינג ברייננגט צוריק . מיר האָט זיך געװאָלט דורכריידען מיט די בוימעלעך, נאַר זיי האָבען ניט קיין שפּראַך. אַ בלע־טעלע פון דער אַלכע בוים האָט אַ ציטער געטאָן. איך האָב באַמערקט װי אַ גרױער װערימעל עסט אויף אַ בלעטעלע, ער האָט דאָס בלעטעלע צולעכערט און עס האָט אויסגעקוקט געלבליך און פאַרמאַטערט, און דאָס האָט געדינט פאַר אַן ענטפער אַז

זיי האָבען זייערע אנשיקענישען און שטראָף. אויף דער ווערעם בוים האָב איך באמערקט אַ גרויסען געוועב פון שפּין וועב, וואָס האָט ארומגעוויקעלט דעם שטאַם און צווייגעלעך און האָט פארגעלט די גרינע נאדלען. מיר האָט אויסגעקוקט אז די אלע וועזענס פון מענש ביז דעם נידעריגסטען ווארים זיינען איינס. די שלאַנג ליידט וואָס זי איז אַ שלאַנג, די בלום וואס זי איז אַ בלום, און אַזוי געהט די וועלט.

זעקסטער קאפּיטעל

דעם גאַנצען טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען אין פעלד און וואַלד, אָהן אַ ציל. איך האָב קיינע ענטדעקונגען ניט געוואָלט מאַכען. אומבלאָנזען האָט זיך מיר געוואָלט. פּוסטקייט האָט זיך מיר געוואָלט זעהען. אַ פאַרלאָרענעם מדבר האָט זיך מיר געוואָלט געפינען, אַ גרויסע אונענדליכע וועלט, זאַמד זודיקע וואָס זאָל בראָטען און ברענען. זאַמד איז אַ טויטע זאַך און ליידט ניט. יעדע זאַך וואָס איך האָב היינט באַגעגענט און געוואָרפען אויף איהר מיין גאַנצען צויבער און גליק, איז דאָ אַן אַנדער זאַך וואָס פאַרדאַרבט זי, וואָס זויגט אויס איהר לעבען און ווערט אַ קרבן פון דעם וואָס ערנערט זיך מיט אַ צווייטענס לעבען. עסען מיר אויף יענעם, עסט אונז יענער אויף, עס דאַרף נור קומען די צייט.

איך וועל געהן צום וואַסער. דאָרט ביי זיין ברעג וועל איך קענען טרוימען מיין טרוים. דאָרט וועט זיך וויגען מיין האַרץ ווי די שטילע וועלען, און ווען דער שטורם וועט קומען וועט אויך שטורמען מיין האַרץ ווי בייזע וועלען. איך וועל פּראָווען קוקען אין טיפען אַפּגרונט און זעהן דעם שפּיגעל פון מיין שאַטען, און ווען דער אַפּגרונט וועט זיין צו טיף פאַר מיין אויג, וועל איך אַריינקוקען אין מיין האַרצען און זוכען זיין גרונט. און אויב איך וועל ניט געפינען דעם גרונט, וועל איך איהם פאַרגלייכען מיט דער אייביגער טיפעניש וואָס איז אונגרייכבאַר.

איך דארף נור זוכען א פארגלייך, און דאס וועט מיר מאכען גרינגער. איך וויל ניט זיין אליין. איך וויל כאטש האבען צו זיך א פריינד — דעם טיפען אונענדליכען אפגרונט.

דאס שטילע וואסער האט געפרייכט ווי דאס רוהיגע הארץ פון א מענשען. פון צייט צו צייט האט א פישעלע איהר רוהיג־קייט צושטערט, און האט געמאכט א רינג ווייט ארום. די פישעלעך מיט זייערע זילבערנע שאלעכץ האבען אפגעשיינט דורך דער קלארקייט פון דעם קרישטאל ריינעם וואסער. א שיפעל האט געשטערט די רוהיגקייט, האט געשניטען דאס לייב פון דעם קרישטאלענעם וואסער, און האט געמאכט א טיפען ראוו. מיט מורא'דיגע קאנוואולסען האט זיך דאס וואסער געווארפען פון אונטער די וועסלעס און איז געלאפען, געאיילט, ווייט אוועק פון דעם טיפען לייב שניט. איך האב דערקענט אין די צוויי געשטאלטען דעם אלטען פישער וואנקע מיט זיין איינגערען זוהן מאטוועי. קומענדיג גאר נאהענט צום ברעג האבען זיי גענו־מען פארווארפען פיש נעצען, און ווען זיי זיינען פארטיג גע־ווארען מיט דער לעצטער נעץ, האט זיך וואנקע פארנויגט און האט זיך בויגיג איבערגע־צלמ'ט.

— גאט זאל אייך אריינטרייבען אין מיינע נעצען און איך זאל מארגען האבען א גרויסען געפאנג — האט וואנקע געזאגט.

דער אלטער פישער וואנקע האט זיך פאר־נויגט און מיך געפרעגט אויב איך וויל ניט פאהרען אין זאזעריע, איך האב איהם געענטפערט אז ניט, און ער איז ווידער אוועק־געפארען צו יענעם ברעג פון וואנען ער איז פריער געקומען.

די זון איז נידעריג געזונקען. די וואסער פויגלען זיינען נידעריג ארומגעפלויגען, פון צייט צו צייט איבערגעשריען זיך ווי זיי וואלטען געפרעגט איינע די אנדערע: דו ביסט דא? דו ביסט דא? ניט איין מאל האבען זיי זיך אראפגעלאזען מיט

אימפּעט כאַפּענדיג אַ פּישעלע, און באַלד פאַרשלונגען. די זון האָט געצייגט אַ גאָלדענעם וועג, ווייט אַוועק צו יענעם אונענדליכען ברעג. די וועלען האָבען געקושט איהרע גאָלדענע שטראַלען. אויפ׳ן אינזעל האָבען פייגעלאך געזונגען זייערע פאַרנאַכטיגע געזאַנגען. דאָס קוואַקען פון ווילדע ענטלעך האָט זיך געהערט ווייט אַרום. קענטליך אַז די קאַוואַלערען האָבען זיך בעגעגענט מיט די קאַטשקע דאַמען, און דער געשפּרעך איז געוואָרען אַ הייסער און אַ פריינדליכער. דער הימעל אין דעם פאַרנאַכט איז געוואָרען בלויליכער און די לבנה, אַ בלאַסע, האָט אומגעשוועבט הויך, ניט אנצינדענדיג איהר נאַכט ליכט. דער פאַרנאַכטיגער טוי איז אנגעקומען אין געדיכטע כמאַרעס. דאָס האָט געצייגט אַז די נאַכט וועט זיין אַ הייסע. דער וועג וואָס האָט געפירט צו אונזער דאָרף איז געווען אַ געשלענגעלטער. אָפּט האָט אַ טייכעלע איבערגעריסען און מען האָט בעדאַרפט דורכגעהן אַ וואַסער גרוב וואָס איז געווען קניה טיף. איך האָב מיין וועג גענומען געהן. דער קאָרן האָט זיך ווי אַ גרינע וואַנט אַראָפּגעלאַזען אויף ביידע זייטען וועג. וואו ניט וואו האָט אַ היי פעלד איבערגעריסען די פּאַנאַראַמאַ און האָט אנגעצייגט אן אַנדער לאַנדשאַפט. ניט איין מאָל האָבען מיינע פיס זיך אנגעשלאָגען אויף אַ שטיין וואָס איז געלעגען אין דעם ווילדען וועג און מיט שרעק בין איך באַלד אומגעפאַלען צו דער ערד. צו אַלעם וואָס האָט געזונגען אין גראַז, האָט געזונגען דאָס וואַסערעל וואָס איז געלאָפען אין דעם שיפּאַווער רוטשעי, און שטיל איז דער אָווענד געווען. דער גרינער קאָרן האָט געקושט מיינע הענט און האָט ליבליכקייט אריינגעפּרעפּעלט אין מיינע אויערען. מיט איהר ליכטיגען פּנים האָט מיר די לבנה בעלייכט און באַגלייט דעם וועג, און אָפּט האָב איך געזען פלעדערמייז אַרומדרייען זיך נידעריג איבער מיין קאָפּ, און נאַכט פויגלען אויסשרייענדיג ווילד, ווי זיי וואָלטען זאָגען: די נאַכט בעלאַנגט צו אונז, דו טאָרסט ניט אַרום וואַנדערען אין אונזער צייט.

אַ העזעלע איז פאַרביי מיר דורכגעלאָפען. ער האָט זיך

א װײַלע אָפּגעשטעלט און איז באַלד פֿאַרשלונגען געװאָרען פֿון דעם קאָרן פֿעלד. אין דאָרף האָבען זיך פֿײערליך געצונדען אין די קלײנע פֿענסטערלעך. די פֿײערליך פֿון די אָרעמע קעראָסין לעמפּלעך האָבען געפֿינטעלט און גערופֿען צו זיך, װי זײ װאָלטען זאָגען: זײ פֿאַרזיכטיג אין די פֿינסטערע נעכט! הינט האָבען געהאַװקעט װי זײ װאָלטען אָפּגעגעבען א בעריכט זײערע ברױט געבער, אַז זײ זײנען דאָ און זײנען גרײט איהם צו פֿאַרהיטען פֿון נאַכט גנבים און רױבער. אין די שטאַלען האָבען בהמות און שעפּסען געאָטעמט שװער, קענטליך אַז די היץ האָט זײ געמאַטערט. אין דאָרף איז געװען רוהיג. פֿױערים זײנען געלעגען אױף זײערע געלעגערס און געשלאָפֿען. מידע פֿון דעם שװערען טאָג אַרבײט. איך בין רוהיג צוגעקומען צום הױז, האָב זיך אױסגעצױגען אױף דער באַנק און האָב שװער אָפּגעזיפֿצט. איך בין טױט מיד געװען.

איך האָב געװאוסט אַז מײן שלאָף װעט זײן א געשמאַקער. שטיל בין איך אַרײן אין הױז און בין באַלד געװען אין מײן רײן באַדעקטען בעט װאָס האָט מיר געגעבען רוה און ערפֿרישונג. מײן געדאַנק איז געפֿאַלען אױף יענער נעץ, װאָס װאַנקע האָט פֿאַרװאָרפֿען און צלמ׳דיג האָט ער געבעטען גאָט אַז ער זאָל אַרײנטרײבען מער פֿיש אין זײן נעץ, ניט טראַכטענ־דיג אַז דאָס איז א פֿאַרברעכען. האָבען זײ דען ניט א רעכט צום לעבען? און װאָרום האָט ער נאָך געבעטען גאָט? אָך! װען גאָט גיט זײ דעם געדאַנק זײ זאָלען װײכען פֿון דער נעץ. איך האָב אַ לאַך געטאָן — גאָט װעט געװיס זײן פֿאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש. אין אַזאַ לבנה נאַכט געװיס זיצען פֿאַרליבטע פֿאַרליבטע און קושען זיך, און װער װײסט װאָס נאָך, װעט ער געװיס פֿאַרגעסען אױף די אָרימע פֿאַרפּלאָנטערטע פֿישעלעך, װאָס ראַנגלען זיך דאָרט ביז אױסגאַנג.

מיט אַ שמײכעל אױף די ליפּען בין איך טיף אײנגעשלאָ־פֿען. אין מײנע חלומות האָב איך געזעהען שװימענדיגע פֿיש װאָס ראַנגלען זיך מיט די נעצען און קענען פֿון זײ ניט אַרױס, און אַ שװערקײט האָב איך איבערגעלעבט אין מײן

שלאף.

מיט א שווערען געפיהל בין איך אויפגעשטאנען דערזעהענ־דיג דעם ליכטיגען טאָג אין דרויסען. ווען איך האָב ארויסגע־קוקט אין דרויסען האָב איך דערזעהען זמיטרוכען שטייענדיג אנגעשפארט אויף זיין גראבען שטעקען. ווען ער האָט מיך דער־זעהען האָט זיך א ברייטע פרייד איסגעגאסען איבער זיין שעה־נעם פנים, און מיט שנעלע טריט איז ער געלאָפען מיר אנטקעגען.

— וואו ביסטו אהינגעקומען, טייערער? איך האָב אזוי געביינקט נאך דיר, צו ריידען מיט דיר. ביי מיר האָבען זיך אנגעקליבען אזוי פיעל געדאנקען און פראגען. א גרויסער קנויל איז איינגעוויקעלט געווארען דארט ארום מיין הארצען. מיין קאָפּ איז איבערפילט, איך קען זיי דארט מעהר ניט טראגען, זיי ווערען שווער פאר מיר. וואו ביסטע געווען, טייערער? — האָט ער נאכאמאָל איבערגערעדט דאָס זעלבע, ווענען מיר געהען ערגעץ וואו? היינט בין איך אליין, מיין בעליבטע פא־מיליע האָב איך איבערגעגעבען צו עמיצען אנדערש, צו היטען און פיטערען. איך וויל זיין ריין מיט מיינע געדאנקען, מיט מיינע פראגען.

זיין לייוונטענע העמד איז געווען שניי־ווייס. זיין גרויסע פלאקסענע באָרד איז געווען צוקעמט און צוואווארפען אויף ביידע זייטען ווי ביי א גענעראל, די האָר אויפ'ן קאָפּ גלאטיג פארקעמט אויף צוריק, זיי האָבען דערגרייכט די ברייטע פלייצעס קיילעכדיג ארום דעם ווייס צורונצעלטען האלז.

— איך האָב נאך מיין פריהשטיק ניט געגעסען, האָב איך איהם געזאָגט.

— געה עס אָפּ און קום מיט מיר. דו האָסט מיך ארויס־געפירט פון פינסטערניש. די פלוצלינדיגע ליכטיקייט האָט פארבלענדט מיינע אויגען, און איך פיל זיך אזוי פארלאָרען, ווי דאן, ווען איך האָב מורא געהאט א טראכט טאָן פון פייער, וואָס קומט פון די ווארימע אווענדען פון די פייערדיגע פליגעלעך וואָס צינדען זיך אן און ווערען באלד פארלאָשען. איך האָב דערזעהען אומרעכטען, פארברעכענס וואָס איך האָב זיי דאן ניט

בעמערקט, ניט פערשטאַנען. איך האָב געמיינט אז מיט דעם געהן אין קלויסטער און צלמ'ען זיך פאר דעם הייליגען בילד ווערט אַלעס פארגעבען. יענער גאָט וואָס זאָגט ניט יאָ, אדער ניין, איז אימער א פארגעבער, אימער אַ שטראפער. דיין איי־גענער געוויסען דאָס איז די זיפּ וואָס זיפּט איבער די טהאטען און ציינט אָן אויף גוטס און שלעכטס. נו, געה עס אָפּ, האָט ער מיך הארציג א גלעט געטאָן, אנצייגענדיג אויף דער טיר פון הויז.

מיין פריהשטיק האָט ניט געדויערט לאנג. איך האָב געפילט אז אַ געוויסע קראפט שלעפּט מיך אין דרויסען, רופט מיך צו יענעם מענשען וואָס איז פארגעטערט אין מיין קינדערשער נשמה.

— וואוהין ווילסטו געהן, דו אלטינקער זיידע? האָב איך איהם געפרעגט.

— רוף מיך ניט אלטינקער זיידע, איך פיהל אז איך בין אַ קינד, א קינד וואס הויבט אָן פלאַפּלען און פרעגען פראַגען, וואָס זיין קינדערשער פארשטאנד פארנעמט נישט. איך בין ערשט געבוירען געוואָרען, אט דא מיט דיר אויף דער לאנקע, אין די פעלדער און וועלדעלעך. איך בין געווען בלינד און שטום, איך האָב מיינע קניהען געבויגען, מיין קערפּער געוואָרפען פאר בילדער, פאר דעם פייערעל וואָס האָט געשימערט דארט אין ווינקעלע, און ווער ווייסט אויב איך האָב מיינע תפילות, מיין הארץ און געוויסען, געשיקט דארט וואו זיי בעלאנגען. איך בין געווען אויפריכטיג, און געווים אמת צו דעם גלויבען וואָס איך האָב יאהרען לאנג אפּגעדינט. זאָג מיר: וואָס איז גלויבען?

— גלויבען איז א זאך וואָס דו פארהייליגסט, און פון דעם ענטוויקעלט זיך דאָס געשטאַלט פון א האר, פון אַ אויבער מאַכט, וואס רעגירט מיט דיין געוויסען.

— ווער קומט פריהער, דער אויבערהאַר אדער דער געוויסען?

— איך מוז פון דעם א ווייַלע טראַכטען צו געבען דיר אַן ענטפער.

מיט שווערע אַנגעלאָדענע טריט זײַנען מיר געגאַנגען דעם זאַמדיגען וועג, צו דעם גרויסען סאַסנאָווען וואַלד. די זון האָט זײַן פּנים צופלאַמט. מיט זײַן שטעקען האָט ער יעצט אויסגעקוקט ווי אונזער גרויסער פיהרער משה, ווען ער האָט גע־פירט זײַן פאָלק איבער׳ן ים צו באַפרייאונג.

— וואוהין געהען מיר? —האָב איך איהם געפרעגט.

— וואוהין געהען מיר, האָט ער לאַכענדיג געענטפערט, וואוהין? איך וועל דיך פיהרען צו יענעם געדיכטען וואַלד וואָס פאַרשטעלט די ליכט, פאַרלעשט די זון מיט זײַנע געדיכטע צווייגען. דאָרט אין דעם אייביגען שאָטען וויל איך דיך ברייג־גען, אין דער אייביגער קיהלקייט, וואו דער שטראַל רייסט קיינ־מאָל ניט דורך זײַן וועג צו דער ערד, וואָס שמאַכט נאָך אַ ביסעל וואַרעמקייט — און ליעבע. איך וויל דאָרט זיצען שטונדען און דיינקען אַז דאָס איז מײַן אייביגקייט. מײַן אייביגער לעבען וואָס איז אוועק אין שאָטען, אין אייביג אונזעהבאַרע וואַרעמע שטראַלען. איך האָב געוואוסט דעם וועג צו דעם פּאַהאָסט קרוצאָק, וואו דער קלויסטער איז געשטאַנען מיט זײַן זילבערנעם צלם אויף אַ באַרג און האָט אַרויסגעקוקט אויף אונז שעפעלעך, פאַרבלאָנזשעטע מענשעלעך. דאָרט האָב איך מײַן גאַנצע קראַפט אוועקגעגעבען, מיט מײַן פאַרשטאַרן געקניט צום דיל וואָס איז אָפט געווען אַזוי בעטראַטען און אומריין. מיר זײַנען אַלע געגאַנגען אהין אַז גאָט זאָל אונז פאַרגעבען די זינד, און ניט געטראַכט וואָרום מיר זײַנען די זינד בעגאַנגען. פער־שידענע זײַנען מיר אהין געקומען, מערדער, גנבים און עהרליכע מענשען. מיט דער זעלבער באַגעגעניש האָט אונז דער גלח איבערגענומען און האָט אונז געבענשט מיט דער זעלבער ברכה, מיט די זעלבע הייליגע וואַסער באַהייליגט, און האָט אונז אַנ־גערופען גאָט׳ס־קינדער. וואָרום האָט ער אונז ניט אויסגעטיילט אין בעזונדערע וועזענס, ווי גראַזען, בוימער, און נאָך פלאַנצונ־גען וואָס זײַנען לייכט דערקענט צו ווערען? מיר מענשען זײַנען אַ רעטעניש, אַ פינסטערער אפּגרונט. מיר קענען ניט דערקענען יענעם און אפּטמאָל זיך אַליין. קענסטו וויסען וואָס איך

טראכט יעצט? זעהסט! מיין הארץ איז פאר דיר א רעטעניש, און ווען שלעכטע געדאנקען קומען אן, הרג׳ע איך דיך אוועק דאָ אין דעם איינזאמען פּלאץ, און קיינער וועט ניט וויסען. מיין הארץ דארף מיר נור אנרייצען צו דעם, און דערנאך קען איך אריינקומען אין דעם הייליגען קלויסטער, און בעטען פארגעבונג, און מיין גוטער שכן וועט עס ניט וויסען אז איך האָב א מענשען דער׳הרג׳עט.

דערשראקענע פויגעלעך זיינען פארביי אונז געפלויגען, מיט מורא געשריען אויף זייער שפּראך: א פרעמדער איז דאָ! געווים געקומען אונז פארניכטען.

— זעהסט, מיר זיינען זיי פרעמד, זיי האָבען מורא! זיי ווייסען ניט אונזער אנקומען אהער — האָט ער זיך אנגערופען — זיי ווייסען אז מיר בעלאנגען צו דעם דארף, צו אן אנדער מין וואָס געפינט זיך דאָ אין וואלד.

מיר האָט זיך געוואלט זיי בערוהיגען און זאָגען, אז מיר זיינען ניט געקומען זיי שלעכטס טאָן. וואָס ווייטער מיר זיינען געגאנגען אין וואלד אלץ מעהר האָבען מיר געהערט זייערע אויסגעשרייען, ווי זיי וואָלטען אנגעזאגט דעם גאנצען וואלד פויגעלאך: „פרעמדע זיינען דאָ, זייט גרייט!

דער ווילדער געשריי האָט אָפּט צוטומעלט אונזערע געדאנקען און מיר האָבען פארגעסען אונזער ציעל. ניט ווייט אונזערע טריט האָבען מיר באמערקט א גרויסע שלאנג וואָס איז געקראכען פאראוים. איך האָב א געשריי געטאָן:

— זעהסט די שלאנג? איך האָב קלאמערענדיג אנגעכאפּט זמיטרוכעס ארעם און האָב א ציטער געטאָן. וואָס געהען מיר טאָן יעצט? מיר האָט זיך געוואלט לויפען אויף צוריק, נור זמיטרוכע האָט מיך געהאלטען:

— ניין, דו וועסט ניט געהן, דו ווייסט ניט וואס אויף דיין צוריקוועגס קען דיך באגעגענען. דער וואלד איז פול מיט שלאנגען און חיות, זעהסט מיין שטעקען ער וועט אונז באשיצען פון אלעם בייזעס.

מיט זיין גאנצער קראפט האָט ער געגעבען א זעץ דער

שלאנג. זי האָט זיך א צאפּעל געטאָן און איז געבליבען ליגען
ווארפענדיג זיך אין צאפּלעניש.

— זעהסט, זי איז שוין פארטיג.

זמיטרוכע איז געשטאנען ווי א העלד וואָס באזיגט זיין
ביטערען שונא. זיינע אויגען האָבען געקוקט אויף דעם
צאפּלענדען גיפטיגען וועזען, און ער האָט געזאָגט:

— מיט דעם שטעקען האָב איך געוואנדערט אלע מיינע
יאָהרען, מיט דעם שטעקען בין איך געגאנגען אין קלויסטער,
פיטערען מיינע געגז, און נאך שלוחים וואָס האָבען געבראכט
גוטעס צו מיינע מיט־מענשען, נור ווען איך האָב דערזעהן א
פויזענדיגע שלאנג וואס וויל אונז אומברייננגען מיט איהר טויט־
ליכען גיפט, האָב איך זי דער׳הרג׳עט. דיינקסטו אז איך בין
באגאנגען א פארברעכען?

— איך ווייס ניט, האָב איך מיט מורא געענטפערט. נאך
אלעמען, וואָס איז זי שולדיג וואס זי איז א שלאנג? זי וואָלט
געוויס וועלען זיין א שעהנע ליבע באשעפעניש.

— איך פרעג ניט וואס עס וואָלט געווען, נור ווען זי איז
שוין א שלאנג, און וויל אנפאלען אויף דיר?

— איך וואָלט דאָס זעלבע געטאָן.

וואָס טיפער אין וואלד מיר זיינען געגאנגען אלץ פינסטער־
ער איז אונזער וועג געוואָרען, א גרויל איז דורכגעגאנגען מיין
קינדערשען קערפּער.

— וואוהין פיהרט ער מיך?

דער זעלבער זמיטרוכע האָט מיר אויסגעקוקט פארדעכ־
טיגט, זיין פנים האָט מיר אנגעצייגט שרעקליכעס, זיינע אויגען
ווילד, און א מורא האָט ארומגעכאפּט מיין גאנצען וועזען.

וואו איז אהינגעקומען דער גוטער זמיטרוכע האָב איך
אין דעם מאָמענט ניט געקאנט פארשטעהען. די זעלבע אויגען
האָבען פאר מיר געמאלען זיין בייזקייט, זיין שלעכטקייט, און
איך האָב גענומען מורא האָבען פאר זיין שטעקען וואָס האָט
אזוי מוראדיג אויסגעקוקט. מיר האָט זיך געוואָלט בעטען ביי
איהם אז ער זאָל געהען זיין וועג צו דער היים, נאר ער איז גע־

גאנגען זיין וועג, אַהין ווערטער, ווייטער און טיפער אין דעם גע־דיכט בעצווייגטען וואלד.

— זעהסט אַט דאָ, האָט ער פּלוצלינג ארויסגעזאָגט אנ־צייגענדיג אויף א בעגרינטע לאנקע, דאָ וועלען מיר רוהען, און פון דאנען וועלען מיר געהען אהיים, דער וועג אהיים וועט זיין פיעל נעהענטער און ריינער.

איך האָב זיך דערפרעהט מיט זיין אנזאָג, און אין זיין פּנים האָב איך דערזעהן יענע ליבליכקייט וואָס איך האָב אזוי ליב געהאט.

די שרעקען זיינען אוועק און מיר האָט זיך געוואָלט דער־צעהלען דעם אלטען זמיטרוכען וואָס איך האָב וועגען איהם געטראכט בלאנזשענדיג. דורך אַ שמאָלער סטעזשקעלע זיינען מיר געגאנגען דעם וועג אהיים, און ניט איין מאָל האָבען מיר זיך אָנגעשלאָגען אויף א ליגענדיגען בוים וואָס האָט פארצאמט די סטעזשקע. וואָס האָט דעם בוים אומגעווארפען? — האָט זיך מיר געוואָלט פרעגען, נור די נייגעריגקייט ארויסצוקריכען פון וואלד האָט פארצאָמט אַלע מיינע פראגען, און דאָס איינציקע וואָס איך האָב געוואָלט זעהן אין דעם מאָמענט איז אונזער פעלד און דאָרף.

די בוימער זיינען שיטערער געווארען און די בלויליכקייט פון הימעל האָט מען שוין דייטליך געקאנט זעהען, און וואו ניט וואו האָט זיך די זון רורכגעריסען דורך די צווייגען און האָט בעגאָסען מיט ליכט און ווארעמקייט די ערד.

— מיר זיינען שוין נאָהענט צום ברעג.

—געווים האָט ער מיר געענטפערט. דו האָסט אודאי געמיינט אז עס איז ניטאָ קיין ענד צו דיזען וואלד?

— מיר וואָלט ניט געאַרט אז ער וואלט פריער געקומען, איך האָב אַביסעל מורא געהאַט.

— איך ניט, איך האָב מיין גאנצענעם לעבען געבלאנזשעט, ווען איך האָב געמיינט אז איך געה אויף א ריכטיג אויסגעטראָ־טענעם וועג, היינט זוך איך נייע וועגען. ווען איך קום צו זיי ווייס איך מיין ציעל, מיינע טריט, ווען עס איז ניט אזוי שפּעט.

זעהסט ווי די זון האָט זיך אראָפּגעקייקעלט צום האָריזאָנט? ניט פאר דיר, פאר דיר איז נאך די זון אין אויפגאנג, און דעריבער קומט אונז אוים די זוכעניש און בלאנדזשענים פאר־שיידען.

איך האָב פארשטאנען וואָס ער מיינט. אריינקוקענדיג אין זיין פּנים האָב איך געטראכט: יאָ, גערעכט, ווארום האָט זיך דער מענש אויפגעכאפּט אזוי שפּעט, ווען דער טאָג איז שוין אוועק? זיינע גרויסע, גרויליכע אויגען זיינען וואסערדיג געוואָ־רען. איך האָב דערפילט אין זיין שווייגען זיין גרויסען טרויער. שווייגענדיג זיינען מיר געגאנגען א לאנגען וועג, ווי מיר וואָלטען יעצט פּרעמדע געוועןן. ער האָט געטראכט פון זיינע איבער־לעבונגען וואס זיינען ווייט אפּגעטראָטען און קוקען אוים נעפּעל־דיג, אז קוים וואָס מען קען זיי געדיינקען.

איך האָב געזעהן אז ער האָט געוואָלט דערמאנען זיך אין זיין ווייטער יוגענד וואָס איז געוועןן אָהן פארבען. זיין פאטער האָט איהם קיין זאך ניט געלערענט. ביז פופצען האָט ער גע־פּיטערט חזרים און בהמות, און דערנאך האָט ער חתונה געהאט ניט וויסענדיג פון קיין ליבע, און אזוי זיינען אוועק די יונגע בליהענדע יאהרען. און יעצט, ביי דער ענדע פון זיין לעבען, האָט זיך זיין הארץ צובליהט און דורשטיג געוואָרען נאך וויסענשאַפט, נאך אלעם וואָס עס קומט פאר אין דער וועלט און אויך אין די הויכע הימלען. אהין איז זיין געדאנק געקראכען מער ווי איבעראל, און דער לייטער האָב איך באדארפט זיין. דעם לייטער צום הימעל האָב איך ניט געהאט. איך האָב גע־וואוסט און פארשטאנען, אז עפּעס איז ניט גלאטיק מיט דער הימלישער פארוואלטונג. געוויסע אומרעכטען ווערען באגאנגען וואָס אַ גאָט, אדער ווי מען רופט עם אָן, וואָלט דאָס ניט געטאָן. און אויב ער ווייסט וואָס שפּעטער וועט זיין, ווארום האָט ער בעדארפט באשאפען אז מען זאָל דאָס אומרעכט באגעהן. מיין קינדערשער קאָפּ האָט דאָס ניט געקענט פארשטעהן. אָט די אלע פראגען האָב איך געפרעגט ביי זיך אליין און ניט קענענדיג פארענטפערען, זיינען זיי געבליבען ניט פארענטפערט ביז איך

וועל גרעסער ווערען און מעהר פארשטיין די גענג פון דער וועלט.

זמיטרוכע האָט אפגעווישט זיין פארשוויצטען שטערען און האָט דערביי א קרעכץ געטאָן:

— איך פיל זיך מאט, די עלטער פילט זיך אין מיינע אלע גלידער, און איך, דער אלטער נאר, זוך נייע וועגען, נייע גלויבענס. איך בין שוין מיט איין פוס אויף יענער וועלט. ווייסטו אז עס איז אן אומרעכט צו לעבען ווי א נאר, נאך מעהר אומרעכט צו שטארבען ווי א נאר. דו ביסט פאר'משפט צום טויט ווי מיר אלע, דו מוזט שטארבען, ווייל אייביג לעבט מען ניט, איז אין די לעצטע שעה'ן פון דיין לעבען ווערט דאס לעבען ערשט טייער. אין די מאמענטען פון דיין אייביגען פאר־שווינדען ווילסטו מיט דיינע אויגען אנקוקען די גאנצע וועלט. און מיר דוכט אז יענע לעצטע מינוטען זיינען די טייערסטע. עס ווילט זיך ניט אוועקגעבען דאס לעבען צו דעם קאלטען טויט וואָס האַלט אָן אייביג.

— איך בין נאך יונג און האָב קיין רעכט פון דעם צו טראכטען, דאך אפט טראג איך איהם אויף מיינע פלייצעס. ער געהט מיר נאך ווי מיין אייגענער שאטען.

זיינע טריט זיינען געוואָרען שוואכער און איך האָב איהם געפרעגט:

— ווילסטו זיך צוזעצען א ווייל, איך בין אויך מיד.

— איך ווייס אז דו ווילסט מיך טרייסטען. דו ביסט א יונג הירשעלע, דו קענסט לויפען מיילען און מיילען ווייט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געזעהן אז זיינע אלטע יאָהרען זיינען געלעגען ווי א געוויכט אויף זיינע ברייטע, טרוקענע פלייצעס.

דער וועג אויף וועלכען מיר זיינען געגאנגען יעצט האָט בע־לאנגט צו אונזער דארף. זמיטרוכע האָט מיר אנגעצייגט אויף א פּאָס ערד וואָס בעלאנגט צו איהם.

— זעהסט, אט פון דעם שטיקעלע ערד דארף איך זיך ערנערען, אנגרייטען מיין שפייז פאר דעם לאנגען קאלטען ווינ־טער, נור איך בין צופרידען בעסער ווי אנצוקומען צו מענשען.

דער גרינער קאָרן האָט אויסגעקוקט ווי אַ סאַמעטענע קלײד וואָס בעצירט דעם קערפּער פון אַ יונגער פרוי. דאָס ווינטעלע האָט איהם עלאַסטיש געבויגען און געוויגט ווי אַ מוטער וויגט איהר קינד צום שלאָף. שטיל האָבן געפּרעפּעלט זײַנע גרינע זאַנגעלאַך, וואָס האָבען זיך אנגעזויפּט מיט פריהמאָרגען טוי און פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין ווײַכינקע, גרינינקע קערענדלאַך. באַלד וועט דער קאָרן צײַטיג ווערען און דערנאָך וועט מען איהם שנײַדען, דרעשען, אויסקלאָפּען פון אים זײַנע קערענדלאַך און וואַרפען דעם שטרוי אין די שטאַלען און ווידער ברײַנגען זײ פאַר באַמיסטיגונג אויף די זעלבע פעלדער וואָס האָבען זײ אויסגעהאָדעוועט און געזויגען מיט דער ברוסט פון דער מוטער ערד. יאָהר איין, יאָהר אויס די זעלבע פּראָצעסיע.

מיר, מענשען, זײַנען אַנדערש, מיר קענען זיך ניט צוגלײַכען צו יענע קערענדלאַך. מיר קומען אַנדערש און פאַרשווינדען אַנדערש.

די זון איז שוין געווען נאָהענט צום פאַרגעהן. די וואָלקענדלאַך אויפ'ן האָריזאָנט זײַנען געווען פאַרשידען באַפאַרבט. זי האָט איבערגעלאָזען אַ צײכען, אַז מאָרגען וועט זײַן אַ הײסער טאָג. די פאַרנאַכטיגע טונקעלקייט האָט גענומען פאַרציהען איהר גרויליכען מאַנטעל איבער דער ערד, און שטיל איז אײַנגעשלאָפען דער טאָג אין פאַרנאַכטיגער רוה. דער טוי איז אַראָפּגעקומען און האָט גענומען קושען מיט פײַכטע ליפּען אַלעס וואָס איז געקומען איהם אַנטקעגען, און די בלאַסע לבנה, ווי אַ נאַכט וועכטער, איז אַרויסגעשוואומען אויבען אין איהר הימלישער הויכקייט. אין די שויבען האָבען זיך לאָמפּען פײַערלאַך באַוויזען און די נאַכט האָט שוין אײַנגעשלעפּערט אין איהר טונקעלען מאַנטעל די ווײַטע ברעגען פון אַרום. ווי גרויע וועגט האָט אויסגעזעהן די אַרומיגע וועלט.

קײנער האָט ניט געזעהן אונזער אַרײַנקומען אין דאָרף. מיר זײַנען געגאַנגען שווײַגענדיג. נאָך אַלעמען האָבען דאָך די

שכנים געוואוסט אַז מיר אונטערשיידן זיך מיט די יארען און גלויבען. זיי האָבען שוין ניט איין מאָל ארויסגעזאָגט אַז איך בין אַן אונגלויביגער. איך לעז ביכער וואָס רייצען קעגען גאָט און קייסער, און ווי קומט זמיטרוכע צו ווערען מיין חבר? עס וואָלט דאָך דערגאַנגען צום גלח און פון איהם צו דער פּאָליציי, און איך וואָלט שוין געווען הינטער אייזערנע גראטעס. פאר צוויי פארברעכענס וואָלט מען מיך געמשפּט, פאר לעסטערען גאָט און דעם קיסר. אין מיין פאנטאַזיע האָב איך געמאָהלען די קעמערלעך פון טורמע, די גרויע ווענט מיט די בייזע וועכטער וואָס געהען ארום אימער מיט די ביקסען און שליסעלעך אין האַנט. די פאנטאַזיע האָט מיך גערייצט און מיר האָט זיך געוואָלט דורכלעבען דעם ארעסט און דאָס זיצען אַ ווײַלע אין תפיסה, נור די טרייב קראַפט צו דער נאַטור האָט מיין פארלאנג צושטערט. איך וועל דאָך געוויס וועלען זיין אין פעלד זעהען ווי אַזוי דער קאָרן וואַקסט, און נאָך זאכען וואָס מען געפינט אויף דער פרייהייט.

— אַ גוטע נאכט! — האָב איך געזאָגט, און באלד האָט אונז די פינסטערע נאכט צוטיילט, און מיר זיינען ביידע אוועק צו אונזערע היימען.

אויפ'ן טיש איז געשטאַנען אנגעגרייט מיין אָוונט ברויט. איך האָב געשמאַק אפּגעגעסען און בין גרייט געווען צום שלאָפען. דער זייגער האָט שוין געשלאָגען צען. זיין טיק־טאַק טיק־טאַק האָט מיר הילכיגער נעקלונגען ווי יעדען מאָל וואָס איך בין געווען אין דעם צימער וואו ער איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, און מיר האָט זיך געדאַכט אַז דורך זיין זייגערנער שפּראַך וויל ער מיר עפּעס דערצעהלען. מיר דאַכט אַז זיין גאַנג און וואַרפען מיט דעם מאַיעטניק איז געווען אַנדערש ווי אַלע מאָל זינט איך געדענק איהם און זינט מיר האָבען איהם אויף אונזער וואַנט.

וואָס אַזוינס וויל מיר אַנזאָגען דאָס צונויפגעשרויפטע שטאָלענע האַרץ? איך האָב געקוקט אויף זיין שאָטען ווי אַזוי ער באַוועגט זיך געאיילט און בלייבט ניט גערירט. מיר האָט זיך געוואָלט פרעגען ביי דעם שטאָלענעם האַרץ, וואָס האָט ער

מיר צו דערצעהלען? מיין הארץ האָט אויך האסטיגער גע־קלאַפּט פון דער איבערלעבונג, און איך האָב דערפיהלט רוהיג־קייט. א געוויסער גערדאנק האָט אויפגעעפענט א קעמערל פון מיין נשמה און האָט אַהין ווילדע פאנטאזיעס אריינגעשטראמט. מיר האָט זיך געוואָלט פארצאמען אָט די שלעכטע איבערלעבונג. איך האָב אין דעם מאָמענט דעם שליסעל פון מיין נשמה קעמערל ניט געקענט געפינען און די טיר האָט זיך נאך ברייטער געעפענט און א לאווע מיט פארצווייפלונג האָט גענומען אריינשטראמען אהין אין מיין הארצען. איך האָב דערפיהלט א היץ און א קעלט געהט דורך מיין ליב, און ווייס ניט וואָס איז געשעהן. איך האָב דערפיהלט אז לייבען, טיגערס, שלאַנגען און נאך אזעלכע לויפען מיר נאך און ווילען מיך פארצוקען.

איך בין אין צווייפעל און אין היץ געלעגען וואָרפענדיג מיין קערפּער אין דער לענג און אין דער ברייט פון מיין בעט. מיר האָט זיך געוואָלט רופען צו זיך מיינע ברידער, נור ווען זיי וועלען דערהערען אזא זאך וועלען זיי געוויס מיך ערקלערען פאר משוגע, און וואָס איך וועל דערנאך וועלען טאָן וועלען זיי דאך זאָגען עס איז א משוגעת.

בארוהיג זיך! — האָב איך אליין צו זיך גערעדט, און גענומען מיט מיין רעכטער האנט איינהאלטען די לינקע, גלעטען און צערטלען זיך אליין, אנווייזענדיג אויפ׳ן זייגער אז דאָס איז בלויז אן איינריידעניש אז ער געהט היינט שנעלער ווי אימער. און ווען מיין גערדאנק איז רוהיגער געוואָרען און איך האָב זיך גוט גענומען צוקוקען און באטראכטען, האָב איך דערזעהען אז זיין גאַנג איז דער זעלבער. איך האָב זיך צולאכט. אין מיין קינדערשען געלעכטער האָב איך דערזעהן יענע שרעק וואָס איך האָב דורכגעלעבט מיט זמיטרוכען, דאָס איז אנגעקומען די מורא פון יענער גרויסער שלאַנג וואָס זמיטרוכע האָט דער־הרג׳עט מיט זיין גראָבען שטעקען.

איך האָב אַ לאַנגע צייט געלאכט פון דעם אנקומענדען שרעק. אין דעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאָנט אן געוויסע וואַסער שטורעמס וואָס איך האָב דורכגעלעבט אזוי אָפט אויף

אונזער גרויסער אזוערע, אמאָל פאַרענדיג צו דעם אינזעל און אמאָל כאַפּענדיג פיש.

מיין הארץ איז געווען געגליכען צו יענע וואסער שטורעמס. ווען א שטורעם קומט אָן ווערט דאס וואסער אומרוהיג און בייז, און אין צייט הויבט עס אָן מיט קראפט און כעס צו ווארפען מעכטיגע שטראמען צו די ברעגען, און אלעם וואָס קומט אַנט־קעגען. מיין שרעק, מיין איבערלעבונג איז געקומען יעצט אין דער צייט ווען איך האָב איבערגעיורט. דער ווייזער פון זייגער איז געווען דער שאָטען פון יענעם שרעק וואָס האָט געפירט צו מיין יעצטיגער פארצווייפלונג. אין זיין גאנג האָב איך געזעהן זמיטרוכעס גאנג, וואס ער איז געגאַנגען טיפער און טיפער אין די טיפענישען פון וואלד, אָהן ווערטער, אנגעשטריינגט. אין זיין פנים האָב איך געזעהן יענעם אויסדרוק וואָס רופט נאך ראכע, די ראכע פאר אוועקנעמען פון איהם זיין אייביגען גלויבען, אייביגע רוהיגקייט. מיר האָט זיך געדאכט אַז ער צעהלט דעם טויט פאר מיר. דער שרעק איז יעצט געקומען אין מיין רוהיג־קייט, ווי די היץ קראנקהייט וואָס ווארפט ארויס געוויסע ראנעס נאך דעם ווען דער קראנקער בעסערט זיך. די מורא פאר'ן שטארקערען האָט אימער עקזיסטירט ביי מענשען און אנדערע באַשעפענישען. און ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו געוויסע חיות און אינסעקטען, איז דער וועג פאר'ן שטארקערען פריי.

אין מיין שלאָף האָב איך פיעל געלאכט. איך געדיינק ניט וואָס מיר האָט זיך גע'חלום'ט אין דער נאכט, נור ווען איך בין וואכענדיג געווארען האָב איך הילכיג געלאכט, פון דעם האָב איך פארשטאנען אז מיין שרעק האָט דער רוהיגער שלאָף באַ־טראַכט פאַר אַ קינדערשער נארישקייט.

א גאַנצען טאָג בין איך אומגעגאַנגען ווי אַ פאַרלוירענער. איך ווייס ניט וואָס איך האָב געזוכט און ווייס ניט וואָס איך האָב פאַרלוירען. איך ווייס נור אז א ליידיקייט, אַ פוסטקייט האָט מיך ארומגענומען. איך האָב זיך געפילט עלענד און פאַר־לאָרען, און וואָס מיר פעלט אין דעם מאָמענט האָב איך ניט געקענט בעגרייפען. איך האָב געטראַכט פון פערשידענעס. איך

האָב אפילו גערופּען צו מײַן האַרץ געװיסע פאַרלאַנגען, נור עס איז שטום געבליבען, און האָט אין אַנגסט מיר געצופּט װי רויהע װאונדען.

— איך װעל געהען אין דעם װעלדעל װאו טויזענטער פייגעלעך האָבען זייער זומער פאַרבראַכט, דאָרט װעט מײַן פרייד געװיס קומען, דאָרט װעל איך זעהן די ליבעס װאָס זיי שפּילען, די פרײַנדשאַפט װאָס זיי דריקען אויס איינס צום אַנדערען, װעט עס מיר מײַן גוטען געמיט ברײַנגען.

װײַט הינטער דעם באַרג גאַראװאַטקעס בין איך געגאַנגען. דאָס סטעזשקעלע װאָס האָט אַהין געפיהרט איז געװען שמאָל, קוים אַז מען האָט דורכדעם געקאָנט דורכגעהן, ניט װערענדיג געקושט און געשמיסען פון ביימער און צווייגען, און ניט איין מאָל האָט מען געדאַרפט דורכגעהן אַ װאַסערל װאָס האָט דורכגעשניטען דעם קליינינקען פּאַס דורכגאַנג. פון דער װײַטען האָט מען געקענט הערען פאַרשידענע געזאַנגען און טװיטשערייען פון פייגעלאַך. נאָך גאָר פון דער װײַטען דערפיהלט איהר אַן אַנדער אַטמאָספערע, און אייער געדאַנק װערט געביטען צו אַ הימלישען גן עדן װאו מלאכים זינגען, און די מלאכים זיינען די פויגעלעך פון דעם קליין בעװאַקסענעם װעלדעלע.

די לאַנקעס אַרום זיינען געװען גרין און האָבען געשמעקט מיט זיסען דופט װאָס האָט געשטאַרקט דאָס האַרץ. געאײַלט האָבען מיך מײַנע פיס געטראַגען אַהין צו דעם װעלדעלע, װי עמיצער װאָלט מיר אַנזאָגען אַז דאָרט ליגט פאַר מיר אַ הייליגער געװינס. דערזעהענדיג מײַן אַנקומען זיינען די פייגעלאַך שטום געבליבען און אַנדערע האָבען נאָך אויסגעשריען מיט אַ װילדען קװיטש, װי זיי װאָלטען מײַן אַנקומען בעטראַכט פאַר אַן אומרעכט צו שטערען זייער פייגעלשען רוה און גן עדן לעבען.

אַ װײַלע בין איך געשטאַנען אונבאַװעגליך װי אַ באַשולדיגטער, און באַלד האָב איך אַ טראַכט געטאָן: נאָך אַלעמען בין איך דאָך ניט געקומען זיי שלעכטס טאָן. איך בין געקומען

טהיילען זיך מיט זייער פרייהייט און הערען זייערע ליבליכע טענער, וואס קלינגען אפ אויף מיין הארפע פון פאעזיע.

די גאנצע פייגעלשע משפחה האט זיך בערוהיגט און זיי האבען אין מיר ניט געזעהן יענעם שרעק ווי דאן ווען איך בין ערשט אנגעקומען. זיי האבען געהאט צוטרוי צו מיר און זיי האבען אנגעהויבען צו זינגען און פליהען אומגעשטערט און אהן מורא. מיך האט דאס געפרעהט, זיי האבען בעגריפען מיין הארץ וואס איז געווען פריינדליך צו זיי. ניט איין מאל איז א פייגעלע צוגעפליגען נאהענט צו מיר, האט מיך באטראכט און אין איר פייגעלשער שפראך צו מיר גערעט, וואס איך וואלט גע־וואלט פארשטיין. ווען די פייגעלע איז אפגעפליגען צו די אנדערע האט זי זיי אין זייער שפראך עפעס דערצעהלט. איך האב פאר־שטאנען אז דאס איז בארוהיגונג, ווארום באלד האבען זיי אנגעהויבען זינגען זייער געזאנג אין א הילכיגען כאהר. די קלאווער פעלדער וואס האבען געגרינט זיינען שוין געווען באבלומט, און האבען גענאסען מיט זיסען אטעם אין דעם ארום. בינען, וועלכע האבען געקליבען זייער האניג, זיינען געאיילט געפליגען פון בלום צו בלום און האבען זייערע בלעטעלאך געקושט און געצויגען דעם זאפט פון זיי. זייער זשומען האט זיך געהערט וויט ארום, און ווען זיי זיינען פארטיג געווארען, זיינען זיי אנגעלאדענע געפליגען צו זייערע קאסטענס, וואו זיי האבען זייערע קעסטעלאך אנגעפילט מיט דעם פרישען קלעפעדיגען האניג.

איך האב באוואונדערט זייער קראפט און געאיילטקייט ווי זיי וואלטען געארבייט אין א געוועט. די פייגעלעך האבען אפט פארלאזען דאס וועלדעל און זיינען אפגעפליגען אין די ארומיגע פעלדער, און פון דארטען האבען זיי געטראגען אין די שנא־בעלאך ווערימלאך און מאטליצקעס פאר זייערע קינדער און געליבטע. די קעניגרייך האט באלאנגט צו זיי.

איך האב א טראכט געטאן ווענען בלייבען דא איבער נאכט און זעהען ווי אזוי זיי שלאפען אויף די צווייגעלעך און נעסטען, נור איך האב זיך דערמאנט אן דעם וואלף וואס איך

האָב דאָ אַמאָל געזעהן און געוואָרפען שטײנער אויף איהם. איך האָב זיך דערמאַנט אין זײנע גרויסע בײזע צײנער וואָס ער האָט מיר ארויסגעשטעלט דאַן, און דער פאַרנאַכט האָט מיך גענו־מען טרײבען אהײם.

אין דער טונקעלקײט פון די בײמלעך האָב איך שרעק געזעהן. מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט יענער וואָלף וואָס איז מיט אימפּעט געלאָפען דורך דעם פעלד אהין צו שערבאַקי, וואו דער וואַלד איז געוועזן פול מיט גרויסע בערג און בעהאַלטעניסען. געהענדיג אהײם האָב איך אונטערגעזונגען, ניט דערפאַר וואָס איך האָב זיך געפילט פרעהליך, נור כדי צו פאַרגעסען יענע וואָל־פישע געשטאַלט, און ער זאָל פלוצלינג ניט אנקומען פון אַ פאַרבעהאַלטענעם פּלאַץ. איך האָב געזונגען מיט פאַרשידענע שטימען ווי עס זאָל מײנען אַז איך בין ניט אַלײן, אַז איך האָב מיט זיך פילע מיטגעהער. איך האָב געוואוסט אַז די וועלף האָבען מורא געהאַט פאַר אַ גרופּע מענשען מעהר ווי פאַר אײנעם, בפרט ווען איך בין נאָך יונג. מײן האַרץ האָט מיט מורא געקלאַפּט ווי עס וואָלט עפּעס שרעקליכעס געפּיהלט, און ניט אײן מאָל האָט מיך אַ דערשראָקענער העזעלע איבערגע־שראָקען, אַז איך האָב מײן אָטעם ניט געקענט כאַפּען, און מײן האַרץ האָט גענומען שפּרינגען אין מײן ברוסט ברײט און קלאַ־פּענדיג ווי עס וואָלט וועלען אנטלויפען ערגעץ ווײט אַוועק.

ווען איך בין געוועזן נאָהענט צו דעם באַרג גאַראַוואַטקעס האָב איך דערפילט אַן ערלײכטערונג. פון דאָרטען האָב איך געקאָנט זעהן דאָס דאָרף ווײט אַרום.

דער פאַרנאַכט האָט גענומען אײנשלעפערען, פאַרוויגען אין טונקעלקײט און חלומות די וועלדער און פעלדער, און אַלעם האָט גענומען אויסקוקען ווי אַ גרויע וואַנט וואָס האָט אָפּגע־טײלט די פיר ברעגען פון דער וועלט.

פון ווײטען האָט זיך געהערט דאָס רעווען פון די אנקו־מענדע בהמות פון פעלד און דער פרעהליכער האָווקען פון די הינט, וועלכע זײנען געקומען אהײם נאָך דעם טאָג אַרומוואַנדע־רען מיט די פאַסטוכער. די טויערען האָבען הילכיג געסקריפּעט

און דער געשריי פון די דארפישע פויערטעס האָט געקלונגען מיט אן עכא — קענטיג אז די בהמות זיינען ניט געשטאַנען רוהיג ווען מען האָט פון זיי זייער מילך געמאָלקען. בייזע פליגען האָבען זייערע פעלען געביסען.

אין דער טונקעלקייט פון דער נאכט האָב איך אַ געשטאַלט דערזעהן:

— ווער איז דאָס?

זי האָט אַ לאַך געטאָן.

— דאָס בין איך.

— וואו קומט איהר אהין אין די ליכטיגע טעג? איהר זייט אַ מלאך, איהר פארשווינדט, און אווענד קומט איהר ווידער אהיים.

— איך בין ניט קיין מלאך. פיליכט בין איך אַ חיה וואָס בעהאלט זיך אין דעם ליכטיגען טאָג, און אין די נעכט זוכט זי רויב.

— ניין, דאָס גלויב איך ניט.

זי האָט מיינע הענט ווארים באַרירט.

— איהר זייט גיכער אַ מענש וואָס מען קען אייך ניט פאַרשטעהן. איהר זוכט אין די פעלדער און וועלדער אייערע געדאנקען צו ענטוויקלען און צו צושפרייטען זיי דאָרט ווי דער ווינט צושפרייט די זאמען פון צייטיגע בלומען — איך האָב געהאט אן איבעררייד מיט מיין שוועסטער וועגען אייך.

— איך ווייס וואָס זי האָט געזאָגט וועגען מיר, אז איך בין אן אונפארשטענדליכער מענש, אַ ווילדער פאַנטאַזיאָר, וועלכער געהט ארום אין די וועלדער און פעלדער, און זוכט די נעסטען פון די פייגעלאך, אַ צודרעהטער. איז דאָס ריכטיג?

— אזוי טראַכטען זיי פון אייך. איך מיין אנדערש, איהר זייט אַ נאַטור מענש. איהר ליבט די נאַטור, איהר ליבט צו בעזינגען די שעהנע פעלדער און וועלדער, ווערען בעגייסטערט פון זאכען וואָס זיינען פאַר זיי ניט באַמערקבאַר. איהר זייט אַ העכערער מענש. זיי פאַרשטעהן אייך ניט. זיי זיינען פּראָסט

און גראָב דערצו. אבער איך האָב אייך גלייך דערקענט, דער־קענט דאס ראמאנטישע הארץ וואָס איז פול מיט ליבע און פייער.

— איך דאנק דיר, טייערע, איך דארף אזעלכע ווערטער הערען. אפט דאכט זיך מיר אוים אז איך בין אַ פאַרשאָלטענער, אז אין מיר ליגט יענע אומרוהיגקייט וואָס איך האָב אפט גע־זעהען אויף דעם אפגרונט פון טייך ביסטרא. איך בין אַ טייל פון יענע שטיינדעלאך וואָס וויגען זיך מיט זייער אייביגען ציטער. מיין מוטער פרעגט מיך אָפט: ווער ביסטו, מיין קינד? אָפט שרייט זי אז איך בין ניט נארמאל. וואָס פאַר אַ געדאנק אומצוגעהן מיט די פאסטוכער אין די פעלדער און אין די וועלדער. ווילדע מענשען געהען ארום אין די וועלדער, משוגעים בלאנזשען ארום אין די פעלדער, וואָלט איך געוואָלט אנטפערען אָדער פארענטפערען זיך, נור ווי קען איך, ווער בין איך?

מיר האָט זיך געוואָלט וויינען. אן אומרוהיגקייט האָט ארומגענומען מיין הארץ. אַ לאנגע קייט פון לידען האָב איך דערזעהן פאר זיך, אַ קייט וואָס וועט מיר שווער זיין דורכצור־רייסען. דער פראַזאאישער מענש פארשטעהט ניט דעם פאָ־עטישען, און דאָ קומט דער קאמף, דער פאריבעל פון דער נאַטור וואָס גיט איהם ניט דעם חוש צו דערקענען אז ער איז אנדערש ווי דער דורכשניטליכער מענש. איך האָב זיך געפונען צווישען דערנער, אומוויסענדע מענשען וואָס האָבען מורא געהאט פאר ליכט, און איך האָב מיינע געדאנקען געדארפט שטי־קען אין זיך, מורא האבענדיג זיי ארויסצוזאָגען, ווען ניט וועלען גלייך פליהען מיאוסע באמערקונגען. איך האָב געמוזט קומען צו דער נאטור, צו די וועלדער און פעלדער. דאָרט האָב איך געקאנט ריידען מיין שפראך, אויסדערציילען מיינע איבער־לעבונגען, און אויסזינגען מיינע לידעלעך וואָס איך האָב זיי אין פערזען פארשריבען. וואָס האָט מיין סביבה געוואוסט פון דעם? זיי האָבען גערעדט מיט דער בייטש צום פערד, מיט זידעל ווערטער צו זייערע מיט־מענשען. איך האָב געזוכט די דינע פעדימלאך וואָס פארבינדען דאס געטליכסטע מיט דעם

איידעלסטען אין מענשליכען הארץ און נשמה. ניט איינמאָל בין איך ווי א זינדיג קינד אפגעטראטען דעם וועג פאר זיי. איך האָב ניט געוואלט הערען דאס בינטל שמוץ וואָס זיי וואָלטען געווארפען אויף מיינע איידעלע, צארטע אויסדרוקען. נאך דער איבערלעבונג האָב איך ערוואכט. מיר זיינען ביידע געשטאנען פארקלערטע, ווי מיר וואלטען געוואוסט וואָס אונזערע הערצער האָבען יעצט דורכגעלעבט.

— סאָלאָמאָן, איהר ווילט געהען צו אונזער הויז צו, דארט אויף אונזער באנק וועלען מיר זיצען ביז שפעט אין דער נאכט און ריידען פון אלעס. מיין שוועסטער וועט מיר קיין זאך ניט זאָגען ווען זי ווייסט אז איך בין נאהענט צום הויז.

מיט שטילע טריט ווי תפלות זיינען מיר געגאנגען צום הויז וואו זי האָט פארבראכט דעם זומער קאניקול.

שטיל האָט זי געזונגען א לידעלע דריקענדיג מיין ארעם צו איר קינדערשער ברוסט.

— אין וואָס פאַרא שטימונג זייט איהר יעצט?

— דער גליקליכסטער מאָמענט אין מיין לעבען!

איהר פנים האָט מיר אויסגעקוקט ווי די ליכטיגע לבנה וואָס באצירט דעם וועג.

די פינסטערניש פון נאכט איז געווען פול מיט סודות. יעדער אטעם האָט געפּרעפּעלט באזונדערע ווערטער, ליבע ווערטער, וואָס האָבען זיך געטראגען ווי די קושען פון געליבטע.

— פיהלסטו א הייליגקייט אין דעם שוויגען?

— געוויס, האָט זי מיר געענטפערט. דער שטילער שוויגן דריקט אוים מיליאנען ווערטער, וואָס זאָגען דארט אין די הערצער, איך ליב דיך, טייערער!

זי האָט איהר קינדערשען קאָפּ אוועקגעלייגט אויף מיין צאַפּעלדיגער ברוסט. איהרע בליקען האָבען דורכגעשניטען די שווארצקייט פון דער נאכט, מיט העלישען ברען אריינגעקוקט אין מיינע צופלאַמטע אויגען.

— פיהלסטו ווי מיין הארץ קלאַפּט?

— געוויס! איך פיהל אז עס קלאַפּט שטארקער, מעכטיגער עס

ווײל עפּעס זאָגען, נאר איך װעל די ווערטער פאַר דעם ארויס־זאָגען, עס איז פאַרליבט.

— איך האָב איהר האַנט אַ דריק געטאָן.

— דו ווייסט! דו ווייסט! איז געווען מײן שטילער ענט־פער.

פון אונטער די וואלקענס האט זיך די לבנה באוויזען. זי איז געווען ליכטיג ווי זי וואלט וועלען איר גאנצען פייער אראפּ־שיקען צו דער ערד, וואו מיר ביידע זיינען געזעסען. א גאָל־דענער וועג האָט זיך געצויגען פון דאנען וואו מיר זיינען געווען ביז איהר הימלישער הויכקייט, ווי א גאָלדענער וועג וואָס ווערט פארשפּרייט פאר געהויבענע געסט. אין ליכט פון דער לבנה שיין האָב איך געקאנט זעהען דייטליך איהר שעהנעם פּנים, און דעם אויסדרוק וואָס איז געלעגען אין איהם. זי האָט זיך געצערטעלט, געלאסטשעט ווי א קינד וואָס ווערט געגלעט פון דער צערטליכער האנט. איהרע קינדערשע ליפּן האָבען גע־פּרעפּעלט סודות פון איהרע איבערלעבונגען, סודות פון דער טיפענישׁ פון איהר פארליבט קינדערש הארץ.

— סאלאמאן, דאס איז דעם ערשטען מאל וואָס איך פּרע־פּעל אהן ווערטער, וואָס איך רוף אהן א שטים, וואָס איך וויין אהן טרערען, איך רוף צו זיך דעם גאט פון ליבע, דעם גאט וואָס פארקניפּט די הערצער פון צוויי אומשולדיגע קערפּערס.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, הויך אויפגעהויבן איהר האַנט צום הימעל וואָס איז געווען בעגאסען מיט בלוילּיכקייט און דעם שעהנעם מאיעסטעטישען לבנה פּנים.

— גאָט, פיהר אונז אויף דעם וועג וואו געבונדען ווערען הערצער מיט אייביגער ליבע און גליק.

— וועסטו אימער אזוי פיהלען, דו אונשולדיג קינד?

— געווים! — איז געווען איהר ענטפער. זייער ווייניג איז גערעדט געוואָרען אין דעם פאנטאסטישען אווענד. זעהר פיעל איז געווען דורכגעלעבט אין דעם הייליגען שווייגען. אונ־זערע יונגע קערפּערס האָבען דורכגעציטערט יענעם פיבער וואס געליבטע ציטערען דורך ווען זיי זיינען אין די ארעמס פארקניפּט.

זי האָט געזוכט מיין פּנים צו באַקושען מיט איהרע קאַרשען ליפּען וואָס האָבען געדופט מיט בלומען אַראָמאַט.

— צייט צו געהן אַהיים, האָט זי זיך מיט ציטער אַ כאַפּ געטאָן. איך האָב דערפילט דעם ציטער פון אַ פרוי וואָס ווערט צושמאָלצען פון אַ געשלעכטליכען פייער.

— יאָ, מיר געהען אַהיים.

די ווערטער וואָס איך האָב יעצט אַרויסגעזאָגט זיינען געווען צופלאַמטע און פול מיט אָטהעם.

— גער אַריין אין הויז, מיר וועלען זיך ווידער מאָרגען טרעפען.

ווי אַ וועוועריקעל האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון מיינע הענט:

— גוטע נאַכט! — און איהרע טריט האָבען זיך געהערט דאָרט הינטער דער שווערער, גרויער טיר. אַ מידער, אַ צוטומלטער בין איך אַוועק מיין וועג אַהיים. איך האָב אַלעם איבערגעטראַכט וואָס דאָ האָט פּאַסירט. איך האָב געזעהן איהרע צופלאַמטע אויגען אַריינקוקענדיג אין מיין פּנים שטום, אָהן ווערטער, פרעגען מיך פראַגען. איך האָב נאָך אַזאַ אָווענד קיינמאָל אין מיין לעבען ניט דורכגעלעבט, אויך ניט זי. אַזאַ ציטער און צוטרייסלונג איז נאָך צו מיר ניט געקומען. האָט דער פּלאַם פון אונזער קינדערשער ליבע אונז אַזוי צושמעטערט אַז מיר האָבען פאַרגעסען אַלעם אַרום? איך האָב זיך געפילט שולדיג, שולדיג צו זיך אַליין. איך האָב דערפילט אַז דאָס איז ניט געווען קיין צערטליכע ליבע אַליין, דאָס איז געווען פרויען ליבע. איך האָב זי געליבט ווייל זי איז פרוי. איהר פרעפּלען האָט מיך פאַרפאָלגט אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב זיך פון דעם ניט געקאָנט באַפרייען נאָך דעם ווי איך האָב זיך געוואָלט קריסטאַליזירען אַז ניט די פרוי ליב איך אין איר, נור זי אַליין, וואָס איז מיר טייערער פאַר אַלעם וואָס איז אין דער וועלט. מיט דעם באַרוהיגטען געדאַנק בין איך מיד איינגעשלאָפען מיין לאַנגען זיסען שלאָף וואָס איז געווען פול מיט חלומות . . .

מיין מוטער האָט מיר מיט פאַרווירפע געזאָגט:

— וואָס וועט זיין פון דיר — זון מיינער? אַלע מאָל

געפינסטו נײַע פאַרדרעהעענישען, הײַנט איז געקומען אַ מײדעלע אויף מײַן קאָפּ. אַלע לאַכען פון דיר. דו שלעפּסט זיך ארום מיט איהר טאָג און נאַכט, און וואָס וועט זײַן דער סוף פון דעם?

— מוטער, זאָלסט גאַר ניט ערגערען זיך פון אונזער ארומגעהען צוזאַמען, זי איז אַ ליבע מײדעלע וואָס איז ווערט מען זאָל זיך אינטערעסירען מיט איהר.

— באַ דיר זײַנען אַלע ווערט. ווי זי טראָגט נור אַ קלײדעל ווערסטו באַלד איהר פאַרעהרער.

— זי איז אַנדערש פון די מײדלעך וואָס איך קען.

— אי, זונעלע, אין דײַנע יאָהרען און אין אונזער צײַט זײַנען מיר אַנדערש געווען.

מיט די דאָזיגע ווערטער בין איך ארויס אין דרויסען, אויסצומײַדען מעהרערע ווערטער וואָס זי וואָלט מיר געזאָגט. אין דרויסען איז געווען קיהלער ווי נעכטען. אַ הערבסט ווינטעלע האָט געבלאָזען פון צפון און האָט געטריבען די גרויע, ווײַסע וואָלקענס שנעל אין אַלע ריכטונגען. דאָס קיהלע ווינטעלע האָט מיר דערמאָנט אַן דעם הערבסט וואָס וועט באַלד אָנקומען און וועט זי אַוועק נעהמען אין דער גרויסער שטאָדט, וואו איך וועל בלײַבען עלענד אַלײן. געוויס וועל איך בענקען נאָך איהר. געוויס וועט זי ניט פאַרגעסען ווערען, און שלאָפלאָזע נעכט וועלען מיך פאַרפּײַניגען צום טויט. איך האָב זיך געוואָלט באַפרײַען פון דעם געדאַנק, אָבער וואָס מער איך האָב זיך געוואָלט באַפרײַען אַלץ שטאַרקער איז ער געקומען צו מיר, ווי אַ בײזע פליג וואָס איז אונמעגליך אפּצוטרײַבען. איך האָב גענומען זינגען, ניט דערפאַר וואָס איך האָב געפילט פרעהליך, נור אום צו פאַרגעסען אַט די אַנקומענדע דריקונג. פאַרבײַ מיר זײַנען דורכגעגאַנגען פּויערים פון אונזער דאָרף. זײ האָבען מיך אַנגעקוקט ווי איך וואָלט פון זינען אַראָפּ און איך האָב טאַקע באַמערקט ווי זײ קוקען זיך ארום און צלם'ענדיג זאָגען זײ ווערטער: משוגע. דאָס האַרץ בײַ דעם וואָס לײַדט און דער געדאַנק בײַ דעם וואָס קען ניט פאַרשטעהען די איבערלעבונגען זײַנען ווײַטע וועלטען, וועלכע אונטערשײַדן זיך און זײַנען

אפגרונט טיף פארשיידען.

אין דארף האָבען זיך ארומגעטראגען קלאנגען אז איך געה פון זינען ארונטער. זיי זעהען מיך אפט אַליין אין וואלד אומ־בלאנזענדיג, ריידענדיג צו די פויגעלאך, און ווארפען שטיינער אויף די בייזע וועלף. דער איינציגער וואָס האָט זיך פאר מיר איינגעשטעלט איז יעפרעם. ער האָט געוואוסט מיין הארץ און נשמה. ער האָט פאר מיר פילע ביכער פארגעלעזען, און האָט מיר פארשפראכען צו שיקען ביכער פון פעטראגראד ווען ער וועט אוועקפאָרען אין ווינטער. אפט פלעגען מיר געהען צו־זאמען צו כאפען פיש מיט ווענדקעס, און ניט איינמאל האָט אונז דער בייזער וואסער פארטראגען ווייט אוועק. יעפרעם איז געווען איין איינציג קינד ביי זיינע עלטערן, דעריבער פלעגט זיין מוטער זיין אימער באאומרוהיגט ווען מיר פלעגען ביידע קומען שפעט אהיים פון אונזער פאנג. יעפרעם האָט אויך גע־האט נייגונגען וואס זיינען געווען עהנליך צו מיינע. אין דארף מיט די פויערים שכנים האָט ער ווייניג געהאט וואס צו טאָן. ער האָט געהאט זיין אייגענעם ארט לעבען וואס איז געווען אזוי פארשיידען פון דעם לעבען פון די אנדערע פון זיין דארף. ער איז געווען אינטעליגענט, און האָט קיינמאל קיין שמוציג ווארט ניט ארויסגעזאָגט. ביי מיר איז ער געווען געאכט דערפאר. וואָס יעפרעם האָט געטאָן אין פעטראגראד האָב איך ניט גע־וואוסט. קיין שווערע ארבייט האָט ער ניט געקענט טאָן וויל ער איז געווען עדעל געבויט, און איז געווען קרענקליך. איך פלעג פון איהם א פאָר מאָל דורך דעם ווינטער קריגען בריף מיט א פעקעל ביכער וואָס האָבען מיין אומעט פארטריבען, און אין פריהלינג פלעגט ער קומען מיט א גרויסען פאק ביכער.

— סאָלאָמאָן, לעז, איך האָב דיך ניט פארגעסען.

איך בין אימער דאנקבאר געווען יעפרעם׳ן פאר זיין גוט הארץ און נאהענטקייט צו מיר. יעפרעם איז קיין מאָל אין קלויסטער ניט געגאנגען און האָט זיך קיין מאל ניט גע־צלם׳ט פאר׳ן בילד פון הייליגען יעזוסען. די פויערים פון דארף פלעגען ריידען פון דעם. ער גלויבט ניט אין גאט און געהט

קיין מאָל ניט אין קלויסטער. א רחמנות אויף זיין זינדיגער נשמה, וואס וועט דארפען זיין אייביג אין גיהנם.

דער קארן אין פעלד האָט גענומען פארלירען זיין גרינעם קאליר. די זאנגען האָבען גענומען ארונטערלאָזען זייערע שווער אנגעלאָדענע קעפּ. א געלבליך טויטער קאליר האָט בעגאסען זייערע שטאמען. דער סודות׳דיגער פּרעפּלען איז געווארען א הייזעריגער, ווי זייערע לונגען וואלטען אנגעגריפען געווארען מיט א געוויסער לונגען קראנקהייט. דאָס גראז אין פעלד איז געוועזן פיל־פארביג, געלע פּלאמעס האָט מען געקענט זעהן אויף גרין געוועזענע לאנקעס. אלעם ארום האָט אויסגעקוקט אין שטילער אפשטארבונג. פייגלען, שווארצע פייגלען, האָט מען געזעהן אין גרויסע גרופּען צולאזען איבער דעם פעלד זוכענדיג שפּייז, און אומעטיג שרייענדיג אז עפּעס שרעקליכעס דארף פּאַסירען. מען האָט שוין ניט געזעהן קיין פייגעלעך, פּאָרעלעך פארליבטע, זיצענדיג אויף א צווייגעלע. זיי זיינען געוועזן צו־זעעט און צושפּרייט. ווי די עלטער וואס פארלעשט די ליבט פון יוגענד ליבע. וואו ניט וואו האָט א הערבסט בלום געבליט, נור איהר בליהען איז געוועזן דאס צאנקען פון דעם לעצטען אטעם. די זון האָט בלאס און מיד אראָפּגעקוקט אויף דער ערד, ווי זי וואָלט געזאגט דער ערד אז די ווארעמקייט וואָס זי שיקט יעצט ארונטער איז דאָס בעסטע וואָס זי קען געבען. אירע שטראַ־לען ווערען קעלטער און שוואכער, ווי אַ מענש וואָס דארף באַלד אויסגעהן. דער אומעט האָט זיך צוגאסען איבער אלע מיינע גלידער. איך האָב דערזעהן א לאנגען שווערען וועג פאר זיך.

אין אוונד איז באַסקע געקומען צו מיר אין הויז און האָט מיר געציינט א בריף פון איהרע עלטערען. זיי ווילען אז זי זאָל קומען אהיים. די שולעס עפענען זיך אויף קומענדע וואך. איך האָב געזעהען איהר טרויער, מיין הארץ האָט זיך א צאַפּעל געטאָן:

— פארסטו אוועק פון מיר?

— יא, איך פאָהר אָפּ.

זי האָט פיל ניט גערעדט. אין איהרע אויגען האָב איך

געזעהן יענעם טיפען טרויער וואָס צורייסט אַ האַרץ.

— ווּעסטו מיר שרייבען? — האָב איך זי געפרעגט.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

— איך גלויב אַז יאָ.

— דו גלויבסט אַז יאָ — ווער וועט דיר שטערען?

זי האָט מעהר ניט גערעדט און איז באַלד אַרויס אין דרויסען. איך האָב מיין צער דערפילט איידער ער איז צו מיר געקומען.

דער טאָג פון איהר אַפּפאָרען איז געווען נאָהענט. איך האָב זיך געפילט ווי אַ שווערער משפּט דאַרף פאָרקומען און איך ווייס ניט ווי שווער איך וועל באַשטראָפט ווערען. אַ שווערע משא האָט געדריקט מיין האַרץ און נשמה. איך האָב פּרובירט זיך באַרוהיגען, איינצורעדען זיך אַז דאָס איז נור אַ פאָרביי־געהענדער שטורם, זי וועט ניט אַוועק פאָרען, און ווען זי וועט יאָ אַוועק פאָרען וועט זי מיר שרייבען אָפטע בריף וואָס וועלען זיין פול מיט ליבע און צערטליכקייט.

דעם גאַנצען טאָג האָט געררעגענט, ווי גאָט פון אונזער ליבע וואָלט זיך צואווינט. איך בין פון הויז אין ערגעץ ניט געגאַנגען. דורך די פאָרווינטע שויבען האָב איך געקוקט אין דרויסען און געוואַרט אויף איהר אַנקומען. מיר האָט זיך ניט געוואָלט געהען אַהין וואו זי איז געווען. איך האָב מורא געהאַט איהר שוועסטער זאָל מיך ניט באַגעגענען מיט בייזקייט און איך האָב ניט געוואָלט האָבען קיין שלעכטע געדאַנקען אויף איהר אין דעם טאָג פון איהר אַפּפאָהרען.

פאַרנאַכט איז זי געקומען צו מיר אין הויז און האָט מיר אָנגעזאָגט אַז מאָרגען צעהן אין דער פריה פאָהרט זי אָפּ מיט דעם פויער איליוכע. די נאַכט בין איך ווייניג געשלאָפען. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז איך ווער פאַרבלאָנזשעט אין אַן אַנדער וועלט, וואו אייביגער שאָטען רוהט דאָרט מיט זיינע שוואַרצע פליגלען און איך וועל שוין די ליכט קיינמאָל ניט זעהן. דער פריהמאָרגען איז געקומען פריהער ווי אימער. מיינע אויגען האָבען שוין פון לאַנג געקוקט אין דער גרויליכקייט פון פריה־

מאָרגען. דער זייגער האָט ערשט געשלאָגען צוויי, און איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיין אויפכאַפּען זיך אין דער פריה איז געקומען פון דער אומרוהיגקייט וואָס זי דאַרף אוועקפאָרען פאַר דעם לאַנגען קאַלטען ווינטער. דער טיק טאַק פון זייגער איז געגאַנגען מיט דעם קלאַפּען פון מיין האַרץ. מיר דאַכט אַז זיי האָבען געקלאַפּט אין איין ריכטונג אהין צו דער צייט פון צעהן אזייגער, ווען זי וועט זיך אויפזעצען אויפ׳ן שווערען וואַגען, און וועט מיר ווינשען אַ זיי געזונט. צאַפּעלדיג האָט געקלאַפּט מיין האַרץ ווי די ווייזערס פון דעם זייגער, טיק־טאַק טיק־טאַק.

די טעג זיינען געוואָרען פיעל קלענער, די זון קעלטער, און קאַלטע ווינטען האָבען אַנגעהויבען צו בלאָזען מיט ביי־סיגען הערבסט, די בלעטעלאַך פון די בוימער האָבען גענומען געל ווערען און אַפּרייסען זיך פון זייערע צווייגען און ווערען פאַרטראָגען ווייט, ווייט אוועק. דער הימעל איז געוואָרען פאַרצויגען מיט געדיכטען, גרויליכען וואָלקען, וואָס האָט אָנגעזאָגט קעלט און שנעע. די פייגעלעך פון די אַרומיגע וועלדער זיינען געקומען נעהענטער צו אונזער דאָרף, זיי האָבען ניט געזונגען ווי אין די זומער טעג און נעכט, זיי האָבען געטשוויטשעט און איינגעקאַרטשעט זיך געזוכט שפּייז אַרום שייערען און שטאַלען. דער ריידענדיגער פויגעל, סאָראָקע איז געווען אַ גאַסט אין דאָרף. אין די זומער מאָנאַטען זעהט מען זי זעלטען, ווען די קאַלטע טעג הויבען אָן אַנצוקומען ווערט זי אַ גאַסט אין דאָרף. דאָרט אַרום די הייזער זוכט זי איהר שפּייז. די נאַכט האָט איינגעשלונגען אַ שטיק פון טאָג ליכט. די אָווענדען זיינען געוואָרען לאַנגע, אונערטרעגליכע. דער פייערעל פון דעם ציגעלנעם אויוען קרעפטיגט דאָס צופראָרענע לייב. דער פראָסט מיט זיינע קאַלטע ליפּען קושט אויס די פייכטע ערד, פאַרפרירט זי ווי דאָס האַרץ פון אַ טויטען. די גרעזעלאַך ווערען שוואַך און פאַלען צו דער ערד ווי פון קרענק. דער ערשטער שנעע דערפרייט יעדען איינעם. די צאַרטקייט, די ריינקייט פילט אָן דעם מענשען׳ס האַרץ מיט צויבער און פרייד. שנעע! שרייען אַלע, און רייבען מיט איהם די הענט און דעם פּנים.

די ווייסקייט באַדעקט די גרויע פליאַמע ערד, און אַלעס ווערט ווייס ווי אַ חופּה קלייד. נאַקעטע בוימער וויגען זיך און פּרעפּלען ווי זיי וואָלטען זיך געשראָקען פאַר דער שווערער משא וואָס דער שנעע וועט אויף זיי אַנלייגען אין די לאַנגע מאַנאַטען פון זייער קאַלטען שלאָף. די וועגענער מיט די רעדער שטעהען שוין אָפּגעשטעלט ערגעץ אין אַ ווינקעל און דער שליטען פאַרנעמט דעם פּלאַץ. און געשווינדער טראַגט זיך דאָס פערדעל איבער דעם שנעע־ווייסען וועג, ווען די גלעקעלאַך זינגען צו אַ ניגונ׳דעל דין, דין, און די בייטש קנאַקט, און די עכאָ ענטפערט אָפּ.

איהר אָפּפאָרען און ניט שרייבען צו מיר האָט געמאַכט אַ שווערען איינדרוק. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיט ליגען און פאַלשקייטען. זי, אַט די יונגינקע מיידעלע האָט שוין אין זיך דעם גיפט צו פאַר׳סמ׳ען מיין לעבען. וואָרום האָט זי דאָס בעדאַרפט טאָן? איז דאָס נור איהר גיפט, אָדער זי נעמט ראַכע פון מיר און שפּילט זיך מיט מיין לעבען ווי יעדער חיה וואָס לאָזט ליגען אין וואונדען אַן אַנדערע פון איהר מין. איך האָב פאַרדעכטיגט יעדער דערנעהענטערונג פון מענשען צו מיר. מיר האָט זיך געדאַכט אַז זיי וואַרטען ביז איך וועל אויסשטרעקען מיין האַלדז, און זיי זיינען שוין גרייט אַנצופאַלען אויף מיר און איבעררייסען מיין לעבען. אין דער צייט האָב איך געהאַסט די פרויען, די וואָס האָבען אַזוי צאַרט גערעדט און שמייכלענדיג געלאַכט. מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך זעה אין זייער געלעכטער דאָס לאַכן פון שלאַנגען, ווען זיי זיינען פאַרטיג צו פאַלען אויף זייער קרבן.

טויזענט מאָל האָב איך איבערגעטראַכט: וואו ליגט דאַ איר פאַרגעניגען? אין דעם וואָס זי האָט געמאַכט מיין האַרץ וועה טאָן אָדער אין דעם וואָס אָט די קליינע מיידעלע האָט געקענט באַזינגען מיך ווען איך האָב זיך געפילט שטאַרקער? ווייסט זי דען ניט אַז ליבע איז די שטאַרקסטע פייל ווען זי טרעפט אין מענשליכען האַרץ, דער מענש איז אומרוהיג און טויט, דער געראַנגעל פון ליבע איז אַ פאַרלוירענער, די נעץ פאַרפלאָנטערט און מאַטערט אויס צום טויט, די וועגען פון אַ פאַר־

לוירענער ליבע איז אייביגע זוכעניש און בלאָנדזשענים. האָט זי פון דעם ניט געוואוסט? ווארום האָט זי מיר אין אַט די אַלע פייערן אַריינגעוואָרפן? ווארום האָט זי מיך בעדאַרפט פאַר־ברענגען אויף דעם מזבח פון אַט דעם העלישען פייער? מיר האָט זיך געוואָלט פארשילטען איהר גאַנץ לעבען און זאָל זי ווייסען ווי שלעכט עס איז צו פילען די אייביגע בייטש, די אייביגע ריסען אין הארצען, די אייביגע וואונד. א לאַנגען, לאַנגען וועג האָב איך דערזעהן פאראויס, א וועג פון מאַלעניש פון לעבענס מיהל, וואס מאַהלט איבער גראַניט אין שטויב.

איך האָב אין איהר פּנים ניט געזעהן יענע צאַרטע אונ־שולד פון א יונג קינד. איך האָב יעצט געזעהן אין איהר פאַרדאַרבענהייט, דעם פוקס, דעם וואָלף און טיגער. אַלע פאַרדאַרבענהייטען און טיהרישע געפיהלען זיינען געלעגען פאַר מיינע אויגען.

— דו שלאַנג! — האָט זיך מיר געוואָלט אויסשרייען. אין הארצען האָב איך געוויינט ווי דאָרט וואָלט אַן אַנדער שטימע צו מיר צערטליך געפּרעפּעלט: דו האָסט זי ליעב! דו האָסט זי ליעב! און דאס וואס דו שרייסט ארויס העכער ווי דיין אמת׳דיגער געפיל רופט צו דיר, איז ווייל דיינע ליבעס פלאַמען האָבען אַריבערגעזאָטען די ברעגען פון דיין האַרץ, און דו ווילסט מיט דעם פאַרלעשען די פלאַמען. עס וועט דיר ניט גילטען, האָט זיך געהערט א פאַרבאַרגענער אויסגעשריי, מיט א ציטער וואָס צוטרייסעלט דעם באָדען פון אונטער די פיס. איך האָב זיך געפילט ווי א שיף אין שטורם, אפּטמאָל געטראָגען אין דער אויבערפלאַך ווי א גאָלדענער רייטוואגען געשפּאַנט אין א גאָלדענער קאַרעטע מיט פלאַמיגע פערד, און באַלד האָב איך געזעהן דעם טיפען שווארצען אַפּגרונט. ווער ווייסט ווי זי פילט דאָרט? פיליכט לעבט זי דאָרט אין אַנגסט און שמערץ ווי איך און טרוימט און בייגקט נאָך מיר ווי איך נאָך איהר און א גאָלדענעם פאַדים שפּינט און וועבט אונזערע הערצער אין א גאָלדענעם קאַוויאַר. מיינע געדאַנקען זיינען געפלויגען אין וועלטען פון גליק און פאַרצווייפלונג. איך האָב קיין מאָל ניט

געוואוסט וואָס האָט בארירט אין מיין הארצען די סטרונע פון פרייד און טרויער. אזוי קומען זיי, ניט וויסענדיג פון וואנען און ווען. די קאלטע לאנגע נעכט זענען געווארען שווימענדיגע לאוועס וואָס האָבען געטראגען פארוויסטע וועלטען. איך האָב טויזענטער מאל געמאָלען איהר פּנים אין זיך, און אין צייט האָב איך פארגעסען איהר געשטאלט. אין דעם גוטען נעדאנק האָט זי מיר אויסגעקוקט א מלאך'ל און אין דעם שלעכטען געפיל ווי יענע ברענענדיגע שלאנג וואָס טויטעט מיט איהר ערשטען ביס, ווען זי בארירט מיט איהרע קאלטע ליפּען דאָס ווארעמע לייב אין דעם מאמענט האָב איך זיך דערמאנט איר אנקומען, איר נאכגעהן נאכ'ן וואגען, די קרוזשעוועס וואָס האָבען ארויסגעקוקט פון אונטער איהר ברוינער קליידעלע, דער רייץ און די בויגיקייט פון איהר קערפּער. ווי א ווארעמער ווינטעלע איז דורכגעגאנגען דורך מיין קערפּער און נשמה. דער רייץ פון איהרע קרייזעלעך האָבען מיך געמאטערט אין דעם מאָמענט. איהר געלעכטער האָט געקלונגען פאר מיר יעצט, ווי זי וואלט געווען הינטער מיינע פּלייצעס.

זיבעטער קאפיטעל

זמיטרוכע האט געזעהן אין מיר פארצווייפלונג. ער האט ניט געוואוסט פון וואנען נעמט זיך מיין קינדערשער אומעט און ניט איינמאל האט ער מיר געזאגט אז ער פארשטעהט מיך ניט. ער זעהט אין מיר אן אנדער מענשען, ניט יענעם וואס האט אמאל מיט קינדערשער ליבע גערעדט. מיר האט זיך געוואלט אנטפלעקען דעם סוד פון מיין הארצען פאר איהם, נור א קוק טוהענדיג אויף זיין אלטען ליכטיגען פנים האב איך דערזעהן יענע וויטקייט וואס קוקט ארויס פון גרויסען בארג ווי א קליין פינטעלע. איך האב פארשטאנען אז מיינע יעצטיגע ליידען וועלען אויסקוקען זמיטרוכען ווי א קליין פינטעלע וואס איז קוים באמערקבאר, און ער וועט געוויס מיט א שמייכעל באמערקען: אך, דו נאריש קינד! זמיטרוכע האט לאנג געקוקט אויף מיין קינדערשען פנים, און האט מיט א זיפץ ארויסגערעדט.

— ווערסטו מיר ניט זאגען וועגען דיין צאנקען? און איך האב געדיינקט אז דו ביסט די ענטפלעקונג פאר מיר, דורך דיין אומעט וועל איך ענטפלעקען נייעס, נייע קוואלען פאר מיין אלטער צוקנייטשטער נשמה.

איך האב מיינע הענט פארקרעמפעוועט און טרערען האבען איבער געשוואומען די אויגען דעקלאך.

— איך וואלט דיר דערצעהלען, איך ווייס אבער ניט צי דו

װעסט מיך פֿאַרשטײן. דו ביזט אַזױ װײַט אַװעק פֿון מיר, דו האָסט געלעבט אין אַן אַנדער װעלט. פֿילײַכט װעט מײַן פֿײַער זײַן פֿאַר דיר קאַלט און לעכערליך, און איך װיל ניט אַז דײַנע ליפּען זאָלען באַשמײכלען דאָס װאָס איז מיר הײליג און טײַער.

זמיטרוכע האָט אַ נעם געטאָן מײַן האַנט מיט אַזאַ קראַפֿט אַז איך האָב אַ ציטער געטאָן: איך בעט דיך דערצעהל מיר דײַנע לײדען — האָט ער פֿרעפֿלענדיג גערעדט צו מיר — קוק ניט אױף מײַן עלטער, שעהם זיך ניט. זעהסט, איך בין געקומען צו דיר, איך בין דײַן לערן־אײנגעל, זעהסטו אין מיר שעמעװדי־געס? דאָס װאָס איך פֿאַרשטײ ניט פֿרעג איך בײַ דיר און אױב דו קענסט מיר די זאַך ניט ערקלערען פֿרעגסטו בײַ אַנדערע. אַזױ דאַרף זײַן.

איך האָב אַ װײַלע געשװיגען.

— איך װײס ניט צי איך װעל זײַן דיר אימשטאַנד צו דער־צעהלען, װען איך װעל שױן אָנפֿאַנגען װעלען זײַן לאַנגע גע־שפּרעכען. פֿילע פֿראַגען און ענטפֿערס, זײ זײַנען װי אַ קנױל װאָס איז שװער צו געפֿינען דעם אָנפֿאַנג און די ענד, נור װי־קעלסטו פֿאַנאַנדער דעם פֿאַדים ציהט ער זיך דײַן גאַנצען לעבען. דורות נאָך דורות לעבען דורך דעם פֿײַער און דאָך בלײַבט ער פֿאַר דעם שפּעטער אַ רעטעניש, אַן אַנדער קאָליר פֿאַר'ן צװײטען. קײן קרײנק איז דאָס ניט, און דאָך פֿיהלט מען ניט גוט. גע־פֿינסטו זי, װערסטו דער שטורעם פֿון ים. ניטאָ קײן נאָמען צו דער רפֿואה, קײן עצות העלפֿען ניט. טרײסט באַרוהיגט ניט.

די װערטער האָבען מיך צוטרײסעלט און איך האָב מער ניט געקאָנט רײדען. שװײַגענדיג בין איך אײנגעקאַרטשעט געװאָ־רען װי אין אַ שװערען װעהטאָג. זמיטרוכע האָט נײַגעריג און דערשראָקען געקוקט אױף מײַן קאָנװאולסירטען פּנים. פֿון מײַנע אױגען האָבען טרערען געגאָסען, אָהן װערטער בין איך לאַנג געזעסען פֿאַרטראַכט.

— דײנקסטו אַז דו טוהסט מיר און זיך אַלײן גוט װאָס דו שװײַגסט?

— איך װעל באַלד אָנהױבען צו רעדען און דערצעהלען

מײַנע לײַדען, איך װעל אַנטפּלעקען פאַר דיר אַ נײַעם גאָט װאָס איז פאַר דיר געװען אומבאַװאוסט.

— אַ נײַער גאָט? האָט זמיטרוכע אַ זאָג געטאָן מיט פאַר־װאונדערונג — דו האָסט מיר געזאָגט אַז עס זײַנען ניטאָ קײן געטער. עס איז נאָר אַן אויסגעטראַכטע זאַך. זײ זײַנען נאָר אַ צאַם געגען מענטשליכען רעװאָלט. װער איז דער גאָט װאָס דו גלויבסט אין איהם — װער איז ער?

זײַנע מוסקולען האָבען זיך גענומען װאַרפען.

— װער איז ער, װער?

אין דעם מאָמענט האָב איך ניט געקוקט אויף זמיטרוכען. איך האָב מײַנע אויגען אַרונטערגעלאָזען צום טיפען אָפּגרונט, אַרײַנגעקוקט אין דער טיפעניש פון דער קאַלטער פאַרפרוירענער ערד.

— פאַר טעג און װאָכען בין איך געװען אװעק פון דיר אין די זומער מאָנאַטען, און װאו דײַנקסטו בין איך געװען? דו האָסט אודאי געדײַנקט אַז איך װיל דיך ניט זעהן מעהר? געװיס איז דײַן דענקען געװען אַן אומרעכט, האָב איך גע־זאָגט.

איך האָב מײַנע אויגען אויפגעהויבען און אַרײַנגעקוקט אין זמיטרוכעס פּנים.

— האָסטו אַזוי געדענקט? איך האָב געבלאָנדזשעט אין אַן אַנדער װעלט. געבלאָנדזשעט רוף איך דאָס אָן, װײַל דעם װעג פון ליבע קען קײנער ניט פאַרשטעהען און טרעפען, עס איז פאַר יעדען אַ באַזונדער גאַנג, יעדער מאָלט זיך אויס זײַן גאַנג אַנדערש, און דעריבער קענען צװײ מענטשען ניט רײדען פון דעם גאָט מיט דער זעלבער שפּראַך. איך װעל דיר נור זאָגען פון מײַנע פרעהליכע טעג און אָװענדען, פרײדפולע צױבער־נעכט װאָס זײַנען געשװאומען װי גאָלדענע פאַנטאַנען, און יעצט האָבען זײ זיך פאַרװאַנדעלט אין אַ מדבר פון דורשט און לײַדען. דו האָסט מיך געזעהן אַרומגעהענדיג מיט דער מײדעלע? אָט די מײדעלע רוף איך אָן דעם גאָט פון אומרוה, דעם גאָט פון מײַן פרײד און צער. װײסטו װאָס איך מײן?

זמיטרוכע האָט אויף מיר געקוקט פאַרוואונדערט.

— דו רופסט אָן די מיידעלע גאָט?

— ניין, ניט דאס מיידעלע רוף איך אָן גאָט, נור די ליבע וואָס איך פיל צו איר, די ליבע וואָס איך טראָג אין מיין האַרצען, רוף איך אָן דער גאָט פון ליבע.

זמיטרוכע האָט אַ ציטער געטאָן.

— איך האָב פון איהם קיינמאָל ניט געהערט און ער איז קיינמאָל צו מיין האַרצען ניט געקומען.

— האָסטו קיינמאָל זיין פייער ניט געפילט?

זמיטרוכע האָט אַ ווײַלע געטראַכט:

— איך קען איהם ניט, און ווען ער קומט צו מיר יעצט איז ער אַ קאַלטער, האָסטו אַלע געטער פאַרביטען אויף דעם גאָט פון ליבע?

— געוויס, ער איז דער איינציגער אין וועלכען איך גלויב, און לאָז זיך רעגירען פון איהם. איך בין זיין שקלאַף און ער איז מיין האַר.

— איך האָב יענעם גאָט פאַרלאָזען, צו דעם קען איך ניט קומען, ווער בין איך יעצט? — האָט זמיטרוכע מיט ציטער מיך געפרעגט — דו האָסט פאַרוואָס צו לעבען, דו האָסט פאַרוואָס צו שטאַרבען. איך בין איצט ווי דער קאַפּיטאַן וואָס האָט פאַרלוירען זיין קאָמפּאַס, און ווייס ניט וועלכע ריכטונג צו נעהמען, וואָס זאָל ברײַנגען צום ברעג, צום אייביגען ברעג, וואָס איז ניט ווייט פון מיר. אַ לאַנגען וועג איז דער אייביגער וועג, זאָל איך דיינקען אז דאָס איז דאס לעצטע, דער אייביגער ליגען אין דער פייכטער ערד? ווען איך האָב געגלויבט אין גאָט, האָב איך געגלויבט אין ווידער־געבורט, היינט אז איך האָב דאָס פאַרלאָרען, האָב איך פאַרלאָרען יענעם קליינינקען פייער וואָס איז פון קיינעם ניט געזעהען געוואָרען, און דאָך איז דאָס געווען אַ טרייסט צו דער אייביגער שוואַרצער טיר. אַך, וואָרום האָב איך אוועקגעוואָרפען יענע ליכט פון גלויבען? עס איז דאָך גרינגער געווען איינצושלאָפען, רוהיגער, ווען דו דיינקסט אז עמיצער וואַכט איבער דיר און היט אָפּ דיין לעבען, היט דיר

נאכ׳ן טויט. איך בין יעצט פוסט, עלענד.

— ווילסטו דען זיין א קינד? — האָב איך איהם געפרעגט, און ווערען איינגעשלעפערט מיט יענעם חלום, וואָס איז נור אַ חלום?

— וואָס דארף איך טראכטען פון וואנען די הילף קומט? ווען זי קומט ווערט גרינגער.

איך האָב דערפילט מיין פארברעכען אין דעם מאָמענט. ווארום האָב איך איהם אפגעריסען פון זיין גלויבען? ער האָט געגלויבט אויפריכטיג און האָט געהאפט אז דער שפעטער איז די אמת׳ע וועלט. היינט ווען די אמת׳ע וועלט איז נאר אן אויס־געטראכטע, וואָס בלייבט פאר איהם? אן וועלכען שטעקען וועט ער אנשפארען זיין אפגעשוואכטען גוף אין די לעצטע שפאנען פון זיין לעבען? איהר טארט קיינמאל ניט אוועקנעמען די שפייז פון א הונגעריגען, קיין אונטערשייד וואָס ער עסט.

— פארדריסט דיך ניט דער צוזאמענטרעפען זיך מיט מיר? מיר דוכט אז איך האָב אויפגעוועקט אין דיר דאָס אייביג־רוהיגע, דאָס פארשלאפענע אין א ים פון ליידען. דיין בליק אין דער וויטקייט איז געווארען אן אנדערער, דו האסט ניט מורא אַ טראַכט טאָן און פאַרשטיין וואָס איז רעכט און אומ־רעכט, ניט גלויבענדיג אז גאָט האָט מיט דעם עפעס וואָס צו טאָן. דו בעשולדיגסט יעצט דעם מענשען אליין, ניט גאָט. איך וויל בא דיר פרעגען, זמיטרוכע. ווארום האָט בעלוצאוו אויפגעבויט אזוי פיעל קלויסטערס און אליין איז ער דער גרעס־טער שקלאפען טרייבער? איך האָב פון דעם געטראכט טויזענ־טער מאָל. ווארום האָט ער דאָס געטאָן? דארט אין דעם הייליגען טעמפעל דארף דאָך זיין ברידערליכקייט, דאָרט דארף זיך באַגעגענען גאָט מיט זיינע קינדער, און דאָך זעהסטו אָט דעם רייכען בעלוצאָווען ווי ער פארשקלאפט זיינע ארימע קנעכט צום טויט, ווי קומט עס? דאָ בויעט ער אַ טעמפעל, און דאָ איז ער דער גרעסטער טיראַן. ווען זיינע שקלאַפען רעוואָלטירען ברייינגט ער מערדערישע קאָזאַקען און פארשמייסט זיי צום טויט, איך קען ניט פארשטײן די גערעכטיגקייט. מיר קוקט אויס אז

די קלויסטערס מיט די הייליגע טעמפּלען, זיינען פּאַסטקעס פּאַר דעם אָרעמען מענשעלע. ער פאַרנאַרט זיי אהין און האַלט זיי געפאַנגען. אויב דיינע מאָגערע בהמה'לעך געהען אַרויף אויף זיינע פעטע פעלדער, באַשטראַפט ער דיך שווער, און דאָך דענקט ער אַז ער טוהט פאַר דיר גערעכטיגקייט מיט דעם וואָס ער האָט אויסגעבויעט קלויסטערס.

זמיטרוכעס שטערען האָט זיך געקנייטשט. ער האָט עטליכע מאָל געוואוסט דעם טעם פון אַריבערטרעטען דאָס געזעץ, און ניט איין טאָג האָט ער אָפּגעשקלאָפט פאַר די זינד פון זיינע אָרימע צוויי בהמה'לעך, וואָס האָבען פאַרזוכט דעם זיסען קלאָווער פון דעם רייכען בעלוצאַווס פעלדער.

— סאַלאָמאָן, האָט ער מיט רחמנות אַרויסגערעדט, עס איז ניט דיין שולד, עס איז די שולד פון מיינע יאָהרען. דער שווערד פון טויט הייגגט איבער מיין האַלז און עס ווילט זיך אויסבאַהאַלטען. אונטערען מאַנטעל פון גלויבען האָט מען איהם ניט געקענט זעהען. די פייערלעך פון גן עדן האָבען עס פאַרשטעלט, פאַרטעמפּט זיין שאַרפקייט. אָן וואָס זאָל איך זיך אָנכאַפּען יעצט ווען דאָס לעבען גליטשט זיך אַוועק פון אונטער מיין באָדען? איך פיהל ווי איך פליה מיט אַ מוראַדיגען האַסט אין אַן אָפּגרונט, וואָס האָט גאַר קיין גרונט ניט, אָהן אַ צוריקוועגס צו דער וועלט און דיינע מיטמענשען. עס איז טרויעריג איבערגעפּלאַנצט צו ווערען אין די יאָהרען.

* * *

דורך דעם טיפען שנעע האָב איך געבראָדעט אהיים. מיינע טריט זיינען געווען טיפע. קאַלט האָט די לבנה אַראָפּגעקוקט אויף מיין שווימענדען קערפּער ווי זי וואָלט פאַר עפּיס ברוגז געווען אויף מיר. זילבערנע שנייעלעך ווי ווייסינקע מאָטיליצקעס האָבען זיך געטראָגען געגען דער שיין פון דער לבנה. די רוהיגקייט פון דער נאַכט איז געשטערט געוואָרען דורך דעם בילען פון די דאָרפס הינט וואָס האָבען גע‏פילט דאָס אָנקומען

פון די הונגעריגע וועלף פון די ארומיגע וועלדער, האוו־האוו האָבען זיי וואיענדיג געוויינט. אויף דעם גאָר אויסגעטראָטענעם זועג האָבען מיינע טריט געסקריפּעט ווי די פליגלען פון אַ פליה־ענדער ענטעל. דאָס פייער פון קעראָסינענעם לעמפּעל האָט מאָט ארויסגעקוקט דורך די אייז פאַרפרוירענע שויבען. שאָ־טענס באַוועגליכע האָבען זיך געשפּילט מיט די אוזאָרנע פענ־סטער פון אינעווייניג אין שטוב, קענטליך אז מען איז נאָך וואַך. איך האָב אנגעקלאַפּט אין טיר, באַלד האָט זיך די טיר געעפענט. אַ געדיכטע פּאַרע האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיר אין פּנים. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ סקריפּ. אין הויז איז געווען ווארעם און געמיטליך. די מוטער, ווי אימער, האָט געטאָן איהר הויז אַרבייט. זי האָט מיך אַ ווײַלע באַטראַכט.

— וואו געהסטו ארום אזוי שפּעט?

די נאַכט איז געווען אַ פראָסטיגע, דער פראָסט האָט געקנאַלט אַ גאַנצע נאַכט ווי אין דרויסען וואָלט געווען אַ מלחמה. קנאַלען נאָך קנאַלען האָבען זיך הילכיג געהערט. אויפן בלוילּיכען הימעל האָבען זיך טויזענטער שטערען געצונ־דען און פאַרלאָשען מיט אימפּעט, געפלויגען פון איין אָרט אויפן צווייטען ווי זיי וואָלטען שטאָפּעטען געטראָגען צו זייער גענעראַל די לבנה, אז אַלעס איז רוהיג אין הימלישען ראַנד.

איך בין שפּעט אין דער נאַכט געזעסען, געטראַכט פון די הונגעריגע חיות וואָס ליגען דאָרט אין דעם ווייס בעשנייטען וואַלד, זייערע העלזער אויסגעשטרעקט צו דעם קאַלטען בלוי־ליכען הימעל, בעטען הילף פאַר זייער הונגער און קעלט, שלע־פּענדיג זייערע אויסגעמאַטערטע קערפּערס צו די דערפער, מיט דער האָפענונג צו געפינען עפּעס פאַר די פארגליווערטע גערע־רים.

איך האָב רחמנות געקראָגען אויף די בייזע וועלף, אויף אַלעס וואָס לעבט יעצט אין דעם קאַלטען פארשלאָפענעם וואַלד. ווען דער זייגער האָט געשלאָגען איינס בין איך נאָך וואַך געווען. אין דער צייט בין איך איינגעשלאָפען. אויפגעוועקט האָט מיך דאָס וואָיען פון ווינט וואָס האָט אין דרויסען געבושעוועט. מיט אימ־

פעט און שרעק בין איך צוגעלאָפען צום פענצטער וואָס האָט ארויסגעקוקט אין ווייטען פעלד. אַ זאַווערוכע, האָב איך צו זיך אליין אויסגעשריען, א געפערליכער שטורם. עס האָט אויסגעזען ווי דער הימעל מיט דער ערד האָבען געפירט אַ געפערליכען קאַמף, ווי ביידע וואלטען געוואלט איינער דעם אנדערען פאר־טרייבען און פארניכטען, ווי מיליאנען ווייסע בערען האָבען זיך געקייקעלט אין גראנגעל רייסענדיג איינס דעם אנדערען'ס לייב, אַ בילען פון טויזענטער הינט, א ברומען פון טויזענטער צורייצ־טע לייבען. מחנות נאך מחנות זיינען זיי געקומען און באַלד פאַרטריבען געווארען פון אנדערע אנגעקומענע צואווילדעוועטע שנעע שטראמען. אַ ווילדער, ווייסער רויך האָט די ערד ארויס־געשלאגען פון איהרע קאלטע גדערים, וויו־וויו־וויו האָט געשריי־ען די לופט, ווי זי וואָלט געהייסען איהרע ווייסע ארמעען אנ־גרייפען דעם שונא. אין קוימען אריבער דעם דאך האָט די באבא יאגא געשפילט אויף איהרע סטרונעס הו־הו־הו ווי דער וואיען פון הינט ווען זיי דערפילען דעם אנקומענדען שונא דעם וואלף. איך האָב אין דער פאַרטונקעלטער שויב געקוקט אין ווייטען פעלד, נור איין זאך וואָס איך האָב באַמערקט איז דעם גראנגעל פון די טראגענדע, ווייסע בערג שנעע. עס איז געווען אונמעגליך ארויסצוגעהן אין גאס. דער שנעע האָט זיך מיט אימפעט אריינגעלאָזט אין דער געעפענטער טיר און האָט זי ניט געלאזט צומאַכען, ווי ער וואלט זיך געוואלט פארבע־האלטען פון זיין אייגענער געפאר. די טיר האָט זיך אַן עפען געטאן,, א הויכע שנעע בעדעקטע געשטאַלט פון אַ מאַן איז אריינגעקומען, זיין פנים און בארד איז געווען באדעקט מיט אייז, א רגע שטעהענדיג, ארויספרייכענדיג פון זיך פאַרע ווי דער לאקאמאטיוו ווען ער פיהרט זיין שווערען צוג, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ווי געפעלט אייך דער שטורעם?

אפרייסענדיג די פארפראָרענע ליכטלעך פון זיין ווייסער באָרד האָט ער געזאָגט :

— גאָט, היט אויס פון אזא שטורעם, געוויס איז א

קאָלדון ערגעץ געשטאָרבען, אנדערש קען דאָס ניט זיין.

אויסטוהענדיג זיין שעפּסענעם פּעלץ האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם ערשטען שטול וואָס איז געשטאַנען נאָהענט לעבען איהם. אין דעם פאר־נאכט האָט דער ווינט גענומען אויסשרייכען זיין לעצטען שטארקען אטהעם, און דער שטורעם האָט אנגעהויבען צו פארלירען זיין קראַפט. אויף די פארשנייטע וועגען האָבען זיך באוויזען מענשען טריט און דער דורכפאהר פון פערד געשפאנט אין שליטענס. די פויערים, מיט גרויסע געפלאכטענע קערב, זיינען געלאָפען דורך די הויך אנגעשנייטע וועגען צו די שייערס צו ברייננען היי און שטרוי פאַר זייערע בהמות, שעפּסען און פערד. דאָס רעוועו פון די הונגעריקע בהמות און הירזשען פון די פערד האָט זיך געהערט ווייט ארום. די פויערים מיט די פויערטעס האָבען מיט גרויסע הילצערנע לאָ־פּעטעס גערייניגט דעם שנעע, מאַכענדיג אַ וועג צו די שטאַלען און קלייטען פון ארום הויז. מיר האָט זיך געוואָלט געהן פריער שלאָפען און אויפשטעהען פריה. מיר האָט זיך געוואָלט זעהן וואו און וואָס טהוען די פויגעלאך אין אזא זאווערוכע, געוויס בעהאלטען זיי זיך דא אין דארף אונטער די דעכער און שייערען. געוויס זיינען זיי פארהונגערט און אויסגעמאטערט, און זיי וועט זיין גרינג צו כאפּען, און די וועלכע איך וועל ניט וועלען כאפּען וועל איך זיי ארויסטראגען קערענדלאך אדער אנדערע שפּייז וואָס זיי וועלען עסען. אין דעם בעגינען בין איך וואך געוואָרען און באלד בין איך ארויס אין דרויסען. טויזענדע האָב איך זיי געזעהן און געהערט טוויטשענדיק צונויפגעקארטשעטע פון הונ־גער און קעלט. מיין צוגעהן נאהענט האָט זיי דערשראָקען. ווען איך האָב אראפּגעוואָרפען קערענדלעך, זיינען זיי אַ ווײלע טראכטענדיג אראָפּ צום קאַלטען שניי, גענומען פּיקען געאיילט, ווי זיי וואָלטען מורא געהאט אז ווער זאָל זיי ניט בארויבען פון זייער עסען. געוויסע פייגעלעך וואָס זיינען פון קיינעם ניט געזעהן געוואָרען אין די זומערען, זיינען יעצט געקומען צו די הייזער זוכען שפּייז.

די פייגעלעך האָט זיך מיר געוואָלט קענען. וואָרום זעהט מען זיי ניט אין די זומערען ווען עס איז וואַרעם. אין די קאַלטע מאָנאַטען זיינען זיי דאָ. וואָרום האָב איך זיי קיינמאָל ניט געזעהן אין די אַרומיגע וועלדער וואָס איך פּלעג אַזוי אָפט באַזוכען, וויסענדיג אַלע מינים פייגלען פון די וועלדער? כאַפּען זיי איז געווען זעהר שווער. זיי זיינען זייער קליין און פלינק. ווען דו טראַכסט אַז דו האָסט די פייגעלע שוין, ווערט זי אַנטרונען.

די פייגעלעך זיינען געווען אַ רעטעניש פאַר מיר. דעם אמת זאָגענדיג האָב איך מעהר צייט אָפּגעגעבען צו די מינים פייגעלעך ווי צו אַנדערע פייגלען.

דער ווינטער האָט מיט זיין ווייסען ליילעך שווערער און שווערער באַדעקט די ערד, מיט זיין קאַלטער ברוסט געדריקט און פאַרשלעפערט די בלומען, גראָז און בוימער, אויסגעקושט מיט די קאַלטע פראָסטיגע ליפּען דאָס לעבען פון זיי, ביז דער שונא איז געקומען, מיט זיינע פייערדיגע שפּיזען דורכגעשטאָכען זיין קאַלטען קערפּער, צושמאָלצען די פאַרפראָרענע העמד און פאַריאָגט דאָס צושמאָלצענע וואַסער אין די טייכעלעך און גרויסע, טיפע אָזערעס.

די זון מיט דער ערד האָבען זיך צוקושט. דער הימעל האָט לעבען אַריינגעאָטהעמט, און ערוואַכונג איז געקומען אין אַלעם וואָס איז געשלאָפען אונטער דער ווייסער קאַלטער קאָל־דרע. ליבע, וואַרעמע ווינטעלעך האָבען אָנגעהויבען בלאָזן ווי דאָס פרעפלען פון אַ מוטער. קינדערלעך, שטעהט אויף, די צייט פאַר אייער אויפשטיין איז געקומען. די וואַרימע זון וועט אייך דערפרישען, די מוטער ערד וועט אייך אָנזעטיגען, פילט אָן אייערע קנאָספּען, שטרעקט אויס אייערע גרינענקע העלזעלעך, צושפּרייט זיך אין בלעטעלעך.

דעם אָנזאָג פון פריהלינג פלעגט ברענגען דער פויגעל זאַוואָראָנעק. ער איז געווען דער שוואַלב, דער גוטער אָנזאָגער פון דעם ליבען זומער, זיין זינגען און פרעהליכער אַרומפליהען האָט מען געקענט זעהן, די פליגעלעך צושפּרייט ווי ער וואָלט

געשטאנען אומבעוועגט, האָט ער זיין פרילינג־ליד געזונגען און געוועקט די פארשלאָפענע ערד צום לעבען. וואו נאר ער האָט דערזעהן א דורכשמעלצונג האָט ער מיט זיין ניגונ'דעל געזונגען, רופענדיג די וועלט צו פרייד.

זמיטרוכע האָט איין מאל געבראדזעט דורך דעם טיפען שנעע צו מיין הויז. ער איז געווען פול מיט פראגען און נייגעריגקייט צו הערען זאכען פון מיר. דער גאט פון ליבע האָט זיין רוה געשטערט, א נייער גאט וואס איז איהם ביז יעצט געווען אומבאוואוסט. ער האָט געזעהן אז די ליבע איז ניט נאר א גאָט, נאר העכער, טיפער און ביינקענדער. ער האָט געזעהן אין מיינע אויגען טרערען, טרערען פון פרייד, אומעט און פארצווייפלונג, ער האָט זיך גענומען דערמאנען אויף זיין לאנגער פארגאנגענהייט צי ער האָט געפיהלט דעם גאָט פון ליבע. ווי דורך נעפעלדיגע ברילען האָט ער געקוקט אין יענעם ווייטען וועג, ער געדיינקט אז זיין פאטער און מוטער האָבען איהם פארגעשטעלט פאר א מיידעל, און מען האָט איהם געזאגט אז זי וועט זיין זיין פרוי. קיינע קלערונגען און טראכטונגען זיינען אין זיין הארצען דאן ניט פארגעקומען. ער האָט אלעס אויפגענומען אז אזוי דארף זיין מיט דעם גלויבען פון גאָט און באַשערט האָט ער פארבונדען זיין לעבען מיט דער פרוי. איך האָב מיט בעשערט און גאט'ס ווילען ניט געקאנט שטילען מיין ביינקעניש. מיר האָט געצופט און געריסען איהר האנדלונג ווי א וואונד, ווארום האָט זי אזוי געטאָן? דער גאט פון ליבע באשטראפט דעם פארברעכער. אין דעם מאמענט האָב איך איהר שטראף געוואונשען.

יעפרעם האָט מיר דורך די ווינטער מאנאטען פילע ביכער געשיקט פון פעטערבורג און איך האָב זיי דורשטיג דורכגעלעזען. זיי זיינען ניט געווען קיין קלאסישע ווערק. רוסישע סקאזקעס וואס זיינען שפאנענד און אפט אינטערעסאנט. פאר צייט פערטרייב זיינען זיי געווען אויסגעצייכענט, און ניט איינס פון די ביכלעך האָט איבערגעלאזען שטריכען אויף מיין שפעטערדיגען לעבען. איינעם פון זיי „טאראס טשערנאמאר" וועל איך קיינ־

מאָל אין מיין לעבען ניט פאַרגעסען. די אויגען פון טאראַס טשערנאָמאָר האָב איך געזעהן בא פילע אַנדערע מענשען וואָס האָבען מיך באַגלייט אין ווייטערען לעבען.

מיט דעם אַנקומענדען פריהלינג האָב איך געוואוסט אַז איר קומען דערנעהענטערט זיך. נאָכ'ן קאַניקול וועט זי קומען. זי וועט געוויס זאָגען תרוצים אַז זי האָט מיר ניט געקאָנט שרייבען, נאָר האָט געביינקט נאָך מיר, און וועט ווידער אַנהויבען צו פאַר־שפּרייטען איהר ליגנערישע נעץ צו פאַנגען מיין האַרץ, ווי זי האָט געטאָן אין דעם פאַרגאַנגענעם זומער. איך וועל זיך ניט לאָזען! איך וועל פאַרצאַמען מיינע ליבעס געפילען מיט אַ הויכער גראַניט וואַנט, און זי וועט בלייבען אויסגעלאַכט. ווי אַ העלד וואָס געהט צורייסען די קייטען פון זיין פאַרשקלאַפונג, אַזוי האָב איך זיך יעצט געפיהלט. איך האָב אויסגעפּרוואווט אַלע מיינע מוסקולען און איך בין געווען פאַרטיג צום קאַמף. אין מיין האַרצען האָבען טויזענדע סטרונעס אַ כאָר געזונגען. זייער אַפּקלאַנג האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין, און דער ביטערער קאַמף קומט אָן פון האַרץ און פון פאַרשטאַנד. די זון האָט דורכגעשמאָלצען דעם שנעע און אייז און האָט געלאָזען אַ פלעק אויף דעם באַרג זויאַווע. דאָרט האָט דער זאָוואַראָנעק געזונגען זיינע פריהלינגס לידער און האָט דערפרעהט אַלעמענס הערצער. דער צושמאָלצענער שנעע איז געלאָפען אין דריזש־קעלעך ברעכענדיג דעם גראָבען אייז און טרייבענדיג אַראָפּ מיט דעם זון גאַנג. די קליינע ראָוועס האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין שטראָמיגע וואַסער־פאַלען מיטשלעפּענדיג אַלעס וואָס איז אַנגע־פאַלען אין די ווינטער מאָנאַטען. אין די שעה'ן פון וואַרעמער זון איז די ערד מעהר און מעהר ענטבלויזט געוואָרען. גרינינקע גרעזעלאַך, אויפגעוועקטע פון די זונען שטראַלען, האָבען גע־נומען אויפשטיין פון זייער קאַלטען ווינטער שלאָף, ציהען די העלזעלעך צו די וואַרימע קושען פון דער זון. דער אַנקומען פון פריהלינג האָט מיך געפרייט, ער האָט מיך אויך געשראָקען: ווער ווייסט וואָס זי וועט מיטברייננגען מיט זיך? וועט דאָס זיין האָניג אָדער גאַל? אין דער נעץ פון געדאַנקען האָב איך זיך

געפּלאָנטערט, ווי אַ ראָד וואָס לויפט באַרג אַראָפּ און ווייסט ניט וואו זי וועט אומפאַלן.

אין די ווינטער מאָנאַטען האָב איך פיל געשריבען, גע־שריבען פון מיינע איבערלעבונגען און לידעלעך וואָס האָבען זיך געזונגען פון מיין הארצען. שורות נאָך שורות, בויגען נאָך בויגען האָב איך דאָס געשריבענע בעהאַלטען, אַז קיינער זאָל פון דעם ניט וויסען. און ניט איינמאָל האָט מיך מיין מוטער געכאַפּט ריידענדיג צו זיך אַליין, אַנקוקענדיג מיך ווי אַ משוגע'־נעם.

— זונעלע, וואָס זינגסטו? וואָס רעדסטו? האָט זי מיך געפרעגט.

וועמען צו צייגען מיינע לידעלעך האָב איך ניט געהאַט, און אויב איך וואָלט זיי יאָ אַמאָל פאַרגעלייענט פאַר וועמען, וואָלט מען מיר געגעבען צונעמענישען וואָס וואָלטען מיך באַגלייט דעם גאַנצען לעבען, דעם איינציקען וואָס איך האָב זיך פאַר־טרויט אין צימאַכע טיכאַמערעס. ער האָט פאַרמאָגט אַביסעל בילדונג, און איז געווען גוט בעלעזען, נאָר צום באַדויערען איז ער געווען אַ גרויסער שיכור. דער בראַנפען האָט צוטרייסעלט זיין גאַנצען קערפּער. אימער פלעגען זיינע הענט ציטערען און זיין פּנים פלעגט קאַנוואַולסירען, דאָך מיט די אַלע פאַרדאָרבענע געוואוינהייטען איז ער געווען דער אינטעליגענטסטער אין אונ־זער דאָרף, און ווען עס איז געקומען די גוטע שעה צו איהם, איז געווען מיט וועמען צו רעדען און פאַרברייננגען. געשטאַמט האָט ער פון אַ רייכער פאַמיליע, נאָר ווען זיין פאָטער איז גע־שטאָרבען, האָט ער מיט זיינעם אַ ברודער צושלעפּט אַלעם פון זיין פאָטער'ס פאַרמעגען און האָט אַלעם פאַרניכטעט. די מוטער, וועלכע איז שוין געווען אין די עלטערע יאָהרען, האָט זיך געפילט אין איהר אָרימקייט ווי אַ פּריצ'ע, ריין און ציכטיג איז געווען אין זייער הויז, כאָטש אָפט האָט געפעלט דער ביסען ברויט אין הויז. געהאַט האָט זי אַ טאָכטער נאַסטיא. זי האָט גענענדיגט די גימנאַזיע. איר פּנים איז געווען אַ העסליכער. איהרע ציינער האָבען אַרויסגעשטעקט פון איהר מיאוס'ן מויל ווי

בא א ווילדער חיה וואָס איז גרייט אויף אייך אנצופאלען. נאַסטיא האט זיך אימער אויפגעהאַלטען אין הויז. זעלטען ווען איז זי געווען אין גאס אדער אין געזעלשאַפט, ווי אַ פארשפּאַרטע חיה וואָס ליגט אין שטייג און האָט מורא פאר דעם ליכטיגען טאָג. זייער ארעמקייט האָט מיין קינדערשע הארץ געוועה־טיגט, אפשר ניט אזוי פיל די ארעמקייט ווי איהר צער.

די דאָרפישע פּויערים פלעגען ווייניג וואָס האָבען וואָס צו טאָן מיט דער פאַמיליע טיכאמעראוום. איך האָב קיינמאל ניט געוואוסט ווארום? נאך אלעמען איז דאך דער פּויער געווען אַ גוט הארציגער, ער האָט אימער געהאָלפען דעם ליידענדען, דעם הונגעריגען, און דאָ אין דעם פאל האָבען זיי זיך אפּגעקערט פון די ליידען. ניט איינמאל האָב איך אין דארף מיט די פּוי־ערים זיך דורכגערעדט און קיין ענטפער האָב איך ניט געקאנט באקומען.

איינמאל האָב איך פארגעלייגט צימאכען פיליכט ווען זיין שוועסטער געבען מיר אוראקען און איך וועל איהר צאָלען דערפאר און מיר וועלעןביידע האָבען נוצען. ער האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאפּ ווי אימער איז זיין געוואוינהייט געווען, און אזוי זיינען אוועק עטליכע טעג. אין מיין באגעגעניש מיט צימאכען האָט ער מיר געזאָגט אז זי איז גרייט מיר די לעקציעס צו געבען. מיר האָבען זיך אויסגעגלייכט וועגען פרייז און אויף מארגען בין איך געווען לעבען נאַסטיא טיכאמערעס טיר. ווען זי האָט מיך דערזעהן האָט זי זיך פארנייגט און האָט אַ שמייכעל געטאָן, נאר איהר שמייכעל איז ארויסגעקומען ווי זי וואָלט מיט איהרע גרויסע פאדערשטע ציינער מיך וועלען איינ־בייסען.

— קומט אריין — האָט זי צו מיר געזאָגט — זעצט זיך! —האָט זי מיר אנגעצייגט אויף א הויכען ריינעם שטול.

איך האָב מיט מורא געקוקט אויף איהר עקעלדיגען פּנים, און געפיהלט ליבשאַפט פאר איהר איידעלער פריינדליכער אויפ־נאַמע.

— איהר ווילט נעהמען אוראקען? — האָט זי מיר ווידער

געפֿרעגט, איך וועל זעהען אַז איהר זאָלט זײַן אַ גוטער שילער, און מיר וועלען זיך פֿאַרשטײן, איך וועל מיט אײַך ניט לערנען נאָך אײַערע יאָהרען, נאָר נאָך אײַער קענטעניש און פֿאַרשטאַנד. מיר האָט אַנדרושאַ דערצעהלט פֿון אײַך, ער האָט אײַך זעהר ליב. זעהט איהר, ער איז אַ שיכור און דאָך אַן אײדעלער, װיפֿיעל מאָל בין איך בײַז אויף איהם און באַלד פֿאַרגיב איך איהם, אַ גע־וואוינהייט, אַ כראָנישע קראַנקהייט. האָט איהר ביכער, סאָלאָ־מאָן? איך וועל אײַך רופֿען סאָלאָמאַן, איהר וועט ניט זײַן בײַז אויף מיר?

— געוויס ניט, איך ליב ווען מען רופֿט מיך בײַ מײַן ערשטען נאָמען, אין דעם פֿיהל איך אַ נאָהענטקייט און אַ פֿרײַנד־שאַפֿט.

— איהר האָט דעם ריכטיגען פֿאַרשטאַנד.

קײנע לעקציעס האָט זי מיר ניט געגעבען דעם ערשטען טאָג פֿון אונזער בעגעגעניש. זי האָט נור גערעדט צו מיר דורכפֿליה־ענדע פֿראַזען, און איך האָב אין איהר געזעהן וויסענשאַפֿט, ליבע און קענטעניש. אין דעם מאָמענט האָב איך פֿאַרגעסען איהר העסליכען פּנים, איהרע גרויסע אויסגעשצירעטע צײנער. זי האָט אויסגעקוקט פֿאַר מיר ווי אַ פּרינצעסין, אַ וואַר־זאַגערין וואָס וויקעלט פֿאַנאַנדער די טאַוולען פֿון מײַן לעבען און טױ־זענטער אַנדערע לעבענס אין אַנדערע אָרטען. מיר האָט זיך אין דעם מאָמענט געוואָלט זײַן אַזוי נאָהענט לעבען איהר און אײַנ־הערען זיך אין איהר שעהנער אײדעלער שפּראַך, די אויסדריקען פֿון איהרע ערציילונגען און אַרויסברײנגען דעם געדאַנק צו אַ ריכטיגען באַשלוס. איך האָב מײַנע קינדערשע אויגען גע־עפֿענט ברייטער און מײַן זעהן איז געוועזן אַ ווייטערער און אַ מעהר דײַטליכער.

— פֿאַרשטעהט איך מיך וואָס איך רעד צו אײַך?

— יאָ, איך פֿאַרשטעה, נור מיך פֿאַרדריסט וואָס איך האָב פֿון זי ביז יעצט ניט געוואוסט. איך וואָלט שוין פֿיעל ווייטער געוועזן אין מײַנע לעבענס אַנשויאונגען און מיר וואָלט גרינגער געוועזן דורכציהען דעם וועג אויף וועלכען איך באַלאַנזשע מײַן

קינדערשע בלאנזשעניש.

— מיר האָט אנדרושא געזאָגט אז איהר שרייבט לידעלעך און ערציילונגען. געוויס וועט איהר זיי פארלעזען פאר מיר שפּע־טער ווען איהר וועט קריגען אייער פולען צוטרוי צו מיר. איך וויים אז יעצט ציטערט איהר איבער זיי, איהר האָט מורא זיי זאָלען ניט אריינפאלען צו אַ שטיף מוטער, און זי זאָל זיי שלעכט באהאנדלען, זעהט איהר אז איך טרעף?

מיט איהרע אויגען וואָס זיינען יעצט געווען פול מיט פייער האָט זי אויף מיר געקוקט. אין דעם מאָמענט האב איך זיך פאר־לאָרען, מיר האָט זיך געוואלט פרעגען וואו איז אהינגעקומען יענע העסליכקייט וואָס האָט מיך אזוי געעקעלט. און היינט זעה איך נור צארטקייט, איידעלקייט. מיר האָט זיך געוואלט בעטען פארצייאונג באַ איהר, נור איך האָב ניט געקענט זאָגען אז זי איז געווען העסליך.

— זייט איהר צופרידען מיט דעם ערשטען אונטערהאלט?

—ווען וועל איך דארפען מארגען אריינקומען?—האָב איך זי געפרעגט.

— קומט ניט שפּעטער ווי צעהן אין דער פריה.

— פיין, האָב איך געענטפערט און בין ווידער געבליבען זיצען ווי איך וואלט אויף עטוואס געווארט — איך וואָלט גע־מאכט אונזערע אוראקען ניט אין שרייבען, אדער פארלעזען, נאר אין געשפּרעכען, אין אונטערהאַנדלונגען. מיר דוכט אַז זיי זיינען שאַרפער און קלינער. אין אונזערע געשפּרעכען קענען מיר ריידען פון הימעל, זון, לבנה און שטערען, פון דער ערד וואָס איז פול מיט סודות און פּראכט, פון מענשליכע נאַטור, און מענשליכער הארץ און נשמה.

—פון ליבע, פון ליבע ווילט איהר ריידען, סאלאמאן? איך וויים ניט צי איך וועל אין דער פראגע איינשטימען מיט אייך? איהר וועט געוויס אנרופען די הייליגע ליבע, און איך וועל אייך אויפצייגען אז קיין הייליגע ליבע איז ניטאָ! דאס איז נור אַ באַפרידיגונג. ווארום גלוסט דאָס פארליבטע הארץ נאכ'ן שעהנ־סטען? ווייל אין שעהנקייט ליגט דער רייץ, די קראפט פון

שטאַרקען אויפרעגענדען געשלעכט.

זי האָט איהר פּנים ארונטערגעלאָזען און האָט ווײנענדיג געפּינטעלט מיט די אויגען.

— איהר זעהט מײן פּנים? העסליך, מיאוס, און קײנער גיט גאר ניט אַ טראַכט אַז מײן הארץ איז ווארימער, פלאמיגער ווי יענע וואָס האָבען שעהנע פּנימער. מיך האָבען נאָך קײן מענער ארעמס ניט ארומגענומען, קײנער האָט מיך ניט צוגע־דריקט צו דער שטורמישער ברוסט, קײנע אנגעצונדענע ליפּען נאָך ניט באַרירט, מײן פלאַמיגע נשמה צאַנקט, דאָרט, זי ווײסט ניט פון מײן העסליכקײט.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט מיר אין פּנים אַרײנגעקוקט.

—פיליכט רעד איך צופיעל פאר מײן ערשטער באַגעגעניש, מיט דער הײליגער פראַגע ווע'לען מיר אנהויבען אונזער לערע, זײט איהר צופרידען?

איהר דאַרע ברוסט־ברעט האָט זיך געהויבען, געקלאַפּט, איהר אטהעם איז געווען שווער, איהר פּנים בלײך און דער־שראָקען, מיט איהרע ציטערדיגע הענט האָט זי אגעהאַלטען מײן קינדישען אַקסעל, און האָט מיר געוואונשען אַ גוטען טאָג.

— מאָרגען! — האָט זי אויסגעשריען נאכדעם ווי די טיר איז שוין געווען צוגעשלאָסען.

אין דרויסען האָב איך ערשט דערפילט ווי שיכור איך בין, שיכור ניט ווי איהר ברודער אנדרושאַ, שיכור מיט דעם ווײן פון ליבע. איך האָב ניט געוואוסט וועמען איך האָב ליב אין דעם מאָמענט. איך האָב ניט געקאַנט באַגרײפען דעם אומבײט פון מײנע געדאַנקען, פריהער אזוי העסליך און יעצט אזוי ליב. ווער און וואָס האָט אַנגעטאָן די מאסקע? ווארום ציהט מיך אזוי זי צו זעהען ווידער, און אין דעם מאמענט וואלט מיך ניט געאַרט ווען זי רופט מיך צוריק און וויל ריידען מיט מיר וועגען אלעם, ניט נאר פון ליבע — פון אלעם אין דער וועלט. מיר דאַכט אַז איהר צונג איז א פײערדיגער זײל — אַ מאַגנעט וואָס

ציהט צו זיך און רופט: ליב מיך! ניט קוקענדיג אויף איהר העס־ליבקייט. ווייט אוועק פון איהר הויז האב איך דערפיהלט אן ערוואכונג ווי איהרע ווערטער וואלטען זיך אויסגעוועבט אין מיינע געדאנקען. א פאר׳חלום׳טער בין איך געווען דעם גאנצען טאג, ווי א היץ קראנקהייט וואלט דורכגעגאנגען מיין גאנצען קערפער, קיין רוה־ארט האב איך ניט געקענט געפינען, אין מא־מענטען וואס האבען מיך געמאכט פארגעסען וועגען וואס דא האנדעלט זיך. איך בין געווען וואס מען רופט אין א הינער־פלעט. ווען בערוהיגונג איז געקומען האב איך גענומען טראכ־טען פון אלעם וואס איז פארגעקומען אין דעם נעכטיגען גע־שפרעך, און האב שוין א טראכט געטאן וואוהין וועט ער מיך שפעטער פיהרען. און אין אמת׳ן האט מיר דער וויטערער וועג געשראקען. איך האב מורא געהאט פאר מיין צוטרייסלונג וואס קומט נאך א ליבעס פייער. די גארונג פאר אונענטפלעקטע סודות איז שטארקער פאר׳ן געדאנק. איך וועל געהן מארגען צעהן אזייגער, האט מיין צונג געפרעפעלט. יא, צעהן.

שפעט אין דער נאכט בין איך געגאנגען שלאפען. איך האב ניט געטראכט פון דעם אנקומענדען פריהלינג, פון דער צושמעלצונג פון דעם אייז, פון דער ערוואכונג פון די גרעזעלעך דארט אויפן בארג וואו די זון האט מיט איהרע ווארימע שטרא־לען דורכגעשמאלצען דאס אייז און האט אויפגעוועקט די קאלטע ערד און געווארעמט איהר ברוסט, און מיט דעם אריינ־געגעבען לעבען צו דיווארצלען וואס ברייגנען ארויס דאס גראז.

דער פריהמארגען איז געווען איינגעוויקעלט אין טוי. די פריהלינגס זון האט ניט געקענט דורכרייסען דעם געדיכטען נעפעל, איז ווי א פארבלאנזשעטע געגאנגען איהר וועג בארג ארויף, זוכענדיג איהר ארויסגאנג. ווען זי איז שוין געווען גאנץ הויך האט דער נעפעל געלאזען פאר איהר דעם ריינעם וועג פון הימעל, און אליין איז ער אוועק מיט די נידעריגע טאלען אין וויטער פארשווינדונג.

ווען איך האב א קוק געטאן אויפ׳ן זייגער האט ער ערשט געשלאגען ניין, און איך האב געוואוסט אז איך דארף נאך

וואַרטען אַ ווײַלע. מײַן אומגעדולד און נײַגעריקייט איז גע־לאָפען ווײַט פריהער פאַר מיר. איך האָב געוואוסט אַז זי וועט היינט בעטען פאַרצײַאונג פאַר איהר נעכטיגען איבעראײַל־טען געשפרעך. איך האָב געוואוסט וואָס איהר צו ענטפערען. דאָס איז דער וואולקאַנישער אויסברוך פון איהר פאַרשטיקטער קראַפט, און יעצט מיט דער ערשטער באַגעגעניש האָט עס ארויס־געפלאַמט. איך האָב אויף איהר קיין פאַראיבעל ניט און עס איז ניט איבעראײַלט, איך האָב אין די מינוטען צוגעגרייט אַן ענטפער אויף אַלע איהרע פראַגען און פאַרגעבונג, ווי איך וואָלט וויסען וואָס זי וועט מיר זאָגען.

ווען דער זייגער האָט געצייגט האַלב נאָך ניין בין איך ארויס פון הויז און בין אוועק אין דער ריכטונג וואו זי האָט געוואוינט. מײַנע טריט זײַנען געווען לײַכטע ווי איך וואָלט געהאַלפען געוואָרען פון מעכטיגע פליגלען אין מײַן גאַנג. טויזענטער פראַגען און ענטפערס זײַנען דורכגעלאָפען מײַן מוח און אוועק אין אומבאַוואוסטע ווײַטקייטען. ווען איך בין געווען נאָהענט צו איהר הויז האָב איך דערזעהן ווי זי קוקט ארויס דורך די שויבען. זי וואַרט אויף מיר, האָט מיר אַ געדאַנק אנגעזאָגט. מיט אַ שמייכעל האָט זי מיך באַגעגענט, און לאַנג האָט זי אריינגעקוקט אין מײַן פּנים, ווי זי וואָלט אין איהם וועלען לעזען וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער צייט פון אונזער צושיידונג, און וואָס איז מײַן געדאַנק וועגען איהר יעצט. זי האָט ארויסגעפּלאַפּעלט אזוי פיעל זאכען, וואָס נאָך יעצטיגען געדאַנק זײַנען זיי געווען צו פריה.

— זיצט! — האָט זי מיר אנגעצייגט אויפ׳ן זעלבען שטוהל

— דאָס איז אייער פּלאַץ.

איך האָב איר באַדאַנקט און האָב זיך אוועקגעזעצט.

— מיר וועלען זיך היינט פאַרנעמען מיט אמת׳ער לעהרע, נעכטען האָבען מיר נור געפּלאַפּעלט, היינט וועל איך זײַן אייער לעהרערין און איהר מײַן שילער, געפעלט אייך מײַן אויסשפּרע־כען זיך?

— געוויס! געוויס!

און באלד האב איך איהר געפרעגט, וואָס איז לעהרע? איז ניט אונזער נעכטיגער געשפּרעך געווען קיין לעהרע? מיר דאַכט אַז דער נעכטיגער געשפּרעך איז געווען מיין בעסטער לעה־רער. איך האָב זיך זעהר אמוזירט, און האָב פיעל געלערענט, און ווינש פיל צו ריידען פון דעם וואָס מיר האָבען נעכטען גע־רעדט. זי האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען און האָט שטיל מיט א זיפץ ארויסגערעדט:

— יא, מיר וועלען ריידען. איך וועל מיט אייך אנהויבען אריפמעטיק.

— אָ, האָב איך אַ געשריי געטאָן ווי אַ פּלוצלינגער וויטאג וואָלט מיר אַ כאַפּ געטאָן, איך האָב ניט ליב קיין אריפמעטיק, די ציפערען זיינען אזעלכע קאלטע, זיי טראָגען מיט זיך בערג מיט אייז. איך וויל עפּעס ווארעמעס, לעבעדיגעס, און ניט די קאַלטע בוכשטאבען וואָס פיהרען אייך אין פינסטערניש, זיי זיינען מתים פאר מיר. איך בעט אייך לערענט מיך עפּעס אנדערש, אנדערש.

זי האָט פארשטאַנען מיין געבעט און האָט מיט פארענט־פערונג געזאָגט:

— וועלען מיר לערנען אנדערש.

— געפעהלען אייך ערצעהלונגען?

— געוויס, ערצעהלונגען זיינען לעבעדיגע וועזענס, איהר קענט מיט זיי ווערען חברים און פיינט. אין זיי קענט איהר געפינען זיך און מיך און אלעס וואָס טרעפט אין לעבען. איך ליב זיי בעסער פאר די טויטע בוכשטאבען און ציפערען.

איך האָב אַ ציטער געטאָן.

— וואָס טויג מיר רעכענונג אז רעכענונג שטימט קיינ־מאָל ניט. וויפיעל מאָל האָט איהר שוין אויסגערעכענט זאכען און דאָס לעבען איז געקומען און האָט פון אייער רעכענונג געמאַכט אַ תל, און איהר זייט געבליבען אין זעלבען טעות ווי דאַן ווען איהר האָט דעם רעכענונג ניט צוזאמענגעצויגען. איך גלויב אז דער אומבלאַנזשען פון מענשליכען געדאַנק איז דער בעסטער סך הכל, פארשטייט איהר מיין געדאַנק?

דאס צוגרייטען זיך צום ערשטען וואָרט האָט גענומען לאַנג. איך האָב געזעהען איהר אומרוהיגקייט, זי האָט מיר אויסגעקוקט ווי אַן אומרוהיגער פויגעל וואָס ווערט אַראָפּגעטריבען פון נעסט און האָט מורא צו קומען צוריק. זי האָט פילע מאָל גענומען אַ געוויסען בוך אין האַנט און האָט איהם ווידער אוועקגעלייגט, ווי ער וואָלט ניט געווען דער וועלכען זי פאַרטרויט אין אנפאַנג פון מיין לייענען.

— איך וויים ניט וועלכען בוך אנצוהויבען פאַרצולעזען פאַר אייך? איך טראַכט, אַז דאָס בוך וואָלט געווען בעסער פאַר אייך און באַלד קומט דער געדאַנק אַז דאָס צווייטע איז ניצליכער.

איך האָב געזעהן אַז ניט דער בוך איז שולדיג. שולדיג זיינען איהרע צוטרייסעלטע נערוועז. זי האָט געציטערט ווי אַ קעלט וואָלט דורכגעגאַנגען איהרע גלידער.

—פיליכט וואָלטען מיר אונזערע היינטיגע אוראקען פאַרוואנדעלט אין אַ פריינדליכען, געמיטליכען געשפּרעך?

— איהר זייט גערעכט, האָב איך איהר מיט פרייד געענטפערט. ווארום דארפען מיר זיך לערנען פון זיי? זאָלען זיי זיך לערנען פון אונז.

מיר האָבען זיך ביידע צולאַכט.

— איהר האָט דאס געזאָגט אין אַ שפּאַס און איך קען אייך זאגען אַז עס איז זעהר פיל נארישקייט אנגעשריבען געוואָרען וואס מיר מוזען זיך וואָרגען מיט דעם, און חלילה קענסטו די נארישקייט ניט, ביסטו אַ שלעכטער שילער.

— זעהט אַז איך בין גערעכט וואָס איך זאָג אַז מיר זאָלען האָבען אונזערע אייגענע געשפּרעכען, איך בין אדם און איהר חוה און מיר דאַרפען אנהויבען די וועלט, האָב איך געזאָגט.

— זייט עהרליך, סאלאמאן, איהר וואָלט ניט געוואָלט זיין מיין אדם, ווייל קיין אנדערע פרויען זיינען פאַר איהם דאַן ניט געווען... און ווען איר וואָלט זיין געצוואונגען מיט מיר חתונה האָבען וואָלט איהר דאָס געוואָלט?

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן. איהר שמייכעל איז געווען

פארלאפען מיט טרערען, ווי זי וואָלט געפּרעפּעלט: פאַרוואָס האָט מיך די נאטור אזוי באַשטראפט? זעהט איהר? מיר זיינען די ערשטע מענשען אויף דער וועלט.

— מיר דארפען זיין די ערשטע, האָב איך איר געענט־פערט, די ערשטע ניט צו טראכטען פון דער ארומיגער וועלט, וואָס לויפט נאך יענעמס טריט.

— איהר ווייסט, מיר געפעלען אייערע אויסדרוקען, מיר האָט אנדרושא געזאָגט אז איהר זייט אַ אינטערעסאנטער איינגעל, און איך גלויב אז ער איז גערעכט.

—איך דאנק אייך, האָב איך געענטפערט, און האָב אויף איהר אַ גע׳גנב׳עטען קוק געטאָן. זי האָט דאָס באַמערקט. שעמעוו־דיג האָט זי איהרע אויגען ארונטערגעלאָזען. אַ ווײַלע פאַר־טראַכט איז זי געזעסען. ווי פון אַ שווערער קאמא איז זי אויפגעשטאנען. מיט איהר גאנצען מיידעלשען קערפער האָט זי אַ ציה געטאָן, און באַלד האָט זי זיך ענטשולדיגט.

— איך פיהל אזוי מאדנע אז איך קען ניט מאהלען.

— איך ווייס, האָב איך איהר געזאָגט, און באַלד זיינען מירביידע שווייגענד געבליבען. אונזער שטיל שווייגען איז געווען די שטארקסטע איבערלעבונג, דער שטארקסטער אויסגעשריי פון ליבע ווען ער איז פארשפארט אין זיין שטייג. איהר קול האָט זיך געטראָגען אין אַן אַנדער ריכטונג ווי מיינער. איהרע שטומע טענות זיינען געווען אנדערש ווי מיינע, זי האָט געשריען צו דער נאַטור וואָס זי האָט איהר געגעבען אזא מיאוס׳ן פּנים, אזא העסליכען אויסזעהען, און איך האָב געבעטען דעם גאָט פון ליבע ער זאָל זי אויסמאלען אין אַן אנדער געשטאַלט איך זאָל האָבען גלוסט צו זיין נאהענט לעבען איר. זי האָט דאָך געזוכט מיין וואַ־רימקייט, מיין צערטליכקייט, כאטש איך בין געווען מיט פילע יאַ־רען אינגער פון איהר. איך בין געזעסען און באמערקט אז מיין אונשולדיגער באריהר צוטרייסעלט איהר פרויען קערפער און ווארפט איהר אין קאנוואולסען. בלעטערענדיג אַ בוך האָב איך איהרע דארע הענט באַרירט, און איך האָב דערפיהלט איהרע בלוטען וועלכע האָבען זיך אזוי ווארעם אריינגעגאָסען

פון איין אדער אין צווייטען ווי פארטריקענטע טייכעלעך וואס ווערען פלוצלונג אנגעפילט. דער זייגער האט שוין געשלאגען צוועלף און איהר מוטער האט זי גערופען צום טיש עסען. זי האט זיך ענטשולדיגט און האט מיר געזאגט:

— מאמאשע רופט מיך צו געהן עסען, מארגען וועט איהר ווידער זיין אין דער זעלבער צייט.

— יא, האב איך איהר געענטפערט, געוויס, און איך בין ארויסגעגאנגען.

אכטער קאפיטעל

דער וועג צו אונזער הויז איז געווען בלאטיק און פול מיט וואסער פון דעם צושמאלצענעם שנעע, נור וואס פאר א ווערטה האבען געהאט מיינע בלאטיקע טריט אויף דעם נייעם שטראלען־וועג. זי האט אין מיין נשמה אויפגעוועקט געטליכע קלאנגען, צערטליכע באנעמונגען. אין דעם מאמענט האב איך געליבט די גאנצע וועלט. מיר האט זיך געוואלט ריידען צו יעדען מיט א צערטליכער שפראך ווי א מוטער רעדט צו איהרע קינדער. אך, ווי גליקליך איך בין וואס אין מיין הארצען שפילען פרעהליכע מעלאדיען. און באלד איז געקומען דער געדאנק וואס האט מיר מיין פרייד צושטערט: איך וויים אז נאסטיא בייגקט נאך ליבע און צערטליכקייט, און איך האב זיי ניט פאר איהר. איהר אויס־געקרימטער פנים איז מיר געקומען אנטקעגען ווי א מענש וואס קומט אריין אין טיהר און איהר קענט איהם ניט זאגען געה צוריק, דו ביסט ניט אנגענעהם פאר מיר. איך האב פרובירט אריבערצושפרינגען די ריטשקעלאך וואס האבען זיך געגאסען איבער'ן וועג, אונטערשפרינגענדיג ווי א הירשעלע, אז אט דער שלעכטער געדאנק זאל פון מיר אוועקגעהן, און איך זאל פאר־געסען איהר העסליכקייט. מיר האט זיך געוואלט פאלען צו ד'רערד מיט'ן פנים און וויינען אויף איהר בעליידיגונג. ווארום האט די נאטור זי אזוי אכזריותדיג באשטראפט? איהר הארץ איז דאך פון דעם זעלבען בלוט און פלייש און דאך שטויסט זי אפ פון זיך. און דער גלוסט פארשווינדט ווי פון עפעס עקעלדיקס. מיר האט זיך געוואלט רחמנות האבען און געבען איהר מיין

וואָרימקייט, מײַן צערטליכקייט, נאָר איך האָב געפֿיהלט ווי זודיג וואַסער וואָס געהט אַריבער די ברעגען און פֿאַרלעשט דעם פֿלאַם. זי, אַט די אָפּשטויסענדע, האָט מעהר געוויסען, און איז מעהר אין שרעק אַז טאָמער מיינט מען זי ווען אַפּילו דער בליק איז אַן אונשולדיגער. מיט געטראָטענע טריט בין איך געגאַנגען מײַן וועג, ווי אין אַ נעפּעל וואָס צײַגט אַז די ענדע איז נאָהענט און דאָך זייט איהר אַזוי ווייט. אין דעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאַנט אַן באַסקען, און ניט ווילענדיק האָב איך זיך צולאַכט. איך האָב זיך אַליין מיט פֿאַרוויפֿע געפֿרעגט: וואָס לאַכסטו? איך האָב פֿאַרשטאַנען מײַן געלעכטער. מײַן געלעכטער איז געקומען פֿון דעם וואָס איך האָב שטיל אין מײַן האַרצען געוואָלט צוגלייכען די ביידע געשטאַלטען. דער געלעכטער איז געבאָרען געוואָרען ווײַל איך האָב זיך געראַנגעלט מיט מײַן האַרצען. דאָ איז פֿאַרשטאַנד, דאָרט איז ליעבע. און אימער זיעגט דאָס פֿאַרבאָרגענע, געטליכע און אונענטפּלעקטע. יאָ, מײַן געדאַנק איז גערעכט. זי האָט מיך בעטריגט. זי האָט מיך אָפּגענאַרט און די אַנדערע וואָלט דאַנקבאַר געווען פֿאַר ברעקעלעך, פֿאַר די פֿונקען פֿון גרויסען פֿלאַם וואָס דאָס האַרץ שלאָגט איבער׳ן ברוסט. דאָרט וואַרף איך זיך אונטער, ווײַל צומאַלען, צוטראָטען ווערען און ווער אָפּגעשטויסען און אָפּשר אָפּגעלאַכט, נור דײַנע פֿיס געהען וואו דער גאַנצער קערפּער געהט. איך בין מיט אַ קלאַפּענד האַרץ נאָכגעגאַנגען דאָ וואו מײַן האַרץ האָט געפֿירט.

איך בין ניט געגאַנגען אין הויז, איך בין אַוועק אין פֿעלד צו דעם שיפּאַוור רוצעי. מיר האָט זיך געדאַכט אַז אין דעם רוצעי ליגט דער פֿאַרגלײַך צו נאַסטיען. זומער איז ער אויסגעטריקענט, נור זשאַבעס און אַנדערע אינסעקטען האַלטען זיך אויף אין זײַנע בלאָטיקע וואַסערען. ווען עס קומט פֿרילינג ווערט ער צוגאָסען אין אַ מעכטיגען טײַך וואָס טראָגט דאָס וואַסער מיט מורא׳דיגען אימפּעט פֿאַרפֿלייצענדיג די אַרומיגע לוגעס און טאָלען, און אַלע אַרום קוקען אויף זײַן גרויסקייט און טיפקייט און האָבן מורא אין זײַן טיפענייש אַרײַנצוקומען.

זי, אַט די העסליכע באַשעפעניש, איז געװען אַזױ אױסגע־טריקענט. נאָר אַ בײזע פֿליג קען זי אַ קוש טאָן. װען אָבער עס קומען די פֿאַרפֿלײצונגען און איהר זעהט װי זי װערט פֿול אַריבער די ברעגן און איהר קענט איהר טיפֿזיניגקײט ניט דערגרײכען, װערט זי רײך און טרינקט אײַך אָן װי יענע פֿאַר־פֿלײצונג מיט װיסענשאַפֿט און ליבע. איהר דאַרפֿט נאָר זײַן נאָהענט און קענען זי, און איהר װעט װעלען זײַן אין איהר אָנװעזענהײט. ניט אײן מאָל האָב איך אױסגעמידען איהר באַגעגעניש װען איך האָב איהר נאָר פֿון װײַטען געקאַנט און געזעהן. איך האָב אַפֿילו אומשולדיגערהײט ניט געװאָלט אַ טראַכט טאָן װי העסליך זי איז. װאָרום האָט איהר די נאַטור אַזױ באַשטראָפֿט? יעצט, צײַט איך האָב זיך מיט איהר באַקאַנט נאָהענט, פֿאַרשװינדט איהר העסליכקײט. איהר טיפֿזיניגער פֿאַרשטאַנד קומט מיר אַנטקעגן און פֿאַרשטעלט איהר העס־ליכקײט.

די װילדע װאַסער שטראָמען האָבן געטראָגן אױף דעם בײזען רוקען אַלעס װאָס איז געקומען. װײַט, װײַט האָב מען געקענט זעהן די גרױע רוקענס װי די לױפֿענדע װעלף. די טיפֿע פֿאַר־שלאָפֿענע אַזערע האָט זיך גענומען אױפֿכאַפּען. די גרױסע שטיקער אײַז האָבען געקלאַפּט אין איהרע געדערים װי דאָס קינד אין דער מוטער׳ס בױך. באַלד האָט זיך מיט אַ קרעכץ אַ ריס געטאָן אַ שטיק אײַז און איז װי אַ בײזער הונט דעם אַנדערען שטיק אײַז אַרױף אױף די פּלײצעס צוריסענדיג איהם אױף שטיקער. די אױפֿגעװעקטע כװאַליעס האָבען גענומען אַרױסלאָזען זײער פֿאַרשטיקטען אָטעם און אַלעס האָט גענומען אױסזעהען װי אַ שװער פֿרײַכענדע ברוסט. דאָס אָנלױפֿענדע װאַסער האָט מיט אימפּעט אַרײַנגעשטראָמט, און האָט גע־מאַכט פֿאַר זיך אַ װעג. פֿישעלעך װעלכע זײַנען פֿאַרכאַפּט געװאָרען צװישען צושמאָלצענעם אײַז זײַנען הױך געשפּרונ־גען, אָפּט געבליבן אױפֿן אײַז־פֿליט. די זון האָט נאָך איהר גאַנצע פֿיבערשע קראַפֿט ניט פֿאַרמאָגט, דאָך האָט זי גע־שניטען די קאַלטקײט און האָט געשמאָלצען די קאַלטע צוגעסענע

לונגען. דער פֿאַרנאַכט איז געווען אַ נעפּעלדיגער און דאָס פֿרעס־טעל האָט געשטאַרקט די בלאַטע און פֿייכטע ערד, און ווײט אוועק אין פֿעלד האָט אַ פֿייגעלע געקוויטשעט ווי זי וואָלט וואָס אָנגעזאָגט דער פֿאַרנאַכטיגער וועלט. אין טונקעלקייט פֿון דעם פֿאַרנאַכט בין איך געגאַנגען אַהיים און האָב בײנקענד גע־טראַכט. איך ווײס ניט וואָס מײן טראַכטען איז געווען. פֿלי־הענדע געדאַנקען זײנען דורך מײן מוח דורכגעלאָפֿען אָהן אָפּ־שטעל אין ווײטקײטען. ווען איך בין צוריקגעקומען נאָהענט צו אונזער הויז איז שוין געווען פֿינסטער. לאַנג בין איך אויף דער באַנק געזעסען, געטראַכט פֿון דער אומגליקליכער נאַסטיאַן, פֿון באַסקעס אַנקומען צוריק אין דאָרף. עס האָט זיך געמישט אין מײן קאָפּ, ווי אײנער וואָס פֿאַרט אויף אַ שנעל־צוג, אַרויס־קוקענדיג אין די שויבען, זעהענדיג בלויז לויפֿענדע שאָטענס וואָס פֿאַרשווינדען און דו זעהסט זײ קײן מאָל מעהר ניט אין דײן לעבען. איך האָב געזונגען לידעלעך, געקוקט אויף דער לבנה וואָס האָט אַזוי שעהן אַראָפּגעקוקט אויף דער טונקעלער ערד, אויף די שטערענדלעך וואָס האָבען זיך גערופֿירט און געצונדען. דאָרט אין דעם אוניווערז מוז זײן אַ פּראַכט. דאָרט איז אַלעס שעהן. דאָס קלענסטע פֿײערעל איז אַ שעהן ליכטעלע. מיר האָט זיך געוואָלט אַוועקבלאָנזשען ווײט אין פֿעלד אַרײן,, צו דער טונקעלער נאַכט וואָס איז פֿול מיט כישוף און צויבער. דאָרט צוהערען זיך צו דעם מורמעל פֿון די וואַסערען און קוואַקען פֿון די זשאַבעס, און פּישטשען פֿון די פֿײגעלעך וואָס פֿיהלען דעם אַנקומענדען פֿריהלינג. איך האָב זיך דערמאַנט אָן דעם אַרומבלאָנזשען מיט באַסקען אין די פֿינסטערע נעכט, פּאָזירען — זיפֿצען שטיל, קוקענדיג צו דעם בלויליכען הימעל, צו דער בלאַסער לבנה וואָס האָט איהרע גאָלדענע קאַוויאַרען אַראָפּגעשיקט אויף אונזער וועג. וואו איז זי יעצט? האָט זיך מיר געוואָלט וויסען. פֿילײכט זיצט זי דאָרט מיט אַן אַנדערען און גיט גאַר ניט אַ טראַכט אַז דאָ צאַנקט אַ האַרץ און געהט אויס פֿון בײנקעניש. מיר האָט זיך געוואָלט אויף איהר עקעל וואַרפֿען, נאָר די האַנט פֿון ליעבע האָט מיך אַ ציה געטאָן

און איך בין היילינג צו איהר געבליבען. מיר האָט זיך געוואָלט א געשריי טאָן, פילייכט וועט זי דערהערען מיין קול, נאָר אומ־זיסט איז מיין טראכטען געוועזן. אלעס ארום איז געווען שלע־פערדיג און טויטליך ווי די נאכט. איך האָב שטיל די טיר געעפענט און בין אריין אין הויז. לאנג בין איך ניט איינגע־שלאָפען. אויף דער סטעליע האָבען זיך שאָטענס געשפילט מיט דער שיין פון דער לבנה. שטיל האָבען זיך מיינע אויגען דעקלעך גענומען שליסען. א מידער אהן מאכט בין איך איינ־געשלאָפען דעם פארחלום׳טען שלאָף, וואָס מען ווייסט ניט צי מען שלאָפט אדער מען איז וואך. ניט איינמאָל האָב איך אָן עפּען געטאָן די ברעמען טראכטענדיג: שלאף איך אָדער בין איך וואך? ערוואכט האָב איך פון דעם וואָס איך האָב דערהערט די שווערע וועגענער דורכפאָהרען פארביי אונזער הויז וואו די אנטרייבער האָבען געשריען צו די פארמאטערטע פערד: פּאָשאָל! פּאָשאָל! אונטערהאלטענדיג אביסעל דעם וואָגען.

טיק טאק, טיק טאק, האָט דער זייגער גערעדט, ווי ער וואָלט מיר עפּעס וועלען זאָגען נאר איך פארשטעה ניט זיין שפּראך. איך האָב אויף איהם געקוקט, געקוקט אויף זיינע ווייזער און געטראכט: דו ביסט אַ גליקליכער, וואָס דו געהסט דיין גאנג, אָנצייגענדיג מיט דיינע ווייזערס יענעם די מינוטען, שעה׳ן פון זיין טאָג, און קלאפּסט אוים די שטונדע און צייט, כאטש אָפּט וויל דיין צוהערער ניט הערען פון דעם, יאהרען נאָך יאָהרען געהסטו דיין ראנד, און ווערסט קיינמאָל ניט מיד. אך! ווען איך קען זיין אזוי ווי דו, קלאפּען ווי דיין טיק טאק אין דעם זעלבען טאן און שפּראך. מיין הארץ ווערט אויפגעטרייסעלט, אויפגעריצט, היים און קאלט, לאבענדיג און דערשראקען, פרעה־ליך און אומעטיג, אלעס אין דעם ראנד פון דעם קליינעם הארץ, עס איז אַ קאמפּאס, אָט קומט עס צו הייסע וועלטען, גליהענדע זונען, און באלד צו אייביגע פארגליווערטע שטיקער אייז, אט פליהט עס אויף בערג און באלד גליטשט עס זיך אראפּ אין דעם טיפסטען אפּגרונט. זעהסט מיינע ווייזערס געהען אויך ניט ארויס פון דער ראם, און דאך טרעפט אז זיי פארפליהען ווייט,

ווייט אין דעם צווייטען עק וועלט, בלאַנזשענדיג זוכען זיי און געפינען זיי האָבן זיי אויך קיין טרייסט ניט.

דער אייביגער בלאַנזשען, דער אייביגער זוכען פּאַרמאַ־טערט. קומט ניט דער פאַרלאַנג דאַן ווייס איך אַז דאָס הייסט טויט! טויט! מיר האָט זיך אין דעם מאָמענט אויסגעדאַכט אַז דער זייגער האָט אויפגעהערט פּרייכען ווי ער וואָלט זיך צוגע־הערט צו מיינע רייד מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטהעם ביז מיין פאַר־טראַכטונג וועט איבערגעריסען ווערען. איך האָב זיך אויפגע־זעצט, אריבערגעלייגט מיינע הענט אויף די קניה און האָב לאַנגע שעה׳ן געטראַכט. ווייט בין איך געוועזען מיט מיין טראַכטען, און ווען איך בין וואַכעדיג געוואָרען האָב איך ערשט געגומען טראַכטען פון וואָס איך האָב געטראַכט. מידער ווי אימער בין איך געוועזען אין די פרימאַרגען שעה׳ן. איך האָב מיט מוט זיך אַליין איינגעצאַמט, און האָב צו זיך אַליין געזאָגט: איך וועל לאָזען מיין לעבען געהן זיין אייגענעם גאַנג, זיין אייגענעם וועג, און איך וועל זיין אַ נאָכשלעפּער וואָס געהט אין די פוס־טריט פון זיין שאָטען.

אנדרושאַ האָט מיך באַגעגענט לעבען זיין הויז און האָט מיר געזאָגט: זיין שוועסטער וויל מיך היינט ניט זעהן, זי פילט ניט אַם בעסטען. אין דעם מאָמענט האָב איך ניט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט צו מיר, נאַר באַלד בין איך געקומען צום געדאַנק, און האָב איהם איבערגעפרעגט:

— זי פיהלט ניט גוט? איך האָב זי געוואָלט זעהן.

— איך ווייס ניט צי זי וועט דיך אויפנעהמען, זי האָט אַ שרעקליכען קאָפּ ווייטאָג.

איך בין מיט שטילע פאַרטראַכטע טריט אַוועק אהיים. גע־הענדיג אהיים האָב איך איבערגעקלערט, אפשר איז זי ניט קראַנק? אפשר וויל זי מיך מער ניט לערנען? זי פיהלט ערווידערט! נאָך אַלעמען האָט זי נאָך קיין איין וואָרט פון די ביכער מיט מיר ניט שטודירט, נור רייד פון הארצען, אונ־זערע אייגענע איבערבליקען פון אונזערע אייגענע לעבענס, און דאָס איז פאַר איר שווער. זי קען פילע זאַכען ניט ארויס־

ברינגען און זאָגען דעם אמת וועגען זיי. זי פילט זיך אַז זי איז גע־שטראָפט, און אַ געשטראפטער איז אימער דערשלאָגען און ערנידערט. פיליכט איז זי קראַנק. עס קען מעגליך זיין אַז זי האָט דעם קאָפּ וועהטאָג, און קען מיר די לעקציע ניט געבן. איך האָב גענומען טראַכטען וועגען נעכטיגען אוועקגעהן פון איהר און צי האָב איך עפּעס שלעכטס ניט אַרויסגערעדט אַז איהר זאָל וועה טאָן? איך געדיינק ניט אַזאַ זאַך. איהר זאָגען אַ גוטען טאָג איז געווען אַ פריינדליכער. איז ניט אַנדערש אַז זי איז קראַנק. אין דעם מאמענט האָט זיך מיר געוואָלט אַרויסציינן צערטליכקייט, אַז זי זאָל פיהלען דערהויבען, און אַז איהר לעבען איז טייער באַ מיר ווי די שעהנסטע פּרינצעסין, וואָס ווערט פאַרגעטערט. איך האָב געטראַכט פון איהר בלייכן פּנים וואָס ליגט דאָרט אין דער ריין פאַרבעטער בעט, און די אויגען וואָס קוקען פאַראומערט אויף דער סטעליע, און וואַר־טענדיג טראַכט זי: קימערט זיך ווער פאַר איהר? און וואָלט ווער בעוויינט איהר טויט? טרערען, הייסע טרערען, גיסען זיך פון איהרע פאַראומערטע אויגן. איך וועל איהר צער צושמעטערען, איך וועל זיך אומקערען צוריק צו איהר הויז און בעטען איהר מוטער אז איך מוז זי זעהר נויטיג זעהן. געוויס וועט איהר מוטער מיין פאַרלאַנג באַוויליגען און איך וועל מיט אַ וואַרימע ליבשאַפט צו איר שמייכלען און גלעטן ווארים איר האַנט, און דאָס וועט איהר היילען . . . זי האָט זיך געוויס אויפגערעגט פון איהרע האַרציקע געשפּרעכען, פון די ליבעס פייערדיגע רייד. נאָך אַלעמען איז זי דאָך ניט צוגעוועהנט צום ליבעס פיבער. מיינע רייד האָבן איבערגעיורט איהר האַרץ, צוטרייסעלט זי, און יעצט קלאַפּט עס שטאַרקער, און פון דעם איז איהר קאָפּ וועהטאָג געקומען. איך האָב געוואָלט באַשולדיגען זיך אַליין, נאָר ווי האָב איך אַנדערש געקאַנט האַנדלען? איך גלויב דאָך אין ליבע, און ווארום זאָל איך מיינע געדאַנקען ניט אַרויסזאָגען און זאָל זיך צוגרייטן צו דעם שטורעם וואָס דאַרף קומען צו יע־דען מענשען און צו איהר אויך?

מיט דעם געדאַנק בין איך צוגעגאַנגען צו איהר טיר. איך

האָב אָנגעקלאַפּט שטיל, ווי איך וואָלט פאַר עפּעס זיך דערשראָ־קען. באַלד האָט איהר מוטער די טיר געעפענט, זי האָט אַ רגע געקוקט אויף מיר און האָט אַ זאָג געטאָן.

— מיין נאסטיא פיהלט ניט גוט, זי איז אין בעט מיט אַ קאָפּ־וועהטאָג.

— איך בעט אייער ערלויבעניש זי צו זעהן, איך מוז דאָס.

זי האָט זיך אביסעל פאַרנייגט און האָט אַנגעצייגט מיט איהר אדערדיגער האַנט אז איך מעג אריינקומען. איך האָב זיך אַ ווייל פאַרלאָרען און זי האָט זיך פאַרשעהמט. זי האָט מיט איהר ווייסען ליילעך פאַרדעקט איהר דאַרע ברוסט, און מיט אַ שמייכעל מיך גערופען נעהענטער צו זיך. איך בין צוגעגאַנגען נאָהענט, האָב מיט אַ ליבען רחמנות ארויסגערעדט:

— מיך פאַרדריסט אייער קראַנק זיין — און איך האָב באַרירט איהר צאַרטע האַנד. זי האָט אַ ציטער געטאָן און האָט טיף אין מיינע אויגען אַריינגעקוקט.

— און איך האָב געדיינקט אז קיינעם ארט ניט פאַר מיר ווי עס ארט ניט דעם גערטנער וואָס עס ווערט מיט דעם אומ־געווינשטען גראָז ווען ער רייסט עס ארויס פון די פאַרזעעטע בעיטען.

— איהר זייט ניט יענע גראָז, איהר זייט די נויטיקע מענשען־פלאַנצונג. אייערע בעיטען זיינען פון בלומען, נאָר פון בלומען. איהר זעהט דאָך אז איך בין געקומען צו אייך לערנען זיך און וויל פון אייך שעפּען דעם נייעם קוואַל וואַסער וואָס ערפרישט מיין האַרץ. איהר דאַרפט אַזוי ניט טראַכטען, אייער גליק ליגט אין עפּעס אַנדערש. ניט אַלע קענען זיין בלו־מען. פאַרגעסט ניט אַז איהר האָט אַ רעכט צו לעבען אַזוי גוט ווי דאָס שעהנסטע, ווייל אין אייך ליגט צאַרטקייט.

— מיינט איהר וואָס איהר זאָגט?

— ריכטיג! אַלעס ריכטיג! עס איז ניטאָ אין מיר קיינע פאַלשקייטען.

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט, צוגעטראָגן צו איהרע ציטערדיגע ליפּען און האָט זי ציטערדיג געצערטעלט. איהרע

אויגען זיינען געווען פול מיט טרערן.

— איך דאַנק אייך פאַר אייער טרייסט. איך פיהל זיך קרעפטיגער און איך בין אימשטאַנד יעצט אויפצושטיין פון בעט. איך בעט אייך, געהט אַ ווײַלע ארוים, פאַרבריינגט מיט מיין מוטער אַ ווײַלע. איך וועל באַלד זיין מיט אייך און פיליייכט וועל איך מיט אייך לערנען.

— דאָס וואָלט געווען פיין.

איך בין ארוים אין צווייטען צימער וואו איהר מוטער איז געזעסען אַ פאַרזאָרגטע.

— וואָס דיינקט איהר וועגען איהר?

— זי איז פיין און וועט באַלד געבען מיר מיין לעקציע.

— געוויס? איך בין צופרידען, איך ליב ניט ווען זי ווערט קראַנק. זי ווערט פאַרלאָרען.

ווען נאָסטיאַ איז אריינגעקומען איז איהר פנים געווען אין פרייד. זי האָט מיט אַ שמייכעל מיך באַגריסט און האָט מיך אנגערופען דאָקטאָר אָהן אַ טיטול, איך האָב זי פון בעט אויפגעהויבען.

— איהר זייט יונג, און שוין אַ דאָקטאָר ספּעציאַליסט.

איך האָב אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:—

— נאָר אויף פרויען הערצער.

— דאָס איז די גרעסטע קונסט צו פאַרשטעהן דאָס הארץ פון אַ פרוי. ווייל עס איז אַזוי פאַרבאָרגען, און אָפט טונקעל ווי די אייביגע פינסטערניש. איהרע וועגען זיינען אזוי צודרייט ווי דער אריינגאַנג אין דער טיר פון פוקס נעסט. עס איז שווער צו לערנען, נור מיט געבוירענע פעהיגקייטען קען מען אַלעס באַנעהמען. איהר זייט באַרעכטיגט צו אייער יעצטיגען נאָמען, און אין מיין הארצען וועט איהר אזוי אויסגעקריצט ווערען.

ווען איהר מוטער איז אפּגעטראָטען האָט זי מיר דערצעהלט אַז דאָס אַלעס וואָס מיט איהר איז יעצט פאָרגעקומען האָט זי אויסגעפּרובירט איהר געדאַנק, און האט מיט דעם געוואָלט טרעפען דעם געדאַנק פון די אַנדערע מענשען פון ארום. זי האָט געוואָלט וויסען אויב ווער וועט אַ קרעכץ טאָן אויף איהר

קראַנקער אפּוועזענהייט, אויב זי פעהלט אוים דער געזעלשאַפט וועלכע ליבט צו רייסען יענע שעהנע בלומען וואס פאַרשאַפען זיי פאַרגעניגען.

— איהר זייט געקומען מיך זעהן ווייל איך פעהל אייך אוים. איך האָב ניט דערשפּונען דעם פאַדעם וואָס מיר האָבען אנגעפאַנגען צו שפּינען און וועבען אין אַ קאַוויאַר. אמת, מיר האָבען פיעלע איבעררייסונגען און קניפּלען, דאָך ווילט זיך איהם פאַרענדיגען. איר ווילט מיט מיר ריידען ווייל איהר קענט עפּעס לערנען פון מיר, ניט דערפאַר וואָס איך פעהל אייך, איז דאָס ריכטיג?

— יאָ, עס איז ריכטיג. נאָר געדענקט בלויז אז איין מענש קען ניט לעבען אָהן אַ צווייטען איז בלויז געזאָגט געוואָרען באַ פאַרליבטע. און דאָך איז עס ניט אפט אַז אַ פאַרליבטער אָדער אַ פאַרליבטע באַגעהט זעלבסטמארד פון בייגקעניש. איך האָב אַמאָל געלעזן וועגען אַ געוויסן פויגל וואָס געפינט זיך אין די אפריקאַנישע וועלדער. דער פויגעל הייסט טוקאַן, און אויב מען נעהמט צו די „זי" שטאַרבט דער „ער" פון בייגקעניש, גלויבט איהר אין דעם?

זי האָט אַ ציטער געטאָן.

— דער פויגעל טוקאַן איז אמת פאַרליבט און זיין טויט קומט פון זיין ליעבע און בייגקעניש. מענשען זיינען אפט פאַלש און מען קאַן זיי ניט פאַרשטעהן און וויסען אויב זיי מיינען וואָס זיי ריידען. זייערע צינגער זיינען געשליפן און פול מיט סם. דער מענש איז די פאַלשסטע באַשעפעניש און איך האָב מורא איהם צו גלויבען.

— דענקסטו אז נור דער מאַן איז פאַלש? און וואָס איז די פרוי? מיר דאַכט אַז די פרוי איז טויזענטער מאָל פאַלשער.

— איך ווייס ניט, האָט זי קוים ארויסגערעדט.

— איך ווייס וואָרום איהר זאָגט דאָס אזוי. זאָל איך אייך זאָגען דעם אמת וואָרום?

— וועל איך זיך ניט פאַרשעהמען?

— איך ווייס ניט, נאָר דאס וועט זיין מיין אמת.

— זאָגט איהר צו?

— יא, האָט זי געענטפערט. זי האָט אַרונטערגעלאָזען איהר קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואָרט אויף דאָס שרעקליכסטע.

— זייט איהר גרייט צו הערען, נור גדיינקט! ווען איהר זענט רייצענד שעהן און איהר פילט אַז איהר קענט מיט אייער קראַפט צוציהען דעם מענער געשלעכט, פאַרוואַרפען אויף זייערע העלזער דאס ליבעס שטריקעל און האלטען זיי געפאַנגען אַרום זיך ווי אַ האָר, וואָלט איהר אַנדערש גערעדט. איהר ווייסט אַז איהר קענט עס ניט טאָן, זענט איהר פאַרביטערט און האָט פיינט, ווייל ער קען אייך ניט געבען דאָס וואָס איהר פאַרלאַנגט. עס איז טאַקע ניט ריכטיג, נאר מען קען די נאַטור ניט בייטען. זענט איהר בייז אויף מיר?

— געווים ניט, כאָטש איהר זיינט געוועזען בייסענדיג. איך האָב אייער מיינונג געוואָלט צושמעטערען, געוואלט אייך ווארפען צו יענעם שפּיגעל, איהר זאָלט זעהן זיך אליין . . .איהר צושמעטערט מיך, איך קען אייער קראַפט ניט אַריבערטראָגן. איך בעט אייך געהט אהיים, און סומט מאָרגען! פיליכט וועל איך פילען בעסער.

געהענדיג אהיים האָב איך אנגעטראָפען דעם אלטען זמיטרוכען. ער האָט רחמנותדיג אַ קוק געטאָן:—

— מען זעהט דיך ניט, סאַלאמאָן.

איך האָב אין דעם מאָמענט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען איהם.

— יאָ, איך בין פאַרלאָרען, נאר ניט געגאַנגען פאַרלאָרען. איך דיינק וועגען דיר אפט און טראַכט אַז יעדען טאָג וועל איך זיין בא דיר און אַזוי געהט אוועק די צייט. איך האָף אַז דו ביסט ניט בייז אויף מיר.

— געווים ניט, נאר אַמאָל נעהמט מיך אָן אַ פאַרדראָס: וואָרום האָסטו באַדאַרפט מיך אַרויספיהרען אין אַ ברייטען פעלד און דערנאָך איבערלאָזען ניט קימערענדיג זיך מיט וואס איך ערנער זיך און מיט וואס איך שפּייז מיין נשמה. דו האָסט מיך אפּגעריסן פון מיין גלויבען. איך גלויב אַז דו ביסט געווען

געּרעכט. דו האָסט מיך צו קײן אנדער װעג ניט צוגעפירט אז איך זאָל װיסען װאו מײן װעג פיהרט מיך, און דערפאַר בין איך שטאַרק ברוגז. איך טראַכט אז דו ביזט געקומען מיך פארפיה־רען און ניט צײגען מיר די ליכט פון נײעם לעבען און גלױבען. מײן גלח װאונדערט זיך: װאָס איז מיט זײן טרײען זמיטרוכען געװאָרען? װאָס קען אים זמיטרוכע זאָגען? איך האָב ענטדעקט אַ נײע װעלט, אַ גאָט, ניט נאר װאס איז אין קלױסטער, נאָר אין יעדען מענשליך האַרץ װאָס טוהט דאָס בעסטע פאַר דער מענשהײט, ניט װאַרטענדיג אױף דעם גן עדן, און װען ניט—איז גיהנם. װאָרום האָסטו דאָס געטאָן, דו קלײנער מילבל? איך בין אין מײן גלױבען געװען שטאַרק װי אַ ריז און דו האָסט מיר מײן װעג צושמעטערט. קום, באַצאָהל מיר פאַר דעם אַלעם. מיט װאָס קענסטו באַצאָלען? מיט װאָס קענסטו אנפילען מײן לײדיג האַרץ? זאָלסט ניט מײנען אז איך האָב ניט אַכטונג געגעבען אױף דעם צו װיסען װאָס איז געװאָרען די אורזאכע פון דײן דערװײטערונג? דו ביסט נאכגעלאָפען נאָך דער קלײנער באַשעפענישעל ,װאָס דו רופסט עס אָן ליבע, און אױף דעם האָסטו מיך פאַרביטען. דײנקסטו אז דו טוהסט רעכט? רופסט דאָס אָן דער גאָט פון ליבע, האָסט דאך יאַ אַ גאָט. װאו איז מײן גאָט? װאו זײנען מײנע װיאסלען צוצושיפען מײן שיף צום ברעג?

זײן אַלטער ריזען קאָפּ האָט אַ ציטער געטאָן.

— װילסטו אַז איך זאָל װערען אזױ נאָהענט צו דיר װי איך בין געװען?

— יאָ, אזױ װיל איך, און דו מוזט אַזױ טאָן. דו האָסט דײן װײטען װעג אין לעבען, איך — װער װײס, און װאָרום זאָל איך שטאַרבען אין פארפּלאָנטערונג, ניט װיסענדיג װאָס אזױנס האָט געהײסען לעבען און װאָס הײסט שטאַרבען. איך האָב גע־הערט אז דו נעהמסט לעקציעס פון דער מײדעל טיכאָמעראָװאַ װאָס װילסטו זאָל זי מיט דיר לערנען?

— קײן זאַך ניט, איך װיל נאר האָבען אַ געגענזאַץ צו מײנע געדאַנקען, קענען פארגלײכען מײן פאַרשטאַנד און מײנונג

מיט אַ צווייטען מענשען פון אן אנדער געשלעכט ווי איך בין. די פאַרשיעדענע מיינונגען זיינען ווי פאַרשיעדענע פאַרבען פאַר דעם ארטיסט און פון דעם וועל איך אויסמאלען דאָס שעהנסטע בילד. ווייסט אַז איך בין איינגעשפאַרט אין מיין מיינונג דאָך וויל איך האָבען צווייגען צו מיין גרויסען שטאם, ער זאָל אויס־קוקען שעהן און שאטענדיג. זי איז ניט די וואס קען אנצינדען אַ פייער אין מיין הארצען, ווייל זי איז מיאוס און איך קען די נאַטור ניט בייטען. און ווייל זי איז העסליך האָט זי טיפע ליבשאַפטען, וויל זיין דיין חבר און זוכט דיין מיטגעפיל. דו פאַרשטעהסט ניט מיין שפראך, דו זעהסט ניט מיין וועג צו וועלכער איך ציעל צו געהן. די שעהנע פנים׳ער זיינען פאַרדאָר־בען און פאַלש, זיי שטעלען אויף אייך אָן פייערדיגע אויגען און מיט דעם פארבלענדען זיי די אמת׳ע וועגען. איהר קענט זיי ניט דערקענען ווייל די שעהנקייט רייצט דאָס בלוט. זי איז ווי דאָס קאַלטע ווינטעלע וואָס קיהלט דעם פייערדיגען זונען שטראַל. אין איהר אָנוועזנהייט באַפאַלען אייך בייזע איינ־סעקטען, אייער פאַרשטאנד איז ריין און אין ריינקייט קענט איהר זעהן די ווערט פון לעבען. די ווערטער זיינען צו טיפע פאַר דיר, זיידעלע, נאר אין צייט וועל איך דיר זיי אויפברייגגען און דו וועסט זעהן מיין גערעכטיגקייט. אפשר בין איך צו יונג צו ריידען פון אזעלכע זאכען וואָס זיינען א רעטעניש פאַר מיר, נאר מיין זעה קראפט איז שטארק.

— באַלד קומט דער זומער און דו וועסט קומען צו מיר אין פעלד ווי דו האָסט געטאָן יענע זומערען.

—געוויס, האָב איך געענטפערט, און אומבאַמערקטערהייט געגומען געהן . . . אַפגעהענדיג עטליכע טריט האָב איך דערהערט זמיטרוכעם הויך ריידען:

— ווען וועל איך דיך זעהן נאך אַמאָל?

איך האָב זיך ארומגעקוקט און האָב אויך געענטפערט: 'אין גיכן' און מיר זיינען אוועק יעדער צו זיין ריכטונג. מיין הארץ האָט מיר מיט פאַרדרוס געגומען קלאפען. וואָרום בין איך אזוי שלעכט צו דעם אלטינקען? אין די עטלעכע זומערען איז ער

געוועז מיין חבר. מיט איהם האָב איך פאַרבראַכט די זומער טעג אין די פעלדער און גערעדט פון פאַרשידענעס, און ניט איינמאָל בין איך באַגייסטערט געוואָרען פון זיין עהרליכען גלויבען. עס איז ניט געווען קיין ברעקעל פאַלשקייט אין דעם מענשענ׳ס הארץ, קיין ברעקעל אומרעכט אין זיין צאַרטע נשמה; אַ מענש וואָס האָט מורא פאַר אומרעכט און ווייכט אויס דאָס וואָס ער דיינקט אז עס האָט אַ פלעק. מיר האָט זיך געוואָלט אומקערען, לויפען אין זיינע טריט און בעטן פאַרצייאונג. לאַנג, לאַנג האָב איך געקוקט אויף זיין שאָטענדיגער געשטאַלט וואָס האָט וואַקלענדיג מעהר און מעהר דערווייטערט זיך פון מיר. מיר האָט זיך געוואָלט טרעפען וואָס ער טראַכט יעצט, נאָר באַלד זיינען געקומען אנדערע געדאנקען און צומישט מיין יעצטיגען קלערען. ווי א שכור בין איך געגאַנגען מיין וועג ניט וויסענדיג מיין ציעל פון לעבען. איך האָב זיך געוואַקעלט אין רעכט און אומרעכט. איך האָב אַ רעכט צו ליבען דאָס קליינע מיידעלע און מאַכען זי פאַר מיין גאָט פון ליעבע. איך האָב אַ רעכט צו נעמען מיינע לעקציעס באַ דער מיאוס׳ער טיכאמעראַוואַ, נאָר איך וויים ניט צי איך האָב אַ רעכט אַפּצורייסען מיינע באַציהונגען מיט דעם עהרליכען מענשען. זאָל איך איהם פאַרבייטען אויף די בליהונגען פון מיין הארצען. דאָס איז דאָך אַ נייער שטראַם אין מיין קינדערשען לעבען וואָס וועט מיך מאַכען מעכטיג. די שפּראַך פון ליבע איז אַ צאַרטע. די שפּראַך פון ליבעס טרערען איז היים און איך וויל אויף מיינע ליבעס וועגען אומבלאָנדזשען ביז איך וועל קומען צום אנקומענדען אָפּשטעל, און דאַן וועל איך זיין שאַרפער, ברייטער און קלאָרער אין מיין פאַרשטאַנד, און מיין לעבענס גאַנג וועט זיין אָהן שטרויכלונג. האָב איך ניט אַ רעכט צו זיך אליין?

און גרינגער זיינען מיינע טריט געוואָרען, איך בין אומשולדיג . . .

אנדרושאַ האָט מיך באַגעגענט און האָט זיך העפליך באַגריסט. זיינע הענט האָבען געציטערט, און באַלד האָט ער ארויסגענומען זיין מאַכאָרקע, פאַרוויקעלט אַ פּאַפּיראָס, און

האָט לײדענשאַפטליך גענומען פאַרציהען דעם רויך.

— איך בין געווען שיכור, נאַר יעצט פיהל איך גוט, דו זעהסט איך פיהל גוט. ער האָט געביטען זיינע טריט ווי ער וואָלט אויף איין פלאַץ ניט געקאָנט איינשטיין.

— איך בין אימער געווען דיין פריינד — האָט ער מיר געזאָגט, כאַפּענדיג מיין האַנט אין זיינער. — איך בין אימער געווען דיין פריינד. זעהסט, מיין שוועס־טער לערענט דיך. זי קען! זי קען! — פאַרציהענדיק שטאַרק דעם רויך פון זיין מאַכאָרקע א ווײַלע פאַרהוסטנדיק זיך. — איך וויל דיר וואָס בעטן, איך וויים אַז דו וועסט עס טאָן פאַר מיר.

איך האָב פאַרשטאַנען זיין פאַרלאַנג — ער וויל האָבען געלט אויף בראַנפען.

— איך וויל א טרונק, האָט ער אומעטיג ארויסגערעדט. דאָס איז מיין שוואַכקייט, נאַר איך הרגע קיינעם ניט מיט דעם. וואָס זאָגסטו?

— דו ביסט גערעכט, דו הרג׳עסט קיינעם ניט מיט דעם, דו הרג׳עסט נור זיך אליין.

— איך בין פיין, האָט ער העפליך געזאָגט, איך בין א מענש ווי אַלע מענשען, ווייסט וועד עס טראַכט פון מיר שלעכט? דער גלח. נור וועמען אַרט עס . . . ער איז אַן אומ־זיסטיגער פּרעסער, גיט קיינמאָל קיין זאַך ניט, און נעמט פיעל. אי נעהמט ער! ער רייסט שטיקער פון דעם ארימען נאַר. אַלעס דאַרף ער: וואָהל, פלאַקס, ווייץ, קאָרן, האָבער גערשטען און; וואָס גיט ער? א ברכה וואס קאָסט ניט קיין געלט, און איז אזוי פיעל ווערט. זעהסט, איך געה ניט צו איהם. איך בין ניט קיין נאַר, אמת? איינמאָל האָט ער געשיקט דעם אוראַדניק נאָך מיר האָב איך אויסבאַהאַלטען זיך. שפּעטער זיינען געקומען קאַזאַקען, מיטגענומען מיך אין קלויסטער, און ניט איין קלאַפּ מיט דער נאַגייקע האָב איך געכאַפּט פון זיי ווען איך האָב זיי געזאָגט אַז איך גלויב ניט אין פאַרגעבונג. און איך טראַכט נאָך יעצט — וואָס איז דאָס

פֿאַר אַ גלויבען אַז ווען דעם גלח׳ס צונג קען דיר ניט פֿאַרדרייִ־
הען אַ קאָפּ, קומט די נאַגייקע און צווינגט דיר צו געהן און גלויִ־
בען. וואָרום גיט מיר ניט אַריין דער גאָט אַליין אַזאַ געדאַנק
אַז איך זאָל אין איהם גלויבען, ניט דער גלח און דעם קאָזאַק׳ס
נאַגייקע? . . . אַך! עס ווילט זיך אַ טרונק און ניט מעהר. איך
שווער דיר אַז מאָרגען וועל איך זיין ניכטער.

איך האָב געוואָלט זאָגען אַז איך האָב ביי זיך קיין געלט
ניט, באַלד האָט ער פֿאַרכאַפּט און האָט געזאָגט:

— דיר וועט יעדער לייהען, ענטזאָג מיר ניט, איך בין
קראַנק.

איך האָב אַרויסגענומען קליינגעלט פֿון מיין טאַש און
האָב איהם געגעבען גענוג פֿאַר אַ טרונק. מיט שנעלע טריט איז
ער געלאָפֿען אין דער ריכטונג פֿון דער קאַזיאָנקע. איך האָב
זיינע טריט נאָכגעקוקט און האָב איהם אָנגערופֿען אָרעמער
פֿאַרשאָלטענער מענש. דערזעהענדיג מיך אויף צוריקוועגס
האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. זיין פּנים האָט אויסגעזעהען מונ־
טערער און זיין שפּראַך איז געווען פֿרישער און דייטליכער.

— דיר טוהט דער בראַנפֿען גוט, האָב איך איהם געזאָגט.

— יאָ, ווען איך כאַפּ ניט אַריבער די מאָס. וואָס אַנדערש
האָב איך אין מיין לעבן? איך גלויב ניט אין גאָט, קיין פֿאַ־
מיליע האָב איך ניט. קיינמאָל ניט געליבט אַז איך זאָל דאַרפֿען
פֿון דעם טראַכטען. איך האָב פֿיעל געלעזען, געלעזען דורשטיג,
און אַלעס איז אַוועק מיט רויך. דיינקסטו אַז איך בין ניט גליק־
ליכער פֿון דיר צי פֿון פֿיעלע אַנדערע? ווייסט
אַז באַלד קומט יעוועניע, ער איז אַ ליידענ־
שאַפֿטליכער שפּילער, געווינען קאָן ער ניט, שפּילען ווילט זיך
איהם. פֿאַרלירט ער איז ער בייז. אַזוי זיינען די סטודענטען.
זיי דיינקען אַז זיי ווייסען ווי די זון דרעהט זיך און וויפֿיעל
די ערד וועגט, ווייסען זיי אויך ווי צו שפּילען אין ריובעס—
אַ נעכטיגער טאָג, דאָס דאַרף מען ווייסען.

— דו ביסט גערעכט, אַנדרושאַ, נאָר איך ווייס אַז ער
ליבט מיך ניט וואָס איך בין אַ ייד.

— אבער ווען ער דארף געווינען בעט ער דיך. דאָס גיב איך דיר די עהרע, אז אויב דו ווילסט געווינען זאלסטו נעמען אַ אידען. כאַ כאַ כאַ, בין איך גערעכט, סאָלאָמאָן?

— געווים ביסטו גערעכט. נאר איך גלייך איהם ניט. איך גלייך ניט אַ מענשען וואָס האסט אַ פאלק נאר דערפאר וואָס עס איז פון אַן אנדער גלויבען. דאָס איז ניט זיין שולד. דאָס איז דאָס זעלבע ווי דער פיש וואָס שווימט זיך אין בלאָטיגער וואסער נעמט ער אליין שמעקען מיט בלאָטע. דו ווייסט דאך זיין קלאס מענשען — גלויביגע. און גלויבען איז דער ערגסטער שונא פון דעם מענשליכען צוזאמענבונד. ער וועט דיך נאך בעטען, דו וועסט זעהן. ער איז אַ שווערער פארלירער, ער וועט מוזען קומען נאך דיין הילף.

מיט דעם אנזאג אז יעווגעניא קומט האָט ער מיר געמאכט שווער אויפ'ן הארצען. מיר האָט זיך דערמאנט אָן דער גיפטיגער שלאנג וואָס רופט זיך אנטיסעמיטיזם. איך האָב געהאסט יעדען גלויביגען וואָס האָט געהאסט דעם צווייטען דערפאר וואָס ער איז ניט פון זיין פאלק. אַ קעלט איז דורכ־געגאנגען מיינע אַלע גלידער און איך בין שטיל געבליבען.

אנדרושא האָט פארשטאנען מיין אומעט און האָט אזוי געזאָגט.

— דו דארפסט זיך ניט אפּעסען דאס הארץ פון זיין אידען האס. מיר ווייסען אז ער איז אַ פּוסטער בעל גאוה'ניג. איך האָב פיינט די גיפט וואָס ער לאָזט איבער, און איך בין יעדען מאל געווען גערען וואָס ער איז אוועק פון אונזער דאָרף. יעדעם שלעכטעס האָט אין זיך גוטעס. דערפאר קומען אָן די לעהרער אין די גימנאזיעס, זיי ליבסטו? זיי זיינען ראַדיקאַלען און זיי רעספּעקטירן דיך אויך, וואָס ווילסטו?

— יאָ, געווים, ווען אַלעס וואלט געווען שלעכט ווער וואלט דאס געקענט אריבערטראגען?

די זון האָט גענומען אראָפּזינקען צום אונטערגאנג און די לופט איז געוואָרען קיהלער און שווערער.

— דער מאָרגן פֿאַרשפּרעכט צו זײַן אַ שײנער טאָג, נאָך עטליכע אַזוינע שײנע טעג און מיר װעלן ניט האָבן קיין שניי. די ערד װעט זיך ענטבלויזן און דאָס גראָז װעט נעמען אַרויס־שפּראָצן. דערפֿאַר דאַרף מען האָבן אַ װאַרעם רעגנדל. עס זאָל אָפּװאַשן דעם װינטער שלאָף פֿון דער ערד, און דערנאָך, דאָס אויפֿטרייסלען פֿון אַ לייכטן דונער, און זומער איז דאָ, האָב איך געזאָגט.

אַנדרושאַ האָט װידער אַרויסגענומען זײַן טאַבאַק זעקעלע און האָט װידער פֿאַררויכערט.

— דאָס רויכערן איז אַ שלעכטע געװאוינהייט, נאָר איך בין שוין אַזוי צוגעוואוינט אַז מיר דוכט אַז אָהן אַ פּאַפּיראָס װאָלט איך ניט געקאָנט לעבן. עס איז מיר אַ סך גרינגער צו זײַן ניט געגעסן װי ניט געררויכערט.

— איך װעל זעהן אַז איך זאָל פֿון דער געװאוינהייט ניט װיסן און מיר דאַכט אַז איך װעל בעסער אָפּ זײַן. איך האָב פֿילע זאַכן אין מײַן קינדהייט באַטראַכט פֿאַר אַ נאַריש־קייט, און דערנאָך בין איך אין דער נאַרישקייט אַרײַנגעצויגן געװאָרען, און היינט פּלאָנטער איך זיך אין דער נעץ און װייס אַז איך װעל קײנמאָל ניט אַרויסקריכן. מײַן פֿרײַ װערן װאָלט געװאָרען מײַנע גרויסע לײַדן . . .

אַנדרושאַ האָט זיך אַװעקגעזעצט נאָהענט צו מיר, און האָט זיפֿצעדיג צו מיר אַזוי גערעדט:

— דאָס לעבן איז אַ מאָדנע זאַך — ער האָט זיך אַ װײַלע פֿאַרטראַכט — איך רוף אָן לעבן די טרײַב־קראַפֿט פֿון דעם מענטשן װאָס מאַכט איהם צו באַװעגן זיך און צו דײנקען. די דײנקונגס קראַפֿט איז ניט אימער נאָרמאַל בײַ דעם מענטשען. אָפֿט װערט ער קאַליע און דער צוהערער אָדער צוזעהער דײנקט, אַז עפּעס איז געשעהן מיט דעם מענטשען, ניט באַטראַכטענדיג אַז די גרעסטע שטאָלענע מאַשינע װערט אויך קאַליע אַמאָל. די געזעלשאַפֿט טוט ניט דאָס בעסטע אים צו פֿאַריכטען, נאָר באַלד סוד׳עט זי זיך אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט דעם מענטשען, און די בײזע בליקן פֿון די מאָדנע מענטשען טרײַבט אָפֿט צום װאַנזין.

וואָס אָרט זיי אַז איך נעהם אַמאָל אַ טרונק? איך טוה קיינעם ניט קיין שלעכטס מיט דעם און דאָך אין געזעלשאַפט פֿרעפּעלט מען וועגען מיר אַז איך בין אַ טרעמפּ. וואָרום האָבען זיי קיינמאָל ניט אונטערזוכט וואָס האָט מיך געבראַכט צו דעם אַז איך זאָל ליעב האָבען דעם ביטערען טראָפּען? יעצט, ווען עס איז שוין דורכגעגאַנגען דורך מיין מאַרך ווילען זיי וויסען וואָרום איך בין אַזוי. יעצט וואָלטען זיי מיר געטאָן דאָס שעדליכסטע ווען זיי נעמען אוועק פון מיר דעם ביטערען טראָפּען וואָס האַלט מיך אויף ביי מיין לעבען. זעהסט מיינע ציטערדיקע הענט? זיי קענען שוין נישט געהיילט ווערען. זעסט די צופּעניש אין געזיכט? דאָס וועט אויך בלייבען ביז מיינע אויגען וועלען זיך שליסען. אין מיין הארצען דאָרט איז אַלעס ווי עס דאַרף זיין. אהין האָט דער שטן ניט געקענט אריינקומען. דאָס איז אומבאַרירבאַר פאַר איהם. מיין הארץ איז נאָך ווייכער ווען איך בין שיכור מיינע אויגען זעהען רעכט און אומרעכט ווייטער און טיפער און איך האָב ניט מורא צו זאָגען דעם אמת. דו האסט מיך ניט, סאַלאָמאָן?

— ניין, האָב איך געענטפערט, נאָר איין זאַך וואָס מיך פאַרדריסט איז וואָס מענשען דענקען אַז דו ביסט געפאַלען נידעריג און קיין שום אנשפאַר וועט דיך ניט אויפשטעלען אויף דיינע פיס, און דו מוזט אמאל זיך רעכענען מיט די ארומיגע ווי מיט זיך אליין.

— זאָלען זיי קומען מיך באשולדיגען, מיין ענטפער איז אנגעגרייט פאַר זיי, און איך וועל זיין דער זיגער.

איך האָב באמערקט אין זיינע אויגען טרערען. זיינע ליפּען האָבען געציטערט.

— איך בין שוין ניט קיין קינד, אבער איך בין אויך ניט קיין דערוואקסענער. עס פעלט מיר דער מיטען, דער צוזאמענבונד פון קינד צו דעם דערוואקסענעם, און אין אָט דעם איבעררייס בין איך געזונקען טיף, און וועל קיינמאל ניט ארויסקריכען, ווי אַ וואונד וואס ווערט פארהיילט, און דאָך בלייבט אַ פליאמע און אָפּט אַ שניט צייכען. ווען מיין פאטער האט געלעבט זיינען

מיר געוועז זעהר רייך, און קיין זאך האָט מיר אין יענער צייט ניט געפעלט. דורך עטליכע יאהר פון מיין פאטער׳ס קרענקען זיינען מיר ארים געבליבען, און אין דער זעלבער צייט איז מיין פאָטער געשטארבען. די צייט פון מיין רייכען לעבען האָט זיך פארענדערט, און איך האָב ניט געוואוסט צו וועלכער וואנט זיך אנשפארען — באַ די רייכע בין איך געוועז ערנידערט, מיט די דארפישע פויערשע קינדערלעך האָב איך זיך נישט געקאנט איינלעבען. זיי האָבען מיך פיינט געהאט. זיי געדיינקען דעם אפשטוים וואָס מיין פאטער פלעגט מיר געבען ווען איך האָב אויסגערעדט אַ ווארט מיט אַן ארים דארפיש קינד, און יעצט בין איך דורכגעגאַנגען יענע פייערען וואס צוברענען דאָס לייב אויף שווארצע קוילען, און מיין וועג איז געוואָרען דאָס ביסעלע בראָנפען וואָס האָט מיך אזוי ווארים אויפגענומען און הארציג געטרייסט און געשפייזט, און ווען איך האָב שוין גענומען טרינקען מיט ליידענשאַפט איז דער פויער געוואָרען מיין חבר און אזוי בין איך אריינגעצוינגען געוואָרען אין דעם יעצטיגען לעבען. קיינער קען מיך ניט האסען פאַר דעם.

— אנדרושאַ, איך ליב דיך זעהר, נאר ווען זיי זעהען מיך ארומגעהענדיג מיט דיר, ריידען זיי אַן אויף מיר פאַר מיין מוטער און איך האָב אונאַנגענעהמליכקייט. דיין געזעלשאַפט איז מיר טייער ווייל איך פארעהר דיין באַלעזענקייט און דיין באַנעהם צום לעבען פון רעליגיעזען שטאַנדפּונקט. איך ליב ניט די פאַנאַטישע, די פאַלשע, וואָס דיינקען אַז זיי קענען אויסקויפען זיך פון זינד דורך געהן אין קלויסטער, איבער׳צלמ׳ען זיך איבער דער ברעט פון ברוסט און פאַרגעבונג קומט, דאָס איז דער גרעסטער אומרעכט אין מענשליכען לעבען, וואָס מען דענקט, אַז מיט דעם גלויבען אין גאָט קען מען אַפּווישען די בלוטיגסטע פלעקען. די וועלט איז געגעבען געוואָרען צו די נידעריגע באַשעפענישען, די וואָס פאַרשטעהען ניט וואָס הייסט לעבען, זיי זיינען צופרידען מיט אַלעם, אין זיי לעבט ניט דער קאַמף פאַר בעסערס, ווי די זשוקעס וואָס ראיען זיך אין מיסט און מיינען אַז דאָס איז האָניג . . . איך האָב מיינע פאַלשקייטען, מיינע שלעכטע באַנע־

מונגען, ווען אבער עס קומט צו ערענסטעס בין איך אויפן ריכ־טיגען וועג. ווייסט, סאלאמאן, אז ווען איך ווער ניכטער ווערט אויסגעוועפט מיין שפראך. נעהם איך אביסעלע דעם ביטערען טראפען הויבט אן אין מיר צו יווירען די גערעכטיגקייט און איך האב ניט מורא פאר'ן טייוועל אליין.

— איך, איך — האט ער ווידער געגומען שטאמלען, וויל אן אנדער טרונק. איך פיהל אז איך בין דורשטיג, און אויב דו ווילסט הערען אמת'ע רייד, גיב מיר דעם טרונק, דו וועסט דאך רחמנות האבען אויף מיר. איך פיהל יעצט ווי צו ריידען נאר מיין האלז איז טרוקען און די נאסקייט פון בראנפען רייניגט אוים דארט (אנצייגענדיג אויף זיין גארגעל) און דאן פיהל איך גוט.

— ווייסט אז עס איז א פארברעכען צו בעטען געלט פאר בראנפען? און בא מיר? איך בין דאך א קינד, א איינגעל, וואס וועט מען טראכטען וועגען מיר, ווי איך האב דיר פריהער באמערקט.

איך האב געגארט נאך זיינע רייד. זיין שפראך איז געווען א קלארע און א באלערענטע, און מיר האט זיך אין דעם מא־מענט געוואלט הערען זיין טיפקייט און זיין שארפזיניגקייט.

— דאס וועט זיין דיין לעצטער טרונק, הערסט אנדרושא?

— געוויס, גלויב מיר אז דאס וועט זיין דער לעצטער טרונק און איך וועל דיר דאנקבאר זיין.

איך האב איהם געגעבען דאס געלט צו קויפען בראנפען. ער איז מיט שנעלע טריט אוועקגעלאפען, זאגענדיג:

— איך וועל דיך קיינמאל ניט פארגעסען.

איך האב געקוקט אויף דעם ליידענשאפטליכען טרונקער, און האב געטראכט:— ער איז שוין צו ווייט אוועק אז מען זאל איהם קענען ראטעווען, איז דאס בעסטע אז מען זאל איינ־ווילינגען צו זיין פארלאנג און געבען איהם עטליכע קאפיקעס, און דערנאך פיהלט ער זיך ערמוטיגט. מיט שנעלע טריט איז ער געגאנגען זיין וועג אהער צו מיר, איך האב געקענט מערקען זיין שטאלץ און זיין אפפרישונג.

— אָ, איז דאָס געווען אַ טרונק! גלײַך אַרײַן אין מײַנע בײנער. אָ, האָט ער נאָכאַמאָל אַרויסגערעדט, יעצט פֿיהל איך גוט, און מיר װעלען אַ װײלע רעדען, יעצט פֿיהל איך װי מײַן שפּראַך קומט צו מיר. יעצט װען דער פּאַפּ שיקט נאָך מיר װאָלט איך געגאַנגען, און אויב ער װאָלט מיר עפּעס געזאָגט, װאָלט איך איהם געענטפֿערט אויף מײַן שפּראַך. איך װאָלט איהם געזאָגט:

— דו פֿאַלשער הונט! װאָס פֿאַרפֿירסטו די אָרעמע אונ־שולדיגע שעפּעלאַך? דו גלויבסט ניט װײל דו ביסט איבער־צײַגט, נאָר װײל דײַן געשעפֿטעל באַצאָהלט זיך! דו נעהמסט פֿון אַלעמען און גיסט גאָרנישט. דו טײלסט זיך מיט גאָט, און װײסט אַז גאָט נעמט פֿון דיר קײן זאַך ניט װײל ער איז מיט דיר קײנמאָל ניט געװען, און קײנמאָל ניט אָנגעקוקט. אויב גאָט איז אמת װי מען שטעלט אים פֿאָר: גערעכטיקײט האָט ער דאָך געדאַרפֿט װיסען װאָס אין דײַן האַרצען קומט פֿאָר. ער װאָלט דיך געװיס פֿאַרקריפּעלט אָדער געלעהמט, אַז דײַן פֿאַלשע צונג זאָל מעהר ניט רײדען. סײדען גאָט איז אַ טויבער און הערט ניט דײַנע רײד, און װער דענקסטו װאָלט מיך באַשטראָפֿט פֿאַר די רײד? ניט דער גאָט װאָס רעגירט מיט אונזער װילען, נאָר די קאַזאַקען װאָס שטראָפֿען די שולדיגע, די גאָט'ס־לעסטערער. װי געפֿעהלען דיר מײַנע רײד?

— יאָ, דו ביסט גערעכט, נור װײסט דאָך װי מען טראַכט: אַז יענער איז שיכור רעדט דער בראַנפֿען אין איהם. נאָר איך זעה אַנדרושאַ אַז דו רעדסט צו דער זאַך און איך פֿאַרגיב דיר אַלעס. האָסטו גערעדט מיט מײַן שװעסטער װעגען גאָט?

— נײן, איך האָב קײנמאָל די פֿראַגע ניט באַרירט.

— זי איז זעהר נאַריש אין דעם זין — זי גלויבט אַז עס איז דאָ אַ גאָט און ער פֿירט די גאַנצע װעלט, האָסטו מיט איהר גערעדט װעגען ליבע?

— זעהר פֿיעל, נאָר איך גלויב אַז זי איז זעהר דערשלאָגען װען עס קומט צו דער פֿראַגע פֿון ליבע. זי װײסט אַז זי איז העסליך און װײסט אַז אַ מאַן קען זי ניט ליבען. דערװײל איז

פאַר מיר אַ רעטעניש ווען זי באַשולדיגט און זי שעלט די נאַטור וואָס זי האָט איהר אַזוי העסליך באַשטראָפט, אדער דערפאַר וואָס דער מאַן ליבט נאָר די שיינקייט און ניט דאָס האַרץ פון דעם מענשען. עס איז נאָר עטליכע טעג צייט ווי מיר פיהרען די געשפרעכען. מיט דער צייט וועלען זיי ארויפקומען ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער.

אנדרושאַ האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט ווי ער וואָלט וועלען וואָס איבערמאַלען אין זיין געדאַנק.

— פאַר איהר פאַרדריסט מיך מעהר ווי פאַר זיך. איך וועל שוין אָפּלעבען מיין וועלטעל אַזוי. זי נעבאַך אַ באַליידיגטע. וואָס האָט דער גאָט געטאָן? דער גאָט, האָט ער זיך פאַנאַנדער־געלאַכט, ער האָט גענומען ראַכע פון דער אונשולדיקער, און יעצט פיהלט זי זיך ווי די מאַלפּע אין שטייג. זי האָט מורא ארויסצוגיין ווייל יעדער טייטעלט מיט די פינגער — זעה ווי העסליך זי איז. דו ווייסט אַז זי איז אַ באַלערענטע, אַ באַלעזענע, אביסעל ניט אויפן גלייכן וועג. זי איז שרעקליך אַ פאַר־פרומטע און גלויבט אַז אַלעס איז מיט דעם ווילען פון גאָט. איך פרעג ביי דיר, סאַלאָמאָן — אויב אַלעס איז מיט דעם ווילען פון גאָט וואָרום האָט ער זי אַזוי העסליך באַשאַפען? און אויב ער האָט זי אַזוי העסליך באַשאַפען ווי אַזוי קען זי זיין דאַנקבאַר? איך קען די גאַנצע זאַך ניט פאַרשטיין, און ניט איינמאָל האָב איך מיט איר פון דעם גערעדט, נאָר געה און רעד, אַז זי באַנעמט עס ניט.

דער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אומבאַמערקט, איך האָב איהם אָנגעזאָגט:

— עס איז שוין פינסטער.

— אָ, יאָ, עס איז שוין נאַכט.

די ריטשקעלאַך זיינען געלאָפען פון דעם צוגאַנגענעם שנעע און האָבען געזשורזשעט ווי זיי וואָלטען אַ לידעלע געזונגען. ווייט אוועק האָט אַ פערד געהירזשעט, ער האָט דערפילט דעם פריהלינג און האָט געוואָלט זיין אין פעלד. פייגעלאַך האָבען געטוויטשעט ווי זיי וואָלטען אויספּרובירט זייערע העלזעלעך פאַר דעם אָנ־

קומענדען פריהלינג. דער גרויסער גרויער קאטער איז ארומ־געגאַנגען ווי אַ טיגער און האָט געשריען זיין מיאַוו־מיאַוו.

אנדרושא האָט באמערקט:—

— יאָ, באַלד וועט פריהלינג קומען, די ערד וועט געבוירען פון איהרע געדערים שעהנע בוימער און פלאַנצונגען, און שפּעט אין הערבסט וועט קומען דער קאלטער מלאך המות און וועט זיי ווידער פארדארבען. נאר ווארום זאָל איך טראַכטען פון הערבסט אז דער פריהלינג קומט ערשט אָן? פיהלסטו אַנדערש אין פרילינג? האָט ער מיך געפרעגט.

— געוויס. דער פריהלינג ברייננגט לעבען, פארשיעדען־פאַרביגע קאוויארען; דער ווינטער, נאר ווייסע תכריכים.

פאר א לאַנגע צייט זיינען מירביידע געזעסען, ניט גערעדט, ווי מיר וואלטען זיך ניט אנקערען איינער צום אנדערען. באַלד האָט זיך אנדרושא א הויב געטאָן, האָט געזאָגט זיין גוט נאכט און איז אוועק. איך האָב ניט געוואוסט וואָרום ער האָט אזוי געהאנדעלט, נאר איך האָב געטראַכט אז ער איז ניט ברוגז. אין דער טונקעלקייט האָב איך נאכגעקוקט זיינע טריט ביז ער איז פארשוואונדען פון מיינע אויגען.

אין הויז האָט דאָס פייער לעמפּעלע געברענט און האָט מיט זיין קליינינקען פייערעל געוואונקען ווייט אין גאס ווי עס וואָלט ווענען פון דארטען גערופען אין הויז אריין. איך בין א ווײַלע געזעסען און באַלד בין איך אריין אין הויז. לאַנג, לאַנג האָב איך געטראַכט פון אַנדרושען, געטראַכט פון זיין גוטס און זיין שלעכטס, און האָב צו קיין פארמיטעל ניט געקענט קומען, זיי האָבען זיך ווי פארביטען פאר מיינע אויגען, און איך האָב ניט געוואוסט אויף וואס שנעלער צו קוקען. די נאכט האָט מיך פארשלעפערט, דער טאג האָט מיך אויפגעוועקט צוריק. ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער איז שוין געווען באַלד צען. איך האָב זיך גענומען דערמאנען אויב נאסטיא האָט מיר געזאָגט אז איך זאָל קומען היינט? יאָ, געוויס האָט זי געזאָגט אז איך זאָל קומען. פיהלט זי גוט? דאָס האָב איך ניט געוואוסט אין דעם מאָמענט. איך האָב אויף שנעל אפּגעגעסען און בין אוועק

צו נאסטיעס הויז.

גרינינקע גרעזעלאך האָבען באדעקט די ערד אויף דער לאנקע ארום איר הויז. אַלעס האָט אויסגעקוקט פריהלינגס שעהן. די ערד האָט פאַרע ארויסגעזעצט ווי זי וואָלט אויסגע־פרייכט איהר לעצטען קאַלטען אָטהעם און אריינגעצויגען אין זיך דעם ווארעמען אטעם פון לעבען. די זון האָט זילבערדיג אראָפגעקוקט אויף דער פייכטער ערד און האָט מיט איהרע גאָלדענע שטראַלען געוועקט די געבויגענע איינגעשלעפערטע גרעזעלעך. די פויגעלעך זיינען אין גרופּעס געפלויגען הין און הער, איבעררייסענדיג איינער מיט דער אנדערער וועגען דעם אנקומענדען זומער, און וועגען די נעסטען וואָס זיי וועלען בויען, און ניט איין מאָל איז אויסגעקומען צו א ביטערער פייגעלשע מלחמה. ווי איך האָב שפּעטער פארשטאַנען איז די מלחמה ארויס געקומען צוליב אייפערזוכט. ניט איין פעדער איז גע־פלויגען אין דער לופטען, ווי א קנויל האָבען זיי זיך געקייקעלט רייסענדיג און בייסענדיג איינער דעם אַנדערען, ביז אַלעס איז איינגעשטילט געוואָרען און יעדער איז אוועקגעפלויגען צו זיין ארט פּישטשענדיג מיט וועה.

ווען איך האָב אנגעקלאַפּט אָן טיר האָט נאסטיא ארויס־געקוקט דורך די שויבן ווער דאָרט איז. ווען זי האָט מיך דערזעהן האָט זי מיך העפליך מיט דער האנט באַגריסט און איז באַלד צוגעלאָפען צו דער טיר און האָט זי ברייט געעפענט. פאַרנייגענדיג האָט זי מיך געבעטען אריין קומען. איך האָב צו איהר אַ שמייכעל געטאָן און בין אריין אין הויז.

אין הויז איז געווען ציכטיג און געמיטליך. איך האָב זיך באַלד אוועקגעזעצט אויפן שטוהל וואס איז געווען אנגעגרייט, און באַלד האָב איך זי געפרעגט ווי זי פיהלט. זי האָט מיט אַ שמייכעל געענטפערט.

— פיין.

דאס צוגרייטען זיך האָט געדויערט לייגגער ווי יעדען מאָל. זי האָט אריינגעקוקט אין אַ בוך, געקוקט אין איהם פארטראַכט־ערהייד, ווי זי וואָלט וועלען וויסען אויב עס פּאַסט פאר מיר.

— איך וועל מיט אײַך לערנען קרילאָוו׳ס פֿאַבלען, זײַט איהר צופֿרידען?

— געוויס! איך ליב פֿאַבלען, זיי זײַנען רײַכע משלים.

— מיר וועלען וועגען זיי דערנאָך דיסקוטירען, איהר וועט מעגען אַרויסזאָגען אײַער געדאַנק.

זי האָט פֿאַר מיר דורכגעלעזען אײנע פֿון זײַנע פֿאַבלען און דערנאָך האָבען מיר אַ לאַנגע צײַט פֿון דעם גערעדט. איך האָב מײַן מײנונג איהר געזאָגט. זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט:

— איהר האָט אַ טיפֿען געדאַנק. איך האָף אַז ווען איהר וועט ווערען גרויס וועט איהר זײַן אַ נוצליכער מענש פֿאַר דער געזעלשאַפֿט.

פֿון קרילאָוו׳ס פֿאַבלען זײַנען מיר אַרויף אויף רעליגיע. זי האָט מיט מורא אַרויסגעזאָגט עטליכע ווערטער און באַלד האָט זי מיך געבעטען מיר זאָלען פֿון דעם ניט רײדען, ווײַל זי דענקט אַז איך בין אַ פֿאַרבלאָנזשעטער. זי האָט מיר דערמאַנט איהר ברודער אַנדרושאַ.

— מײַן ברודער איז אויך אַזוי ווי איהר. ער גלויבט ניט אין דעם הימלישען פֿיהרער און איך ליב איהם ניט דערפֿאַר.

— איהר ליבט איהם ניט דערפֿאַר? — איהר זײַט אומגע־רעכט צו איהם. ער איז קריסטאַל־קלאָר אין זײַנע געדאַנקען.

— ער איז פֿינסטער אין זײַן לעבען. כאָטש אָפֿט מאָל דײַנק איך אַז עס איז ניט אַזוי שלעכט. נאָך אַלעמען טוהט ער קײנעם קײן שלעכטס ווען ער נעהמט דעם ביטערן טראָפֿען. מײַן מוטער האָט פֿון דעם זעהר פֿיעל פֿאַרדרוס, און ווען זי לײדט לײד איך אויך. מיר זײַנען אַלע פֿאַרברעכער אין געוויסע זאַכען, אָדער ווי מיר וועלען דאָס אָנרופֿען שוואַכלינגס. איהר האָט אײַערע שוואַכקײטען און אַזוי יעדער. איך וואָלט געוואָלט הערען אײַער מײנונג וועגען מיר, נאָר איך האָב מורא עס זאָל ניט זײַן צו שאַרף.

— איך נעהם זיך ניט אונטער ווײַל איך קען אײַך ווײניג. אין דער צײַט וועט זיך געוויס בײַטען מײַן מײנונג צו אײַך, און איך וויל ניט זײַן גענאַרט צו זיך אַלײן.

— איך מוז זיין אן אינטערעסאנטע פערזאָן וואָס איהר ווילט מיך גוט אפּשאַצען.

— איהר זייט אַנדערש פון פיעלע. אייך מוז מען צו־גלייכען צו א דאמען קלייד — דער פאַסאָן איז ניט קיין שעהנער נאר די באַפּוצונג נעהמט אפּ דאָס אויג. פון מיין ערשטער באַגע־געניש ביז יעצט זייט איהר פאַר מיר אנדערש. דער ערשטער בליק איז געווען פאַר מיין אויג און אויבער־פלעכליכען געדאַנק. יעצט קריכט איהר אין מיין האַרצען, צוברעכט די שלעסער און פאַרנעהמט דעם אויבען־אָן. אייער פאַסאָן האָט זיך געביטען, די באַפּוצונג איז פאַרבליבען. איהר פאַרשטעהט וואָס איך מיין?

— יאָ, איך פאַרשטיי, איך בין צופרידען וואָס צום בעסע־רען. איך בין יעצט ניט אזוי פאַרצווייפעלט ווי אין די ערשטע טעג פון אונזער באַגעגניש. איהר זייט אזוי יונג און דאָך אזוי פאַרפיהרעריש. זי האָט ארונטערגעלאָזען איהרע אויגען.

אנדרושאַ איז אריין אין הויז. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַ דרעה געטאָן איבער'ן הויז און איז צוגעגאַנגען צו אונז.

— רעדט איהר פון עטוואס אינטימעס אדער איך קען אויך אנטהייל נעהמען אין אייער געשפּרעך? איך האָב אויף שנעל געענטפערט אז יאָ. זי האָט אויף מיר בייזליך אַ קוק געטאָן און איז שטיל געבליבען זיצען.

— איך האָב ערשט איבערגעלעזען לעאָניד אנדרעיעוו'ס ביכעל „דער מלאך'ל" און איך האָב פון איהם פיעל געלערענט— האָט אנדרושאַ שנעל ארויסגערעדט ווי ער וואָלט וועלען פאַרכאַ־פּען דאָס ערשטע וואָרט.

— יאָ, האָט נאַסטיאַ געענטפערט. עס איז אַ גוטע זאַך. איך בין איינשטימיג מיט דעם שרייבער. וואו נעמט מען אַ מלאך'ל?

איך האָב דערהערט איהר זיפץ, איך האָב פאַרשטאַנען איהרע רייד — וואו נעהמט מען אַ מלאך'ל? זי וואָלט געוואָלט זיין פאַרליבט און דערנאָך זאָל עס ווערען אויס, כדי זי זאָל האָבען פון וואָס צו טרוימען. איהר האַרץ איז געווען פול מיט

ליבעם צערטליכקייט. ווער וועט אבער נעהמען דעם געשאנ־קענעם אוצר, ווען ער ליגט אין אזא העסליכען אפשטויסענדען פּנים?

— ווי אַלט זייט איהר, סאַלאמאן?

איך האָב אויף איהר אַ קוק געטאָן און האָב איהר געוואלט פרעגען אָהן ווערטער:

— ווארום ווילט איהר דאָס וויסען?

— איהר האָט אויף מיין פראגע ניט געענטפערט, דאס איז ניט קאוואַלעריש.

איך האָב איהר באַלד געזאָגט אַז איך וועל באַלד זיין דרייצען יאָהר.

— האָט איהר שוין געליבט ווער עמען — איך מיין מיט אַ קינדערשער ליבע? — האָט זי געפרעגט.

— האָט איהר שוין געזעהען אַ קאַלטען פייער? וואס האָט איהר אנצומערקען אז דאָס איז אַ קינדערשע ליבע? ווערען קינדערשע הערצער ניט צושמאַלצען פון דעם העלישען פייער?

— הייסט עס אז איהר זייט געווען פארליבט? ליעבט איהר נאך יעצט אויך?

— געוויס, האָב איך ארויסגעזאָגט, געוויס!

זי האָט בייז אַ קוק געטאָן אויף מיר און האָט געזאָגט:—

— געהט מיט אייער וועג און ווען איהר וועט פארבלאָנזעט ווערען קומט צו מיר און איך וועל אייך צייגען דעם אמת׳ן וועג פון ליבע. איך קען אייך ליבען ווי א קינד.

אנדרושא האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו דער טיר.

— איהר זוכט ליבע. איך זוך אביסעלע בראנפען, דאָס איז מיין ליבע.

ער האָט עטליכע מאָל אויסגעווישט די ליפּן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:—ניטאָ וואו צו נעהמען אַ קאפּיקע — און איז באַלד צוגעלאָפען צו נאסטיאן — איך בעט דיך, קריג פאר מיר געלט פאַר אַ טרונק.

נאסטיא האָט זיך אויפגעשטעלט.

— אנדרושאַ, אנדרושאַ, וואו זאָל איך נעמען געלט פאַר אַ טרונק?

— דו מוזט, איך בין ליידענשאַפטליך פאַרשמאַכט, איך בין דיין ברודער, דיין ברודער.

באַלד האָט ער זיך שווער אוועקגעזעצט אויפן שטול און האָט אנגעהויבען מורמלען און וויינען.

— מיין הארץ האָט אויך פאַרלאַנגען. וואָרום טוט איהר קיין זאַך ניט פאַר מיר? . . .

איך האָב אויף נאסטיאַן אַ קוק געטאָן און זי האָט מיין בליק פאַרשטאַנען. זי האָט ארויסגענומען דאָס געלט פון אַ קאָמאָד און האָט איהם מיט פאַרוואָרפע דערלאַנגט:

— געה פאַרטרינק!

ווען אנדרושאַ איז ארויסגעגאַנגען פון הויז האָב איך איהר געזאָגט אַז זי האָט ניט ריכטיג געהאַנדעלט. ער איז אַ ליידענשאַפטליכער טרינקער, און ווען ער נעמט אַ טרונק ווערט ער דער קליגסטער מענש. מיט איהם איז דאַן אַ פאַרגעניגען צו ריידען. ווען איהר האָט מיר דערמאַנט וועגען ליבע איז ער געווען ניכטער, און ניכטערהייט האָט ער ניט געקאַנט אויפנעהמען די פראַגע. די פראַגע האָט זיך געריסען פון זיין הארצען, נאָר דער מוט איז ניט געווען. די ביסעלעך בראַנפען זיינען די רינגעלעך וואָס בינדען צוזאַמען די קייט פון רייד פאַר איהם. יעצט פאַרשטעהט איהר, נאסטיאַ טיכאָמעראַוואַ?

— ווי זים אייער אטעם זאָל ניט זיין, מוז דער בראַנפען פאַר'סם'ן.

— ניט מיט אלעמען איז דער פאַל. איהר זעהט אַז געוויסע בוימער קענען ניט אויפוואַקסען אין זומפּען. געוויסע בוימער קענען נאָר לעבען אין זומפּ. אזוי זיינען די מענשען. יעדער האָט זיך זיין קלימאַט.

אנדרושאַ איז אריינגעקומען מונטער און פרעהליך. ער האָט אַ רייב געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט און האָט געזאָגט.

—יעצט בין איך פאַרטיג צו ריידען פון יעדער זאַך, און אויב

איר דײנקט אַז איך װעל בלײבן הינטערשטעליג, שװער איך אײך בײ װאָס מיר איז הײליג אַז איך װעל קײנמאָל קײן בראַנפּען ניט פאַרזוכען.

ער האָט זיך אװעקגעזעצט נאָענט לעבען נאַסטיאַן, האָט שמײכלענדיג אַרײנגעקוקט איהר אין פּנים אַרײן.

— יעצט װאָס דײנקסטו פון מיר?

מיר האָבען אַנגעהױבען דעם געשפּרעך װעגען אַנקומען פון פריהלינג, און באַלד האָב איך זי געפרעגט צי זי פיהלט אַנדערש אין פרילינג װי אין זומער, הערבסט און װינטער. זי האָט אַ שמײכעל געטאָן:—

— דער פרילינג װעקט אױף די נשמה. אַלעס װערט לע־בעדיג גרין, באַבלומט. אָט דער געפיל קריכט אַרײן אין האַרץ און נשמה, און די בענקעניש בװעט אױס איהר נעסט און הױבט אָן צו מאָנען שפּײז, איהר נאַהרונג. װען דער פאַרלאַנג קומט ניט אין מענשליכען האַרץ פיהלט איהר װי אַ פּוסטקײט, אַ לײדיגקײט.

אַנדרושאַ האָט אַ ציטער געטאָן.

— שױן לאַנג אַז איך האָב ניט געהערט דעם געשפּרעך. מײן געזעלשאַפט איז אַן אַנדערע, די דורשטען אַנדערע, די אָט־מאָספערע אַן אַנדערע. װאו בין איך יעצט? װאַרט! האָט ער פּלוצלונג אַ געשרײ געטאָן, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר׳ן קאָפּ. יאַ, איך דערמאַן זיך יעצט. זי! זי איז שולדיג אין מײן יעצטי־גען לעבען. זי! איהר זעהט איך האָב זיך יעצט דערמאַנט נאָך לאַנגע, לאַנגע פאַרגאַנגענע יאָהרען.

מיר האָבען זיך בײדע דורכגעקוקט און אַכטונג געגעבען אױף זײן געבױגענעם קאָפּ. באַלד האָט ער מעכטיג זײן קאָפּ אױפגעהױבען און האָט צו אונז אַזױ גערעדט:

— װען איך בין נאָך גאַר יונג געװען האָב איך געליבט דאָן די קלײנינקע גלאַשקאַ. זי איז זעהר שעהן געװען. זי האָט מיך אױך געליבט, נאָר איהר שלעכטער פאָטער, זעהענדיג אונז צוזאַמען, האָט זי בײז באַשטראָפט און האָט זי צוגענומען אױף אײביג אין אַ גרױסער שטאָדט; װאו, האָב איך קײנמאָל ניט

געוואוסט. פיעלע שלאפלאזע נעכט און אומרוהיגע טעג האב איך דורך איהר דורכגעלעבט און מעהר האב איך זי קיינמאל ניט געזעהען. מיין בייגקעניש איז געווען אונערטרעגליך און דער ביטערער טראפען איז געקומען מיר צו הילף, און יעצט איז ער מיין געוואוינהייט.

נאסטיא האט א ציטער געטאן און האט צו איהם געזאגט:

— ווארום האסטו מיר פון דעם קיינמאל ניט דערצעהלט?

— איך האב קיינמאל ניט געוואלט ריידען פון דעם. איך האב ניט געוואלט אויפוועקען מיין הארץ וואס איז אנדרימעלט געווארען אונטער דער אנגעוועהטאגטער הויט.

— האסט קיינמאל ניט פרובירט זי צו געפינען?

—אין מיין הארצען, אין מיין געדאנק, און אזוי איז זי פארבליבען דאס מלאך'ל פון מיין בענקענדען לעבען. אך! עס ווילט זיך א טרונק. נאר איך וועל יעצט צאמען זיך אליין ווייל דער געשריי פון מיין הארצען איז שטארקער פון דעם פארלאנג פון טרונק.

ער האט ארויפגעלייגט זיין קאפ אויף דעם אפשפאר פון שטול און איז פאר א לאנגער צייט געלעגען אומבאוועגליך. ווען ער איז אויפגעשטאנען זיינען זיינע אויגען געווען רויט פון טרערען.

— זי איז שוין יעצט א גרויסע, פיליי‏כט איז זי שוין א פרוי, א מוטער פון קינדער. ווער ווייסט ווי איהר מאן באהאנדעלט זי? אלץ ער, דער פאטער, דער מערדער. און פיליי‏כט לעבט זי ניט—אנדרושא'ס קאפ איז טיף פארזונקען—יא, פיליי‏כט לעבט זי ניט?

מיר זיינעןביידע דערשראקען געזעסען ווי מיר וואלטען מורא געהאט א קוק צו טאן איינער אויפ'ן צווייטען. מיין הארץ האט א ציטער געטאן: וואו איז זי יעצט? איך האב אויך אין דער ווייטער שטאדט מיין געליבטע. וואו איז זי יעצט? פיליי‏כט זיצט זי יעצט מיט א צווייטען און האט גאר פארגעסען אן מיר, פארגעסען אין מיינע ליידען און בענקעניש.

— אך, אנדרושא טייערער! איך בין דיין חבר . . .

ער איז טיף איינגעשלאָפֿען. זיין שלאָף איז געווען אַ שטאַרקער.

— זעהסט, טיכאמערׇאווא, אַז מען טאָר יענעם ניט באַשולדיגען ביז מען ווייסט ניט די אורזאַכע וואָס האָט געבראַכט דערצו. דאָקטוירים פֿאָרשען אַלע קראַנקהייטען, די קלענסטע באַצילען ווילען זיי זעהען, און דערגעהן דעם סימפּטאָם פֿון פֿיבער. דעם פֿיבער פֿון טראַגעדיעס ווילען זיי ניט אַנערקענען. געוויס וואָלט זיך אַ דאָקטאָר צולאַכט אַז דאָס איז די אורזאַכע. אַ פּראָפֿעסאָר וואָלט עס באַטראַכט פֿאַר משוגע. איך אַלס קליין קינד האָב דאָס באַמערקט און אָפֿט בין איך געקומען אים צו הילף.

— מיינט איהר מיט דעם צו זאָגען אַז איהר האָט איהם געגעבען געלט אויף בראַנפֿען?

— יאָ — האָב איך געזאָגט — עס איז געווען מיין פֿליכט, מיין מענשליכער געפֿיל. כאָטש איך אַליין בין אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פֿון ביטערען געטראַנק.

מיר האָט זיך געוואָלט ארויסגיין אין גאַס. מיך האָט געצויגען צו דער אָפֿענער וועלט וואָס האָט געפֿיהרט ווייט אוועק. איך האָב געוואוסט מיין פֿאַרלאַנג. איך האָב געוואָלט געהן אין די וועגען וואו מיר זיינען ביידע פֿאַר׳חלום׳טע אומגעגאַנגען בלאָנזענדיג קוקענדיג צו דער לבנה און שטערען. פֿילייכט וועל איך יעצט אויך זעהען יענע לבנה, יענע שטערן וואָס האָבען באַלויכטען דעם וועג וואו מיר האָבען געמיטליך געטראַכטען: אומזיסט איז מיין זוכען געווען. ווען איך בין געווען אין דרויסען האָט מיר די וועלט אויסגעקוקט פּוסט, די האָריזאָנטען האָבען זיך אַזוי נאָהענט אראָפּגעלאָזן ווי זיי וואָלטען מיך ניט געלאָזט געהן ווייטער פֿון דעם זויאווען באַרג. דאָרט איז געווען די ענדע פֿון דער וועלט.

נאַסטיאַ טיכאמערׇאווא איז געבליבען אומבאַוועגליך אויף איהר שטוהל זיצען, ווי זי וואָלט פּלוצלונג פּאַראַליזירט געוואָרען. איהרע געדאַנקען זיינען געווען ווייט אַוועק פֿון איהר. זיי האָבען זיך געפּלאָנטערט ווי די וואָלקענס וואָס ווערען געטריבען פֿון מורא׳דיגען שטורעם.

ניינטער קאפיטעל

גאנץ פריה איז זמיטרוכע געקומען צו אונז. ער האט געוואלט וויסען צי מיר ווילען פארען אין א דערבייאיג שטעדטעל וואוהין מיר פלעגען אפט פאהרען. איך האב פארשטאנען אז דאס איז נאר א תירוץ. ער האט געוואלט זעהען מיך און ריידען וועגען געוויסע פראגען וואס זיינען אויפגעקומען ביי איהם אין מוח. ווען מיין מוטער האט איהם געזאגט אז זי האט דאס שטעטעל ניט נייטיג, איז ער צו מיר צוגעגאנגען און האט מיר שטיל ארייגעפרעפעלט.

— איך וויל דיך זעהן, סאלאמאן.

איך האב איהם באלד נאכגעפאלגט אין דרויסען און א געשריי געטאן: זמיטרוכע! ער האט זיך א קער געטאן און האט זיך אפגעשעלט.

— דו ביסט אזוי פארפרעמדט געווארען, מען זעהט דיך אזוי זעלטען. וואס האט געבראכט צו דעם?

איך האב איהם געענטפערט אז איך ווער געלערענט פון נאסטיא טיכאמעראווא און דאס פארנעמט פיעלע שעה'ן פון מיין טאג, נאר ווען זומער וועט קומען וועלען מיר זיין זעהר פיעל צוזאמען.

— יעצט איז שוין פריהלינג. איך האף אז באלד וועט דער זומער קומען און מיר וועלען פארברייננגען אין פעלד, האט זמיט־רוכע צו מיר אומעדיג גערעדט.

— איך וועל דיך זעהן, האב איך געזאגט, און בין אוועק פון איהם אין דער ריכטונג פון אונזער היים.

די גרויסע הילצערנע באנק וואס איז גע־שטאנען נאהענט צו אונזער הויז איז געווען מיין אפרוה פלאץ, דער אפרוה פון מיין מידקייט און אויך מיינע איבערלעבונגען. ווען זי, אט די באנק וואלט פארשטאנען מיין טראכטען און איבערלעבונגען וואלט זי געווען א קוואל פון וויסענשאפט און ליידען. אויף דער באנק האב איך איבער־

געוויינט אַלע מיינע ליידען, אויסגעחלומט מיינע חלומות און פאַנטאַזיעס, און ניט איינמאָל איז געפאַלן אויף איהר אַ גליענדע טרער, וואָס איז אַרונטער געפאַלען פון מיינע וויינענדיגע אויגען, נאר שטיל איז זי געבליבען צו אַלע מיינע איבערלעבונגען ווי דאס הארץ באַ אַ טויטען. איך האָב געקוקט אין די וויטקייטען און דערמאנט זיך אָן אנדרושאַ׳ס געשפּרעך, אָן זיינע ליידען, אָן דעם בליק, ווי ער האָט דאן גרימאַסען געמאַכט ווען ער האָט גערעדט וועגען זיין פארלאָרענער גלאשקען — לעבט זי? איז זי גליקליך? איז זי אַ מוטער פון קינדער? דערמאנט זי זיך אָן מיר אַמאָל? ווייסט זי אז איך בייגק נאך איהר? אָט די אלע ווערטער וואָס אנדרושאַ האָט גערעדט מיט טיפען טרויער האָבען מיר ווי אַ בליץ געבלענדט, ווייסט זי טאקע? איז דא א פארבינדונג פון הארץ צו הארץ? האָט זיך מיר געוואָלט וויסען. איז ניט דאָס הארץ געגליכען צום שטורעם פויגעל וואָס זאָגט אָן אַז אַ שטורעם קומט? ציהען זיך ניט די דינינקע שטראַלען פעדימלאַך פון הארץ צו הארץ ווען זיי ליבען? מיר האָט זיך געוואָלט וויסען און זעהען די פינטעלעך פון די שלאָגענדע הערצער, זעהן די בוכשטאַבען וואָס קריצען אָן די ווערטער. אָט אין דעם טיפען אָפּגרונט האָט זיך מיר געוואָלט ארונטערלאָזען, אויסגעפונען אלע פארבאָרגענע ווינקלעך און דערנאך זאָל דאָס לעבן טאָן מיט מיר וואָס עס וויל. אויף דעם שנירעלע בין איך געהאַנגען פאר א לאַנגער צייט — ווייסט זי דאָרט ניט, פיהלט זי דאָרט ניט די ליידען? דאָס הארץ דארף דאך זיין אַ דראָטלאָזער אפּאראַט וואָס גיט איבער דעם געדאנק און פארלאַנג.

וואו בין איך יעצט מיט מיין טראַכטען? האָב איך זיך ווי פון דעמערונג אויפגעכאַפּט. מיר האָט זיך געוואלט קוקען אין יענער אַנטפּלעקטער וועלט, וואָס איז נאך פון קיינעם ניט אויסגעפּרובירט געוואָרען. מיר האָט זיך געוואָלט שרייען, אפשר וועט דער ווינט אוועקטראַגען מיינע ווערטער אהין וואו זי איז, איבערגעבן דורך די וואלקן צייכנס מיין פארלאַנג און געבעט, שטום איז אַלעס ארום מיר געבליבען, ווי די גאנצע וועלט

וואָלט איינגענומען דעם אָטעם אין זיך און וואָלט ניט געוואָלט ארויסאָטעמען. איך בין מיט׳ן קאָפּ געפאַלען צו דער קאַלטער באַנק, האָב שטארק צוגעקוועטשט מיין שטערען ווי איך וואָלט געוואָלט אויספּרעסען פון איהם געוויסע פראַגען, נאר באַלד האָט מיך אַ שטימע אויפגעוועקט.

— פיהלסטו ניט גוט, סאָלאָמאָן?

איידער איך האָב נאך געוואוסט וואס ער רעדט צו מיר האָב איך געענטפערט אז איך פיהל גוט, נאר אזוי זיך צוגעלייגט. מיינע אויגען האָבען דערזעהען אנדרושאַן, ער האָט מיר היינט אויסגעקוקט בלייכער און נערוועזער. איך האָב איהם געפרעגט וואָס מיט איהם איז, האָט ער מיר געענטפערט:

— דער נעכטיגער געשפּרעך האָט מיך צורודערט, איך קען מיינע גלידער ניט צוזאַמענשרויפען, איך פיהל אז איך ווער צו־ריסען אויף שטיקער. איך האָב מיין וואונד ניט געטאָרט אויפ־רייסען. היינט וויל איך קיין בראַנפען אויך ניט. איך גלויב ניט אַז בראַנפען קען פארהיילען דעם גרויסען ווייטאָג דאָרט.

— זיץ, האָב איך איהם געזאָגט, אנצייגענדיג אויף דער באַנק. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען און באַלד איז ער שווער געפאַלען אויף דער באַנק. עטליכע מאָהל האָט ער געביטען זיין אָרט, ווי ער וואָלט געזוכט באַקוועהמליכס. טיף האָט ער אַיינגע־קוקט אין מיינע אויגען און האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן.

— וואָס איז אַנדרושאַ? האָב איך איהם געפרעגט.

— קיין זאך ניט. איך טראַכט נאר אז דו ביסט געווען צו יונג פאַרכאַפּט צו ווערען פון דעם העלישען ליבע־פייער, נאר ליבע איז אן איינגעשפּאַרטע זאַך, זי פרעגט ניט, זי קומט. זי האָט אַלע שליסעלאַך צו דעם מענשענ׳ס האַרץ, און מען קען זי ניט ארויסטרייבען. וואָס מעהר דו טרייבסט זי, אַלץ מעהר ווערט זי בעל הבית איבער דיר. געה רעד, אז זי איז אימער גערעכט. איך בין נאר ברוגז אויף דער געזעלשאַפט ווארום זיי פארדאַמען מענשען ניט וויסענדיג די אורזאַכע וואָס האָט איהם געבראַכט צו אַ שטופּע אין ווערכער ער געפינט זיך. זיי פרעגען ניט, נאר זיי פארדאַמען. ווען עס ווערט אַ פרוכט בוים פארדאַרט אין דעם

גרויסען סאַד קומט ווער און באַטראַכט איהם ווארום ער דאַרט איין. מיט'ן מענשען איז אַנדערש. ער ווערט גלייך געשטעמ־פעלט אַלס אַן אומווירדיקער. עס וועט אַמאָל קומען אַן אַנדער צייט, מיט אַנדערע בליקען אויף דעם פאַרלאָרענעם. די וועלט אין יענער צייט וועט געוויס רחמנות האָבען און היילען זיינע ליידען, היילען זיינע וואונדען, צודריקען איהם צו דער ווארעמער מענשליכער ברוסט און היילען! היילען דעם פאַרבלאָנזשעטען, היילען דעם באַשטראַפטען, דעם געשטרויכעלטען. אַלע וועלען זיין קינדער פון דער וועלט, פון דער גלייכער וועלט וואָס איז באַשאַפען געוואָרען פאַר יעדען גלייך.

—יאָ, איך גלויב דיר, אַנדרושאַ, אַז די וועלט וועט אַנדערש זיין, נאָר איין זאַך וועל איך דיר זאָגען, אַז די ליידען פון ליבע, פון פאַרלאָרענע ליבע, וועט זיין כל זמן די וועלט וועט עקזיסטירען. דאָס איז אַזא זאַך וואָס דו קענסט יענעם ניט שיינקען ווען ער וויל זי ניט, און קענסט פון יענעם ניט פאַרלאַנגען ווען יענער האָט עס ניט פאַר דיר. די גאַנצע וועלט וועט איבערגעאַנדערשט ווערען, דאָס מענשליכע האַרץ ניט. עס וועט פאַרבלייבען איינגע'עקשן'ט ווי דער סוד פון טויט, קיינע פראַגען, קיינע ענטפערס, אַזוי איז, און דאָס אַלעס. דו קענסט דעם פאַס ניט אַריבער, ער בלייבט אַ סוד.

—איך זעה,—האָט אַנדרושאַ שוואַך געענטפערט, ווי ער וואָלט זיך פילען מאַט—יאָ, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פּלוצלונג, איך בעט דיך, סאַלאמאַן, רעד ניט די רייד צו מיין שוועסטער, איך וויל ניט אַז זי זאָל אַריינפאַלען אין דעם זעלבען נעץ וואו מיר זיינען יעצט. פאַר איהר וועט נאָך זיין שווערער ווייל איהר אויסזיכט וועט איהר מאַטערען, און זי וועט קיינמאָל קיין האָפ־נונג ניט האָבען. אויף איהר האָב איך רחמנות. וועסטו אַזוי טאָן?

—אין רייד, אַנדרושאַ, קענסטו זיך ניט אויסהיטן ווי פון פליהענדע קוילען, ווי קען איך זיין פאַלש צו מיינע מיינונגען און מיינע פאַרלאַנגען?

— דו מוזט עס אָבער טאָן! ווען ניט וועט זי זיין אַ קרבן.

זי איז ניט שטארק דעם שטורם אריבערצוטראגן, איך בעט דיך. זי האט מיר געזאָגט אז זי געהט ווערען א שוועסטער אין א גרוי־סען שפּיטאל, דענקסטו אז דאָס וואָלט געווען פאַר איהר ווירדיג?

— געוויס, יענע קראַנקע מענשען זיינען דאנקבאר. דאָ וועט זי באגעגענען שטרויכלונגען. ווען זי איז שעהן און קען רייצען מיט איהר שעהנקייט, וואָלט זי געקאנט פארווארפען די ווענדקע און כאפּען פיש ווי מיר זיינען געווען. זי איז דאָס ניט אימ־שטאנד, און זי וועט בלייבען דער קרבן.

— גלויבסטו מיר אז איך האָב היינט איין טרונק ניט געהאט און האָב ניט דעם מינדסטען פארלאנג צו דעם? איך האָב זיך אויסגעניכטערט פון דעם בראנפען און איינגע'שכור'ט מיט די ליבעס רייד. זי האט מיך אוועקגעפירט אויף אנדערע וועגען און אין אנדערע וועלטען.

ער האָט שוואַר צוגעלייגט זיין האנט צום שטערען און האָט מיר געזאָגט:

— איך האָב א לייכטען קאָפּ ווערטאָג נאר ער וועט פאר־איבער.

ער האָט מיך געבעטען צו געהען מיט איהם פאר א שפּאציר אהין צו די מאגאזיעס, הינטער'ן דאָרף, וואו דער וועג איז געווען טרוקען און זאמדיג. אויף די לאנקעס האָבען די גראזען גרין בעדעקט די ערד. ניט ווייט אין א לוזשע האָבען זשאבעס געזונגען, שפּרינגענדיג ארום די בלאָטיגע ברעגען. ווייט אין דארף סענקעווע האָט א האן אויסגעקרעהעט — קוקוריקו, קוקוריקו.

אהן ווערטער זיינען מיר געגאנגען פאר א היבשע שטרעקע ווי מיר וואָלטען מורא געהאט איינער פאר דעם אנדערען. ניט איינמאָל האָט זיך געהערט א זיפץ און ווידער איז שטיל געוואָרען פאר א ווייל.

— ס'וועט רעגענען היינט — האָט מיר אנדרושא געזאָגט, איך גלויב אזוי. איך הער ווי די הענער קרעהען און די זשאבעס קוואקען, דאָס איז א סימן אז עס וועט רעגענען. שלעכטס וועט עס ניט טאן, עס וועט אפּשווענקען דעם ווינטער שימעל, עס

וועט אויפוועקען די ערד. פּילײכט וועט נאָך דונערען אויך. די לופט איז וואַרים און דושנע.

— יאַ, האָב איך געענטפערט, איך ליב די פאַרנאַכטען, זיי וויקלען אַרום מיט אַ בענקענדע הייליגקייט, מיט געטליכע פאַנטאַזיעס פּלעכטען זיי אַרום די נשמה. אין אַזעלכע פאַר־נאַכטען מוז איך טראַכטען נאָר פון עפּעס האַרציגעס. מיר דוכט אַז די טונקעלקייט ווערט די געליעבטע, וואָס צערטעלט און פּרעפּעלט זיסע סודות פון איהר האַרצען. די בלאַנזשעניש איז הייליג. יעדער שפּאַן איז אַ פאַנטאַזיע, אַן אָפּקלאַנג פון זיסע מעלאָדיען. איך האָב ליעב צו הערען דעם טוויטשען פון די פייגעלעך וואָס זיצען ערגעץ אויף אַ צווייגעלע טרוימענדיג פון זייער ליבער נעסט, פון זייערע ליבעס און מוטער צערטליכקייט. דער פרילינג איז דער גלאָק, דער קלונג פון טענער וואָס וועקט יעדער ווינקעלע צום לעבען, צום געניסען. אין פריהלינג'ס מאַנטעל קומט דער פאַרבאָרגענער פאַרלאַנג וואָס איז נאָך ניט אַנטפּלעקט. ער ציהט און גלייכט אויס די ביינדעלאַך, באַוואַ־רעמט די בלוטען מיט אַ פיבער פייער. אין זיינע שוואַרצקייטען זעהט מען דעם כישוף און מען הערט די סודות וואָס טראָגען זיך ווי אַ ראַקעט אין דער לופטען, די שיין פון דער לבנה וואָס קושט די הענט, דעם האַלז און דאָס פּנים . . . אַנדרושאַ! — האָב איך איהם אַ זאָג געטאָן — וועק מיך ניט אויף פון מיין פאַרטי־פונג, איך פיהל אַזוי גוט ווי אין די אַרעמס פון מיין געליבטער. געה שווייגענדיג, פרעג מיך גאַרניט פאַר אַ ווייל. איך וויל די מענשליכע שטים ניט הערען, איך הער די שטים, איך הער די קלאַנגען פון פאַרליבטען האַרץ, שלאָג מיר ניט איבער מיט דיינע רייד די קלאַנגען, די טענער וואָס גיסען זיך פאַנאַנדער ווי זיסער וויין, איבער אַלע מיינע גלידער.

איך האָב זיך אָפּגערוקט פון איהם עטליכע טריט איך זאָל ניט פיהלען זיין נאָהענטקייט. מיר האָט זיך געוואָלט זיין אַליין ווי נאָר פאַר מיר אַליין וואָלט די נאַכט באַשאַפען געוואָרען, ווי פאַר מיר אַליין פּרעפּעלט זי איהרע סודות און מאָלט איהרע געשטאַלטען מיט אַ פאַרבאָרגענער הייליגקייט.

אנדרושא האָט מיין אבוועזענהייט באמערקט און האָט א געשריי געטאָן:

— סאָלאָמאָן!

איך האָב איהם באַלד געענטפערט אז איך בין דא און באַלד זיינען מיר ביידע געגאנגען פּלייצע צו פּלייצע.

— מיר זיינען שוין ווייט פון דער היים?

— ניט געפערליך ווייט, נאר אויב דו ווילסט זיך אומקערען בין איך איינשטימיג — האָב איך געזאָגט.

מיר זיינען שוין געווען נאהענט צום קלויסטער וואו אנ־דרושא איז אַמאָל געבראכט געוואָרען דורך די קאזאקען. ער האָט גענומען ריידען פון דעם:

— דער גאָט וואָס האָט מיך ניט געקענט פאַרפיהרען אהער האָט אנגעשיקט זיינע קאזאקען און זיי זיינען שוין גוטע שלוחים, זיי ברייגגען מיט זייערע נאגאיקעס. דער גאָט וואָס האָט גוטע ארויפהעלפער וועט שוין קיינמאל פאַרפאַלען ניט געהן. אָך, דער ביטערער גלח, דער ביטרער פוקס, ווי ער האָט געקוקט אויף מיר מיט בלומרשטען רחמנות אז מיין נשמה וועט ניט געהען אין גן־עדן, נאר גלייך מיטן שנעל־צוג אין גיהנם ווארום לעבסטו אזוי אז דיין נשמה זאָל ברענען אין דעם אייביגען העלישען פייער פון גיהנם? אָך, ווען ניט די עטליכע צינענע בייטשען וואָלט איך איהם אַלעס געזאָגט:

— ווי אַלט ביסטו געווען ווען דו האָסט אפּגעטריבען דעם געדאנק פון זיך?

—דו זאגסט ריכטיג, סאלאמאן, אפּגעטריבען פון זיך: עטלעכע יאהר האָב איך זיך געראַנגעלט מיטן געדאנק. האָב פון דעם איינגעווארצעלטען פלאנטער ניט געקאנט באפרייען זיך. ענדליך האָב איך איהם אפּגעוואָרפען מיט האס, דאן, ווארט, ווי אַלט בין איך געווען? אין די איין און צוואַנציגער. אין די איין און צוואנציגער האָב איך שוין געזעהן קלאר אז די רעליגיאן איז נאר אַן אנרייץ, א האס איינער צום צווייטען. מיין גאָט, דיין גאָט, יענעמס גאָט, אלע זיינען גערעכט מיט זייערען, וואו עס לוינט זיך באַשטראָפט ער, וואו עס לוינט זיך פאַרגיט ער. די

רייכע פּאַראַזיטען האָבען די וועלט, די אָרימע שקלאַפען — יע־נע וועלט, נאָר פאַר יענער וועלט דאַרף מען ליגען אין ד'רערד.

אַנדרושאַ האָט זיך הילכיג צולאַכט, און דאָס איז געווען דער ערשטער געלעכטער צייט יאָהרען. דער אַנגעצויגענער מוט האָט זיך געביטען. אונז האָט זיך געוואָלט פרעהליך זיין. מיר האָבען איינער דעם אַנדערען געשטופּט אין שפּאַס, אומגעוואָרפען איינער דעם אַנדערען. כאָטש איך בין געוועזען אַ העלפט פון זיינע יאָהרען דאָך האָב איך זיך געקענט גוט פאַרטיידיגען, און ניט איינמאָל איז אַנדרושאַ געלעגען אויף דער ערד. די נאַכט האָט רוהיג איינגעשלעפערט אַלעס אַרום. באַלד האָט אַ ווינ־טעלע גענומען בלאָזען און קליינינקע טראָפּענדלאַך רעגען האָבען גענומען אַראָפּשפּריצען אויף דער ערד.

— מיר דאַרפען געהען שנעלער, עס רעגענט.

אַנכאַפּענדיג איינער דעם אַנדערען'ס האַנט זיינען מיר שנעל געלאָפען, אַנדרושאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט גע־זאָגט:—

— איך קען אַזוי שנעל ניט לויפען, איך פיהל אַז דער בראַנפען האָט מיר קיין גוטעס ניט געטאָן, פו, האָט ער הילכיג אָפּגעפּרייכט.

די הונט אין אונזער דאָרף האָבען דערהערט אונזערע טריט און זיי האָבען אָנגעהויבען בילען, נאָר באַלד זיינען זיי אַנטשוויי־גען געוואָרען. דערזעהענדיג באַקאַנטע האָבען זיי פריינטליך אָנגעהויבען האָוקען און דרייען זיך אַרום אונז, ווי זיי וואָלטען געוואָרען מיט אונז חבר. אַנדרושאַ האָט מיך צוגעפיהרט אַהיים און איז מיט אַ גוטער נאַכט אַוועק. שטיל, ווי אַ באַשולדיגטער, בין איך אַריין אין הויז, מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און בין באַלד איינגעשלאָפען. דורך דער נאַכט האָב איך זיך אַ פּאָר מאָל דורכגעוואָרפען. איך האָב ניט פאַרשטאַנען מיין אומרוהיקייט. איך האָב געוואָלט דערמאָנען זיך וואָס אַזוינס מאַטערט מיין שלאָף, נאָר אין מיטען פון מיין אומ־רו בין איך געשמאַק איינגעשלאָפען. ווען איך בין וואַך גע־וואָרען האָב איך זיך גענומען דערמאָנען ווענען וואָס איך האָב

נעבעטן געטראַכט און ניט דערטראַכט.

אַנדרושאַ, האָב איך זיך דערמאָנט, דער אַנדרושאַ האָט געקאָנט זיין אַ גרויסער מענש ווען דער שיקזאל שליידערט איהם ניט אראָפּ פון ריכטיגען וועג. פיליכט איז נאך ניט צו שפּעט?

איך, דער אינגעל, דאַרף זיין דער אַוואַנגארד פון אונזער שטעטעל. א וועג וויזער פאַר דעם גוטען אַנדרושאַ'ן. ער וועט מיר געוויס שפּעטער העלפען. דאָ ארום אונז איז די אומוויסענהייט גרויס, די שלאנג פון גלויבען און ראסען־האַס האָט טיף איהר גיפט פאַרשפּרייט, פיליכט וועל איך קענען עפּעס טאָן אויסצואוואָרצלען דעם סם וואָס פאַרפּעסטעט דעם מוח פון דעם אונוויסענדען פויער. אין די זומער טעג האָב איך געהאט אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט'ן פויער אין פעלד, אנצייגענדיג אויף זיינע ארעמע פאַסען ערד, אויף דעם ארעמען פערדעל וואָס דאַרף נעבעך שלעפּען די סאכע, און צום סוף פעהלט ברויט און אַ בגד צום אָנטאָן. איך וועל איהם צייגען די רייכע פעלדער פון דעם פריץ בעלוצאוו, וואָס איז קיינמאל דאָ ניט געזעהן געוואָרען, נאר אַ פערוואַלטער גיט אַכטונג אַז איהם זאָל געגוג אנקומען. ווארום האָט גאָט געגעבען דעם רייכען, וואָס ארבייט קיין מאָל ניט? און די ביבעל זאָגט אויסדריקליך אז מיט דעם שוויים פון פנים זאָלסטו עסען דיין ברויט. איז דער וואָס ארבייט האָט גארנישט און דער וואס טוהט גאר נישט איז רייך און האָט אלעס. איך וועל בעטען דעם ארימען פויער ער זאָל מיר גיבען צו פאַרשטעהן די ביבעל, און אזוי וועלען מיר קומען צום געדאנק. איך וועל אין איהם אריינשפּריצען יענעם געדאנק פון רעוואָלט, ער זאָל ניט גלויבען בלינדערהייט, ער זאָל טראַכטען פון רעכט און אומרעכט און ניט געהען ווי א בלינדער פערד אין שפּאַן. שלעמעץ איז געווען דער ערשטער וואָס איז געוועזן אנגעצייכענט פאַר מיין עקספּערימענט. איך האָב געוואוסט אז די קומענדע וואָך וועלען די פויערים ארויסקומען מיט זייערע ארעמע פערדלאך און סאכעס אין פעלד, און דאָרט וועל איך ריידען, פרעגען ווארום איז זיין פערדעל אזוי מאגער? אין דער זעלבער צייט דערציילען אַז איך האָב געזעהן

דעם פּריצ׳ס פערד וועלכע זיינען שטאַרק ווי לייבען. די גע־רעכטיגקייט וועט אַרויף ווי בוימאייל אויפן וואַסער און איך וועל באַלד האָבען פּאַרעהרער.

מאַנטאַג פריה בין איך געווען אין פעלד און האָב זיך צוגעקוקט ווי די מאַגערע פערד האָבען געשלעפּט די אייזערנע סאָכע וואָס האָט געריסען די געדערים פון דער מוטער ערד.

— גוט מאָרגען! — האָבען מיר די דאָרפישע פּויערים געשריען — וואָס טוסטו אין פעלד? אפשר ווילסטו אויך אַקערען די ערד? עס איז אַ שווערע אַרבייט און דערנאָך האָט מען ערשט ניט וואָס צו עסען. דו זעהסט דאָך מען שלאָגט זיך פּאַר דער מעזשע, און יעדערער וויל אָפּאַקערען אַ שטיקעלע ערד פון דעם אַנדערען, וואָס נאָך האָט דער אָרימער פּויער?

— אָך, ווי דיין פערדעלע איז דאַר, וואָס איז איהם געווען?

— האָב איך געזאָגט צו שלעמעצען.

— קיין זאַך ניט, איהם האָט געפעלט עסען, דאָס ביסעלע היי האָט איהם געפעהלט.

— אָרימער פערדעל, האָב איך געזאָגט, ער איז דאָך אַ פערדעל, ער דאַרף גאַרניט פאַרשטעהן אַזעלכע זאַכען.

דער פּויער שלעמעץ האָט מיך אַנגעקוקט פאַרוואונדערט:

—וואָס הייסט ער האָט דאָס ניט באַדאַרפט פאַרשטעהן, אַז מען איז הונגעריג פאַרשטעהט אפילו דער וואָלף אין וואַלד.

— דענקסטו ווען דו האָסט געגוג ערד וואָלט דיין פערדעל געווען אַזוי?

— געוויס ניט! איך וואָלט איהם געגעבען גענוג עסען און וואָלסט זעהן ווי גוט ער וואָלט געאַרבייט.

— נו, און וואָס איז מיט דיר אַליין, דו האָסט דען גענוג פאַר זיך, דיין ווייב און קינדער?

— ניין! נור איך בין אַ מענש, איך הער אויף ווען איך פיהל אַז איך בין מיד. פאַר איהם האָב איך נאָך אַ בייטש אויך, און ווען ער וויל ניט שלעפּען די סאָכע קריגט ער געשמיסען, אַ רחמנות אויפ׳ן פערדעל.

— אויך איז אַ רחמנות אויף דיר און דיין ווייב און קינדער.

— וואָס זאָל מען טאָן? אזוי האָט גאָט אנגעצייכענט דעם ארעמאנ׳ס לעבען.

— יא, שלעמעץ, דאָס בין איך דיר געקומען פרעגען. איך ווייס אַז דו ביסט קליגער פאַר פיעלע אנדערע, ווארום שרייבט זיך אין דער ביבעל אַז מיט דעם שוויים פון דיין פּנים זאָלסטו עסען דיין ברויט?

— יא, אזוי לעבט דער עהרליכער.

— יאָ, גאָטעס וואָרט איז פאַר אלעמען גלייך.

— איך גלויב ניט.

— שלעמעין האָט מיט מורא גענומען קוקען אויף מיר.

— וואָס פרעגסטו, זינדיגער?

— איז די ביבעל פאַר אלעמען געשריבען געוואָרען?

— איך בין דאָך אַ קינד, איך מעג פרעגען אַז עלטערען פון זיך פראַגען, נאָך דעם בין איך געקומען צו דיר, פאַרשטעהסט וואָס?

— וואָס? — האָט ער גיך גענומען רעדען, ווארום ארביי־טען די רייכע קיין מאָל ניט און האָבען אַלעס, איז דאָס ניט אַ גרייז אין דער ביבעל?

שלעמעץ האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ארונטערלאָזענדיג דעם קאָפּ האָט ער מיר שטיל געענטפערט:

— עפּעס איז ניט ריכטיג דאָרט.

ער האָט געלאָזען רוהען זיין פערדעל. פון דעם פערדעל׳ס נאָזלעכער האָט אַ פּאַרע געשלאָגען ווי דאָרט וואָלט זיך אנגע־צונדען אַ גאַנצער וואלד פייער. שלעמעץ האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער פייכטער ערד און האָט מיר געבעטען:

— זעץ זיך סאָלאָמאָן.

— ניין, איך וועל שטעהן אַ ווײַלע, איך וויל וואַקסען.

— איך גלויב אַז דו ביסט גענוג גרויס, אַז איך קען דיין קאָפּ ניט דערגרייכען, דו ביסט אריבערגעוואַקסען דיינע יארען, וואָס דיינקסטו קענען טאָן די ארימע מענשען? דיינקסטו אַז עס דארפען ניט זיין קיין ארימע?

— וואָס דענקסטו שלעמעץ? אויב דו ביזט וויליג צו אר־

בעטען און ארבעטעסט, ווארום זאָלסט ניט האָבען צום לעבען פאַר דיין ווייב און קינדער? די קלענסטע מוראשקעלע איז פאַרזי־כערט געוואָרען פון דער נאטור, דער מענש איז בארויבט געוואָ־רען. דער רייכער פּאַראַזיט האָט אַלעס פון איהם צוגענומען און דאָס רופט מען א וועלט מיט גערעכטיגקייט. אַזוי פיעל ברי־דערליכע קלויסטערס אויסגעבויעט געוואָרען. זעהסט? אָט דאָרט איז די נעסט פון איינשלעפערונג. מען זאָגט אַז אַלעס איז דער ווילען פון גאָט, און גאָט איז מיט די רייכע. האָסט זיך אַמאָל גע׳משפּט מיט א רייכען? זעהסט ווי זיין גאָט, דאָס געלט און דער אדוואָקאט וועלען דיך פאַר׳משפט׳ן, און דו ביזט אימער דער פאַרלירער.

שלעמעץ האָט א קנאַק געטאָן מיט דעם רימענעם בייטשעל, און האָט מיט אן אונאנשטענדיק וואָרט באגלייט זיינע טריט צו דער סאָכע. „העוו! האָט ער א געשריי געטאָן צו דעם שלע־פּערדיגען פערדעל. דאָס פערדעל האָט א ציה געטאָן די סאָכע מיט א סקריפּ און איז געגאַנגען זיין גאנג.

די זון האָט ווארעם אראָפּגעקוקט אויף דער פייכטער ערד און האָט זי געטריקענט מיט איהר הייסען אטהעם. איך האָב שלעמעצען געוואונשען א גוטען טאָג און בין אַוועק. פאַר מיין לעהרע בין איך געוועזען אביסעל צו שפּעט, נאר איך האָב גע־וואוסט אז קיין שטראָף וועט מיר ניט קומען. און איך בין אוועק צו דעם וועג וואו נאסטיא טיכאמעראָווא האָט געוואוינט. זי האָט שוין אויף מיר ארויסגעקוקט. איך האָב אין איהר פּנים דערזעהן די פרייד פון מיין קומען. ווען איך בין אריין אין הויז האָט זי ליבליך געשמייכעלט:

— איהר זייט אביסעל צו שפּעט.

די עטליכע שטונדען פון לעהרנען זיינען געוועזען מעהר אנ־געגעהם ווי פריהער. איך האָב ניט געוואוסט וואָס האָט איהר פרייד געבראכט. יעדעס וואָרט האָט א פרישען געלעכטער אויפ־געריסען. ניט איינמאָל האָט זי פּרובירט מיך אויסמיידען, אויסמיידען מיינע בליקען זיי זאָלען זיך ניט באגעגענען.

— איך זעה אייך היינט אין א פרעהליכען געמיט.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי זי וואָלט זיך פאַר מיר פאַר־וואָס דערשראָקען:

— טאָר איך ניט?

—יאָ, , עס איז אנגענעהם אייך פרעהליך צו זעהן, עס ווילט זיך מיר פרעהליך זיין און לאַכען דעם געלעכטער וואָס איהר לאַכט יעצט.

— וואָלט איהר דאָס געוואָלט?

— אויב איך וויים וואָס דער געלעכטער באדייט? פרויען זיינען מעהר געניינגט צו שמייכלען, זייער שמייכלען איז ווי די נעץ בא דעם פאנגער, הייסט עס אַז איהר וועבט אַ נעץ? זי האָט זיך גערויטעלט:

—ניט אזוי ווי איהר דיינקט, נאר ניט ווייט פון דעם. איך ווייסט, אַז צייט איך האָב זיך באַקאַנט מיט אייך, סאלאמאן, לייען איך אנדערע ביכער.

— וואָס הייסט אַנדערע? האָב איך זי געפרעגט.

— אויפרייצענדע, ראמאנטישע. פריהער האָב איך גע־דיינקט אז דאס איז נאר אַ פאַרפירערישע שפּראך. יעצט זעה איך אַז עס עקזיסטירט אין אמת'ן לעבען. די ראמאנטישע איבערלעבונגען זיי פארוויקלען אייך אין זיסע חלומות, אין צויבער פאנטאזיעס, און עס ווערט דאס לעבען אזוי טייער.

— ווער האָט עס געטאָן פאַר אייך?

—איהר! האָט זי שטיל אויסגערעדט. איהר! האָט זי נאך אַמאָל שטיל איבערגעזאָגט און איז ארונטערגעפאלען אין שטול. איך האָב מיט ציטער זי געפרעגט.

— הייסט דאָס אז איהר זייט פארליבט אין מיר?

— ניין! איך בין פארליבט אין אייערע פאנטאזיעס, אין אייערע בילדער, אין דער קראפט פון אייער איבערגעבן די גע־פילען פון אַ פארליבט הארץ. איהר האָט די זיידענע פעדים וואָס שפינען אוים די שעהנסטע פאנאראמא, דעם שעהנסטען קאָוויאַר. איהר זייט ווי די דופטענדע בלום וואָס גיט ארוים דעם שמעקענדען אראמאט. עס ווילט זיך ארייננציהען די גאנצע לופט ארום אייך. איז דאָס ניט צופיעל? איך האָב מורא איך

זאָל איך ניט איבערפיהרען. נאך אַלעמען זענט איהר דאָך אַ קינד, און קינדער זיינען בויגיג. איך האָף אז איהר וועט אזוי ניט זיין.

— נאַסטיא טיכאמעראַווא! איהר זייט דאך מעהר ווי צוויי מאָל אזוי אַלט ווי איך, איך האָף אַז איהר וועט אַזאַ נאַריש־קייט ניט באַגעהן. זי האָט ארונטערגעלאָזען איהר קאָפּ, האָט אַ ווײַלע געטראַכט:

— איך ליעב ניט אייך, ווי איהר מיינט, איך ליעב די בילדער וואָס איהר מאָלט, די פאַנטאַזיעס וואָס איהר שפּינט אוים און וועבט זיי אין אוזאָרען. איך בין אנדערש היינט ווי איך בין געווען איידער איך האָב אייך געקענט. איהר האָט אין מיר איינגעפלאַנצט ליבע און דורשט. מיין הארץ און נשמה שמאַכט און בייגקט נאך עפּעס אונאַנטפּלעקטס. איך קען אייך מיינע געפיהלען ניט ארויסגיבען, מיין שפּראַך איז צו ארים. איך קען ניט מאָלען ווי איהר. איך בין ניט בעשאַנקען געווארען מיט דער קראַפט.

— הייסט עס אז איך האָב אייך געגעבען לעקציעס און ניט איהר מיר? איך בין צופרידען צו זיין אַ וועג ווייזער. האָב איך אייך ניט געבראַכט צום וועג פון שטורם? איהר קענט זעהן אין מיין פריידיגען ליידען! נאר איך וועל אייך זאָגען אז די ליידען זיינען זיסע, כאטש זיי זיינען אָפּט פול מיט שטרויכ־לונגען. ליבעם ליידען בויען דעם ברייטסטען וועג אין לעבענס־גאַנג, און עס איז ווערט פאַר אייך, נאַסטיא טיכאמעראַווא! איהר זייט געווען ווי אַ פאַרוועלקטע בלום, וואו דער שטן האָט אימער זיין שווארצען מאַנטעל פאַרצויגען, און האָט דער ליכטיגער זון דעם וועג פאַרשטעלט, ווערט אויפגעטרייסעלט ווי די ערד ווערט אויפגעטרייסעלט פון דעם ערשטען פריהלינג דונער. איהר וועט דערזעהן פאַר זיך די גרינע לאַנקעס, פעלדער און וועלדער וואו איהר וועט אומבלאַנזען מיט אייער מיידעלשער פאַרלאָרענקייט. זייט ניט נאַאיוו, באַקענט זיך מיט זיך אַליין. דאס איבעריגע קען איך אייך ניט זאָגען, איך בין אַליין אַ פאַרבלאָנזשעטער. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם פייער ווען מיין שטאַם איז

נאך אזוי בויגיג און יונג. איך בין שוין אין גאנצען איבער־געציטערט געוואָרען פון דעם פיבער פון היץ און קעלט. וואוהין וועט מיך דער שפּעטער ברייגנען ווען מיין קערפּער איז שוין צושמעטערט? איך בין דער אומגליקליכער ניט איהר . . .

— איהר ווייסט אז אנדרושא האָט מיך געבעטען איך זאָל ניט ריידען מיט אייך וועגען ליבע. ער האָט מורא פאַר אַן אנגריף אויף אייער הארץ.

זמיטרוכע האָט דורכגעטריבען זיין סטאַדע גענז פאַרביי דעם הויז וואו איך בין יעצט געוועזן. מיט זיין מעכטיגען שטע־קען האָט ער געוויזען דעם וועג די יונגינקע גענזעלעך וואָס האָבען נאך געטראָגען דעם געלען פוך פון זייער געבאָרען. דער אַלטער גאנזער איז געגאנגען פאָרויס ווי אַ גענעראַל וואָס פיהרט זיינע סאָלדאַטען. ער האָט אָפּט געריעדט צו זיינע דאמען גענז, און צו זיינע יונגינקע גענזעלאך. זמיטרוכע האָט אנגעוויזען מיט זיין שטעקען דעם וועג צו די גזאוונצעס, דאָרט האָט ער אויף זיי אכטונג געגעבען ווי זיי האָבען געצופּט די גרינינקע גרעזעלעך און געשלונגען געשמאַק. גיה גיה האָבען זיי אָפּט דורכגערעדט און ווידער געכאַפּט די גרינינקע גרעזעלעך.

—איך דאַרף געהן, האָב איך געזאָגט צו נאַסטיען. איך וועל געהן אַ ווייַלע אין פעלד אפּפרישען מיינע לויפענדע געדאנקען און בייטען די אַטמאָספערע. איך פיל זיך מאַט, איך דאַרף האָבען ערמוטיגונג. שווערע משא טראָג איך אויף מיינע פּלייצעס, וואָרום קען איך ניט זיין ווי אַלע קינדער אין מיינע יאָהרען? וואָרום האָט דער העלישער פייער אריינגעוואָרפען זיין פלאַם אין מיר? מיט דיזע ווערטער בין איך ארויס אין דרויסען.

די לופט אין דרויסען איז געווען פריש, דער דופט שמעקענד און ליבהאַפט. איך בין אוועק זעהן זמיטרוכען. דער ערשטער וואָס האָט מיך באמערקט איז געווען דער ווייסער גאנזער. ער האָט מיט בייזקייט אַ לאָז געטאָן זיך צו מיר. מיט צולאָזענע פליגלען האָט ער מיר געוואָלט פאַרשטעלען דעם וועג און איז באַלד מיט אַ ווילדען געשריי געלאָפען צו זיין סטאַדע ריידענדיג גיה גיה. זמיטרוכע האָט באמערקט מיין אנקומען און האָט מיט

דעם גרויסען שטעקען געסטראַשעט דעם גאַנער פאַר זיין בייזער העזה.

— דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך נעהם זיי ארוים אין פעלד. זיי זיינען נאָך יונג.

— וויפיעל האָט איהר זיי? האָב איך איהם געפרעגט.

— עטליכע און פופציג.

— פיין, האָב איך געענטפערט. איך האָף אז דער גאַנזער זאָל מיך בעסער אויפנעמען ווי יעצט.

— ער האָט דיך פאַרגעסען באַלד אזוי ווי איך. יעצט וועלען מיר זיך אפט טרעפען?

— געוויס, האָב איך זמיטרוכען פאַרשפּראָכען.

— דאָס גראָז איז געווען פייכט און עס איז געווען אומעגליך אוועקצוזעצען זיך. זמיטרוכע האָט באַמערקט מיין פאַרלאַנג און האָט צו מיר אזוי געזאָגט:

— מיר וועלען דורכטרייבען די גענז וייטער צום סיערען שטיין. דאָרט וועלען מיר קענען רוהען וויפיעל מיר ווילען, דאָ איז נידעריג און פייכט. ער האָט מיט זיין שטעקען געגעבען אַ באַפעל צו זיין סטאַדע און באַלד זיינען זיי אוועק פאַראויס. דער גאַנזער איז ווי אימער געווען דער וועג־וויייזער. דער גרויסער סעריער שטיין האָט געהאַט זעהר פיעל לעגענדעס ארום זיך. אָפט פלעגען די פויערים דערצעהלען אז מען האָט זיי אויסגעטאָן דאָרט די קליידער און מען האָט זיי מערדערליך געשמיסען. זיי האָבען געגלויבט אז הינטער דעם סיערען שטיין האָבען ניט גוטע גערוהט. איך האָב וויניג וואָס זיך צוגעהערט צו זייערע לע.ענדעס. איך האָב פאַרשטאַנען אז שיכורע פויערים פלעגען אהין פאַרבלאָנזשען. געהענדיג האָבען זיך געפונען לצים וואָס פלעגען ביי זיי אראָפּנעמען די קליידער און דערביי אנברעכען די ביינער. ניט וועלענדיג האָט דער שטיין געצייגט אויפמערקזאַמקייט און דאָס צווייטע זיין פאַרוואַקסונג מיט גרויען מאָך. זיין ליגען איז געווען אַן אייביגער. קיינער האָט ניט געחלומט אים אַמאָל אנצורירען אדער צורייסען מיט דינאַמיט. אויף דעם שטיין זיינען מיר ביידע געזעסען און צוגעקוקט צום גאַנג

פון די גענז.

— ווייסט סאלאמאן אז דער גלח האָט נאך מיר געשיקט, און ווען איך בין צו איהם געקומען האָט ער מיך געפרעגט וואָס האָט מיך געמאכט צו פארגעסען אין זיין היילינקייט. איך האָב איהם געענטפערט אז אין מיין לעבענס לאנגען איבערטראכטען איז געקומען דער געדאַנק אז ער איז ניט היילינער פון מיר, און גאָט איז איבעראַל. איך ווייס ניט צו וואָס זאָל איך געהן אהין ווען איך קען מיין געבעט שיקען פון דארט וואו איך געפין זיך.

— וואָס האָט ער דיר געענטפערט אויף דעם?

— ער האָט מיר געזאָגט אז דער פראסטער מענש קען ניט קומען צו די טויערען פון הימעל, ער דארף האָבען דעם אויס־געוועהלטען און דאָס איז ער. איך האָב איהם געוואָלט גע־בען אַ בריעף אָהן אַ מאַרקע.

— פאַרוואָס אָהן אַ מאַרקע?

— ווייל ער קען זי אויפן וועג אפרייסען און פארקויפען פאַר זיבען קאפיקעס.

— ער האָט געזעהן מיין בייסענדיגען ענטפער און האָט מיר מעהר קיין פראַגען גישט געשטעלט, ער האָט נאר געזאָגט — פארליר ניט דיין פּלאַץ אין גן עדן זמיטרוכע! און מעהר בין איך ניט געגאנגען צו איהם.

— פיהלסטו זיך גוט אָהן דער קייט פון רעליגיאָן?

— אַמאָל פעהלט זי מיר. איך בין אזוי איינגעוואוינט צו צלמ'ען מיין ברוסט אז איך טוה דאס אמאל נאך יעצט.

— ווייסט אז איך האָב פאַרבראַכט אַ טאָג מיט שלעמעצען

— ניין, איך ווייס ניט.

— איך האָב איהם געפרעגט אַ פּאָר ווערטער פון דער ביבעל און האָב איהם געבעטען ער זאָל מיר ענטפערען אויף דיזע ווערטער. ער איז געבליבען אין פארלעגענהייט און איך גלויב אז די קויל האָט געטראָפען אין הארצען. מיר מוזען האָבען אַ גרופּע אז מיר זאָלען קענען האָבען אַ פאַרזאַמלונג,

און אויף דער פֿאַרזאַמלונג רײדען װעגען רעכט און אומרעכט, געפֿעלט דיר דער פֿאָרשלאָג?

זמיטרוכע האָט זיך פֿאַרטראַכט:

— ניט אַלע זײַנען פּאַסיג פֿאַר אַזאַ קלײזעל, װײסט דאָך אַז עס זײַנען דאָ אויסװאָרפֿען װאָס װעלען נאָך אַרויסגעבען צו פּאָליציי און דאַן װעלען מיר זײַן באַשטראָפֿט.

— דו ביזט גערעכט זמיטרוכע, נאָר מיר קענען זיך אויף אַזעלכע זאַכען ניט אָפּשטעלען. מיר דאַרפֿען זײַן פֿאָרזיכטיק װי װײַט מעגליך.

— װעמען נאָך האָסטו, סאָלאָמאָן?

— אַנדרושאַ טיכאָמעראָװ.

— ער, דער שיכור!

— שרעק זיך ניט! ער איז באַװאוסטזיניג און איז אַ געטרײַער טראַגער פֿון קאַמף.

— איך האָב געהערט אַז דו לערענסט בײַ זײַן שװעסטער, װי איז זי אין דעם זין?

— זעהר נאַריש און טעמפּ. דער גאָט מיט זײַן שװאַרצען מאַנטעל פֿאַרשטעלט איהר די ליכט פֿון פֿרײַען געדאַנק.

— איז זי זעהר רעליגיעז?

— נאַאיװ רעליגיעז. זי לאָזט ניט מען זאָל רײדען װעגען גאָט.

די זון האָט גענומען אַרונטערלאָזען זיך צום האָריזאָנט. אומרוהיג האָבען די גענז געקוקט אין דער װײַטקייט. זמיטרוכע האָט אַ זאָג געטאָן:

— צייט צו טרײַבען זיי אַהיים. זיי זענען נאָך יונג און עס איז אַ געפֿאַהר צו האַלטען זיי צופֿיעל אין פֿעלד. מיט זײַן שטעקען האָט ער דעם פֿיהרער געצייגט דעם װעג אַהיימצו, און באַלד האָט דער פֿיהרער אָנגעהויבען זײַן מאַרש, גי־גי־גי־גי.

פֿאָראויס איז געגאַנגען דער גרויסער װײַסער גאַנער. נאָך איהם זײַנען נאָכגעגאַנגען זײַנע דאַמען, און דערנאָך די קלײנינקע געל גרײַליכע גענזעלעך. זמיטרוכע איז געגאַנגען אין זײערע טריט און האָט מיט זײַן גרויסען שטעקען אָנגעצייגט דעם װעג װאוהין צו געהן. ניט אײנמאָל האָט זיך דער גאַנער

דורכגערעדט מיט זמיטרוכען גי־גי־גי, און באלד איז ער צוגעלאָ־פען צו זיינע דאמען גענז, אויסציהענדיג זיין לאַנגען גאַנערשען האַלז זיך דורכגערעדט און געגאַנגען דעם וועג פאראויס.

זמיטרוכע האָט מיר יעצט אויסגעקוקט ווי דער גרויסער פיהרער משה, וואָס האָט מיט זיין שטעקען געפיהרט זיין פאָלק פון פּרעה'ס לאַנד. זיין באָרד האָט אויסגעקוקט ווייס און מאַיעסטעטיש. די לאַנגע בעפלאַקסטע האָר זיינען געווען פאַר־קעמט אויפאַרויף און האָבען דערגרייכט דעם האַלז און נאַקען. זיין שטערען איז געווען פול מיט קאַרבען, די אויגען טיף און שאַרף. ניט איינמאָל האָט זמיטרוכע אויף מיר אַ קוק געטאָן און האָט געוואָלט אַז אונזערע טריט זאָלען געהן אין טאַקט ווי די טריט פון געניטע סאָלדאַטען.

— דו זאָגסט אַז שלעמעז וועט זיין מיט אונז?

— געוויס! ער האָט אַ גוטען קאָפּ און האָט אַ טאַלאַנט צום ריידען, נאָר ער רעדט אַמאָל פאַרדאָרבען. דאָס איז די רוסישע געוואוינהייט און מיר וועלען מיט דער צייט היילען איהם פון דעם.

די זון האָט שוין געהאַלטען באַ פאַרלאָשען ווערען. דער הימעל, וואו זי האָט געדאַרפט נעכטיגען איז געווען רויט און צופלאַמט. איהרע לעצטע בליקען האָבען געוואונקען צו אונז און באַלד איז זי געזונקען אין דעם וויטען האָריזאָנט. פייגעלעך, געאיילט, זיינען געפלויגען טוויטשענדיג ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט פאַרלאָרען צו ווערען אין דער פאַרנאַכטיגער פינסטערניש. זשאַבעס האָבען הילכיג געקוואַקעט אין די אַרו־מיגע לוזשעס און זיינען געשפּרונגען פון פּלאַץ צו פּלאַץ, נאָכ־שפּרינגענדיג איינע די אַנדערע. ווען מיר זיינען געקומען נאָהענט צום דאָרף האָט שוין די טונקעלקייט איינגעוויקעלט מיט איהר גרויען שלייער דעם שטילען פאַר'חלום'טען דאָרף.

— איך בין היינט אַביסעל צו שפּעט, נאָר וואָס מאַכט עס, מיר האָבען פאַרבראַכט צוזאַמען, וואָס דאָס איז ניט געשעהן צייט לעצטען זומער. וועל איך דיר מאָרגען ווידער זעהן?

אין דאָרף בין איך אַריין אַליין. איך האָב ניט געוואָלט אַז זיי זאָלען זעהן וואו איך פאַרברייננג מיינע טעג אין פעלד אַלס

א גענץ פּיטערער. דאָס וואָלט געמיינט פּאַרדרוס פאַר מײן מוטער און פאַרוואָרפע פאַר מיר. איך האָב אָפּגעקערט מיין וועג אין אן אנדער ריכטונג און בין צוגעקומען אהיים ניט באַמערקט פון קיינעם און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו איך בין געווען דעם טאָג. אין אָוונט בין איך ווידער געזעסן אויף דער באַנק און האָב געטראַכט פון דעם נאָהענטען אנקומען פון דער מיידעלע וואָס איך האָב אַזוי ליעב. איך האָב אָבער ניט געוואוסט וואָס פאַר א שטעלונג איך וועל נעהמען ווען זי וועט קומען. אין מיין האַרצען האָב איך געפיהלט א פאַרביטערטען וועהטאָג, וואָרום האָט זי מיר ניט געשריבען? וואָרום האָט זי קיינמאָל ניט אנגעזאָגט א גרוס? באַלד איז געקומען א פראַגע צו זיך אליין — וואָרום בין איך ניט צוגעפאָהרען אין יענער שטאָדט וואו זי געפינט זיך און זעהען זי. א שרעק איז דורכגעגאַנגען מיין גאַנצען קערפּער, פיליכט דערזעהענדיג מיך וואָלט זי זיך צולאַכט און דאָס וואָלט מיך געטריבען צום וואַנזין. ווי א קליינינקע שיפעלע אין א גרויסען שטורם האָבען זיך מיינע געדאַנקען געוואָרפען, געראַנגעלט מיט די מעכטיגע כוואַליעס וואָס האָבען מיך געוואָרפען אין הויכקייט און געטריבען צום אָפּגרונט. איך האָב דערפיהלט אז מיין האַרץ קלאַפּט שטאַרקער ווי אימער און איך האָב זיך דערשראָקען פאַר זיך אליין, איך האָב גענומען ריידען צו זיך אליין — ס'איז קיין זאַך ניט. באַרוהיג זיך — און באַלד בין איך שטילער געוואָרען, ווי די צורייצטע וועלען נאָך א שטורם. אהן געוויסע ציעלען האָבען מיינע אויגען געקוקט אין די גרויע ווייטקייטען. איך האָב דערהערט מענשליכע טריט נאָהענט לעבען מיר. באַלד זיינען צוויי געשטאַלטען געשטאַנען פאַר מיר. אין דער טונקעלקייט האָב איך דערקענט נאַסטיאַן מיט אנדרושאַן.

— וואָס טוט איהר דאָ?

— מיר געהען פאַר א שפּאַציר. דערזעהענדיג אייך האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט, האָט נאַסטיא טיכאָמעראָוואַ צו מיר געזאָגט, ווילט איהר מיט אונז מיטהאַלטען?

— געוויס, האָב איך געענטפערט, און בין באַלד אויפגעשטאַנען פון באַנק.

נאך עטליכע טריט אפגעהן האט זי געזאגט:

— איהר זייט מיינע קאוואליערען, איך וועל אייך פיהרען געארעמט.

— איינגענעהם, האב איך געענטפערט.

זי איז באלד אריבער אין מיטען פון אונז ביידען און איז טוליענדיג געגאנגען דעם וועג. ניט איינמאל האב איך דערפילט איהר ווארעמען אנזאג דורכדריקען מיינע מוסקולען און שלעפען מיך פאראוים. ניט איין מאל האבען איהרע אויגען געקוקט צו דער לבנה שיין, וואס האט אראפגעקוקט אויף אונז:

— אך, ווי שעהן דער אווענד איז? לייכט די לבנה פאר אלעמען מיט דעם זעלבען פראכט און בייקענדע פאר'חלום'ט־קייט?

— דאס וועגדעט זיך ווי מען פיהלט. אין די פארנאכטען געהען ארום מענשען געפונענע, מענשען פארלארענע, וואס זוכען און פרעפלען צו די לבנה שטראלען זייער צושמעטערטען גליק. דער וואס זיצט מיט זיין געליבטער און טרוימט זיין גאלדענעם טרוים וועגען זיין גליקליכער צוקונפט, יענע גליקליכע פארעל זיינען צוגעבונדען צו דעם שטראלען פאס פון דער לייכטענדער לבנה. די וואס זיינען צושיידט, צוריסען, שמאכטען אונטער איהר צודעק, זיי רופען די שטראלען זיי זאלען עפעס דערציילען און פרעפלענדיג געהען זיי אוים ווי די לבנה אין ליכטיגען טאג. זיי ווערען בלאסער און בלאסער ביז זיי פארשווינדען.

איך האב דערפילט נאסטיאס ציטער. זי האט אפגעלאזען מיין האנט און איז אוועק פאראוים עטליכע טריט. איהר קאפ האט זי ניט געהאלטען אין דער הויכקייט וואו די לבנה האט אראפגעשיינט. איהר קאפ האט זי געבויגען צו דער ערד, ווי אן אבל וואס פארלירט זיין טייערסטען. באלד האט זיך דער־הערט א שטילער אומעטיקער נגון. דאס איז געווען א ליבעס־ביינקענדע לידעל. אנדרושא האט מיך א ציה געטאן פאר דער האנט, ער האט דערביי א זיפץ געטאן — שוועסטער, טייערע שוואסטער. לאנג איז זי ניט אוועק. באלד האט זי זיך אומגע־קערט צו אונז און האט שטארק אונזערע ארעמס געדריקט. „גליק־ליכע מאמענטען", האט זי שטיל ארויסגעפרעפעלט. אין די וועל־

דערלאַך אַרום האָבען פײגעלאַך געזונגען, באַזונגען דעם אנקו־מענדען פריהלינג. דאָס װאַסער פון דעם שיפּאַװער רוטשעי האָט בײז געברומט טראַגענדיג זײַן װאַסער מיט שנעלען אימפּעט אין די װײַטע פעלדער און טאָלען.

זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— זײַנען מיר װײַט פון דער הײם?

— ניט גאַר װײַט, האָט איהר אַנדרושאַ געענטפערט.

— װאוהין געהען מיר? האָבען מיר אַ באַשטימטען פּלאַץ?

— נײן, אַזוי שפּאַצירען מיר.

—אפשר װאָלטען מיר געגאַנגען צו דער איזערישצער אַזערע?

— ניט קײן שלעכטער פאָרשלאַג, האָב איך געענטפערט, נאָר די ערד איז נאָך נאַס און בלאָטיג.

— איהר זײַט דאָך קאַװאַליערען, האָט זי שמײכלענדיג געזאָגט, מיר האָבען געביטען אונזער װעג.

— צו לינקס, האָט אַנדרושאַ געזאָגט, און באַלד זײַנען מיר אַװעק מיט דעם װעג װאָס האָט געפירט דורך פעלדער און לאַנקעס צו דער איזערישצער אַזערע. ניט אײנמאָל האָבען זיך אונזערע פיס אנגעשלאָגען אָן שטײנער און אַרײַנגעפאַלען אין אַ בלאָטיגען ראָװ און נאַסטיאַ האָט אַ געשרײ געטאָן: „האַלט מיך, איך פאַל אום", און באַלד האָט זיך דערהערט אַ פרעהליכער געלעכטער, „איך פאַל דאַכט זיך און בלײַב װידער שטעהן אױף מײַנע פיס, כאַ, כאַ." אפגעהענדיג אַ שטיק װעג האָט נאַסטיאַ מיט טרױער געזאָגט:

— מײַן מוטער װעט געװיס זײַן אומרוהיג, זי האָט קײנמאָל ניט געהאַט די זאָרג פון מײַן פאַרשפּעטיגונג, איך בין אַלע מאָל געװען אַ גוטע פרײַלין, װאָס זאָגט איהר, סאָלאָמאָן?

— אַך! אפשר אַ צו גוטע.

— דאָס קען שױן ניט זײַן.

זי האָט אַ װײַלע געשװיגן און באַלד האָט זי מיט אַ פרעגענ־דיגען טאָן אױסגערעדט:

— װאָס מײנט איהר מיט דעם אַ צו גוטע? דאָ ליגט

ערגעץ א פראגע.

— ענטשולדיגט, האָב איך איהר געזאָגט, איך רייד אפּט אויס נארישקייטען.

— צופרידען מיט אייער ענטפער און ווידער גוטע פריינט.

— גיט איהר מיר די האנט פאַר דעם?

— געוויס!

זי האָט ווארים געדריקט מיין האַנט און האָט עפּעס שטיל געפּרעפּעלט וואָס איז געווען אומפארשטענדליך פאַר מיר. נאך גאר פון דער וויטען האָט זיך געהערט דאס רוישן פון דעם וואסער און די לויפענדע ריטשקעלעך, וואָס האָבען מיט אימפּעט אריינגעגאסן זייער שטראם אין דער טיפעניש פון דער אזערע. איך הער שוין דאס רוישן פון דעם וואסער. איך הער דאס סודות׳דיגע פּרעפּלען פון די טראפּנדלעך, די טשאיקע שרייט ערגעץ דארט אויפ׳ן אינזעל. זיווארט אויף דעם באגינען. אין באגינען וועט זי ארומפּליהען און כאפּען די שפּילענדע פישעלעך. וייט אין דעם דארף זאזעריע האָבען די הענער אויסגעשריען קוקוריקו.

עס מוז זיין נאהענט צום באגינען, די הענער קרעהען. וויט אויף יענעם ברעג אזערע האָבען זיך רייד דערהערט. דאס זיינען פישער וואָס געהען באַקוקען זייערע נעצען וואָס זיי האָבען פארלייגט נעכטען אווענד. יעצט געהען זיי איבערקוקען דעם פאנג. „ארימע פישעלעך" האָט נאסטיא ארויסגערעדט.

דער בעגינען האָט גענומען דורכשניידען די פינסטערניש אין מזרח און האָט אנגעהויבען מיט זיין ליכטיגען אויג באַלייכטען דעם בלויליכען הימעל. „בעגינען!" האָט נאסטיא אויסגעשריען. פייגעלעך זיינען געאיילט געפלויגן הין און הער, ווי זיי וואָלטען ערגעץ אין צייט בעדארפט אנקומען. ניט וויט פון דעם וואסער ברעג האָבען מיר זיך צוגעזעצט צו דעם גרויסען שטיין וואָס איז געשטאנען ווי א געטרייער וועכטער און האָט געהיט דעם ברעג פון דעם אנקומענדען שונא. די וועלען האָבען זיך בייז געהויבען און געפאלען, אנקלאפּענדיג איינע די אַנדערע ווי עס וואָלט אנגעגאנגען א ביטערע שלאַכט פאַר

עקזיסטענץ. ביי דעם ברעג פון דעם וואסער האָבן זיך ווייסע שטיקער שוים געוואָרפען ווי ווייסע טויבן וואָס ווערען געשאָסען פון יעגער. די פישער שיפעלעך האָבען זיך דערנעהענטערט צו אונזער ברעג. באלד האָבען מיר דערזעהען געשטאַלטען פון מענשען, וועלכע זיינען פון מיר דערקענט געוואָרען. זיי האָבען אונז פון וויטען באגריסט און האָבען געשלעפּט די נאסע נעץ אין שיף אריין. פישעלעך האָבען זיך געדרעהט און געוואָרפען, און באלד זיינען זיי אוועקגעפאָהרען צו זייער ברעג.

— מיר וועלען געהען אהיים, האָט נאַסטיא געזאָגט?

— יאָ, מיר וועלען געהען, האָבען מיר מיט איין מאָל אויסגערעדט.

נאסטיא איז געוועזן מיד און שלעפעריג. איהר דארען קערפער האָט זי אנגעלעהנט אויף מיין קינדערשער פּלייצע. ווען מיר זיינען אריין אין דארף האָבען שוין די פויערטעס געטראָגען מיט זייערע קאראמעסלאך די הילצערנע עמער וואסער אין די הייזער. דאָס רעווען פון די הונגעריקע בהמות האָט זיך געהערט וויט ארום. פון די קוימענס איז א רויך געגאַנגען. ער האָט זיך געשלענגעלט אין וויטע הויכקייטען. דער האָן מיט זיינע הינער זיינען געאיילט ארומגעלאָפען זוכענדיג קערענדלעך, רע־דענדיג קרא, קרא, קראָ, דער האָן האָט זיך פרעהליך ארומגע־דרעהט ארום זיי און האָט זיי בארוהיגט.

די מוטער טיכאמעראַווא האָט אומגעדולדיג געוואַרט, ניט אזוי אויף אנדרושאַ ווי אויף נאסטיאן. זי געדיינקט נאָר ניט אז עס זאָל אזא זאך פּאסירען מיט איהר. מיט אנגעשפּאַרטע עלענבויגענס איז זי געלעגען ווי א קאָץ און האָט געוואַרט אויף איהר טאכטער. ווען מיר זיינען צוגעקומען נאהענט צום הויז איז זי אנטקעגען געקומען:

קינדערלעך מיינע, איהר האָט מיר פאַרשאַפט פאַרדרוס, איך בין שיער פון זינען ניט אראָפּ.

נאסטיא האָט איהר מוטער א קוש געטאָן און געבעטען פאַרצייאונג פאַר איהר האנדלונג.

— איך בין מיד, האָט זי אויסגערעדט, און איז באלד

אריין אין הויז. נאך איהר איז געגאנגען איהר מוטער און דערנאך אנדרושא. איך בין אוועק אהיים, א מידער. מיין מוטער האָט מיך באגעגענט און האָט מיך געפרעגט:

— וואו ביסטו געווען אַ גאַנצע נאַכט, דו ביסט דאך מיד, געה שלאָפען.

איך האָב דערזעהן אין מיין מוטער'ס פּנים צער. דעם גאַנצען טאג בין איך אפּגעשלאָפען ביז דער שטילער וועקען פון מיין מוטער האָט מיך וואך געמאכט.

— דו ביסט דאך הונגעריק מיין קינד.

איך האָב זיך ארומגעקוקט און דערמאנט זיך אין אַלע פּאַסירונגען.

דער טיש איז געווען געגרייט. קיין איין וואָרט האָט מיר מיין מוטער ניט דערמאנט. זי האָט געוואוסט מיט וועמען איך האָב פאַרבראכט די נאַכט און האָט געזאָגט אז נאסטיא טיכאָ־מעראווא איז זעהר אַ באַלעזענע. אַנדרושא איז איהר ניט געווען צום הארצען ווייל ער איז אפט געווען באַזויפען. ווען איך האָב ארויסגעקוקט אין גאס האָב איך דערזעהן אז אַ רעגען נידערט.

— עס רעגענט, האָב איך צו זיך אליין געזאָגט — איך וועל פאַרברייגגען דעם אווענד אין הויז. איך האָב וואָס צו לעזען און דאָס וועט מיך באַפרידיגען.

אויף דעם הויכען אַלמער איז געלעגען דאס פּאַרשטויבטע בוך „אבלאָמאוו". מיט אַ געוויסער צוגרייטונג, ווי אין אַ שווע־רער אנשטרענגונג, האָב איך אראפּגענומען דאס בוך פון דעם הויכן אַלמער און האָב ארומגעווישט זיינע פאַרשטויבטע טאוו־לען, האָב א ווייַלע אריינגעקוקט אין די געדרוקטע שורות און האָב אנגעהויבען לייענען. מיין אומגעדולד האָט מיך געוואָרפען ווי איך וואלט געפילט פייערדיגע זייַלען אין מיין קערפּער. ניט איינמאָל האָב איך איהם אוועקגעלייגט און ווידער גענומען. אזוי האָב איך געבלעטערט די בלעטער. מיין קאָפּ האָט דאָס ניט פאַרנעהמען דאָס וואָס איך האָב געלייענט, און איך האָב גע־טראכט אז עס איז אן אונזין צו לייענען און ניט וויסען וואָס

איך לײען. איך האָב דאָס בוך ווידער אוועקגעלײגט דאָרט וואו איך האָב עס פריער גענומען. מיר האָט זיך געוואָלט לײענען פּאָעזיע, טיפע קלינגענדע זאַכען וואָס זאָלען פּאַרטיפען מײן האַרץ און נשמה. עס האָט זיך מיר געוואָלט אומבלאָנזען אין אומפּאַרשטענדליכע וועלטען. אין די טיפסטע אפּגרונטען אַרונ־טערגעהן, און דאָרט זוכען דעם שליסעל צו אַלע געהײמעניסען. דאָרט אין דעם אפּגרונט ליגט דער ענטפער צו דער מענשליכער נאַטור. אין זײנע ווינקעלעך ליגען די סודות פון לעבען, די סודות פון פרײד און טרויער, די סטרונעס פון יענער פידעל וואָס קלינגט אויס דעם קלאַנג פון האַרצען. איך האָב ערנסט גע־טראַכט וואָס אַזעלכעס קען איך לעזען אַז עס זאָל זיך צופּאַסען צו מײן שטומען וועה, צו מײן אומבאַוואוסטען טרויער. וואָרום האָט ער מיך אַרומגעכאַפּט מיט זײנע נעגעל אין דער צײט ווען קײן זאַך האָט מיט מיר ניט פּאַסירט אויסערגעוועהנליכעס? וואָס האָט מײן אויג אַזוינס געזעהן וואָס האָט געבראַכט דעם פּײן צו מײנע געפילען? וואו איז די שלאַנג פאַר באַהאַל־טען וואָס בײסט מיך מיט איהר גיפט? איך האָב אַלעס אַרומ־געטראַכט, געבראַכט צו מײנע אויגן די פּאַנאָראַמע פון דעם יעצטיגען אַרום, און איך האָב קײן זאַך ניט געמערקט. פּילײכט איז מײן האַרץ ווי דער שטורם פויגעל וואָס זאָגט אָן פאַראויס פאַר מאָרגען און שפּעטער. אַך, מײן געגאַד! וואָס קען מיט מיר פּאַסירען מאָרגען? וואָרום מאַלט מיר מײן האַרץ דעם וועג אַזוי שוואַרץ? קען איך ניט צומאַכן מײנע אויגן און אַנטשלאָפען ווערען דעם אײביגען שלאָף אָהן שרעק און אָהן וועהטאָגען? זאָל זײן מײן לעבן אַ חלום, מײן טויט אַ זיסער שלאָף און מער בין איך ניטאָ. איך בין ערגעץ פאַרשוואונדען מען ווײסט ניט וואו איך בין אַהינגעקומען, מײן אַנוועזענהײט איז געווען אַ פּאַנטאַזיע, מײן פאַרשווינדן אַ בליץ אין וואָלקען שטורם. איך האָב אַ ציטער געטאָן. אַך! וואָרום שפּײז איך די שלאַנג פון פאַרצווײפלונג מיט מײן אײגען האַרץ בלוט און פלײש. איך וועל לעבן! לעבן! און פרעהליך זײן ווי אַלע קינדער אין מײנע יאָהרען. אַ שמײכעל האָט באַדעקט מײן קינדערשען פּנים.

מאָרגען וועל איך נעמען לעבען אַן אַנדער לעבען, ניט פון פאַר־טיפונג און ניט פון זאָרג. איך וועל אַוועקוואַרפען די שווערע טאָרבע פון מײַנע קינדערשע פּלייצעס. איך וועל לעבען ווי אַלע קינדער, אָהן זאָרג, אָהן איבערלעבונגען, ווי די יונגע לעמע־לעך, וואָס לויפען אַרום אויף די גרינע לאַנקעס, אונטערטאַנצענ־דיג, אונטערשפּרינגענדיג. שמייכלען האָבען באַדעקט מײַן קינדערשען פּנים. מיר האָט זיך געוואָלט דורכשלאָפען די נאַכט וואָס גיכער, ווי זי וואָלט געווען די וואַנט, די אַפּטייל וואַנט פון מײַן פרייד און טרויער. מאָרגען, האָב איך נאָך אַמאָל איבערגערעדט.

פריה בין איך געגאַנגען שלאָפען נאָר מײַן שלאָף איז ניט געקומען ווי געוואונשען, מײַנע אויגען דעקלאַך האָבען זיך ניט צוגעמאַכט. זיי האָבען געוואָלט זעהען די געשטאַלטען פון מײַן צוקונפטיגען מאָהלען. איך האָב דעם טויער פון שלעכטען אַנזאָג צוגעשלאָסען, אַפּגעשטופּט ווי דעם ניט געווינשטען שכור. אַוועק! גיי! האָב איך הויך געשריען ווען ער איז געקומען צו מיר, ווי איך וואָלט אין אמת'ן עפּעס געזעהן. ווי שפּעט עס איז געווען ווען איך בין אײַנגעשלאָפען האָב איך ניט געוואוסט, צוליעב דעם וואָס אין דער זעלבער צייט פלעג איך דרימלען און ווידער וואַך ווערען. דער טאָג מיט זײַן ליכט האָט מיר מײַנע אויגען געעפענט. ווי אַ דערשראָקענער פון עמיצען בין איך מיט אימפּעט אויפגעשפּרונגען. האַ! האָב איך צו וועמען גע־זאָגט. דערזעהענדיג אַז איך בין אַליין און די אַלע פאַרשטעלונ־גען זײַנען נאָר נעפּעלדיגע געדאַנקען, האָב איך זיך באַרוהיגט. אומבאַוואוסט האָב איך אַ שמייכעל געטאָן, דאָס איז געווע־ רער געדאַנק פון נעכטען, דער נעכטיגער געדאַנק פון מײַן פרייד. איך האָב גענומען איבערקלערען מײַן נעכטיגען צוזאָג. ניטאָ מעהר יענע זאָרג משא, איך האָב זי אַוועקגעוואָרפען אין אַפּ־גרונט און זעה זי קייקלענדיג אין אונענדליכקייט ווייט, ווייט אַוועק. אין דעם מאָמענט קוק איך אין דער נידער, ווי מײַנע אויגען וואָלטען געזעהן דעם פּאַק אַרונטערגליטשענדיג זיך אין טיפען טאָל. אַך, ווי פרעהליך איך בין, ווי גרינג מײַנע פיס

טראגען מיין קינדערשען גוף, און נאך איהם מיין גייסט, מיין הארץ און נשמה. א פרעהליכען טאנץ האב איך גענומען טאנ־צען. אין מיינע ארעמס האב איך געהאלטען דעם שטן פון פרייד. אויב ווער וואלט אריינקומען צו מיר יעצט און וואלט דערזעהן מיין עקסטאז, וואלט געווים מיך באטראכט פאר משוגע, און איך וואלט קיינמאל ניט געווען אימשטאנד דאס אפצולייקענען. איך האב געטאנצט און געשפרונגען, געלאכט הויך אפטמאל אין פארקייקעלטען געלעכטער. אין דרויסן בין איך ארויסגעלאפען שנעל, ווי א פייל פון בויגען. איך בין געלאפען אין פעלד, פון פעלד אין וועלדעל, וואו די פייגעלאך פלעגען זינגען זייערע געזאנגען. די פייגעלעך, דערזעהענדיג מיין געלאף זיינען דערשראקענע שטום געבליבען און פיעלע זיינען אפגעפלויגען אין די ווייטערע געדיכטע ביימעלעך. איך האב זיי אויף גיך דערצעהלט אז איך בין געקומען מיטפרעהען זיך און זינגען לידעלעך אזוי ווי זיי. זיי האבען אין מיר דערקענט דעם פריינד און זיי האבען ווידער גענומען אויסגיסען זייערע ניגונים צום פרייען פעלד און אלעם ארום. איך האב געזעהען ווי זשוקעס פליהען ארום פרעהליכע מיט זייערע פליגלען, ברומען אויס ניגונים'לעך און שפילען ליבעס איינע מיט די אנדערע. איך האב דערזעהן ווי די גרינינקע בוימעלאך קושען איינע די אנדערע און צערטלען אין סודות געוויגט פון מילדען ווינטעלע ווי קינדער אין פרייד. די גרעזעלאך ליגען אנגעשפארט ווי דער געליבטער אויף דער ברוסט פון זיין געליבטער און קוקט מיט פארליבטע אויגען צו דעם פאר'חלום'טען הימעל. די זון האט די בלום געקושט און האט דעם האניג פון דער בליהונג צוצופט ווי די קושען פון געליבטע וואס פארגעסען די ארומיקע וועלט. א פיעל פארביקע מאטליצקע איז געפלויגען אהין און אהער. נאך איהר א צווייטע ווי ער וואלט וועלען זי אניאגען און זאגן זיין סוד אז ער ליבט זי. אין שאטען איז דער גרויענקער העזעלע רוהיג געשלאפען פארגעסענדיג אלע זיינע גע־פארען. מיינע טריט האבען איהם אויפגעוועקט. ער איז מיט שרעק אויפגעשפרונגען, איז אפגעלאפען עטליכע טריט, האט זיך

אוועקגעשטעלט אויף זיינע הינטערשטע פיסלעך, האָט אַ פּאָר מאָל אַ דרעה געטאָן מיט זיין האזענעם פּנים און איז ווידער אוועקגעשפּרונגען אין אַ דערבייאיגען קוסטאַרניק.

דאָס אומבלאַנזשען האָט געדויערט שטונדען. איך האָב פאַרגעסען אין אַלעם ארום. קיינער האָט פאַר מיר ניט עקזיסטירט. ווי אזוי איך בין אנגעקומען צו דעם באָלאָטניער זומפּ ווייס איך ניט. איך האָב זיך געטראָפען פּנים אל פּנים מיט דעם אייביגען זומפּ. איך האָב געפיהלט דאָ און אנדער געמיט, אַן אנדער געפיל. ווי קומט אַ זומפּ אין מיטען פון דער שעהנער וועלט וואס האָט מיך אזוי גליקליך געמאכט? א וויטע אונענדליכע בלאָטע וואס האָט ניט געוויזען קיין ברעג. ווער ווייסט וואס אין יענער זייט זומפּ געפינט זיך? ווער ווייסט זיין טיפעניש? וויפיעל פאַרבאָרגעניש זיין גרונט האָט? וויפיעל דורשטיגע היות און פייגלען האָט ער פארשלונגען מיט זיין געהיימער טיפעניש? אפשר ליגען דארט ביינער פון פאַרצווייפעלטע מענשען וואָס זיינען געווארען מיד פון זייער לעבען. מיין געמיט האָט מיר אנגעהויבען צו פייניגען. איך האָב מיט שנעלע טריט גענומען אנטלויפען. אנטלויפען פון דעם אניאָגענדען טרויער וואָס האָט מיך מיט וועהטאג געביסען. איך בין געלאָפען איבער פעלדער און וועלדער, בערג און טאָלען. ענדליך בין איך געקומען צו דער שעהנער לאנקע וואָס האָט געדופט מיט בלומען דופט. אַ, האָב איך אפּגעאָטהעמט ווי איך וואָלט אנטלויפען פון נאכלויפענדע שדים. דאָ האָב איך זיך אוועקגעזעצט אַ מידער, נאר באלד האָב איך זיך באַרוהיגט. וויט און ברייט ארום האָבען די גראזען ווי שטילע וואסער וועלען געוויגט זיך. ווי אַ זיידענער סאַמעט האָבן געביטען די גראָזען דעם קאָליר. ניט איינמאָל איז אַ פייגעלע ארויפגעפלויגן און איז ווידער געפאַלען שווער צום באַגרינטען פעלד. דאָרט האָט זי געהאַט איהר נעסט. זי האָט ארויפגעקוקט צי קומט ניט אַן אַ געפאַר, דערזעהענדיג אַז אַלעס ארום איז רוהיג איז זי געאיילט געפאַלען צו איהר נעסט. די זון האָט וואָרעם ארונטערגעקוקט, נאר האָט ניט געבריהט. דאָס קיהלע ווינטעלע האָט געבלאָזען אויף איהרע

הייסע שטראַלען. ווייט אַוועק האָט זיך געזעהן דאָס דאָרף, די קוימענס פון די שטרויענע דעכער און די גרויסע בעריאָזעווע בוימער, וואָס זיינען שוין דורות און דורות אַלט. אויף די בע־ריאָזעווע בוימער האָבען בוציאַנעס זייער נעסט געהאַט אויף אַ גרויסער הילצערנער ראָד.

מיר האָט זיך ניט געוואָלט געהן צום דאָרף זעהן דאָס אָרעמע לעבען פון די פּויערים, מיט די צוריסענע קינדערשע קליידער. מיר האָט זיך געוואָלט זיין אין פעלד מיט די פייגעלעך, מיט די וואָס ערנעהרען זיך אַליין, געהן גלויבען, האָר און קנעכט. ניטאָ בײַ זיי דער גאָט וואָס מען דאַנקט איהם פאַרוואָס דער זומפּ פון לעבענס־ליידען איז ניט טיפער און שמערצליכער. יעדער אינדערפריה פליהען זיי אַרום און אַ ווערימעל אָדער אַנדערע שפּייז איז פאַר זיי צוגע־גרייט. דאָס פעלד, דער וואַלד באַזאָרגט זיי, ניט טראַכטענדיג פון יענעמס און מיינע. זיי ווייסען ניט פון מעזשעס וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. מאָראַל דאַרף זיי יענער ניט לערנען. ווי באַגעהען קיינמאָל קיין פאַרברעכען, ווערען קיינמאָל ניט גע'משפּט און זיינען קיינמאָל ניט שולדיג. אַ פרייע געטליכע וועלט. מיר האָט זיך געוואָלט צושפּרייטען מיינע הענט ווי די פייגעל צושפּרייטען די פליגלען און פליהען, פליהען מיט זיי אין די הויכקייטען, אין די ווייטקייטען, אין באַרג און טאָל, פאַרגעסען אין דעם קריכענדען מענשען וואָס דיינקט און איז אין אמת'ן דער גאָרנישט פון אַלע לעבעדיגע, פון אַלע באַשע־פעניש'ען. האַ! האָט זיך מיר געוואָלט אויסשרייען אויף זיך אַליין, ווי איך וואָלט געוועזען דער ערגסטער נידעריגסטער פאַר־ברעכער. איך בין געלאָפען צו דעם נעהענטסטען שטילען וואַסער דאָרטען האָב איך מיין שאָטען געזעהן. טיף אין די אָפּגרונטען האָט דער שוואַרצער שאָטען געוויגט זיך מיט זיין אייביגען מענשליכען קלאַג. די זון האָט שטיל, ווי אַ באַשולדיגטע, אַראָפּגעקוקט אויף מיין וואַקלענדען גאַנג, איז אַ ווײַלע מיטגע־גאַנגען און איז באַלד רויט פון שאַנדע ערגעץ פאַרשוואונדען, פאַרבאַהאַלטען זיך. אויף די בערג האָט דער טוי זיין נעץ

ארונטערגעלאָזען ווי ער וואָלט וועמען געוואָלט כאַפּען. די פאַרנאַכט פייגעלעך, האָבען אנגעהויבען זייער פאַרשלעפער־לידעלע אויסזינגען. דער ציטער פאַר ווילדע געשפּענסער האָט מיך אהיים געטריבען. אין דער טונקעלקייט פון נאַכט קומען די שאָטענס און שרעקען. „אהיים!"—האָב איך צו זיך אַליין א געשריי געטאָן און בין מיט שנעלע טריט געגאַנגען דעם וועג צו דער היים צו. דאָס דאָרף איז שוין געווען איינגעוויקעלט אין גרויקייט פון דער נאַכט, נאָר די פייער לעמפּעלעך האָבען געוואונקען . . .

* * *

אויף מאָרגען פריה האָט שוין נאַס־טיא געוואַרט אויף מיר. דער זייגער האָט שוין געשלאָגען עלף און זי האָט געוואוסט אז איך האָב קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיגט. די אמת'ע צייט פון מיין אריינקומען איז געווען צעהן. ווען איך האָב אנגעקלאַפּט אין טיהר האָב איך דערהערט שנעלע טריט, דאָס איז געווען די געאיילטע טריט פון נאַסטיא טיכאָמעראָווא. זי האָט האַסטיג אָן עפען געטאָן די טיר, פאַרנייגענדיג האָט זי מיר געזאָגט:

— קומען זיי אריין, מיינע הערען.

איך האָב אַ לאַך געטאָן —וואָס איז עפּעס מיינע הערען?

— דאָס מיינט אז איהר זייט אַן אנגענעמער גאַסט.

— דאָס וויים איך — האָב איך לאַכענדיג געזאָגט.

— וואָס זייט איהר אזוי שפּעט, סאָלאָמאָן? איר האָט שוין געהאַט אַן איבערלעבונג, איהר זייט דאָך פול מיט איבערלעבונ־גען. איך באוואונדער אייך, איהר זיינט אַ שפּייכלער. איהר זאַמעלט אין זיך אזוי פיעל איבערלעבונגען אז איהר וועט אַמאָל ווערען שווער פאַר זיך אַליין.

— איהר זייט גערעכט נאַסטיא טיכאָמעראָווא, איך בין שוין שווער פאַר זיך אַליין, נאָר מען קען ניט אַפּטרייבען געדאַנקען ווען זיי קריכען צו אייך, ווען זיי האָבען דעם נאַכשליסעל צו אייער האַרצען.

— אזוי איז מיט מיר, איך פיהל אויך שווערער. איך בין באַלאַדען מיט אַזוי פיעל פראַגען און ענטפערס אז מיר וועלען דארפען האָבען אַ גאַנצען צוג איהם נאכצושלעפען. יעדער וואָרט אײערער האָט צווייגען. איהר לאָזט קניפּלעך ניט צוקניפּטע, איהר האָט פּעדימלאַך ניט פאַרבונדענע, אַלעס איז ארום אייך אַ רעטעניש. דאָס וועט אייך אפשר געבען שטאָלץ, און שטאָלץ איז אן אונהיימליכע זאַך פאר אייך און אייערע מיטמענשען, נאר איך קען זיך ניט איינ־האַלטען פון זאָגען דעם אמת.

— וואָס וועט זיין היינט די לעהרע? — דאָס האָב איך געזאָגט אום מיר זאל ניט קומען יענער פעסימיזם וואָס האָט מיר וועה געטאָן.

— דערווייל וועלען מיר ריידען אַ ווײלע. דערפאַר נעהם איך ביי אייך קיין געלט ניט, דאָס איז מיין רעכנונג.

— איך דאנק אייך, האָב איך איהר געזאָגט.

מיר האָבען ביידע געשמייכעלט.

— וואו זייט איהר פארט געווען, סאָלאָמאָן?

— מוזט איהר דאָס וויסען?—האָב איך האַלב באַליידיגט גע־זאָגט.

— איך מוז ניט, נאר ווען עס איז פאר אייך מעגליך זאגט!

— מיר געפעלט דאָס ניט, נאסטיא טיכאמעראַווא.

זאָגענדיג דאָס בין איך באַלד ארוים פון הויז.

ארויסגעהענדיג פון הויז בין איך געווען בייז אויף איהר. אין זיך האָב איך זי געזידעלט און גערופען מיט מיאוס׳ע ווער־טער. זי דארף וויסען. ווער איז זי? אפּגעהענדיג א היבשען וועג האָב איך זיך דערמאַנט אַז איך האָב וועה געטאָן דער לעהרערין. אפשר האָט זי גארניט געמיינט מיט איהר פראַגע? אפשר איז די פראַגע געווען אן אונשולדיגע. אך! ווארום האָב איך איהר אנגעטאָן אַזוי פיעל צער און פארדרוס מיט מיין פּלוצלונגען אוועקגעהן? ניט מיט מיין אוועקגעהן, מיט מיין אוועקלויפען. איך האָב זיך אליין געהאַסט אין די דאָזיגע מינוטען. וואָס! וואָס! מיר האָט זיך געוואָלט אריינקוקען אין

שפיגעל און זעהן דעם נארישען צעפלאמטען פנים. ווי פיהלט זי דארט נעבעך? זי וועט טראכטען: ער איז דאָך אַ משוגע־נער, אַ ווילדער, און באלד וועט זי טראכטען אפשר איז ער גערעכט, מיט וואס פאר אַ רעכט האָב איך איהם צו פרעגען. ווי אין פיבער וואָס ווארפט אין היץ און קעלט וועט איהר ווארפען דער גערדאנק — צי וואס האָב איך בעדארפט פרעגען? געוויס וועט זי וויינען. מיר האָט זיך געוואלט לויפען צוריק און בעטען פארצייהונג, נאר עפּעס אַ געהיימע האנט האָט מיך אפּ־געהאלטען. זאָל זי דארט ליידען, זאָל זי — האָב איך אויסגע־שריען אויפן קול. מידער און מידער בין איך געווארען ווי עמיצער וואָלט אויסצאַפּען מיין כח פון מיר. איך בין אַ מידער געפאלען צו דער ערד וואָס איז געווען פייכט און קאלט. וואוהין זאָל איך געהען האָב איך געטראכט, צוליגענדיג מיין האנט צום שטערען. איך האָב דערפילט פיבער, אפשר בין איך קראנק? מיט די דאזיגע ווערטער בין איך אוועק צו דער הויז וואו איך האָב נאָס־טיאַן איבערגעלאזען. מיינע טריט זיינען געווען דערשראקענע. ווער ווייסט וואָס זי טראַכט יעצט. אויפגעעפענט די טיר האָט איהר מוטער.

— וואו איז נאסטיא? — האָב איך אויף גיך געפרעגט.

—זי ליגט מיט אַ שווערען קאפּוועהטאג.

איך האָב פארשטאנען מיין שולד. מיט דער ערלויבעניש פון איר מוטער בין איך צוגעגאנגען צו נאסטיאס בעט. איהרע פייכטע, פארוויינטע אויגען האָבען אויף מיר פארדריסליך גע־קו.ק.ט. זי האָט איהר ביינערדיגע האנט צו מיר אויסגעשטרעקט.

— אָ, זייט איהר שלעכט, סאָלאָמאָן.

איך האָב פאר אַ לאנגער צייט געהאלטען איהר ביינערדיגע האנט וואָס האָט געציטערט. איהרע אויגען האָבען צערטליך פארלאנגעריש געקוקט אין מיין פּנים מיט יענעם געבעט וואס צושמעלצט ווי אַ העלישער פייער.

— איהר זייט שלעכט געוועזן צו מיר, סאלאמאן, מיט אייער האַנדלונג. איך גלויב אז איהר האָט דאָס שלעכטע געירשענט פון די עלטערע פון אייך וואָס האָבען ליב צו זעהן דעם וועה פון

אנדערען געשלעכט. איהר זייט געווען ווי יענע חיה וואס פייניגט איהר קרבן אוןווארפט איהם אוועק א טיף־פארוואונדעטען.

—צו וואס רעט איר אזוי, נאסטיא טיכאמעראוואָ? איך בין ניט אייער גלייכען צו פארוואונדען אייער הארץ? קענט איהר באגעהן אזא נארישקייט ווי ליבען מיך?

זי האט מעהר א ציטער געטאן, האט איהרע אויגען ארונטערגעלאזען, האט טיף און ווייט געלאזען איהרע בליקען.

— דיינקט איהר אז איך בין אומגערעכט?

— געוויס! יעדע זאך דארף האבען א זין, א וועג וואס זאל פיהרען צו וואס, און אויב איהר ווילט וועל איך אייך ענטפלעקען אז איך בין פארליבט, פארליבט מיט מיין גאנצען קינדערשען הארץ און נשמה. איהר קענט מיך פון איהר ניט אוועקרייסען, ווען איך וויים אז איך ווער צוטראטען ווי א ווארעם, ווי דאס מיסט אויף׳ן גרויסען וועג.

— איך ווייס! האט זי מיר געזאגט. איך פארלאנג פון אייך ניט איהר זאלט אוועקגעהן פון איהר, איהר זאלט פארגעסען אן איהר, איהר ווארפט מיר צו די ברעקעלעך, די פונקען פון אייער העלישען פלאם, און איך וועל זיך פיהלען גליקליך ווי יענע מיט אייער גאנצען פלאם. איך ווייס ניט ווארום איך האב געלאזען מיינע פארלאנגען אזוי פריי. יעצט לויפען זיי אהן אפשטעל, און ווער ווייסט אין וועלכען אפגרונט איך וועל אריינפאלען.

זי האט זיך יאמערליך צוואויינט.

— איך פיהל גוט, איך פיהל פיין, כא־כא־כא, האט זי זיך פלוצלונג צולאכט! ווער זאגט אז איך בין פארליבט? דאס איז אן אויסברוך פון שטורם דארט אין מיין מיידעלשען הארץ. איך האב קיינמאל ניט געליבט און וועל קיינמאל ניט ליבען. אוועק איהר שאטענס, בייזע געשטאלטען! לאזט מיך צורוה.

זי האט זיך פלוצלונג אויפגעשטעלט מיט איהר גאנצען געשטאלט.

— דאס איז נאר אן איבערלעגונג פון א קראנקער

פאַנטאַזיע וואָס ליגט אנגעוועהטאָגט אין האַרצען.

זונטאג האָב איך שוין געוואוסט אַז באָסע קומט אָן. די נייעס האָט מיר אנגעזאָגט איהר שוועסטער, באַמערקענדיג אַז זי האָט פאַר מיר גוטעס געזאָגט צו איהרע עלטערען, און דאָס האָט געהאָלפען איהר קומען ווידער אַהער אין אונזער דאָרף, פאַר די זומער מאָנאַטען. איך האָב איהר טיף באַדאַנקט. אין אמת'ן האָט מיר וועה געטאָן איהר אַרט ריידען. וואָס הייסט זי האָט גוט געזאָגט? ווען ניט לאָזט מען זי ניט און זי וואָלט ניט געקומען ווי אַ שאַרפער שפּיז האָט דורכגעלעכערט מיין האַרץ איהרע רייד מיר האָט זיך געוואָלט אויסשרייען: ווער וויל זי דאָ? נאָר מיין שטימע איז פאַרפראָרען געוואָרען אין מיין האַלז. האַס־טיגער האָט גענומען קלאַפּען און יוירען מיין האַרץ — זי קומט, זי וועט דאָ זיין קומענדע וואָך; און וואָס ווייטער? ווי וועט זי מיך באַגעגענען? פאַרשידענע פּאָזעס זיינען פאַרביי מיר דורכגעפלויגען. אט לאַכט זי, אט וויינט זי, און באַלד פאַלט זי מיר אויפ'ן האַלז, דערציילט איהרע בייִנקענדע ליידען, איהר איבערלעבונג. איך גלעט איהרע קינדערשע לאָקען, ווישׁ מיט טרערען, בעט פאַרצייאונג פאַר ניט פאַרשטיין איהר האַרץ און טראַכטען אַז אַלעס איז פון איהר פאַרגעסען געוואָרען! אויף די בערג און טאָלען לויף איך, געאיילט מיט מיינע געדאַנקען, מיט מיינע איבערלעבונגען וואָס שטעלען מיר פאַר איהר אנקו־מען, מיין האַרץ קלאַפּט שטאַרקער און שטאַרקער, ווי איך וואָלט געלאָפען מיט אַ שווערער משא אויף אַ הויכען באַרג. איך האָב זיך ארומגעקוקט, דאָס איז בלויז דער אנקומענדער געדאַנק, און ניט די ווירקליכקייט, וואָס קען זיין אַנדערש ווי מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט אין די שעהן פון טראַכטעניש. אין די טעג פון מיין ערוואַרטונג בין איך ארומגעגאַנגען ווי אַ פאַרלאָרענער און אויך ווי איך וואָלט עפּעס געזוכט טייערס וואָס האָט ניט קיין געשטאַלט און קיין נאָמען. אין דער צייט האָב איך ווי באַרגעסען איהר געשטאַלט. איך האָב זי אויסגעמאָלען אַ קינ־דערש פּנים מיט זייגלען פון אַ זונען־קרוין. די טעג פון וואַרטען זיינען געווען לאַנגע און אויפגערעגטע. אַלעס ארום איז געווען

בייז און ערווידערט. מיר דאַכט אַז איך האָב געפילט איהר נאָהענטקייט כאָטש אין מיין האַרצען האָב איך ניט געוואוסט ווי ווייט זי איז. איך ווייס ניט וואָרום איך בין געזעסען אַזוי אַפט אויף דעם פּלאַץ וואו איך האָב זי דערזעהן נאָכגעהענדיג נאָך דעם שווערען וואָגען, איך ווייס ניט וואָרום עס איז צו מיר געקומען די געשטאַלט פון יענער ברוינער קליידעלע און די הויזקעס וואָס האָבען געגרייצט מיט זייער ווייסער קרוזשעווע. פּילייכט האָב איך געזוכט יענע טריט אָדער געוואוסט דעם וועג פון איהר אַנקומען. עס איז געווען אַ ווילדער קאַראַהאָד אין מיין האַרצען, אַ ווילדע מלחמה! און אַ פאַרבאָרגענע שרעקעדיגע פרייד. אַ צייט פון צווייפלען האָב איך איבערגעלעבט! מיר האָט זיך געוואָלט געפינען דעם בינאָקעל וואָס זאָל קענען אריינקוקען אין ווייטקייטען, זעהן איהר גאַנג, דאָס קלאַפּעניש פון איהר האַרצען. קלאַפּט איהר האַרץ מיט פראַגען ווי מיינס? ניט איינמאָל בין איך אַוועק צו דעם באַרג האַרעוואַטקעס, דאָרט אָפּגעזעסען שטונדען לאַנג קוקענדיג אין דער ריכטונג פון דעם וועג פון וואַנען זי דאַרף אַנקומען. און ניט איינמאָל האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך זעה די פוהר וואָס פיהרט זי. איך זעה ווי זי לויפט אַרום און זוכט מיך, באַלד לויף איך מיט שנעלע טריט און בלייב אָהן מאַכט. וואָס לויף איך, נאַר! איך פיהל אַז איך ווער צעריסען פון צוויי אומבאַוואוסטע קרעפטען — פון האַרץ און פאַרשטאַנד. דאָס האַרץ מאַנט, עס ליבט. דער פאַרשטאַנד זאָגט זי האָט דיך אָפּגענאַרט ,זי האָט ניט געהאַלטען איהר צוזאָג. איך פיהל אַז איך ווער געשמיסען פון צוויי בייטשען, מיין לייב בלוטיגט, מיין האַרץ בלוטיגט. אַך דו קלייניגקע, איך וויל זאָגען: שלענגעלע! נאַר באַלד פאַרכאַפּ אַ ך די ווערטער, דו שטיפערקע, דו האָסט געוואָלט אַ שטיף טאָן מיט מיין האַרץ, וואָס קומט דיר דערפאַר? דו ביסט נאָך יונג, אונערפאַהרען. מיט לייענען שפּאַנענדע ביכלעך האָב איך מיין צייט פאַרווײַלט בעסער ווי מיט יעדער זאַך. די ביכלעך זיינען געווען די שאָטענס וואָס האָבען פאַרשטעלט איהר געשטאַלט און געקיהלט מיין ברען. אין אָווענט אונטער דעם לעמפּעל׳ס פייער האָב איך די שור־

רות געלעזען, קוקענדיג פאר׳גנב׳עט אין דעם טונקעלען דרויסען, פיליכט קומט זי אן? איך געשריי האט מיר געקלונגען: סאלאמאן! דאס איז געווען די פארשטעלונג וואס דארף ערשט קומען, ווער ווייסט? ווי דער שווערסטער משפט אין מענשליכען לעבען האב איך היינט געפיהלט. איך האב היינט געפיהלט ווי איך ווער גע׳משפט, נאר איך ווייס ניט מיין אורטייל—לעבען אדער טויט? איך האב דערפיהלט איהר נאהענטקייט. דער אינסטינקט פון מיין הארצען האט מיר איבערגעגעבען אז זי איז דא. אויב זי איז נישט דא, איז זי נאהענט. מיט שטילע וואקעלדיגע טריט בין איך ארויס אין דרויסען. אין מיין האנט האב איך געהאל־טען א בוך צום לעזען. איך האב זיינע טאוולען אויפגעעפענט און אריינגעקוקט אין זיינע שורות. איך דערהער טריט מיט א גע־שריי: סאלאמאן! פאר א ווייל בין איך געבליבען ווי געליימט. מיר האט זיך געוואלט עפעס זאגען נאר איך האב ניט געקענט. מיינע הענט האבען געציטערט, מיינע אויגען האבען קינדעריש געקוקט. פול מיט טרערען זיינען זיי געווארען אין די מינוטען פון דער איבערלעבונג.

—באסקע, האב איך א געשריי געטאן און ווידער שטום געבליבען.

זי האט צערטליך געגלעט מיינע הענט און האט אנגעצייגט:

—רעד ניט, דערמאן מיר קיין זאך ניט—און האט אנגעצייגט אויף איהר קינדערשער ברוסט — דא קוק אריין, דארט איז די אויסקריצונג פון מיין איבערלעבונג. נו, וואס מאכט איהר, סאלאמאן?

— פיין, האב איך דורך טרערען אויסגערעדט, פיין.

זי האט א קוק געטאן, האט מיך א כאפ געטאן געארעמט:

— קומט, לאמיר גיין!

שנעל און קרעפטיג האט זי מיך געצויגען פאראויס.

קומט גיכער, קומט, לאמיר לויפען, סאלאמאן, האט זי ווידער געזאגט ארייננקוקענדיג מיר אין די אויגען.

— איהר האט זיך ניט געענדערט אויף א האר, דער זעלבער. נו, ווי האט איהר פארבראכט דעם ווינטער?

— ווי דײנקסטו?
— אין ביינקעניש, איך גערעטראפעו?
— ווי דו ווייסט.
— ווּעמענס שולד איז דאס געוועו?
— פאַרגעס.
— יעצט בין איך מיט דיר, אמת?
— געווים! נאר דער וועג פון ביינקעניש איז געווען א שווערער.

זי האָט גענומען זינגען לידעלעך, וואַרפען בלומען אין מיין פנים וואָס זי האָט אנגעריסן אין דעם קלאָוועוּער פעלד.

— איך בין מיד נאר איך פיל ניט די מידקייט. מיר ווילט זיך לויפען, פליהען. ווייסטו ווער מיינע פליגלען זיינען? דו! דו מיין פארגעטערונג, מיין טרוים! זי איז צוגעלאָפן מיט אימפעט, האָט מיך היים א קוש געטאָן. דער קוש האָט גע־טראָפען מיין הארץ און האָט עס צוגליהט.

— איך האָב דיך געוואָלט באַשטראָפען, נאר די קראַפט פון ליבע לאָזט ניט. איך האָב בערג מיט ווערטער פאר דיר אנגע־גרייט, אפילו פלוך ווערטער: געוואָלט דיך שילטען, יעצט איז אַלעם פאַרשוואונדען. די שטראַלען פון ליבע האָבען אַלעם צוטריבען, צושמעטערט. דער לויטערער הימעל איז נאר פאר־בליבן. ווי פיהלסטו? טויזענטער קלאַנגען פון גליק הער איך אין דיין צארטער שטים. מיליאָנען סטרונעס זינגען געזאַנגען דאָרט אין מיין האַרצען. ניטא קיין פארגלייך צו מיין יעצטי־גען גליק. איך בין מיט דיר ווי פריער, ווי אלע מאָל און ווי אימער, אויף אימער.

זי האָט מיך קרעפטיג ארומגענומען און האָט מיך געקושט. ווי פון אַלטען וויין פון פולען בעכער געטראנק בין איך שיכור געוואָרען. ווי די יונגענקע פייגעלע וואָס וואַרט אויף איהר מוטער׳ס שפייז האָב איך אויפגעעפענט מיינע ליפען, האָב דורשטיק געזופט איהר אטעם. אין אנמאכט בין איך געפאַלען, שיכור פון גליק. לאַנג זענען מיר געזעסען געצערטעלט פון קיהלען ווינטעלע, געקושט פון דער הייסער זון, געוואַרעמט פון

די גאָלדענע שטראַלן, ביז נאַכט. דער שײנער פֿאַנטאַסטישער אָװנט איז געקומען מיט זײַנע כּישוף חלומות, האָט גענומען זײַנע הענט. ארומװיקלען און בינדען די אָרעמס װי די גאַרבען אין פֿעלד. די פֿײגעלעך האָבען ליבע געזונגען, די בלעטעלעך האָבען בראַװאָ געפּאַטשט און שטיל געפּרעפּעלט סודות פֿון גליק. די לבנה, אַ בלאַסע װי די כּלה נאָך איהר חופּה נאַכט, האָט שע־מעװדיג אַראָפּגעקוקט, װינקענדיג װי זי װאָלט זאָגען — קינדער־לעך, שעמט זיך ניט, איך ליב װען אין מײַנע פֿאַרנאַכטען קלאַפּט דאָס האַרץ פֿון בענקעניש און פֿרײד. איך האָב ליב צו הערען די צופּענדע קושען װאָס בײַסען זיך אײַן אין די קאַרשען ליפּען. איך האָב ליב צו זעהן די װאונדער פֿאַרליבטע אויגען װאָס קוקען אויס אַזױ אונשולדיג און שולדיג. איך האָב ליב צו זעהן די צאַרטע ציטערדיגע פֿינגער װאָס קלאַפּען װי קלאַ־װישען אויף די העלזער, די ליפּען װאָס פּרעפּלען דעם אײביגען פּרעפּעל פֿון אונזערע זײדעס און באָבעס און דורות אויף שפּע־טער — קינדערלעך, איך ליב אײַך בעסער װי די פֿאַרלאָרענע װאָס בלאָנזען אַרום אין זױכעניש. די גרינע קאָרן פֿעלדער האָבען שטיל גערױשט. װי זײ װאָלטען געפּרעפּעלט אַ פֿאַר־באָרגענעם נגון. ערגעץ װײט האָט אַ טשאַיקאַ אויסגעשריען. זי האָט איהר װעג פֿאַרלאָרען צו דעם װאַסער. װײט אויף דער לאָנקע האָט אַ פֿערד אויסגעהירזשעט, קענטליך אַז ער איז פֿאַר בלאָנדזשעט געװאָרען פֿון זײַנע מיט־פֿערד. זײַן אײנזאַמקײט האָט איהם געשראָקען פֿאַר דעם װאָלף. אויף דעם גרױסען װעג האָט זיך געהערט דאָס פֿאָהרען פֿון אַ פֿוהר. דאָס געשפּאַנ־טע פֿערדעל האָט געפֿרײכט, דער אַנטרײַבער האָט הילכיג געשרי־גען: פֿאַשאָל! פֿאַשאָל!

— עס מוז שױן זײַן שפּעט.

— געװיס, האָב איך געענטפֿערט.

— מײַן שװעסטער װעט געװיס זײַן בײז אויף מיר, זי װיל געװיס איך זאָל איהר דערצעהלען פֿון אַלעס.

— מיר געהען אַהײם, האָב איך איהר געזאָגט.

ליבליך האָב איך זי אַנגענומען אַרום דער טאַליע און האָב

זי אויפגעהויבען פון דעם גראָז.

— מיר געהען אהיים?

— געוויס!

שטיל און פאַר׳חלום׳ט זיינען מיר געגאַנגען דעם טונקעלען וועג. אין הארצען האָבען די פייערען געברענט. אין דאָרף זיינען שוין פיעלע געשלאָפען. דער טונקעלער לעמפּעלע פייער האָט געברענט אין הויז פון איהר שוועסטער.

— ווען מיר זיך מאָרגען ווידער טרעפען?

— געוויס, האָב איך צו איהר געזאָגט. אויב דאָס איז אַלעס זאָג איך: גוט נאכט!

ווען איך האָב דערהערט איהרע טריט בין איך אוועק מיין וועג צו דער היים. גרינג בין איך געלאָפען מיין וועג, ווי איך וואָלט געטראָגען געוואָרען אויף פליגלען, א לידעלע האָט זיך געזונגען, ווי ווער וואָלט אנגעצויגען סטרונעס אין מיין הארצען. די ערד איז געווען פוך ווייך. דאָס פייערעל אין אונזער הויז האָט געצאַנקט ווי עס וואָלט מיך גערופען — קום אין הויז! קום! לאַנג בין איך געווען וואך. דער שלאָף איז אוועק אין ווייטע וועלטען. ניט איינמאָל האָב איך זיך צולאַכט, גע־לאַכט האָב איך פון מיינע טראַכטונגען — זי איז פיעל העכער געוואָרען, מעהר פרוי געוואָרען. דעם געדאַנק האָב איך גע־נומען שטיקען ווי דעם שונא וואָס פאַלט פּלוצלונג אן, ניין, זי איז די זעלבע, דאָס זעלבע קינדערשע מלאך׳ל ווי פריהער. איהר שלאַנקע קינדערשע פיגור און איהר קינדערשע ברוסט וואָס איז העכער געוואָרען האָבען מיר א ווארימקייט געבראַכט. אין דעם ראַנגעל בין איך איינגעשלאָפען.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך מיט א שמייכעל. איך האָב ניט געוואוסט פון וואַנען די פרייד איז געקומען. איך האָב ניט געדיינקט דעם חלום וואָס האָט מיר געבראַכט פרייד. ווען איך האָב א קוק געטאָן אין דעם גרויסען שפּיגעל האָב איך דערזעהן אז מיין פּנים פאַרשפּרייט גליק וואָס איז א חיות אין אַלע גלידער. א ווײלע האָב איך געטראַכט — וואָס באַ־דייט מיין פרייד? און באַלד איז געקומען דער ענטפער,

זי איז דאָ, זי איז מיט מיר און מיר זיינען ביידע גליקליך. יענע געדאַנקען וואָס האָבען געביסען ווי גיפטיגע שלאַנגען זיינען פאַרשוואונדען. זי האָט מיר אַנטפּלעקט דעם סוד פון איהר בענקעניש און דעם צער וואָס זי האָט געהאַט ניט קענענדיג מיר שרייבען ווי זי האָט פאַרשפּראָכען. באַלד איז געקומען דער מלאך פון ליבע און האָט פאַרשטעלט מיט זיין פייערדיגען פּנים אַלע קאַפּריזען. ער האָט שטיל צו מיר אַזוי געזאָגט — פאַר־געס אָן אַלעס, זי איז מיט דיר, און איז דיינע. זאָלען די וועגען פון ליידען באַפּלאַנצט ווערען מיט בלומען, דער איבערלעבענ־דער צער זאָל אויסגעוואַרצעלט ווערען ווי די סם גראָז. מיט מיינע פאַרליבטע אויגען האָב איך דורכגעלעכערט אַלעס וואָס פאַרשטעלט דעם וועג צו איהר. איך האָב מיט דער שאַרפקייט פון מיינע אויגען געקוקט אהין וואו זי איז יעצט געווען. איך האָב זי דייטליך געזעהן, געהערט איהר אטעם, איהר קלאַפּענד הארץ. א דין שנירעל האָט זיך געוועבט פון הארץ צו הארץ, און האָט איבערגעגעבען געדאַנקען, פאַרלאַנגען, און דער פאַרלאַנג צו זיין צוזאַמען. איך האָב געפיהלט איהרע אָרעמס, איהר שטי־לען פּרעפּלען, איך ליב! איך ליב! געאיילט בין איך אויפגע־שפּרונגען, האָב זיך אנגעטאָן ווי צו געהן. וואוהין האָט זיך מיר געוואָלט פּרעגען. א פאַרבאָרגענע שטים האָט אין מיין ברוסט אויסגעשריען, אהין! אהין! ווי דאָרט וואָלט געווען די האַנט פון אנצייגונג. אהין! צו דעם שטיבעלע וואו זי איז! דאָרט וועסטו דיין רוה געפינען, דיין רוה געפינען און אויך דעם שטורעם וואָס פאַרטראָגט און פאַרוועבט אין אומפאַרשטענד־ליכעם, אין צער און פרייד פון ציטערענדער ליבע. דער נאָהענטער וועג צו איהר הויז איז געווען אַזוי לאַנג און פאַר־חלום'ט.

ווי א פויגעל וואָס רייסט זיך ארויס פון איהר שטייג, אַזוי בין איך ארויסגעלאָפען אין דרויסען. ווי א הירשעלע וואָס ווערט געיאָגט פון יעגער, בין איך געלאָפען מיין וועג, אהין! באַלד בין איך, ווי א דערשראָקענער אפּגע־שטעלט געוואָרען פון א פאַרבאָרגענער קראַפט. וואָס לויפסטו,

נאַר? האָסטו דען ניט פֿליכטען, אַ צוזאָג צו דער לעהרערין נאַסטיאַ טיכאָמעראַוואַ, דו האָסט דאָך איהר צוגעזאָגט צו זיין דאָרט?

געוויס וועט זי וואַרטען.

וואָרום לויפֿסטו זוכען דיין גליק און ניט באַטראַכטען דאָס וואָרטעניש פֿון נאַסטיאַן?

— דאָ ליב איך! האָב איך אויסגעשריען צו דער ניט געזעהענער פֿאַרבאָרגענער געשטאַלט, און דאָרט איז נאַר פֿליכ־טען.

— כאַ, כאַ, האָט אַ פֿאַרבאָרגענע שטימע מיך אויסגעלאַכט.

איך האָב זי געוואָלט פֿאַרניכטען, פֿאַרניכטען פֿאַר דעם וואָס זי פֿאַרצאַמט מיין וועג פֿון געאיילטען גליק.

ווי דורך אַ מוראַדיקען שטורעם וואָס קומט אַנטקעגען מיט זיין אָפּהאַלט קראַפֿט, האָב איך זיך געריסען דעם וועג אהין. מיין אָטעם האָט שווער געהויבען מיין קינדערשע ברוסט. מיט שווערע ראַנגלענדע טריט בין איך געגאַנגען דעם וועג. טויזענטער גלעקער האָבן געקלונגען פֿאַר מיר, קלאַנגען פֿון גליק און טרויער. ווי אַ גנב בין איך דורכגעגאַנגען דאָס הויז וואו נאַסטיאַ טיכאָמעראַוואַ האָט געוואוינט און האָב ווילד גענומען לויפֿען מיין געלאָף. וויט אַנטקעגען איז געלאָפֿען אַ געשטאַלט און דאָס איז געווען מיין געליבטע. מיט צושפּריי־טע אָרעמס האָט זי מיך עמפּפֿאַנגען.

— וואו ביסטו געווען טייערער? איך האָב אויף דיר אַזו געוואַרט, מיין וואַרטען איז געווען אַן אייביגקייט, פֿילייכט לייד איך פֿאַר מיין פֿאַרברעכען?

איהר שטימע האָט ציטערדיג געשעפּטשעט, מיין טייערער!

מיט מיין גאַנצער פֿאַרליבטער קראַפֿט האָב איך זי געוואָלט אַ כאַפּ טאָן, אויפֿהויבען זיך הויך צו די הימלען, פֿליהען מיט איהר אין אומגעשטערטע וועלטען, אהין וואו די זון ווערט ניט געשטערט פֿון די וואָלקענס, וואו די מענשליכע נשמה קען לעבען און ליבען, פֿריי ווי די ווינטעלעך. איך האָב איהר צאַרטע הענטעל באַריהרט מיט מיינע ליפּען. זי האָט אַ

ציטער געטאָן און האָט זיך געבויגען, ווי די ליכט וואָס שמעלצט פון פייער. דער טאג האָט געזאָגט אז זיין היץ וועט זיין אונער־טרעגליך.

— וואַרט א ווײַלע, האָט זי מיר געזאָגט, איך וועל זאָגען מיין שוועסטער אז איך גיי אַוועק, ווען ניט איז זי בייז אויף מיר.

באַלד איז זי אַוועקגעלאָפען צו דער הויז און באַלד איז זי צוריקגעלאָפען מאַכענדיג מיט איהר האַנט אַז אַלעס איז גוט.

— וואוהין געהען מיר היינט?

איך האָב זיך א ווײַלע פאַרטראַכט — וואוהין? אַן אומעטיגער געמיט איז מיר באַפאַלען.

זי האָט מיין אומעט באַמערקט:

— ווי איך זעה ווילסטו היינט ניט געהן?

—ניין, האָב איך אנגעהויבען פאַרענטפערען זיך, איך האָב באַדאַרפט זעהן נאסטיא טיכאמעראַווא.

— נאסטיא טיכאמעראַווא! ווער איז זי?

— זי איז מיין לעהרערין.

זי האָט זיך א ריס געטאָן פון מיר און איז מיט שנעלע טריט געלאָפען ווייט אַוועק. איך האָב איהר א ווײַלע נאך געשריען און באַלד האָב איך זי מיט שנעלען לויפען אנגעיאָגט.

—וואָרום האַנדעלסט דו אזוי, זי איז נאר מיין לעהרערין. דו האָסט מיך געבעטען איך זאָל זיך לערנען און איצט ביסטו דאגעגען.

— וואַרט, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און גענומען ריידען ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס געוואָלט דערמאָנען, נאסטיא טיכא־מעראַווא? קען איך זי, סאָלאָמאָן?

— געוויס קענסטו זי.

— נאסטיא טיכאמעראַווא, האָט זי זיך אָפּשטעלענדיג פאַר־טראַכט, אָ, די העסליכע באַשעפעניש, כאַ כאַ.

איהרע ווערטער האָבען מיך ווי א מעסער געשניטען. איך האָב געזעהן אין איהר די פרויען אייפערזוכט, דאָס ניט פאַר־גינערשע פרויען הארץ.

— איז זי דאָס בעסטע וואָס דו האָסט געקענט אויסקלײַבן פֿאַר אַ לעהרערין?

זי איז אַוועק עטליכע טריט פֿאַראויס פֿאַר מיר. מײַן כּעס האָט זיך גערִיסען נאָר איך האָב איהם מיט אײַזערנע צוואַנגען געהאַלטען אין צאַם.

— וואָס לערענט זי מיט דיר?

אונזער לערע באַשטעהט פֿון ווערטער און דיסקוסיאָנען. אָפטמאָל ווערען מיר בייז אײנער אויף דעם אַנדערען אין דער פֿאַרשי־דענהייט פֿון מיינונגען, נאָר באַלד ווערען מיר ווידער גוט ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט.

— ווי קענסט איהר זיצען לעבען איהר? זי איז דאָך אַזוי העסליך ווי די מאַלפּע.

— איך האָב דאָס ניט באַמערקט, האָב איך איהר געענט־פֿערט.

מײַן ענטפֿער איז געווען באַצוועקט וועה צו טאָן איהר. זי האָט ניט באַדאַרפֿט זי אָנרופֿען אַבעזיאַנע, זי האָט באַדאַרפֿט זי באַדויערען, פֿאַרדעקען די העסליכקייט מיט גוטע זײַטען, נאָר דאָס איז די פֿרוי פֿאַר דיר, וואָס איז געקנאַטען אין דעם אײַ־פֿערזוכט סם. דער ברוגז איז אָנגעגאַנגען פֿאַר אַ ווײַלע און איז באַשטאַנען פֿון דעם וואָס זי האָט ניט גערעדט צו מיר. זי האָט געזונגען אַ לידעלע ניט מיט ווערטער, נאָר געברומט אונ־טערן נאָז. מײַן נאָהענטקייט האָט זי אָפּגעטריבען מיט כּעס. מיר איז מיאוס געוואָרען דער ברוגז טאַנץ און איך האָב איהר אין ווערטער געזאָגט:

— דו ווילסט זײַן ברוגז אויף מיר, דאָס איז דײַן ווילען, נאָר איך וויל געהען אַהיים.

זי האָט ניט געענטפֿערט און איז נאָכגעגאַנגען מײַנע טריט. אַ פּאָר שפּאַן אַוועק. ווען איך בין געקומען צו נאַסטיאַס הויז בין איך צוגעגאַנגען צום טיר, האָב אָנגעקלאַפּט און באַלד האָט זיך די טיר געעפֿענט און איך בין אַרײַן אין הויז.

נאַסטיאַ איז געווען איבערראַשט פֿון מײַן פּלוצלונגען אַרײַנ־קומען.

— איהר זייט דא, סאלאמאן? איך האָב געדיינקט אז איר האָט פאַרגעסען אָן מיר. איך האָב באַ אַנדרושען געפרעגט צי ער זעהט אייך, האָט ער מיר אפּגעגעבען אַ גרוס אז איהר זייט געזונט. דאָס אַלעס וואָס איך האָב פאַרלאַנגט צו הערען.

—איך דאַנק אייך, פריילין טיכאמעראַווא.

— ווילט איהר ווערען ווידער מיין שילער?

— וואָרום נישט? איך פאַרפליכטע זיך ניט צו קומען יעדען טאָג, בלויז ווען מיין צייט וועט מיר ערלויבען.

— מיט וואָס זייט איהר אַזוי פאַרנומען, סאַלאָמאָן?

— אַזוי גלוסט זיך מיר צו לעבען, איך האָב ניט ליעב קיין פליכטען, צוזאָגענישען.

— איהר וועט קומען?

— געוויס, ווען מיין צייט וועט מיר ערלויבען.

זי האָט אויסגעשטרעקט איהרע דאַרע הענט: איז דאָס אַ וואָרט?

— יאָ!

זי האָט זיך אוועקגעזעצט קעגען מיר און האָט טיף אין מיינע אויגען אַריינגעקוקט ווי זי וואָלט פון דאָרט געוואָלט עפּעס ארויסלייענען.

— איך האָב אייך געזעהן דורכגעהן מיט אַ יונגער מיידעלע, איז זי ניט די וואָס האָט אייער הארץ אנגעגריפען?

איך האָב מיינע אויגען ארונטערגעלאָזען, האָב מורא געהאַט אויף איהר אַ קוק צו טאָן.

—וואָרום ענטפערט איהר ניט אויף מיין פראַגע? איך מיין אויב עס איז מעגליך.

— יאָ, האָב איך ברעפלענדיג ארויסגערעדט, יאָ, דאָס איז זי.

נאַסטיאַ האָט אַ לאַך געטאָן

— איהר האָט אייער הארץ אוועקגעגעבען צו אַ קינד פון וויג.

אוועקגעגעבען צו אַ קינד פון וויג.

איך בין אויפגעשפּרונגען:

— ניין, זי איז ניט קיין קינד, זי איז אַן ערוואַקסענע פרייליין וואָס פאַרשטעהט דאָס מענשליכע האַרץ.

— סאָלאָמאָן, איהר קענט ניט ווערען אנגעגריפען פון אַ קינד, איהר זענט אַ טיפערער. מיט ברייטע און טיפע אנשויאונגען, איהר קענט דערטרונקען ווערען אין דעם פלאַכען וואַסער, איהר דאַרפט האָבען אַ ים.

— איך האָס אייך, נאַסטיא טיכאָמעראַוואַ! איך האָס אייך! וואָרום ווילט איהר מיך פאַר'סם'ען? אויפשפרינגענדיג פון שטול האָב איך גענומען שנעל געהען צום טיר.

נאַסטיא איז שנעל פאַרלאָפען דעם וועג:

— איהר וועט ניט אוועקגעהן. ניין! איהר טאָרט ניט אוועקגעהן. איך ענטשולדיג זיך פאַר אייך.

ווי אַ קיהל ווינטעלע וואָלט אפּגעלאָשען מיין העלישען כעס:

— איהר ענטשולדיגט זיך, וואָרום האָט איהר באַדאַרפט פריהער ריידען אזוי העסליך?

— איך האָב ניט באַגריפען אייער טיף ליבען, איך האָב געמיינט אז דאָס איז נאַר אַ קינדערשע פאַנטאַזיע.

— וואָרום פרעגט איהר ניט באַ זיך אליין ווי אזוי קענט איהר זיין פאַרליבט אין מיר?

— זי האָט אַ ציטער געטאָן. טיף, טיף אין טראַכטונג איז זי געזונקען.

—איהר זייט גערעכט, סאָלאָמאָן! דאָס וואָס מען זעהט ניט אויף זיך זעהט מען אויף יענעם. אפשר ליגט ניט דאָ דער געדאַנק פון ניט זעהן אָדער פאַרשטעהן, דאָ ליגט אייפערזוכט. זי, אָט די שלאַנג פּרובירט אריינצוגיסען איהר סם אין מענשליכען מאַרך. ניט אָפט געלינגט עס, אָפט ברעכט אויס אַ שטורעם פון האַס, פון צאָרן.

—איך בין היינט צווישען צוויי שטורעמס. דאָרט האָב איך דערמאָנט אייער נאָמען, האָט זי מיט העלישען אייפערזוכט מיך אָפּגעוואָרפען, אפּגעטריבען, און דאָ דאָס זעלבע. איך זעה אין אייךביידען דעם זעלבען שוועסטער־האַס, דעם פוקס' ציינער,

זי האָט מיר געזאָגט אז איהר זייט א מיאוס'ע און איהר זאָגט אז זי איז אַ קינד. ווארענט איהר מיך איך זאָל ניט דורכפאלען, ניט ווערען דערטרונקען אין דעם זודיגען קעסעל פון ליבע, און דער נאך פיהלען די וואונדען? טוהט איהר דאָס ווייל איהר ליבט מיך, אדער דערפאר וואָס איהר ווילט מיך? איהר ווילט מיך ירש'ענען אין גאנצען, ניט פארגינענדיג יענעם דעם שמייכעל, די קליינינקע שטערענדלעך פון ארום דער גרויסער לבנה ליכט, קענט איהר מיך פארשטעהן? פיליכט רעד איך טיף און אונ־פארשטענדליך, דאַן זאָגט מיר.

ווען איך האָב ארויסגעקוקט דורך די שויבען אין גאס אריין האָב איך דערזעהן דאָס געשטאלט פון באשקען. זי האָט ווי א פארוואונדעט פייגעלע ארומגעפלאטערט. איך האָב פארשטא־נען אז זי זוכט מיך. געוויס האָט זי זיך באדענקט אויף איהר אומרעכט און זי וויל בעטען פארצייאונג בא מיר. מיר האָט זיך געוואלט ארויסרייסען פון הויז און לויפען איהר אנטקעגען, זאָגען איהר אַז איך בין ניט בייז פאר איהר האנדלונג.

— ענטשולדיגט! — האָב איך צו נאסטיאן געזאָגט — איך מוז אייך פארלאָזען, און בין באלד געווען אין גאס.

באשקע האָט מיין ארויסקומען באמערקט. שנעל איז זי צוגעלאפען צו מיר:

— דו ביסט בייז אויף מיר, סאלאמאָן?

— געוויס ניט, איך בין צופרידען וואָס דו קומסט מיר אנטקעגען און אלעס איז פארגעסען געוואָרען אין דער רגע.

געארעמט זיינען מיר געגאנגען הינטער'ן דאָרף צו דעם סיערען שטיין וואָס איז געווען גאנץ ווייט פון דאנען, דאָרט וועלען מיר זיצען און קוקען אויף זיין אייביגקייט, אויף זיין רוהיגקייט. דער וועג איז געווען זאמדיג און שטויביג. די היץ האָט געשטיקט דעם אטעם און האָט דורשטיג געמאכט דאס ברענענדע לייב. א שרעקליכע היץ. מיר זיינען געגאנגען אויף א שלעכטען וועג. דאָ אין די פאנאוועקעס איז היים און טרוקען, ווען מיר געהען צו דעם טייך וואָלט געווען לייכטער.

דאָרט בײַ דעם קוואַל וואָלטען מיר געקענט טרינקען דאָס קוואַל וואַסער און זעהען די לענטעס.

— פיליכט הײנגט נאָך דאָרט מײן לענטע? האָט זי נײַגעריג געפרעגט.

— פיליכט.

— זאָגט איהר מיר צו צו געהן אהין אַמאָל?

—געווים, עס איז אַ הײליגקײט ביי מיר צו זעהן דעם ביסטראַ טײַך, די שימער שטײנדעלעך און אַלעס אַרום.

דעם גרויסען סערען שטײן האָט זי באַוואונדערט, באַוואונדערט זײן גרוים.

— ווי לאַנג אַז ער ליגט דאָ?

— איך ווײס ניט — האָב איך מיט אַ שמײכעל געענטפערט—פיליכט אַן אײביגקײט: אין אײביגקײט ליגט ער אין זײן רוה — ווינטער געביסען פון שנײע און פראָסט, זומער פון היץ. זײן קאַלטע נשמה מאַכט קײנמאָל ניט קײן באַמערקונג, ווי ער וואָלט געווען צופרידען מיט אַלעס וואָס די נאַטור גיט איהם.

—אַך, ווען איך בין אַזוי, אַך, ווען איך קען לעבען אַן אײביגען קאַלטען לעבען.

זי איז געפאַלען פאַר איהם אויף די קניה. לאַנג איז זי געשטאַנען אנגעלעהנט אויף דעם סערען קאַלטען שטײן. מיט איהרע הענט האָט זי פאַרשטעלט איהר פּנים. איך האָב אָפּט געהערט איהר פּרעפּלען, ווי זי וואָלט אַ תּפילה געזאָגט. אָפּט האָב איך איהר געהערט זיפצענדיג. וואָס האָט זי געבראַכט צו דער איבערלעבונג, האָב איך ניט געוואוסט. זי האָט דעם סוד פאַר מיר ניט אַנטפּלעקט. ווען מיר זײנען אָפּגעגאַנגען אַ היבשען וועג האָט זי מיר געזאָגט אַז זי וואָלט געוואָלט זײן אין דער רוהיגקײט פון דעם קאַלטען, אײביגען שטײן. זי זעהט פאַר זיך אַ וועלט פון אײביגען ברויזען, פון אײביגע לײדען. אָט לײטערט זיך אויס דער הימעל, און באַלד ווערט ער וואָלקענדיג, ווי דער מעכטיגער ים, וואָס וויגט זײנע וועלען, ווי דאָס הארץ בײַ אַ מענשען, אָט באַלד הויבט ער אָן שטורעמען און וואַרפען אַריבער די ברעגען זײנע ווילדע

צורייצטע וועלען. איז ניט בעסער די אייביגע רוה פון דעם גרויסען סערען שטיין? ניט אלעס קען לעבען אזוי, ניט אלעס וויל לעבען אזוי. דער נידעריגסטער ווארים וויל אומפּויזען, אומקריכען, ווי ער וואלט אין זיין לעבען עפּעס געזוכט.

— וואָרום רעדסטו אזוי פאַרצאַרענט? דו ביזט נאך יונג, קינדעריש יונג. ערוואַרטסטו ניט קיין גליק אין דיין לעבען? ערוואַרטסטו ניט אז די הייסע ליבעס שטראַלען זאָלען קומען און באַקושען דיך פאַרגעטערט? דו האָסט אַלע האָפנונגען, אַלע מעגליכקייטען אין לעבען, דו טאָרסט ניט וועלען זיין ווי דער קאַלטער סערער שטיין. אַמאָל פיל איך אזוי, אַמאָל קומט דער שטן אין מיין הארצען און פאַרשפּרייט זיין טונקעלע נעץ און וויל פון דאַרטען ניט ארויסגעהן, ער פאַרוואונדעט מיך. איך פיהל אז ער פאַרפּייניגט ביז איך בלייב אהן מאכט, אָהן לעבען, און דאַן זאָג איך — זאָל זיין ווי עס איז, זאָל דער שוואַרצער פאַרהאַנג ארונטער קומען, און איך וועל בלייבען דאָרט הינטער די קוליסען פון אייביגען פאַרגעהן, אין מיינע צובליהונגס־יאהרען. אָפט טרעפט אז די בלום פאַרוועלקט איידער זי צובליהט זיך אין איהר פולער שעהנקייט.

איך האָב זי אַ ריס געטאָן צו זיך, האָב זי קרעפטיג צוגע־דריקט צו מיין ברוסט, האָב היים איהרע ליפּען געקושט.

— ועסטו נאך אמאָל אזוי ריידען?

— ניין, האָט זי אויסגעשריען, קושענדיג מיך שטאַרק. דו האָסט מיט דיינע ווערטער אנגעקלאַפּט אן אנדער סטרונע, אן אנדער טאָן שלאָגט יעצט ארויס פון מיין הארצען. דער אונטערשיד איז בלויז אַ ווייל, נאר דער געדאנק קלאַפּט אנדערש, רייסט זיך אין אנדערע טירען פון לעבען. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן, איז אפּגעלאָפען עטליכע טריט, אויסרייסענדיג עטליכע ווילדע בלימעלעך האָט זי זיי מיר געוואָרפען. איך האָב געזעהן אין איהר דאָס קינד, די יוגענד וואָס שטיפט מיט אונשולד.

— ווילסטו יעצט געהן צום סערען שטיין?

— ניין, האָט זי אויסגעשריגען, מיך ציהט אהין וואו

לעבען, וואו אייביגער לעבען־גלוסט לאכט א הילכיג פרעהליכען געלעכטער. מיר וואלט זיך געוואלט זיין בא די ברעגען פון מעכטיגען ים, בא זיין ווילדער צורייצטקייט, איך וואלט ווי זיין שוים געקושט דעם אנקומענדען שטורם, און די ארויסגעווארפענע וואסערען וואס לויפען געאיילט אין זייערע טיפעניי־שען. שנעל ! קום! האט זי אויסגעשריגען. קום, ניט ווארט, איך הער ווי די סטרונעס דארט אין מיין הארצען זינגען דעם פרעהליכסטען נגון. לייג צו דיין אויער צו מיין קינדערשער ברוסט. הער זיך איין אין די קלאנגען דארט. זיינען ניט מלאכים די קלעזמער און טענצערינס די שעהנע געטינס פון צויבער? איהר הערט, סאלאמאן?

— איך הער, האב איך געזאגט. איך הער אין דיינע רייד די קלאנגען וואס דו פיהלסט דארט אין דיין ברוסט. זאלען די סטרונעס קיינמאל ניט איבערגעריסען ווערען. זאלען די קלאנגען קיינמאל ניט געביטען ווערען. דער האניג פון פרייד איז זיס, נאר זיין וועג איז נאריש און קינדעריש, און אפט עגאאיסטיש ווי דאס רייכע צולאזענע קינד, דער אייביגער שטראל ווי די אייביגע קעלט ווערט ערווידערט, ווי דאס העזעלע וואס לויפט ארום איבער דעם גרינעם פעלד. אין דעם ווינטער־באדעקטען שנייאיגען פעלד זוכט ער א פארטריקענט הייעלע וואס ווערט געבראכט פון ווינטען צו זיינע קאלטע געדערים. עס איז זיס, דאס פארטריקענטע הייעלע, אין זיין הונגער.

ווייט אין די פאנאוועס האט א קוקו אויסגעשריען קו־קו און איז באלד אנטשוויגען געווארען. זי האט באמערקט:

— האסטו געהערט?

— יא, כ'האב געהערט. צו מיר מיינט עס גארניט.

ווען די זון האט אנגעהויבן פארגעהן, זיינען מיר געווען נאהענט צו אונזער דארף. נאך פון ווייטען האט מען געהערט ווי די שווערע טויערען האבען זיך געעפענט פאר די אריינקו־מענדע בהמות און שעפסען, און די טריט פון די מידע

פויערים וואָס זיינען געגאַנגען אהיים פון די פעלדער נאָך אַ טאָג שווערער ארבייט.

דער פאַרנאַכט האָט אנגעצונדען זיינע פורפור וואָלקענס דאָרט וייט אויף דעם האָריזאָנט. ווי אַ פאַר׳חלום׳טע כלה איז געקומען די טונקעלקייט פון נאַכט און האָט געבראַכט אַ הייליגע רוה. וואו ניט וואו האָט אַ טיר געסקריפּעט און האָט זיך באַלד פאַרמאַכט. די הינט האָבען פויל געבילען ווי זיי וואָלטען אנזאָגען אז זיי זיינען אויף דער וואַך: שלאָפט רוהיג. שטיל זיינען מיר געגאַנגען אויף דעם וועג. שטיל האָבען מיר אונזערע אטעמס געצויגען. אויף דער שווערער באַנק זיינען מיר געזעסען, געקוקט אין דער אונענדליכער פינסטערניש פון נאַכט, באַטראַכט זיינע שאָטענס וואָס מאָהלען אונפאַרשטענד־ליכע בילדער. איהר קינדערשער פּנים האָט מיר אויסגעקוקט צאַרטער און שעהנער ווי אימער, עס האָט דורכגעשניטן די טונקעלקייט און האָט געלויכטן פאַר מיר ווי די קרוין ארום דער לבנה. מיר האָט זיך געוואָלט גלעטען איהרע ווייכע, צאַרטע באַקען, גלעטען איהרע זייד געקרויזטע לאָקען און זינגען איהר אַ לידעלע פון הימלישען געזאַנג. מיין האַרץ האָט געפיהלט איהר נאָהענטקייט, איהר אטהעם האָט אריינגעבלאָזען אין מיין נשמה לעבען און פרייד, און עס האָבען זיך געמאָהלען שעהנע בילדער וואָס מאַכען שיכור. איך האָב יעצט ניט גע־פיהלט די טונקעלקייט, איך האָב יעצט געזעהן נאָר די שטאַרק־סטע ליכט פון לעבענס גליק. מיינע פינגער האָבען איהר ענט־בלויזטען נאַקען באַריהרט. איהר זודיקער קערפּער האָט מיינע בלוטען געררייצט, און האָט מיך געוואָרפען אין צערטליכע קאָנ־וואולסיעס. איך האָב מיינע שטאַרקייטען גערופען, מיט מיין קראַפט געצאַמט זיך אליין איך זאָל ניט צושמאָלצען ווערען פון דעם נאָהענטען פייער.

איהר ציטערט, האָט זי מיר געזאָגט.

— יאָ, איך ציטער איבער מיין גליק וואָס איז אזוי דין געוועבט, וואָס איז אזוי שעהן געמאָלען. דער קלענסטער טעות קען פאַרדאַרבען די שעהנקייט, דאַרף איך ניט לעבען אין

ציטער?

זי האָט מײַן האַנט אין איהר העַנטעל געקלאַמערט גע־האַלטען, האָט אָפּט צערטליך געגלעט זי ווי דעם זײדענעם סאַמעט. איך האָב איהר איבערגעבענהײט געפּיהלט אין מײַן האַרצען, וואָס האָט געקלאַפּט שטיל און פאַר׳חלום׳ט. שען איז דאָס ליכט פון טאָג, שעהן איז די נאַכט מיט איהר באַהאַלטענעם סוד. די נאַכט איז די אַנטפּלעקונג פון ניט געזאָגטע זאַכען, פון פאַרטראַכטונג, וואָס וויקעלט זיך דאָרט אין מענשליכען האַרץ, די פינסטערניש איז דער מוט פון שפּראַך און סודות וואָס ווערען אַנטפּלעקט ניט זעהענדיג דעם שאָטען פון זיך — די גרימאַסען וואָס זיצט מיט אַ קלאַפּענדער האַרץ צוהערענדיג די ענטפּלעקונג פון ליבע. די קושען אין דער נאַכט זײַנען הײסע און רײַצענדע, אָפּט פיהרען זײ אַוועק אין זיסע מידקײַטען פון קערפּערליכען רײַץ. זי האָט אַ ציטער געטאָן ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפער פאַרטראַכטונג.

— איך גײה אַוועק פון דיר, איך גײה אין הויז. דאָרט וועל איך זיצען אַ ווײַלע אַלײן, אַלײן אָהן דיר און דײַן פאַר־חלום׳טקײט, איך וויל זעהן וואוהין וועט מיך מײַן אײנזאַמקײט פיהרען? עטליכע מאָהל האָט זי געדריקט מײַן האַנט, ווינשענדיג גוטע חלומות — איז זי אַוועק מיט שטילע, מידע טריט אין הויז. איך האָב איהר אַ ווײַלע נאָכגעקוקט און בין אַוועק מײַן וועג אַהײם. אַנטשלאָפען בין איך געוואָרען ווען דער בעגינען האָט אַרײַנגעקוקט אין די שויבען, ווען זײַן גרויע ליכט האָט געשניטען די פינסטערניש פון נאַכט. מײַן שלאָף איז געווען אַ שטאַרקער, אָהן חלומות. ווען איך בין וואַך געוואָרען האָב איך ניט געוואוסט וואָס אַרום מיר טוהט זיך, ווי פון איבערראַשונג האָב איך געקוקט אַרום זיך, איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט. מײַן מוטער איז צוגעגאַנגען און האָט מיר געזאָגט אַז אַנדרושאַ איז דאָ געווען, ער וויל מיך זעהן. איך האָב אין דעם מאָמענט ניט געוואוסט וואָס אַזוינס ער וויל פון מיר, און באַלד איז געקומען דער געדאַנק, פּיליײַכט האָבען זײ אַ פאַרזאַמלונג, און זײ ווילען מיך האָבען דאָרט, דאָ האָט זיך

באַװיזען פאַר מיר די געשטאַלט פון שלעמעצען, אױך זמיט־רוכעס פּנים איז מיר געשטאַנען אַנטקעגען.

איך גײה, האָב איך באַלד באַשלאָסען. אין מײַן קאָפּ האָבען גענומען ברױזען געדאַנקען פון הײליגען קאַמף װאָס איז אַזױ נױטיג פאַר די אָרימע מענשען.

אַנדרושאַ האָט מיך באַגעגענט און האָט מיר שטיל אָנגע־זאָגט אַז מיר װעלען האָבען אַ פאַרזאַמלונג און אַז איך זאָל קומען צװעלף בײטאָג צו דעם באַרג גאַרעװאַטקעס. דאָרט װעט װאַרטען אױף מיר זמיטרוכע און שלעמעץ. אַלע צוזאַמען װעלען מיר אױסאַרבײטען פּלענער װי אַזױ װײטער אָנצוגעהן מיט אונזער אױפקלערונגס אַרבײט. אַנדרושאַ איז מיט באַ־גײסטערונג אװעקגעלאָפען אין פעלד, אָנצוזאָגען זײ אַז איך װעל קומען. מײַן מוח האָט געאַרבײט שנעל, אין זיך האָב איך גע־האַלטען אַ פײַערדיגע רעדע און האָב װי געזעהן מײַנע צוהערער קלאַפּען בראַװאָ. באַלד צװעלף, האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן, קוקענדיג אױף דעם זון גאַנג. מיט שנעלע טריט בין איך אַװעק צו דעם באַרג גאַרעװאַטקעס צו טרעפען דאָרט די פאַרזאַמעלטע. נאָך פון דער װײטען האָב איך דערזעהן די באַ־גריסונגען, װי איך װאָלט געװען אַ גענעראַל. באַלד בין איך צו זײער גרופּע צוגעגאַנגען, האָב זײ חבר'יש באַגריסט. זײ האָבען מיך געבעטען זיצען אױף דעם װײכען גרינעם גראָז.

װען איך האָב זיך אַװעקגעזעצט איז אױפגעשטאַנען דער אַלטער זמיטרוכע, האָט זיך אױסגעהוסט און האָט מיט אַ פאַרטראַכטען פּנים אָנגעהױבען רײדען.

— ברידער! מיר האָבען געליטען גענוג. די בײטש פון הונגער און נױט האָט זיך אונז אײַנגעגעסען אין אונזערע לײבער. מיר מוזען עפּעס טאָן. מיר מוזען הײלען אונזערע װאונדען ניט װי אונזער גלח האָט אונז צוגעזאָגט מיט'ן גן עדן, מיר װילען האָבען דעם גן עדן דאָ! דאָ! — און הױך האָט ער אױפגעהױבען זײַן ציטערדיגע האַנט און האָט װײטער גערעדט:

— מיר, די ערליכע האָרעפּאַשניקעס שטאַרבען פון הונגער, אונזערע קינדער גײען אָרום נאַקעט און באָרװעס, איהר הערט,

באַרוועס! און זײ, אָט די פּוסט און פּאַסטניקעס האָבען אַלעס. פריהער האָב איך געגלױבט אַז דאָס איז דער ווילען פון גאָט, היינט זעה איך אַז דאָס איז געווען אַ מיאוס׳ער ליגען, ווײל אַזוי לױנט זיך די רייכע, די גאַטס סטראַפּצעס וואָס נעמען אַוועק פון אונז ניט נאָר דעם שכל, נאָר אונזער ביסעלע פלאַקס און ברויט, און וואָס גיבען זײ אונז פאַר דעם? אַ ברכה וואָס קאָסט גאָר נישט, און איז ווערט גאָרנישט.

זמיטרוכע האָט זיך אוועקגעזעצט אַ מידער אויף דעם גרינעם גראָז, אַלע האָבען זמיטרוכען אַפּלאָדירט. זמיטרוכעס פּנים האָט געשײנט פון גליק. באַלד איז אױפגעשטאַנען שלעמעץ.

— אין מײן ברוסט האָבען שוין לאַנג געקאָכט די פאַרלאַנגען פון קאַמף, פון הײליגען קאַמף פאַר גערעכטיגקייט. מיר זיינען דאָ נאָר אַ הייפעלע, בלויז עטליכע, אָבער ערליכע מענשען. אונזער עהרליכקייט און אמת׳קייט וועט זיך טראָגען ווייט אין אַלע מענשליכע הערצער. זײ מוזען דערפיהלען אונזער שטרעבונג, אונזער גלױבען פון גערעכטיגקייט. מיר, אָט די האָרעפּאַשנע וואָס אַקערען אויף די פעלדער, פּאַזעען און שניידען די פּרוכט פון אונזער פּראַצע, האָבען גאָרנישט, גאָרנישט, ניט גענוג ברויט פאַר אונזערע פרויען און קינדער, מיר זיינען וויליג צו אַרבייטען, אונזערע מוסקולען זיינען שטאַרק, האָט מען אונז צונויפגעפּרעסט אויף שטיקלעך ערד, די מאַגערסטע אין דער וועלט. זײ ווילען מיר זאָלען זיך שפּייזען פון דעם. זײ ווילען מיר זאָלען געהן פאַר קנעכט צו די רײכע, בעאַרבייטען זייערע פעלדער פאַר גאָרנישט, מאַכען זײ רייך און מעכטיג. איז דאָס גערעכטיגקייט?

— ניין, האָבען מיר אַלע אויסגעשריען.

— וואָס וועט איהר טאָן וועגען דעם?

— מיר וועלען אַרויס אין קאַמף פאַר אַ בעסערען לעבען.

שלעמעץ האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף זײן פריהערדיגען פּלאַץ. אַלע האָבען איהם אַפּלאָדירט. אַנדרושאַ איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך העפליך פאַרנײגט.

—ברידער: אין מיין הארצען בין איך א קעמפער זייט יאהרען, פילייכט זייט איך בין א קינד געווען. מיין קאמף פאר גערעכטיגקייט האב איך געשטיקט אין מיין הארצען, הגם איך באטראכט דאס פאר אן אומרעכט. פילייכט ווען איך קום ארויס מיט מיינע ערקלעהרונגען וואלטען מיר היינט ניט געהאט דא בלויז פיער מענשען, נאר פיער הונדערט. מיין צייט איז יעצט געקומען — האט ער הויך גענומען ריידען — מיין צייט איז יעצט געקומען פון בראווען קאמף, דער קאמף וואס טראגט די גערעכטע פאן פאר די אונטערדריקטע. איך האב דעם גלח לאנג אוועקגעשיקט צום שווארץ יאהר, זיין פרעדיגען איז שוין לאנג געווען בא מיר די גיפט פון פאלשקייט און נארעריי. מיר האבען דא בעטראטען דעם קליינעם וועג צום קאמף, זאלען מיר איהם אויסטרעטען אין א גרויסען, מעכטיגען וועג וואו מיליאנען מענשען זאלען טרעטען.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן פלאץ.

— יעצט איז אייער צייט וואס צו זאגען, האט ער זיך געווענדט צו מיר.

— איך בין דער איינגסטער פון אייך, און פילעס וואס איז געזאגט געווארען פון אייך האב איך געוואלט זאגען. קיין ווערטער וועלען מיר געוויס ניט פעהלען, ווי עס פעהלט ניט קיין טרערען די אויגען ווען זיי ווייגען, זיי קומען! איך האב זיך טויזענטער מאל געוואונדערט ווי אזוי איהר קענט ליידען, ליידען אזוי לאנג: הונגער, נויט און קעלט. אייערע הערצער זיינען פארהארטעוועט ווי אייערע שווערע פארמאזאליעטע הענט, הייבט אויף אייערע פויסטען! הייבט אויף אייער פארשטיקטע שטים! איהר ווייסט אז איהר האט די קראפט פון א לייב, פון לייבען, ווען איהר געהט צוזאמען. אש זיינען יענע בערג וואס שטעהען אייך אין וועג. שטויב איז זייער מאכט ווען איהר ווילט נאר דעם קאמף. אייערע ברומען וואלטען זיי פארטריבען ווי דערשראקענע האזען, ווי דערשראקענע שווארצע פויגלען. ווייסט איהר אייער מאכט? איך האב מיין קאפ געשאקעלט ניט אויף אייערע ליידען, נאר אויף אייער געדולד, אויף דעם שקלאפישען

געדולד וואָס איז ארומגעצאַמט געוואָרען מיט דער לעגענדע פון גיהנם און גן עדן, גלויבט ניט אין צאַם, גלויבט אין פרייהייט. דער רייכער האָט פערזעעט פאַר אייך די קערענדלעך פון אַ גאָט, זיינע קערנער זיינען סם פאַר אייך, דאָס גיט אייך דעם שלאָף געטראַנק פון אייביגן געדולד. וואַרפט אים ארויס פון אייערע הערצער און איהר וועט דערזעהן דעם גערעכטען וועג, איהר וועט דערזעהן דעם געלעכטער הינטער אייערע פאַרשוויצטע פּלייצעס, אַלעס געהערט צו אייך, צו דעם וואָס שאַפט, פון דעם גרעסטען מויער ביז דעם הונט שטיבעל האָט איהר געבויט, און וואו זייט איהר אַליין? אַליין ליגט איהר אין די כאַטקעס, פאַרפראָרענע, אין טראַנטעס, הונגעריקע. גיט אַ קוק אויף די רייכע פעלדער פון דעם פּריץ בעלוצאוו, זיינען זיי ניט פון די בעסטע? ווער בעאַרבעט זיי? און ווער געניסט די פרוכט פון זיי?

באַלד זיינען מיר געזעסען אַלע פיר אין אַ גרופּע, ריידענדיג שטיל, ווי מיר וואָלטען געשפּירט אז עמיצער שפּיאָנירט אונז נאָך. זמיטרוכע איז אוועק צו זיין סטאַדע גענז און שלעמעץ האָט גענומען אַקערען די ארעמע ניווע ערד. איך און אנדרושאַ זיינען געגאַנגען דעם וועג צו אונזער דאָרף.

—איך האָב אייך פאַרגעסען זאָגען אז מיין שוועסטער נאַסטיאַ וואַרט אויף אייך מאָרגען, ווען איהר קומען?

— זאָגט איהר אז איך וועל זיין, מיר וועלען זיך טרעפען שפּעטער.

געטראָפען האָב איך נאַסטיאַ טיכאָמעראַוואַ זיצענדיג אין דרויסען. זי האָט אַ שמייכעל געטאָן ווען זי האָט מיך דערזעהן, און האָט זיך העפליך פאַרנייגט.

— איהר זייט פּינקטליך היינט, סאַלאָמאָן.

— האָב איך אייך דען געזאָגט די צייט ווען איך וועל קומען?

— איך האָב געהאַט אַזאַ געפיל.

זי האָט שעמעוודיק אויף מיר אַ קוק געטאָן.

— וואָס לעזט איהר? — האָב איך איהר געפרעגט דער־

זעהענדיג אַ בוך אין איהרע הענט.

— אַ ראָמאַן, האָט זי מיר געענטפערט.

— איהר זייט ראמאנטיש געוואָרען.

— דאָס איז דאָך יענעמס ראמאן.

זי האָט דערביי אַ שמייכעל געטאָן.

— יענעמס איז אמאָל דאָ וואָס צו לעזען, ווען עס קומט אָן איינענער איז עס גאָרנישט.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן:

— יא, גאָרנישט, באַלד איז זי שווייגען געבליבען. — איהר ווילט אריינגעהן אין הויז?

— איך גלויב אזוי.

מיר זיינען ביידע אריין אין הויז. אין הויז האָט די היץ געשטיקט ביז צום חלש'ען.

—געפעהרליך היים.

— אונערטרעגליך, האָט זי געענטפערט.

— מיט וואָס וועלען מיר זיך היינט פאַרנעהמען אין אונזער לעהר־שטונדע? האָט איהר עפּעס אויפן געדאנק, וואָלט איהר געוואָלט הערען פון דעם?

—ווארום ניט? דאָס וואָלט געווען מיין גרעסטע אויספארשונג. געדאנקען דארפען אַמאָל זיין פאַרזיגעלט. ווילט איהר לעזען דעם בוך נאָך דעם ווי איך וועל איהם איבערלעזען?

— אויב ער איז אינטערעסאַנט, געוויס.

נאסטיאס מוטער האָט איהר צוגעטראגען אַ גלאָז קאַלטע מילך.

—נעם טרינק די מילך אויס, עס איז געפעהרליך היים, דו ווערסט פיהלען ערפרישט. נאסטיא טיכאמעראַווא האָט זיך אַביסעל פאַרשעמט, נאר ניט וועלענדיג באַליידיגען איהר מוטער האָט זי שטיל געגומען טרינקען, זאָגענדיג אַז איהר מוטער איז זעהר גוט צו איהר. אנדרושאַ איז אריינגעקומען. באַמערקענדיג אַז מיר זיצען ביידע און רעדען האָט ער געוואָלט אוועקגעהן. באַלד האָב איך איהם אפּגעשטעלט מיט מיין רופען:

— אַנדרושאַ, וואוהין געהט איהר?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און איז צוגעקומען צו אונז ביידען:

— שרעקליך היים, די פּויערים וואָס אַרבעטען אין די פעל־דער זיינען אויסגעמאַטערט, די אָרעמע פערדלעך פאַלען פון דורשט און היץ, אַפילו די פייגעלעך אויף די גרינע צווייגעלעך פרייכען מיט אָפענע מיילעכלעך.

די פּאָר שטונדען וואָס איך בין געווען ביי נאַסטיאַן אין הויז זיינען פאַראיבער אָהן דראַמאַטישע איבערלעבונגען, ווי זי וואָלט ערקלערט אַ שטילשטאַנד פאַר היינטיגען טאָג. פּי־לייכט איז דאָס געווען די שולד פון דער שווערער היץ, וואָס האָט אונ'ברחמנות'דיג געשטיקט. דאָס איינציגע וואָס זי האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל קומען זי זעהן נאָך אַמאָל און איך זאָל ניט נעהמען צופיעל צייט פאַר מיין קומען. איך האָב איהר באַדאַנקט און בין אַרויס אין דרויסען. די היץ האָט מיך אַרומגענומען ווי אַ געטרייער פריינד. מיר האָט זיך געוואָלט פאַרבעהאַלטען אין שאָטען וואו די היץ קומט ניט צו, וואו די ברענענדיגע שטראַלען ווערען פאַרשטעלט פון די גרינע צווייגען בלעטער. דער בעסטער אָרט צו געהן אין אַזאַ צייט איז געווען קאַטעס בעריאָזעווע בוימער. דאָרט אונטער זייערע צווייגען רוהט דער קיהלער שאָטען. די עטוואָס בעוועגליכע בלעטעלעך וועלען קיהלען דעם הייסען ברען פון דער צופלאַמטער זון. מיט שטילע טריט, פרייכענדיג שווער, ווישענדיג דעם לויפענדען שוויים, בין איך געגאַנגען אין דעם וועג וואו די גרויסע בע־ריאָזעווע בוימער זיינען געשטאַנען. דאָרט האָב איך געפונען מיין פּלאַץ, אויף דער גרינער לאַנקע האָב איך זיך אויסגעצויגען. מיד האָב איך געדרימעלט. אין מיינע דרימעל האָב איך געקוקט אין זייערע הויכקייטען, באַוואונדערט זייער ווייסע הויט, די גרינינקע בלעטעלעך וואָס האָבען געפּרעפּעלט און געפּאַטשט בראַוואָ איינע די אַנדערע, הויך, הויך אויף אַ צווייגעלע האָט אַ פייגעלע געזונגען אַ לידעלע. איהר קול איז געווען אַ מידער און הייזעריגער, ווי זי וואָלט די שווערע היץ ניט געקאָנט פאַרליידען. באַלד האָט אַ ווינטעלע גענומען אויפוועקען די

בלעטעלעך, די צווייגעלעך. דורך די געדיכטע צווייגען האָב איך א וואָלקענדעל דערזעהן, און באַלד דעם רויש פון א ווייטען דונער. איך האָב פאַרשטאַנען אז א שטורם קומט אָן. דער־שראַקענע פייגעלעך זיינען נידעריג געפלויגען מיט ווילדע אויס־געשרייען ווי זיי וואָלטען אנגעזאָגט געפאהר. א בליץ האָט דורכגעשניטען די טונקעלקייט פון וואָלקענדעל און באַלד האָט זיך דערהערט א הילכיגער קנאַל. א דינער רעגענדעל האָט אנגעהויבען אראָפּקומען אויף די בלעטעלעך, זיי האָבען פון די פאַלענדע טראָפּענס געציטערט.

דער רעגען האָט שטאַרקער זיינע טראָפּענס געשיקט אַרונ־טער, דער ווינט האָט מורא'דיג געריסען און געוואיעט, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיין שטורם דורכרייסען א וועג, פאַרניכטען אַלעס וואָס שטעהט אים אין וועג. דער קנאַל פון די דונערען האָט געהילכט ווייט אַרום, די בלענדענדע בליצען האָבען גע־וואָרפען בינטלעך פייער אויף אַלעס וואָס איז אויף דער ערד, ווי זיי וואָלטען וועלען אנצינדען א העלישען פייער, אומברייגען אַלעס וואָס עקזיסטירט. בויגיק האָבען זיך געוואָרפען די ביימער, וויגיק האָבען זיך געוויגט די צווייגען. פאַרנאַכט איז דער וואָלקען אַוועק; אוועק הינטער די בערג. דער הימעל האָט זיך אויסגעלייטערט. די לופט האָט מיט קיהלקייט געאָטעמט. אין פעלד האָבען די גראָזען געזופּט דעם נאַסען טוי, זייער געלער קאָליר איז פאַרשוואונדען. גרינער איז געוואָרען דער צודעק פון דער ערד. זשאַבעס דערפרעהטע זיינען געשפּרונגען הין און הער, צו זייערע קאַלוזשעס, צו זייערע היימען, זינגענדיג זייערע זשאַבע לידער. קליינע ריטשקעלעך לויפענדע וואַסער האָבען זיך באַוויזען אויף די וועגען. אין פעלד האָט זיך דער שיפּאָווער רוטשעי צוגאָסען. מיט געלאָף האָט ער געטראָגען דאָס וואַסער ווייט אַרונטער. די מידע פּויערים זיינען אַרויס אין דרויסען אָפּכאַפּען דעם אָטהעם. די קינדערלעך האָבען געשפּילט מיט דער נאַסער בלאָטע, האָבען דאָס ליים געקנאָטען מאַכענדיג אַלערליי געבויען. שפּעטער ווי אימער זיינען די מענשען געגאַנגען שלאָפען.

שפעט אין נאכט האט דאס דארף גערוהט אין שטארקען שלאף. איך בין געזעסען לעבען אונזער הויז, געקוויקט זיך מיט דעם קיהלען ווינטעלע וואס האט געהיילט דאס אנגעברענטע לייב. טויזענטער שטערענדלעך האבען זיך געצונדען אויף דעם פאר'חלום'טען הימעל. ניט ווייט אין דעם גראז האט א היישעריק געשריען, פלעדער מייז זיינען געפלויגען נידעריג אין א קאראהאד ווי זיי וואלטען זיך געוואלט אנקלעפען אן מיר. אין דעם ווייטען פעלד האט א פייגעל געשריען טשיק, טשיק! איך וויים ניט וואס איהר געשריי האט באדייט, פיללייכט האט זי גערופען איהר פאר, ווייל זיי האבען זיך באדארפט טרעפען אין פינסטערער נאכט.

גאנץ פריה האב איך דערזעהן באשקען ניט ווייט פון אונזער הויז. איך האב פארוואונדערט געפרעגט וואס דאס מיינט. זי האט קינדעריש געענטפערט:

— ווען דו קומסט מיך ניט זעהן, קום איך.

זי האט דערביי געווארפען א אומעדיגען בליק.

— וואו ביסטו געוועזן די עטליכע טעג?

— איך וויים ניט ווי צו זאגען, איך האב זיך פארנומען מיט פארשיעדענע זאכען און אזוי איז די צייט אוועק.

— מיך האסטו פארגעסען?

— געוויס ניט, נאר איך האב אנדערש ניט געקענט טהאן. נעכטען אוונט האב איך געווארט אויף דיר. לאנג בין איך געווען אין דעם פינסטערען דרויסען, געקוקט אויף די קומענדע שאטענס, דו ביסט ניט געקומען. דער נעכטיגער רעגען האט אביסעל אפגעפרישט די ערד, האט אפגעקיהלט די לופט, נאר היינט זעהט מיר אוים וועט זיין ווידער אונערטרעגליך. ווילסטו געהן צו דעם מוטשער קוואל? פון דארט וועלען מיר געהן צום טייך ביסטרא.

— פאר זיכער קען איך דיר ניט זאגען. אין איין שטונדע שפעטער וועל איך וויסען צי איך וועל קענען געהן.

— וואס איז דיין אפהאלט? האט זי מיך פלוצלונג א פרעג געטאן.

— קיין זאַך ניט. איך מוז באַשטימען מיט זיך אליין.

— איך וועל וואַרטען האָט זי צו מיר גערעדט הויך, אָפּ־געהענדיג עטליכע טריט צו איהר היים.

איך האָב אַ שאָקעל געטאָן מיט מיין קאָפּ אויף יאָ. איך וויים ניט ווארום מיר האָט זיך ניט געוואָלט געהן אהין צו דעם מוטצער קוואַל, צום טייך ביסטרא. מיר האָט זיך געוואָלט לעבען אין רוה. דאָרט וויים איך וועל איך אויפגעטרייסעלט ווערען פון די פאַנטאַסטישע באַגעגענישען, די אַטמאָספערע ווירקט אויף דעם האַרץ און נשמה, דאָס האָב איך געוואָלט צאַמען היינט, מיר האָט גאר דער קאַמף געריצט, גע־רייצט האָבען מיך די רייד וואָס איך האָב געהערט פון זמיט־רוכען, שלעמעצען און אנדרושאַן, און וואו איז מיין אייגענע רעדע. די ליבע צו איהר איז געלעגען אויף דער וואָג מיט דעם גערעכטען קאַמף און איך האָב ניט געוואוסט וואָס עס וועגט אריבער. דער גרויסער נביא זמיטרוכע איז פאַר מיר יעצט גע־קומען. זיין הייליג געשטאַלט האָט צו מיר גערעדט יעצט:

— קום! קום דו קליינינקער דוד׳ל, הרג׳ע אוועק דעם גרויסען פּלשתי, דעם גרויסען מענשליכען שונא. מיינע יאהרען זיינען געצעהלטע. איך וויל דערלעבען צו זעהן דעם פּלאַם אין פּולען ברען.

ווי אַ חלום איז זמיטרוכע פאַרשוואונדען פון מיר באַלד איז באַשקע ווי אַן אונאַנטפּלעקטער גייסט פאַר מיר אויפגעשטאַנען, מיט פאַר׳חלום׳טע אויגען צו מיר איהרע טענות געוואָרפען: איך בין פאַר דיין האַרץ דער רעגירער, וואוהין געהסטו אָהן מיר? דיין וועג וועט זיין בלאַנזענדיג און טרויעריג, דו וועסט באַ־וויינען אַלע דיינע יאהרען דאָס פאַרלאָרענע גליק פון ליבע. איך האָב אַ ציטער געטאָן פון דעם געדאַנק און בין שנעל געלאָפען אין אַ ריכטונג וואָס האָט ניט געהאַט קיין ציעל. מיר האָט זיך געוואָלט לויפען דורך די וועלדלעך, דורך די געדיכט באַ־צווייגטע בוימער, זיי זאָלען אפּטרייבען פון מיר די שלעכטע געדאַנקען וואָס האָבען מיך ווי בייזע פליגען געביסען. באַלד בין איך מיד געוואָרען און האָב זיך אונטערגעגעבען.

— נאָט, רײַסט מײַן פֿלײש, צופּט מײַן לײַב, איך גיב זיך אונטער, איהר זײַט מיר בײדע הײליג און טײער. ווען זי האָט מיך דערזעהן האָט זי אויסגעשריען, ווי זי האָט געהאַט אַ געוועט, אַז ליבע האָט מעהר קראַפט. זי האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן: געאַרעמט זײַנען מיר געגאַנגען צו דעם גרויסען סאַסנאָווען וואַלד, צו דעם מוטצער קוואַל און פון דאָרטען צום טײַך ביסטרא. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט און געוויגט זיך ווי די צווײַיגען פון די גרויסע סאָסנע בוימער, ווי דאָרט וואָלטען זײ אַרײַנגעגעבען דעם שאָטען פון זײער וויגען זיך. שטיל האָבען מיר לידעלעך געזונגען דריקענדיג אײנער דעם צווײטענס אָרעמס, ווי דאָס וואָלט זײַן אָן אָנזאָג.

דער זאַמדיקער וועג האָט געברײַהט אונזערע פיס, די וואָרצלען וואָס האָבען אָפּט דורכגעשניטען דעם וועג זײַנען ווי לאַנגע שלאַנגען געלעגען, עטוואָס פאַרדעקטע מיט דעם זאַמד, ווי זײ וואָלטען אָנזאָגען, טרעט אונז ניט אָן!

— דאָ האָב איך געזעהן דאָס העזעלע, דו געדײנקסט, סאָלאָמאָן?

— געוויס געדײנק איך. ווער ווײסט וואו ער איז יעצט? פיליכט האָט איהם אַ יעגער דערשאָסען, אַ וואָלף פאַרצוקט? אָדער דער קאַלטער ווינטער פאַרפראָרען צום טויט? פיליכט איז ער דאָ אין דעם וואַלד אָדער ערגעץ אַנדערשוואו? זי האָט אַ ווײלע געטראַכט. זי האָט מײַן אָרעם אָפּגעלאָזען. מיט שנעלע טריט איז זי געלאָפען צו יענעם קוואַל, וואו זי האָט דורשטיג געטרונקען דאָס קאַלטע וואַסער, און וואו זי האָט אַ לענטעלע אָנגעטאָן אויף אַ צווײַגעלע. דאָרט זײַנען געוועזן פיעלע אַנדערע לענטעלעך, נאָר זי וועט איהרס דערקענען. זי געדײנקט גענוי דעם קאָליר. זי האָט מיט איהר צאַרטער האַנט מיך גערופען איך זאָל קומען שנעלער — זי האָט די לענטעלע געגלעט, און געזאָגט:

— קײנער האָט דיך ניט צוגענומען.

באַטראַכטענדיג גוט איהר געפינס האָט זי אַ זיפץ געטאָן. די לענטע איז אָפּגעקראַכען געוואָרען, דער פײַכטער רעגען האָט

איהר שעהנקײט פֿאַרדאָרבען. באַלד האָט זי גענומען דורשטיג טרינקען דאָס װאַסער פֿון קװאַל.

— אָך! װי גוט דאָס װאַסער איז אין דורשט. בײַ דעם קװאַל האָבען מיר פֿאַרזאַמט אַ לענגערע צײַט, מיר האָבען זיך צוגעקוקט צו זײַן שלאַנגענד האַרץ, צו זײַן ריטשקעלע װאָס ייראַגט זיך אַװעק אין איבערפֿילטע ברעגען, זומער און װינטער, װערט קײנמאָל ניט פֿאַרפֿראָרען פֿון פֿראָסט, װערט ניט צעװאַרעמט פֿון היץ, זײַן אײביגען לעבען לעבט ער אַזױ.

— ביסטע געװען אַמאָל דאָ אין װינטער?

— געװיס.

זי האָט קײנע פֿראַגען מעהר ניט געפֿרעגט נאָר טיף זיך פֿאַרטראַכט.

— מיר װעלען יעצט געהען צום טײַך ביסטרא.

— יאָ, מיר װעלען געהען.

לאַנג זײַנען מיר געגאַנגען שװײַגענד. זי האָט געװאָרפֿען איהרע בליקען אַהין צו דער אַזערע, צו די געדיכטע בעצװײַגטע אַלכע בױמער, צו די פֿליהענדע טשײַקעס װאָס האָבען זיך געדרײט אין דער לופֿטען, אױסשרײַענדיג: צירק, צירק. בײַ דעם ברעג פֿון דעם װאַסער האָבען גרױסע גרינע לאַפּוכע בלעטער אַרױסגעקוקט פֿון אונטער דעם גרינליכען װאַסער. זײ האָבען אױסגעקוקט װי שװימענדע פֿיש װאָס װאַרעמען זיך אױף דער זון. באַלד האָט זיך באַװיזען דער האַלז פֿון דעם טײַך ביסטרא. אַ װײַלע האָבען אונזערע הערצער שטיל געקלאַפּט װי זײ װאָלטען זיך װעלען צוהערען צו גרױסע געשעהענישען. זי האָט זיך געזעצט אױף דעם גרינעם גראָז װאָס איז געװען האַרט בײַ דעם לױפֿיגען װאַסער. זי האָט אָפּגעאָטהעמט שװער.

— זיץ; יעצט װעלען מיר רוהען אַ װײַלע. איהרע אױגען האָבען געקוקט אין דעם לױפֿיגען װאַסער און אין זײַנע טיפֿענישען. בײַ דעם ברעג זײַנען מיר אַרומגעלאָפֿען שטיפֿענדיג. אַמאָל האָט זי מיך געכאַפּט אַניאָגענדיג און אַמאָל איז מיר געלונגען זי צו כאַפּען װען זי איז שנעל געלאָפֿען. װאָרום מיר האָבען געװאָלט שטיפֿען, האָבען מיר

ניט געוואוסט. עס האָט זיך געוואָלט פרעהליך זײן, קינדעריש זײן, פאַרגעסען אָן דער אנשטרענגונג וואָס האָט אונזערע הערצער מיט טרויער באַוועבט. זי האָט געלאַכט מעהר ווי אימער. איהר געלעכטער איז געווען אָן אונשולדיגער, וואָס מען זעהט נאָר בײַ פרעהליכע קינדער. איך האָב איהר געוואָלט דערמאָנען אָן דעם, נאָר איך האָב ניט געוואָלט אַז זי זאָל בײַטען איהר געמיט, און טיפע פאַרטראַכטונג זאָל אונז ווידער באַפאַלען.

— ווילסטו דורכגעהן דעם טײַך?

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן.

— איך וואָלט געוואָלט. ווי קען איך געהן? איך וועל דאַרפען אויסטאָהן מײַנע שיך און דערנאָך וועט דאָס זײַן ניט שעהן. דו ווייסט? איך בין יעצט אַ פריילין, איך הויב זיך אָן שעמען.

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאַנט ווי איך האָב זי אריבערגעפיהרט דעם שיפּאוועָר רוטצעי, ווי איהרע פיסעלעך האָבען ווי די גענזענע לאַפּקעלעך אויסגעקוקט אין דעם וואַסער. זי האָט זיך דאַן ניט געשעהמט. זי האָט געלאַכט. איהר שעהמען זיך האָט מיך פאַרפיהרט אין בלאַנדזשענדע געדאַנקען.

— ווילסטו ניט אריבערגעהן דעם טײַך?

זי האָט איהרע אויגען ארונטערגעלאָזען.

— ניין.

— ווילסטו דאָ בלײַבען אַליין און איך וועל אַליין אריבער־געהן?

— ניין! האָט זי ווידער ארויסגערעדט, מיר וועלען בײדע זיצען בײַ דעם ברעג בעאָבאַכטען די שימערענדע שטײנדעלעך, איך וויל זײער רוה ניט שטערען. זאָלען זײ שימערען דאָרטען, באַקושט ווערען פון דעם רײנעם וואַסער. מיר וועלען זײ דאַרפען באַטרעטען מיט אונזערע פיס. פיליײכט זײנען זײ פאַרבלאָנדזעטע נשמות, פאַרשאָלטענע הערצער וואָס קלאָגען אויף זײער זינדיגען לעבען. דאָ בײַ דעם ברעג וועלען מיר זײ באַטראַכטען, וואַרפען אונזערע ברכות צו זײ, שיקען אונזערע טרײסט ווערטער. איהר זעהט? — האָט זי פלוצלונג אויסגעשריען — אַ גרויסער פיש

איז ניט ווייט פון אונזער ברעג דורכגעשוואומען. דאָס איז געווען אַ העכט וואָס האָט געלויערט אויף אַנדערע פישעלעך וואָס האָבען זיך געוואַרעמט ביי דעם ברעג פון טייך. דאָ האָבען זיי אויך פּאַרצופּער, וואָס פרעסען אויף איינע די אַנדערע?

— יאָ, דאָ וואו עס איז דאָ לעבען, איז דאָ קאַמף. דער שטאַרקערער באַפאַלט דעם שוואַכערען, פאַרניכט איהם.

זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט:

— מיט'ן טויט פון יענעם קומט זיין לעבען. זי האָט אַ רייב געטאָן איהר פאַרשוויצטען שטערן, איינגעבויגען דעם קאָפּ האָט זי שטיל אין זיך געטראַכט.

— דאָס לעבען איז אַ פּלאָנטער — האָב איך געזאָגט — וואָס איך קען ניט פאַרשטעהן, איך וועל עס מוזען אַמאָל פאַנאַנ־דער וויקלען, פאַנאַנדער פּלאָנטערען, איך זאָל עס בעסער קענען פאַרשטעהן. וואָס טיפער דו וועסט עס גראָבען אַלץ שווערער וועט עס ווערען פאַר דיר. געה אויף זיין אויבערפלאַך וועט דיר גרינגער זיין. דאָס לעבען איז אַזוי ווי די לאָפּעטע וואָס גראָבט די ערד, וואָס טיפער זי גראָבט, אַלץ שווערער ווערט די ערד. קענסטו לאַכען ווי דו האָסט פריהער געלאַכט? האָב איך זי געפרעגט. דיין געלעכטער האָט מיר געבראַכט פרייד, מיין פרייד האָט דיר געבראַכט געלעכטער. לאַכען איז אַן אויבער־פלעכליכע זאַך. דיינקען איז אַ טיפער אַפּגרונט. דער טיפער אַפּגרונט האָט אימער אַ פאַרבאָרגענעם ציטער, און פאַרבאָר־געניש רייצט די מענשליכע פאַנטאַזיע, פאַנטאַזיע רייצט דעם מענשליכען געדאנק, געדאַנק רייצט דאָס מענשליכע האַרץ, דאָס האַרץ רייצט די מענשליכע נשמה. יעצט זעה וואָס איז אנגעבונדען צו דעם רינגען־קייט פון פאַרטראַכטונג. איז ניט בעסער צו זיין ווי דער שטויב, ניט טראַכטענדיג וואוהין דער ווינט וועט פאַרטראַגען?

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן.

— דאָס איז דאָך שטויב. דאָס מענשליכע לעבען, דער מענשליכער מאַרך האָט אנצייכענונגען, קעמערלעך, וואָס האָט פאַר יעדער זאַך אַ וואָס און אַ וואַרום.

זי האָט א ציטער געטאָן, ווי זי וואָלט מיט דעם געוואַלט אפּטרייסלען אלע שלעכטע געדאנקען.

—מיט וועלען ווידער שטיפן, לאַכן, לאַכען ווי די קינדער. יאָ — זי האָט זיך א ריס געטאָן פון מיר און איז אוועקגעלאָפן ווייט פאראויס.

— כאַפּ מיך, האָט זי געשריען מיט א קינדערשען געשריי, כאַפּ מיך! און איז ווייטער פון מיר געלאָפן. איך האָב זיך מיט אימפעט א לאָז געטאָן נאך איהר, און באלד איז זי געווען אין מיינע ארעמס איינגעפלאכטען קרעפטיג. זי האָט אויף מיר א קוק געטאָן. זי האָט דערפילט מיין הארץ קלאַפּען.

זי האָט טיף אין מיינע אויגען אריינגעקוקט מיט יענעם געפיהל פון ליבע און שרעק.

— דיין הארץ קלאַפּט, האָט זי מיר געזאָגט, עס קלאַפּט שטארקער, פארלאנגענדיג, סודות'דיג פּרעפּעלט עס דאָרט, צו וועמען פּרעפּעלט עס דאָרט?

— צו דיין הארץ, צו דיין קערפּער.

זי האָט אפּגעווארפען מיינע הענט און איז אפּגעלאָפען עטליכע טריט.

— געה ניט צו צו מיר, דו ביסט געפעהרליך פאר מיר, ווי יענער העכט איז געווען געפעהרליך פאר די פישעלעך וואָס האָבען זיך געווארעמט אונטער דער זון. איהר בוזים האָט זיך געהויבען ווי זי וואָלט געווען פארמאטערט. איהר אטהעם איז אָפּטער געקומען, ווי זי וואָלט וועלען ארויסלאָזען איהר פרייד וואָס האָט זי געשטיקט.

— וועלען מיר געהן אהיים?—האָב איך זי געפרעגט.

— געוויס וועלען מיר געהען! מיר וועלעןווארטען א ווייַלע.

צו וואָס זי האָט געוואלט מיר זאָלען ווארטען א ווייַלע האָב איך ניט פארשטאנען. איך האָב דערנאך געוואוסט אז זי

ווייל אפקיהלען דעם שטראם פון אומבעגרייפליכען, וואס איז צו איהר געקומען אין די מאמענטען.

— מיר געהן, האט זי פלוצלונג צו מיר געזאגט.

זי האט מיך אונטער'ן ארעם גענומען און איז שטיל גע־גאנגען דעם וועג אהיים. יעדעס מאל וואס איך האב געוואלט איבערגעגעבען מיין געפיהל דורך די מוסקולען פון מיין האנט, האט זי בייז א קוק געטאן אויף מיר און האט געזאגט, טיף אריינקוקענדיג אין מיינע אויגען.

— סאלאמאן!

זי האט געקוקט אויף מיר מיט יענער פרויען שרעק, וואס געפינט זיך אין פאנג ביי א שטארקערען. שנעלער זיינען מיר געגאנגען דעם וועג אהיים. זי האט אפט געקוקט אויף דער געהענדער זון וואס איז אלץ נידעריגער ארונטערגעשוואומען צום האריזאנט. די טונקעלקייט האט זי גערייצט און געשראקען.

— מיר וועלען זיין אין דער היים פארנאכט.

איך האב געוואוסט איהר געדאנק, געוואוסט איהר ראנגעל פון שרעק, דעם ניט טרויען פון אונשולדיגער ליבע. ווען מיר זיינען ארויס פון דעם סאסנאוועץ וואלד האט זיך די זון גענומען רויטלען. אויף איהר נאכט וועג האבען זי באגעגענט די פורפור וואלקענס, וואס האבען אויסגעשפרייט א פארביגען קאוויאר. דאס פעלד און די גרינע לאנקעס האבען דופטיג געאטהעמט. דעם וועג דורך די פעלדער איז זי ניט געגאנגען געאיילט. זי האט געריסען גראזען און בלומען, געבינדען זיי אין קראנצען, און אפט געווארפען זיי צו מיר. ביי דעם וועג וואו מיר זיינען געגאנגען האט זיך געשליינגעלט א שטיל ריטשקעלע. דאס וואסער איז געווען פלאך און אומבאוועגליך. די פארנאכטיגע טונקעלקייט האט אונז אין דארף געבראכט. זי האט פריי אפגעאטהעמט:

— איך בין צופרידען וואס איך בין נאהענט צו מיין היים.

— איך אויך, האב איך שטיל געזאגט.

זי האט זיך פאנאנדערגעלאכט:

— ווארום ביסטו צופרידען? דו ביסט דאך א מאן,

מענער האָבען דאך אַלע פּריוויליגען. זי האָט געוואָלט נאך וואס זאָגען, נאר איז פלוצלונג שטיל געוואָרען.

— איך וויל דיך פארלאָזען. ווערסט מיר ווינשען א גוטע נאַכט?

— געוויס.

זי איז אוועק. באלד האָב איך דערהערט איהרע רייד אין הויז. מיך האָט פארדראָסען איהר האַנדלונג כאָטש טיף אין הארצען האָב איך געוואוסט אז זי איז גערעכט. איך האָב דאָך יאָ געהאט דעם געפיהל פון יענעם וועלפעלע וואס האָט אפּעטיטלעך געגארט נאך דעם לעמעלע. דער עגאָאיזם ביי א מענשען איז גרויס. ניט טראַכטענדיג וועגן איר האָט אין מיר געבויערט דער כעס. איך וועל מיט איהר איבעררייסען אַלע פארבינדונגען, איך וועל זי פארפייניגען. נאסטיא טיכאמעראווא איז געקומען צו מיר אויפן געדאנק. איהר העסליך פּנים האָט מיך ניט געקימערט. עפּעס האָט אין מיין הארצען געריצט, געוועקט. גייסט און ליבע צוזאמענגעשפּינט. וואוהין איך בין ארומגעגאַנגען, האָב איך אָפּט געברומט פון כעס, און האָב איר מילדען פּנים דערזעהן אין יענעם געשטאַלט פון דער פינסטערער נאַכט. איהרע אונשולדיגע אויגען האָבען אויף מיר געקוקט. איהרע ליפּען האָבען צו מיר געפּרעפּעלט — ליעב מיך ריין און אונשולדיג. איך האָב באַגריפען מיין ווילדקייט, האָב ווילד פארצאַמט די ווילדע חיה וואס זוכט פארצוקונג. איך מוז זי מארגען זעהן, איך ליב זי ריין. איך בין אויף מיין קישען געפאַלען. לאַנג בין איך אומבאַוועגליך געלעגען, פארדאַמענדיג זיך אליין. מארגען וועל איך זי ווידער זעהן.

ווי א באַשולדיגטער בין איך אוועק אין דער ריכטונג וואו איך האָב געדענקט זי צו טרעפען. זי איז געזעסען פארטיפט לייענענדיג א בוך. איך האָב זי אויפגעוועקט פון איהר פאַרטראַכטען לייענען. זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען, האָט ליבליך א קוק געטאָן אויף מיר, האָט מיט א שמייכעל צו מיר געזאָגט:

— איך האָב געדיינקט אז דו ביסט ברוגז אויף מיר? איך

קען דיך ניט באַשולדיגען אין מײַן פאַרברעכען — זי האָט אויף מיר פאַרשעענדיג אַ קוק געטאָן:

— עס איז ניט קײן פאַרברעכען.

די ווערטער האָט זי שטיל אַרויסגערעדט, ניט קוקענדיג אויף מיר נאָר לײענענדיג ווײטער די שורות.

— מיר װעלען זיך פאַרשטײן אַמאָל אויף דעם, האָט זי בגנבה אויף מיר אַ קוק געטאָן. מיר האָבען זיך בײדע ווי קינדער צולאַכט.

— הײנט װעל איך זײַן פאַרנומען מיט מײַן לײענען, איך מוז מאָרגען אָפּגעבען דעם בוך. איהר װעט קענען באַגעגענען הײנט װעמען איהר װילט, הײסט דאָס ניט פרײהײט?

— געוויס, אויב דאָס אַוועקגעהן איז אינטערעסאַנטער, מעהר פאַרלאַנגענד, איז דאָס פרײהײט.

— טראַכט פון בעסערס, האָט זי מיר מיט אַ שמײכעל געזאָגט, אַ ווײלע קענט איהר דאָ זײַן מיט מיר, נאָר ניט לאַנג, האָט זי ווידער לאַבענדיג באַמערקט.

— דו ביסט הײנט פול מיט שפּאַס, איך בין צופרידען צו טרעפען דיך אַזוי. איך האָב געוואָלט זעהן וואָס זי לײענט האָט זי מיט שטרענגקײט פאַרווערט צו זעהן דעם נאָמען פון דעם בוך. איך בין אַוועק אַ מעלאַנכאָלישער אַהײם, ניט ברגז, ניט פרײַנדליך, ווי עפּעס האָט זיך דאָרט געקליבען, ווער ווײסט וואָס פאַר אַ שטורם.

אַנדרושאַ האָט מיך דערזעהן.

— יאָ, סאָלאָמאָן, מיר װעלען ווידער האָבען אַ פאַרזאַמלונג, מיר האָבען שוין פיעלע נײַע ברידער. מיר ווילען איהר זאָלט קומען.

מײַן האַרץ האָט זיך מיט קאַמף אַ ריס געטאָן פאָרויס. מיט מײַנע אויגען האָב איך דערזעהן מאַרשירענדע רײהען, קעמפער מיט ענטבלויזטע ברוסטען, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, שרײענדיג פאַראויס געגען דעם שונא, געגען די וואַמפּירען. עכאָס ענטפערען פון אַלע טײלען פון דער וועלט: בראַוואָ! בראַוואָ! צוועלף בײטאָג. ווער זײַנען די נײַ־צוגעקומענע ברידער?

פיאטער, וואנקע, סטעפאן, כיעדאט. וואס איז דער אונטערשייד זייערע נעמען, זיי טראגנען אלע איין פאן.

הינטער די גארעוואטקעס אויף דעם גרינעם גראז, זיינען געזעסען א גרופע מענשען, פארלייגט די הענט אריבער די קניה און האבען שטיל צווישען זיך גערעדט.

זמיטרוכע מיט זיין גרויסען שטעקען האט מיר דעם וועג געציינט, אז זיי געפינען זיך דא. איך האב מיט דער האנט געענטפערט אז איך זעה און באלד בין איך צוגעקומען צו דער גרופע מענשען, וואס האבען זייער פרייהייטס קאמף דא געוועבט. אלע האבען מיך פריינדליך באגריסט, אנרופענדיג מיך דאס קינד פון פרייהייט . זמיטרוכע איז אויפגעשטאנען דער ערשטער. ער האט זיך אנגעשפארט אויף זיין שטעקען מיט זיין רעכטער האנט, מיט דער לינקער האט ער גערופען צו די פארזאמעלטע זיי זאלען איהם אויסהערען מיט אויפמערקזאמקייט. אלע פנים'ער האבען זיך געווענדט צו זמיטרוכען. זיין קאפ האט א ציטער געטאן, ווי ער וואלט געוואלט אויפוועקען דארט אין זיין מארך געדאנקען וואס זיינען פארגליווערט געווארען אין דעם מאמענט.

— איהר זייט אלע אהער געקומען — האט ער אנגעהויבען מיט די ווערטער — ניט צו א הוליאנקע, ניט צו שפאסען, איהר זייט געקומען צו זעהר אן ערנסטער זאך, צוליב דעם לעבען, דאס ארימע לעבען וואס דריקט און שטיקט אונז. — זיינע ווערטער זיינען געגאנגען העכער און העכער — יא, צוליב לעבען, דאס לעבען וואס איז פאר אונז דא, נאר איז בארויבט געווארען פון רויבער, וואמפירען. גערולדיג האבען מיר געטראגען די קייטען פון שקלאפעריי, געטרונקען דעם ביטערען בעכער פון נויט און פייניגונג. היינט!—האט ער הויך זיין האנט אויפגעהויבען— היינט איז געקומען די צייט, אונזער גערולד האט געפלאצט, מיר מוזען אויפשטיין ווי איין מאן און פארניכטען די פיאווקע פון אונזער קערפער. מיר האבען שוין מעהר קיין בלוט ניט צום לײדען. דערפאר האבען מיר בלוט צו קעמפען, דאס בלוט אין אונזערע אדערען איז הייס און קעמפעריש, מיר דארפען עס צוגיסען אין לאוועס. זייט איהר מיט מיר?

— יאָ, האָבען אויסגעשריען שטימען.

— אויב איהר זייט מיט מיר, געהט אין מיינע וועגען, אין מיין וועג וואָס איך האָב יעצט געפונען, ניט אין דער פאַרפלוכטער נאַרעריי פון מיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט מיך געמאַכט שווארץ ווי די נאַכט. יעצט ברענט אין מיין הארצען דאָס אמת׳ע ליכט, דאָס ליכט פון דער מענשהייט.

איך האָב געבלאַנזשעט אויף דעם וועג צו דעם קלויסטער, האָב זיך איינגעהערט צו די רייד פון דעם גלח. מיט זיין פינסטערען געוועב האָט ער פארוועבט מיין אמת׳ן פאַרשטאַנד, דעם אמת צו דער מענשהייט. ער האָט מיר געזאָגט אַז גאָט איז דער פאַרוואַלטער פון דער ערד און אַלעס וואס איז אויף דער וועלט. ער איז דער שופט וואָס משפט רעכט און אומרעכט. געדולדיג האָב איך געוואַרט אויף זיין גערעכטיגקייט. מיינע בהמות זיינען גע׳פגר׳ט פון הונגער, מיינע קינדער זיינען הונגעריג געוועזן. איך האָב איהם גערופען צו הילף, איז ער געקומען? בלינדערהייט בין איך געגאַנגען מיין וועג צו דעם גלח וואָס האָט באַ מיר צוגענומען דעם לעצטען גראשען פאַר א תפלה. יעצט גלויב איך אין מיין איינענעם גאָט, דער גאָט פון מענשליכקייט, מיט די לעצטע כחות פון מיינע לעצטע יאהרען וועל איך געהן אויסקעמפענדיג מיין וועג צום אייביגען שקלאַף נאר דאַן וועל איך רוהיג שטארבען ווען איך וועל וויסען אַז מיינע קערענדלעך האָבען זיך צוואוואַקסען אין אַלע פיר עקען וועלט.

ער האָט זיין שטעקען ארונטערגעלאָזען און איז אליין נע־זונקען צו דער ערד.

שלעמעץ האָט אַ הוסט געטאָן, ווי ער וואָלט אנזאָגען אַז ער איז דער פאָלגענדער רעדנער. ער איז אויף גיך אויפגעשטאַנען האָט אפגעהוסט און האָט אנגעהויבען ריידען.

— געדולדיג האָבען מיר געטראָגען די קייטען, געדולדיג זיינען מיר געגאַנגען דעם הערליכען הארעפּאַשנעם וועג, די בייזע חיות האָבען אונז פון דעם וועג אראָפּגעשטויסען, יעצט לויפען מיר ווי הונגעריקע וועלף מיט מיילער אפענע. מיר ווייסען ניט

אויף וועמען צו וואַרפן זיך. מען האָט אונז צוגעוואָרפן אַ טרוקענעם ביין, דעם גלויבען, דעם גאָט, וואָס מעהר מיר האָבען אויף איהם געהאָפט אַלץ מעהר האָבען מיר געהונגערט. זיין הילף איז ניט געקומען. ער האָט נאָר פאַר־שלעפּערונג געבראַכט. ווי לאַנג קען מען שלאָפען מיט אַ ליידיגען הונגעריגען מאַגען? דאָס קאַלטע אייז פון געדולד איז צו־בראָכען געוואָרען. דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען אריבער־געהן די ברעגען. יעצט וועט זיין אַ פאַרפלייצונג, מענשליכע קרבנות וועלען פאַלען, נאָר בעסער צו שטאַרבען אין קאַמף ווי אין הונגער.

אַרומקוקענדיג האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן גראָז.

— אַנדרושאַ טיכאַמעראַוו — האָבען עטליכע אויסגע־שריען.

אנדרושא איז רויט געוואָרען, האָט זיך אַביסעל פאַרלאָרען.

— זאָל ווער עס איז אַנדערש ריידען, איך וועל שפּעטער זאָגען מיין וואָרט.

— פיעדראַט! — האָבען עטליכע אויסגעשריען.

פיעדראט איז געווען אַ ברייט־פּלייציגער פויער. זיינע הענט זיינען געווען גראָבע און פולע ווי זיי וואָלטען געטראָגען אין זיך אַ געשווילעכץ. לאַנגזאַם איז ער אויפגעשטאַנען, האָט זיך פוילענדיג אויסגעצויגען, האָט אַ גענייץ געטאָן: אַ ווײַלע האַלטענדיג דאָס מויל אָפען, האָט ער אָנגעהויבען ריידען.

— איך בין מיט אייך דאָ דעם ערשטען מאָל. אייניגע פון אייך קען איך ניט, איהר זייט מיר אומבעקאַנט. איר זייט מיר ניט אומבאַקאַנט ווייל איך קען אייך ניט, איהר זייט מיר אומבעקאַנט ווייל איך ווייס ניט ווי הייס אייערע בלומען זיינען פאַר דעם קאַמף. איהר זייט אַרבעטער, שווערע אַרבייטער! ניטאָ קיין אונטערשיעד צי איהר אַרבייט אין אַ פאַבריק צי אין פעלד, איהר לעבט פון אייער אַרבייט. איך רוף דאָס אָן אַ לעבען. האָט איהר אַ לעבען נאָך דעם וואָס איהר אַרבייט אָפּ שווער און ביטער? האָבען אייערע קינדער אַ לעבען? האָבען אייערע פרויען אַ לעבען? זייט איהר באַוואָרענט פון הונגער און

קעלט? איהר, אָט די וואָס ארבייטען, האָט גארנישט, אייער ארבייט ווערט אוועקגערויבט פון רויבער, פון די וואָס ווייסען ניט וואָס ארבייט הייסט, פון די וואָס האָבען קיינמאָל ניט געהאט קיין מאזאָליע אויף זייערע הענט, אָט די לעבען אין פּאַלאַצען, מיט אַלע פאַרגעניגענס. אויף וועמענס רעכענונג לעבען זיי, ניט אויף אייערען? — ער האָט זיין מעכטיגע האנט ארומגע־פיהרט אין אַ קרייז — אָט די אַלע פּאַראַזיטען זיצען אויף אייער קארק, זויגען דאָס בלוט ווי די אפריקאַנער פלעדער מויז. איך בין אייך ניט געקומען לערנען, איך בין געקומען מיט אייך זיך דורכריידען, אנצייגען אייך אייער אייגענעם געפּייניגטען לעבען. לאָזט ניט אויסלעשען דעם פייער פון אייערע הערצער אין דעם פייער פון קאַמף, שמידט אויס די קייט פון ברידערליכקייט און איהר זייט די זיגער.

ער האָט זיך טיף פאַרנייגט, צוגעהענדיג צו זיין פריהער־דיגען אָרט האָט ער זיך האַרט אוועקגעזעצט. מיט אַ רויטען טיכעל האָט ער געטרוקענט זיין פאַרשוויצטען שטערען.

אַ ווײַלע איז דער רעדנער פּלאַץ געוועז לײדיג. באַלד איז אַנדרושא אויפגעשטאַנען און האָט אנגעהויבען לאַנגזאַם ריידען. זיינע רייד זיינען געוועז ווי אַ פאַרלעזונג פון אַ בוך, נאַר באַלד האָט ער גענומען ריידען הילכיגער, קלינגענדער, ווי אַ מעכטיגער גלאָק האָט זיין שטימע געקלונגען. זיינע אויגען זיינען געוועז פול מיט טרערען. זיינע הענט האָבען געציטערט. ער האָט זיך אפּט געבויגען ווי אין וועהטאָגען, און אָפּט אויפגעשפּרונגען הויך, ווי ער וואָלט וואָס געוואָלט דערגרייכען:

— איך רעד צו דעם הימעל אזוי ווי צו דער ערד, גערעכ־טיגקייט! גיב דעם וועמען עס קומט, רויב ניט אוועק וואָס איז ניט דיינס. דער טאָג וועט קומען און אַלעס וועט מוזען באַ־צאָהלט ווערען. מיר וועלען נעהמען אונזער ראַכע. איך וויין ניט אויף די מענשליכע לײדען, איך וויין אויף דעם מענשליכען געדולד, זאָלען זיי אויסשרייען זייער לעבענס געשריי, און אַלעס וועט פאַרציטערט ווערען. איהר קענט אַלעס האָבען נאַר איהר זייט פויל צו נעהמען. אַלעס איז דורך אייך און אייערס. ווארום

שווײַגט איהר? וואָרום רופט איהר צו דעם גאָט וואָס האָט איך פאַרראַטען און ניט צו אײער כח וואָס וועט איך ברײנגען אַלעס? זאָגט איהר צו?

אַלע האָבען מעכטיג אויפגעהויבען די הענט:

— דער קאַמף איז אַ געוואונענער!

אַנדרושאַ איז שטיל געבליבען. מיט אַ פּאַזע פון אַ פאַר־גליווערטען, און איז באַלד אוועק אָן אַ זײט צו זײן אָרט. שטיל האָבען געקלאַפּט די הערצער: שטיל האָבען געפרײכט די אָטעמס, הינטער דער שטילקײט האָט אַ װאולקאַן זײן כח געהאַלטען. אַלע אין שטילקײט האָבען פאַרלאָזען דעם פּלאַץ און זײנען אוועק אין באַזונדערע ריכטונגען. זמיטרוכע מיט זײן גרויסען שטעקען איז אוועק צו זײנע געגנט, אונטערשפּרינגענדיג ווי אַ יונג קינד. איך האָב גענומען דעם וועג מיט אַנדרושאַן. מיר זײנען בײדע ריידענדיג געגאַנגען. בײ דעם אַרײנגאַנג פון דאָרף האָבען מיר זיך צוטײלט אין באַזונדערע וועגען.

— וועסט מאָרגען זײן בײ אונז?

— פּילײכט.

— מײן שוועסטער פרעגט זיך נאָך אויף דײן קומען.

איך האָב אַ לאַך געטאָן און בין אוועק מײן וועג. אין דאָרף האָבען זיך די פּויערים געגרײט צו זײער אָווענד ברויט. פאַרמאַטערטע פערדלעך זײנען קוים געגאַנגען זײער גאַנג צו די שטאַלען, פאַר זײער נאַכט אַפּרוה. אַנדרושאַ האָט מיר אָנגעזאָגט אַז יעווגעניא לעבעדעוו איז געקומען פאַר זײנע קאַניקול מאָנאַטען. מיר האָט זײן נאָמען אַ ברען געטאָן. איך געדײנק זײנע אויסדרוקען:

— דו קלײנער איד! און נאָך אַזעלכע ווערטער וואָס טוהען וועה. איך וועל איהם אָבער באַזיגען! איך ווײס אַז יעווגעניע האָט ליב געהאַט צו שפּילען רויכעס. דאָ וועל איך באַווײזען מײן געניאַליטעט. ער וועט מוזען זײן מײן שקלאַף. ער וועט מוזען שטעלען די גאַראַדאַ, און וועט זאָגען: אײך אידען איז שווער צו באַזיגען! איך וועל שטעהן ווי אַ זיגער אָנגע־שפּאַרט אויף די געוואונענע שטעקענס. אַרײנקוקען מיט אַ

שמייכעל אין זיין צורייצטען פנים. מיר מוזען זיין פארטיג, האב איך אנדרושא'ן געזאגט. אויף מארגען האבען מיר גע־שפילט געגען די מאגאזעיעס אויף דער טרוקענער פלאשטשאט־קע. מיט מיר האט געשפילט אנדרושא. יעווגעניא האט גע־שפילט שותפות מיט צימאכען. באלד האבען מירביידע אוועק־געשטעלט אונזער גאראד. אויך האבען זיי דאס זעלבע געטאן. ווער זאל שפילען די ערשטע, האבען מיר געווארפען גורל. אלעס איז פארטיג געווען פאר'ן שלאכט. יעווגעניע האט א ווארף געטא זיין שטעקען, האט עטליכע ריוכעס געטראפען נאר האט זיי פון גאראד ניט ארויסגעקלאפט, חזרים! האבען מיר אויס־געשריען. באלד האט געווארפען דעם שטעקען צימאכע, אויך ער איז געווען א דורכפאל.

— גער, דו אנדרושא! — האב איך געזאגט.

אנדרושא האט ארויסגעשלאגען פיער. יעווגעניעס שטערען האט זיך פארקנייטשט. נאך איינע האט אנדרושא געווארפען און האט צוויי ארויסגעזעצט ווייט אוועק.

— יעצט טוה דיין בעסט, סאלאמאן, האט אנדרושא מיר געזאגט, שווער אפפרייכענדיג.

איך האב מיט מיין גאנצער קראפט געשיקט דעם שווערען שטעקען. באלד האבען די ריוכעס ווי דערשראקענע פויגלען גענומען פליהען ווייט אוועק. נאך איינס און מיר זיינען פארטיג. באלד האב איך געווארפען דעם צווייטען שטעקען און אלעס איז געענדיגט. איך און אנדרושא זיינען געווען די געווינער. יעווגעניע איז געלאפען אין אלע ריכטונגען צונויף צוקלייבען די פלעקעלעך, האט זיי געשטעלט אין פלאץ. מיט זיינע בייזע אויגען האט ער געקוקט אויף מיר אונטערברומענדיג ווי א ווילד צורייצטע חיה.

— פארטיג! — האבען מיר א געשריי געטאן ווי זיגער.

— איך וועל יעצט שפילען דער ערשטער.

אנדרושא האט געזאגט — גערו אן.

באלד האב איך געשיקט מיין שטעקן אין די שטייענדע העלצלעך — פינף! — האב איך אויסגעשריען — פינף!

דער גאַראַד האָט אויסגעקוקט ווי אַ מויל אין וועלכען עס פעהלען ציינער. יעווגעניא האָט אַ זידעל וואָרט געזאָגט. באַלד האָב איך געוואָרפען דעם צווייטען שטעקען, האָב ווידער געטראָפען אין ציל. פיר האָב איך אויסגעקלאַפּט. אַנדרושאַ האָט געקלאַפּט בראַוואָ.

— יעצט טוה דאָס בעסטע.

אַנדרושאַ האָט זיך אוועקגעשטעלט אין פּלאַץ און האָט באַלד מעכטיג געוואָרפען דעם שטעקען אין די שטייענדע העלצעלעך. ווי דערשראָקענע פייגעל זיינען זיי זיך צופלויגען אין פאַרשידענע ריכטונגען. אַנדרושאַ האָט אויפגעהויבען דעם ניט געשפּילטען שטעקען.

— דאָס איז איבער געבליבען.

באַלד האָט ער זיך געשטעלט אָן אַ זייט אַנשפּאַרענדיג אָן שטעקען.

— נו, הייבט אָן.

ביידע פאַרכמורעטע, דערשלאָגענע, האָבען שטיל געפרעפּעלט:

—אומזיסט איז אונזער שפּילען, מיר וועלען ווידער דאַרפען שטעלען די גאַראַדא.

יעווגעניעס בלוט האָט אַריינגעשאָסן אין זיינע פליישיקע באַקען: יעצט וועלען מיר זעהען ווער עס וועט געווינען?

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען, איז ער מיט כעס אַפּגעטראָטען דעם פּלאַץ פאַר אונז צו שפּילען.

— נו! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט בייזען כעס — געווינט יעצט.

אַנדרושאַ האָט געוואָרפען דעם שטעקען, האָט בלויז אַרויסגעשיקט איינעם.

— איהר זעט, האָט ער מיט באַגייסטערונג אויסגעשריען.

באַלד האָט אַנדרושאַ געשיקט דעם צווייטען שטעקען.

— זעקס, האָב איך אַ געשריי געטאָן. דעם געשריי האָב איך געמאַכט ניט אַזוי פון באַוואונדערונג ווי כדי אַריינצושיסן אין יעווגעניעס האַרץ פיילען עס זאָל איהם וועה טאָן.—זעקס!—

האָב איך נאָך אַמאָל אויסגעשריען — און באַלד בין איך געווען דער וואָס האָט פאַרענדיגט מיט אַ גרויסן זיג. מיר זיינען ווידער געווען די געווינער.

יעווגעניע האָט פון כעס אַ וואָרף געטאָן די שטעקענס ווייט, ווי ער וואָלט מיט דעם זיין כעס געשטילט . . .

— נאָך אַמאָל, האָט צימאַכע אויסגערעדט, און דערנאָך וועלן מיר טראַכטן אַז עס ליגט אין די שטעקענס אייער כשוף.

איך האָב מיט אַ מוראַדיקן קלאַפּ אַרויסגעשלאָגן אַכט. יעווגעניע איז ווי אַ בייזער טיגער געלאָפן אין אַלע ריכטונגען. באַלד איז ער צוגעלאָפן צו די שטייענדיקע שטעקלעך, האָט זיי אַלע אומגעוואָרפן — אַלעם געענדיקט.

מיר זיינען ביידע פאַרוואונדערט געשטאַנען אַנקוקענדיג איינער דעם אַנדערן. — דער מענש איז משוגע!

אַן ווערטער זיינען זיי אַוועק אהיים. מיר האָבן זיי אַ ווײַלע נאָכגעקוקט און ווילד געלאַכט. איך מיט אַנדרושאַן זיינען געבליבן שפּילן איינער געגען דעם אַנדערן, און באַלד זיינען מיר ברידערליך אַוועק אהיים. ווען איך בין פאַרביי־געגאַנגען נאַסטיאַ׳ס הויז האָב איך זי דערזעהן זיצענדיג אין דרויסען. איך בין צוגעגאַנגען, האָב זי מיט אַ הילכיגען געשריי דערשראָקן:

— סאַלאָמאָן! וואָס טוט איר?

איך האָב אַ לאַך געטאָן: איך האָב קיין שלעכטעס ניט געמיינט.

— דאָס ווייס איך.

— וואָס זייט איהר אַזוי פאַרטראַכט געזעסן?

— עס איז דאַ זעהר פיעל פון וואָס צו טראַכטען אויב דאָס טראַכטען מיינט עפּעס.

— האָפּט, אויב אייער טראַכטען איז אויף גוטס; טאָמער איז עס אויף שלעכטעס, פאַרגעסט עס ווי אַ חלום.

— איהר זייט גערעכט. נאָר ניט אימער זיגט די גע־רעכטיגקייט . . . ווילט איהר זיצען?

— איך דאַנק אייך. איך וועל שטייען אַ ווײַלע, וועל איך

זיין מעהר גאסט.

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— איהר ווייסט אַלעס ווי אַ גרויסער. זייט איהר פאַרנומען דעם אָוונד?

— קיין באַשטימטעס איז ביי מיר נישטא, איך בין נאָך יונג צו זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר מיינע ווערטער, אפילו פאַר מיינע טאַטען.

— איהר זייט גערעכט. ווען איך בין ווי איהר ווי גוט מיר וואָלט געווען.

— ווי מען וויל אַזוי לעבט מען. מען דאַרף זיך ניט פרעהען מיט גרויסע זאַכען: קליינע פינטעלעך ווי די געשריפט פון אַ פאַרליבטען אָדער אַ פאַרליבטער, קלייניגקע פינטעלעך וואָס מיינען גאַנצע בערג. איהר פאַרשטעהט?

— געוויס פאַרשטעה איך.

— וואו נעמט מען די פינטעלעך? קיינער שרייבט מיר ניט.

— טרויעריק! — האָב איך געזאָגט.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן: — וואָלט איר מיר אַמאָל געשריבען?

— איך וועל טראַכטען פון דעם.

— יאָ, געוויס. איך וואָלט שוין וועלען לעזען אייערע שורות, אייערע אויסדריקען. איך ווייס אַז זיי וועלען זיין בייסיג, דאָך וועל איך זיי וועלען לעזען און פאַרשטיין. האָט איהר גענוג צייט געהאַט צו ענטפערען, יאָ אָדער ניין?

איך האָב זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט — יאָ, איך וועל שרייבען.

— ווען? — האָט זי שטיל געפרעגט, קוקענדיג מיר גלייך אין פנים אַריין.

— איהר ווייסט אַז איך שרייב מיט גרייזען.

— דאָס מאַכט ניט, דער געדאַנק איז דער שפיגעל.

איך האָב זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט:

— איהר זייט גערעכט, פריילין טיבאַמעראַוואַ. ניט דער גרייז איז דער ‚יע‘ אָדער ‚יאַט‘—דער גרייז איז דער פאַלשער וועג.

אָפּט טרעפט אַז דאָס וואָס איך דענק אַז עס איז גוט, איז גאָר שלעכט פאַר יענעם. ווי קען מען זיי אויסזיפּען אַז זיי זאָלען זיין גוט פאַר אַלעמען? מיר וועלען פון דעם ריידען. פאַרשיע־דענהייטען מאַכען רייך דעם געדאַנק, פאַרשיעדענהייטען זיינען ווי צווייגען אויף די ביימער: עס בילדעט אויס אַ קרייז.

— ווען וועט איר מיר שרייבען? האָט זי האַלב קאָקעטיש, האַלב מיט געבעט מיך ווידער געפרעגט.

— האָט געדולד. דער געדולד אין ערוואַרטונג איז זעהר אינטערעסאַנט. איהר פאַרשטעהט?

— איך פאַרשטעה. ווילט איהר מיט מיר געהן פאַר אַ שפּאַציר?

— וואָס דענקט איהר?

— איך האָף אַז יאָ.

—אייער האָפענונג איז ערפילט.

— איהר וועט אויסוואַרטען אַ ווייל?

— געוויס!

זי איז אריין אין הויז, האָט זיך דאָרט אַ ווייל פאַרזאַמט, באַלד איז זי קאָקעטיש מיט אַ שמייכעל ארויסגעלאָפען.

— קומט! זי האָט מיך גענומען אונטערן ארעם: קומט!— מיט שנעלע טריט האָט זי מיך געפירט צו דעם זויאַוועד באַרג.

— געפעהלט אייך צו שפּאַצירען אויף דעם וועג?

— וואָרום נישט?

דער פאַרנאַכט האָט מיט זיינע טונקעלע אויגן גענומען ווינקען צו דעם ווייסען טאָג ווי זיי וואָלטען זיך איבערריידען, אַז יעצט איז מיין צייט. פריהער האָב איך דיר ניט געשטערט, יעצט גיב מיר מיינע פרייהייטען: די נאַכט האָט געזיגט. דער טאָג האָט פאַרשלאָסען זיינע ליכטיקע אויגן, איינגעדרימעלט אין שוים פון דער נאַכט. זי האָט אָפּט געקוקט צום הימעל ווי זי וואָלט וועמען רופען פאַר אַן עדות — זעהט ווי שעהן די שטערענדלעך צינדען זיך, זעהט, זעהט ווי זיי שווימען ארום דאָרט אין דעם הימלישען אוניווערז. איהרע מוסקולען האָבען מיינע געדריקט. זי האָט אנגעזאָגט דעם סיגנאַל פון ליבע, צו

דער אומבעקאַנטער ליבע וואָס איז צו איר געקומען יעצט דעם ערשטען מאָל ווען זי איז אזוי נאָהענט צו דעם אטהעם פון אַן אַנדער געשלעכט. זי האָט מיין האַנט אַ ריס געטאָן:

— וואָס שווייגט איהר, סאָלאָמאָן?

— יאָ! יאָ! האָב איך זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפער פאַרטראַכטונג.

— פּאָעטען באַזינגען די אומשולד פון דער פרוי. איך וואָלט באַזינגען דעם איבערגעבען זיך. דער פאַנטאַסטישער רייץ האָט אַזאַ קראַפט, אַז ער שלאָגט פון די פיס ארונטער. ער וואַרפט ארונטער פון וועג אין אַ וועג פון משוגעת. איהר פאַר־שטעהט? וואָלט איהר מיך גענומען אין אייערע ארעמס? די נאַכט איז אַ פינסטערע. טראַכט פון די שעהנהייטען, טראַכט פון די געטינס. קושט מיך און מיינט אַז דאָס איז זייער גע־שטאַלט. דריקט מיך צו צו אייער קינדערשער ברוסט. טוט דאָס! ווען ניט ווער איך משוגע . . . טוט איהר דאָס?

זי האָט גענומען וויינען אין ציטער:—אויב די נאַכט קען איך ניט אַפּנאַרען, ווי קען איך אין דעם טאָג ברײנגען פאַרלאַנ־גען? קושען מיינע ליפּען, פּרעפּלען ווערטער פון ליבע, איהר וועט עס מוזען טאָן. איך בין הונגעריק! הונגעריק נאָך ליבע וואָס מיר איז אנגעצייכענט געוואָרען. איהר זייט שוואַכער פון מיר. איהר זייט אינגער פון מיר. און אויב איך קען אייך ניט באַזיגען, וועמען וועל איך דאַרפען אוועקגעבן מיין קערפּער? צו די שווארצע קראָהען וואָס עסען נבלות . . .

— נאַסטיא טיכאָמעראָווא, איהר האָט מיך פאַרנאַרט!

— די נאַטור האָט מיך אויך פאַרנאַרט. זי האָט מיך געבראַכט צו די מענשען, מענשען ווילען מיך ניט. איך האָב ניט דעם רייץ פאַר זיי, איך בין מיאוס, מיאוס ווי דער טויט. בין איך ניט אַ פאַרנאַרטע?

זי האָט מיינע הענט געגלעט:

— וואַרפט מיר צו ברעקעלעך, ברעקעלעך פון אייער האַרצען. גיט מיר יענעם טוי וואָס מאַכט די בלום צו בליהען. גיט מיר די נאַסקייטען פון אייערע ליפּען. קושט מיך, איך בין

דורשטיק. — זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון מיר — איהר ווילט איך זאָל אַנטלויפען פון אייך. איך זאָל לויפען ווי אַ משוגענע אין די פעלדער און וועלדער, זוכען דאָרט דעם ווילדען מענשען וואָס ווייסט ניט פון שעהנקייט, ער וועט מיך ליבען. איהר האָט אויסגעמאהלען אין אייער פאַנטאַזיע אַ געשטאַלט, געטאַקט פון מאַרמאָר, מיט אַ פולען בוזים, מיט פולען פייער. איך בין קאַלט פאַר אייך. איהר זייט גערעכט, וואו איז מיין חלק אין לעבען?

אין דער טונקעלקייט פון נאַכט האָבען איהרע אויגען געבלישצעט ווי שאַרפע שפיזען, ווי פייערלעך ביי דעם הונ־געריקען וואָלף אויף דעם גרויסען וועג.

— איהר געהט? האָט זי מיך פּלוצלונג געפרעגט.

— וואוהין מיינט איהר?

— אהיים מיין איך.

— דאָס איז פיין.

מיין פייער פון רייץ האָט איבערגעברענט, יעצט טליהען נאָר די האַלאָוועשקעס. איך פיל גרינגער. אַ פּלוצלינגער קוואַל האָט אָפּגעגאָסען מיין הייסען קערפּער. איך פיהל זיך ערלייכטערט. פּיליכט האָב איך גערעט נאַרישקייטען. פאַרגיט מיר, סאָלאָמאָן. די פאַרפירערישע נאַטור האָט מיך ווילד געמאַכט. מענשען פאַרלירען זיך, און איך בין דאָך ניט מעהר ווי אַ מענטש. וואָס זאָגט איהר?

— איך פאַרגיב אייך.

מיר זיינען שווייגענד געגאַנגען אַ לאַנגען וועג. איהרע הענט זיינען געוועזען מידע, אָפּגע'חלש'טע. זיי האָבען זיך ווי שטריק געהאַלטען אָן מיר, אָהן קראַפט, אָהן יענער דריקונג וואָס האָט געמיינט טויזענטער ניט געזאָגטע ווערטער. די לבנה האָט זיך ווי פון ערגעץ אַרויסגע'גנב'עט, איז פּלוצלונג מיט איהר ליכטיגען פּנים אַרויפגעשוואומען צו די הימלען. פון דאָרט האָט זי איהר שיין געוואָרפען צו אונזערע טריט. זי האָט אויף דער לבנה אַ קוק געטאָן:

— אַך, דו פאַרחלומטער פּנים שעהנער, דו קומסט,

קומסט ניט פֿאַר מיר. די ליכטיקייט איז מײַן שטערונג — דער אפּשטויס וואָס מאַהלט געשטאַלטען פֿון שעהנ־קייט. די פֿינסטערע נאַכט איז דער גנב וואָס קען אַמאָל פֿאַר־בלאָנזען אין מײַנע קעמערלעך פֿון מײַן האַרץ. געה אוועק אַהין וואו די פֿאַרעלעך קושען זיך, וואו די פֿאַרעלעך פֿרעפּלען אין סודות די ליבע! איך בין אָרעם און אפּשטויסענד. באַהאַלט דײַן ליכט ווי איך באַהאַלט מײַן פּנים. איך געה מײַן קאָפּ געבויגען, געבויגען צו דער ערד. די ערד האָט בערג און גריבער און העסליכע קריכעדיקע באַשעפּענישען.

באַלד האָט זי אנגעהויבען צו זינגען אַ לידעלע. ווײַט אויף אַ צווײַגעלע האָט אַ פֿייגעלע איהר נאָכגעזונגען.

— איהר הערט, סאַלאַמאַן? פֿאַראַנען פֿייגעלעך וואָס זינ־גען מיר נאָך.

אין דעם נאָהענטען דאָרף האָבען די פֿייערלעך זיך געצונדען. פֿרעהליכע אויסגעשרייען האָבען זיך געהערט. דאָס זײַנען געווען די דאָרפֿישע יונגען מיט די מיידלעך. דער גאַרמאָן האָט הילכיג געשפּילט אויף זײַנע הייזעריקע קלאַווישען. מיר דאַרפֿען זײַן פֿאָרזיכטיג, האָט נאַסטיאַ געזאָגט צו מיר. זיי וועלען געווים ריידען שלעכטס וועגען אונז. שטיל זײַנען מיר געגאַנגען דעם וועג אַהיים . . .

צעהנטער קאַפּיטעל

— דו האָסט מיך נאר פאַרגעסען, האָט מיר באַשקע געזאָגט ווען זי האָט מיך דערזען. דו נעהמסט ראַכע פון מיר. איך ווייס ניט וואָס מיין זינד איז? פיליכט געדיינקסטו דאָס וואָס עס איז געשעהן אמאָל? — — —

— דאָס האָבען מיר שוין ערקלערט זיך.

— דו, זע איך, פאַרגעסט ניט.

איך האָב איהר פאַרזיכערט אַז דאָס מיינט ניט ראַכע אדער אַנדערע זאַכען. איך בין געווען פאַנומען.

— פיין! — האָט זי מיר אומעטיג געזאָגט. לאָמיר פאַרגעסען וואָס עס איז געשעהן. וואוהין געהסטו היינט? האָסטו וואס וויכטיקעס? קענסטו פאַרברייינגען מיט מיר היינטיגען טאָג?

— איך דענק אזוי.

— דו דענקסט! האָט זי מיט אומעט איבערגערעדט. באַלד האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו מיר: מיט אַ נעבעטליכען טאָן מיך געפרעגט: פיליכט וואָלטען מיר געפאָרען צו דעם אינזעל? דאָרט אויף דעם אינזעל וועלען מיר אומבלאָנזען, ווייט פון מענשליכע אויגען. דאָרט וואו די נאַכטיגאַלען זינגען, וואו די ווילדע ענטלעך קוואקען אזוי שעהן. דאָרט וואו דאָס וואַסער רינגעלט ארום ווי אן אפגעזונדערטן שלאָס, וואו די וועלען קושען דעם זאמדיגען ברעג און פרעפלען סודות פון דער טיפעניש. נעם מיך אהין צו יענעם שעהנעם צויבער לאַנד, וואו די גרינע ניסען

ביימער וואקסען, וואו די ווילדע רויזען בלומען בליהען, דאָרט וואו די נימפען שווימען ארום אין די לבנה נעכט, ווערסטו דאָס טאָן? ווערסטו מיך נעמען אהין? זי האָט צערטליך ארייגגע־קוקט אין מיינע אויגען, ווארטענדיק אויף אן ענטפער.

— איך וועל דיך נעמען!

זי האָט מיך ליעב ארומגענומען, האַרצליך געדריקט.

—באַלד, האָב איך איהר געזאָגט, באַלד וועלען מיר געהן דעם וועג אהין צו יענעם אינזעל. דאָרט ביי דעם ברעג וואסער וועלען מיר געפינען א שיפעל, מיט דעם שיפעל וועלען מיר פאָרען, און פאָרענדיג וועלען מיר שניידען דאָס וויגענדע וואסער די טיפע אפגרונטען וועלען אונז שרעקען. זיי וועלען אונז רופען און ציהען צו זיך. די ווארעמע זון וועט באַלייכטען מיט איהר גאָלדענעם פאַס דעם גרינעם וואסער וועג. דו וועסט זיצען נעגען מיר, איינקוקען זיך אויף מיינע גרימאַסען, אויף מיינע מוסקולען וואָס וועלען שווער מיט די וויאָסלען שניידען דאָס וואסער, און שוקען אלץ ווייטער און ווייטער די שיף צו יענעם ברעג, וואו עס געפינט זיך דער שוואַרץ־גרינער פאַס ערד וואָס קוקט אויס ווי א גרינער וויגעדיקער וואלקען. דורך דעם באַ־גרינטען פעלד זיינען מיר שוויינענד געגאַנגען, טיף פארטראַכט, גע־זונקען אין טיפע חלומות. דער גרינער קאָרן האָט שטיל געפּרעפּעלט בייגענדיק און וואַרפענדיק זיך פון זייט צו זייט, ווי אין ווילדען געלאָף. פון דער ווייטען האָבען מיר דערזעהן דאָס בלויליכע וואסער, וואָס האָט זיך שטיל פארחלומט באוועגט, ווי עס וואָלט געקושט מיט ליבע דעם זאמדיגען ברעג. זי האָט באטראַכט דעם בלויליכען קאָליר, באטראַכט דאָס שיפעלע.

— מיט דעם שיפעלע וועלען מיר פאָרען צו דעם אינזעל, מיט די וויאָסלעס וועלען מיר שניידען און שיקען דאָס שיפעלע אלץ ווייטער און ווייטער צו יענעם גרינעם פאַנטאַסטישען ברעג. דאָרט וועלען מיר פריי און אומגעשטערט וועבען אונזער גליק.

זי האָט זיך געאיילט ארייננעזעצט אין שיפעלע, האָט באַ־קוקט די ווייטע ברעגען.

— זיינען מיר פאַרטיג צום פאָהרען?

איך האָב באַלד אָפּגעשטופּט דאָס שיפעלע פון ברעג און בין געאײַלט אַרײַנגעשפּרונגען אין איר, און האָב מיט די וויאָס־לעס געגומען שנײַדען דאָס עטוואָס־באַוועגליכע וואַסער. שטיל האָט זיך דאָס שיפעל געוויגט אין איהר גאַנג צו יענעם אינזעל וואָס האָט אַזוי קלאַפּענד דאָס האַרץ געמאַכט. זי האָט לידעלעך געזונגען, אָפּט געקוקט אין זײַנע טיפעניש, אין דעם שווארצען אָפּגרונט. מיט מורא איהרע אויגען צוגעגומען, קוקענדיג אויף מיר און מײַנע באַוועגונגען, אין די ווײַטע רייפען וואָס צו־שפּרייטען זיך נאָך'ן דורכשנײַדען דאָס וואַסער. ווען מיר זײַנען נאָהענט צו דעם אינזעל געקומען, האָט זי אומגעדולדיג איהרע בליקען געוואַרפען מיט זיפצען און פרייד. באַלד האָט זיך דאָס שיפעלע אַנגעשלאָגען אָן זאַמדיגען ברעג. זי איז לײַכט ווי אַ וועוויריקעל אַרויסגעשפּרונגען פון שיפעלע. לויפענדיג פאַרויס האָט זי אויסגעשריען — ווי פּראַכטפול! ווי פאַנטאַס־טיש! — זי האָט געריסען די ווילדע בלומען און זיי גע־וואָרפען אין מײַנע טריט.

— זיי פאַרזיכטיג! — האָב איך איהר געזאָגט. דאָ וואַקסט דאָס גראָז וואָס מאַכט אײביג שעהן.

זי האָט מיך אַ ווײַלע אַנגעקוקט, האָט פעסט מיך אַנגענו־מען בײַ דער האַנט.

— געפין עס פאַר מיר.

— געפינען עס פאַר דיר?

— יאָ, געפין עס פאַר מיר! איך וויל אימער זײַן יונג און שעהן.

איך האָב זי אַ ווײַלע באַטראַכט און באַלד האָב איך איהר געזאָגט:

— פאַר מיר האָסטו שוין לאַנג געפונען דאָס גראָז. דו ביסט די שעהנסטע, די שעהנסטע וואַסער נימפע, די שעהנסטע געטין. וואָרום ווילסטו נאָך שעהנער זײַן?

זי האָט פאַרדעכטליך אַ קוק געטאָן אויף מיר — וועל איך אימער זײַן שיין פאַר דיר?

— אימער! — האָב איך איהר געזאָגט.

זי האָט איהרע אויגען אַרונטערגעלאָזען, א ווײַלע גע־טראַכט:

— איך גלויב דיר ווײַל דו האָסט מיך ליב. אימער? עס איז א לאַנגער וועג. אין לאַנגען לעבענס וועג, ווער ווייסט וואָס עס קען פּאַסירען. איך וועל יעצט דאָס גראָז ניט באַנוצען. איך וועל עס נור דאַן באַנוצען ווען דער ליבעס פייער וועט זיך נעה־מען פאַרלעשען. ווען דער זיסער ווײַן וועט זיך נעמען אויס־וועפּען, דאַן וועל איך אָט דאָס גראָז באַנוצען. איך וויל עס נור מיטנעמען מיט זיך, אהיים טראָגען און פאַרבאַהאַלטען. ווען מײַן קאָליר וועט זיך בייטען פאַר דיר, וועל איך אַנווענדען דאָס גראָז. איך וויל אַז דאָס יעצטיגע גליק זאָל מיך שרעקען, דאָס גליק זאָל מיר אַנזאָגען אַז דער רייץ קען אוועקגיין, וועל איך דורשטיק דײַן ווײַן זופּען. ווען די שעהנקייט וועט זײַן אייביג וועל איך דעם דורשט ניט פיהלען. איך וועל אַפּלייגען דעם טרונק אויף שפּעטער, אויף דער שפּעטערדיקער אייביגקייט. איך בין דורשטיק נאָך דײַן שעהנקייט היינט, איך וויל נעהמען אַלעס וואָס קומט מיר היינט.

אויף די גרינע לאַנקעס איז זי אַרומגעלאָפען, געקוקט אין דעם וואַסער וואו די ענטלעך זײַנען געשוואומען און האָבען הילכיג געקוואַקעט. דער בלויער הימעל האָט פאַר'חלומ'ט אַראָפּגעקוקט אויף די לויפענדע שאָטענס, די זון האָט הייס געבריהט, דאָס ווינטעלע האָט מילד געצערטעלט מיט זײַן קיהלען אָטהעם.

— מיר וועלען א ווײַלע זיצען — האָב איך איהר געזאָגט.

זי האָט באַטראַכט דאָס גרינע גראָז און האָט זיך באַלד אוועק־געזעצט. מיר זײַנען ביידע געזעסען בעצוויבערט. די הערצער האָבען שטאַרק און שווייגענד געקלאַפּט, אָהן ווערטער האָבען מיר פיעל געזאָגט. די ליפּען האָבען דורשטיק געביינקט נאָך וואַרימע, ווייניקע קושען.

ווען מיר זײַנען וואַך געוואָרען פון אונזער פאַרטראַכטונג, האָט שוין די זון געוואונקען מיט איהר גאָלדענעם אויג. ערגעץ ווייט האָט זי באַדאַרפט געהען, דאָרט אויפוועקען פון זייער נאַכט

שלאָף די מענשען, די ווייטע וועלט. דער טוי האָט גענומען ארונטערגעלאָזען זיין גרויען פארהאנג, פארשלעפערענדיג די וועלט אין מידקייט.

— מיר וועלען פאָהרען אהיים.

גרינג איז זי געלאָפען צו דעם שיפעלע. דאָס שיפעלע האָט זיך געוויגט אין אווענד דרימעל. באלד זיינען מיר געפאָהרען אין דעם גרויליכען וואסער צו דעם ברעג. הילכיג האָבען די וואסער־פייגלען געשריען, ווי מיר וואָלטען זייער נאכט רוה געשטערט. שטיל האָבען זיך די שטערענדלעך אין הימעל געצונדען. די לבנה מיט איהר בלאסען פנים איז ארויסגעקומען אונז אנטקעגען, ווי זי וואָלט וועלען באגעגענען אונז אלס געסט, אָדער ווארענען מיט פארזיכטיגקייט, ווייל דאָס וואסער איז הונגעריג און טיף. אויף איהר לבנה פאָס איז אונזער שיפעלע געשוואומען ווי עס וואָלט געווען אונזער גאָלדענער וועג צום ברעג. דאָס שיפעלע האָט זיך אנגעשלאָגען אָן זאמדיגען ברעג. אונזערע הערצער האָבען אַ ציטער געטאָן צוגלייך מיט דעם אפשטעלענדען שיפעלע.ביידע געארעמט זיינען מיר געגאנגען דעם טונקעלען וועג אהיים. אויף די פעלדער האָבען הוישע־ריקען געשריען. דאָס שושקען פון גרינעם קאָרן האָט אונז סודות פון שרעק אנגעזאָגט. מיט קלאפענדע הערצער זיינען מיר געגאנגען דעם וועג אהיים, בראדזענדיג, אפט אומפאלענדיג, מיטשלעפענדיק איינער דעם אנדערען, מיט שרעק און געלעכטער קוקענדיג איינער דעם אנדערען אין פנים אריין. דאָס דאָרף האָט גערוהט אין נאכט שלאָף, פארוויקלט אין גרויליכען טוי. האוו! האָט אויסגעשריען דער גרויער הונט ליסקא. איך האָב איהם באלד בארוהיגט. ער איז א ווייבלע אונז נאכגעגאנגען און איז אוועק צו זיין היים. זי האָט פרעפלענדיק מיר געזאָגט אז זי איז מיד. ווען איך האָב איהר געבראכט צו איהר הויז האָט זי מיר אנטפלעקט דעם סוד אז זי האָט מורא געהאט צו געהן דורכן פעלד. איהר האָט זיך געדוכט אז א שאָטען געהט איהר נאָך. איך האָב זיך צולאכט און באלד האָט מיר מיין לאכען פארדראָסען.

— אַ גוטע נאַכט!

די נאַכט בין איך ניט געגאַנגען שלאָפֿען. מיר האָט זיך געוואָלט זײַן וואַך. אין בעגינען וועל איך געהן שלאָפֿען, דאַן ווען די גרויליכקייט וועט ארויסקומען אין מזרח, ווען דער טאָג וועט דורכברעכען די פינסטערניש. איך ווייס ניט וואָס איך האָב געוואַרט אין דער נאַכט, אָהן אַ געוויסען זין, ווי איך וואָלט געהאַט אַ געוועט מיט זיך אליין אז די נאַכט מוז איך זײַן וואַך. אין דער טונקעלקייט האָב איך געזעהן די געשטאַלט פון נאסטיא טיכאמעראווא, די געשטאַלטען פון זמיט־רוכען, שלעמעצען און אנדרושען, און באַלד איז געקומען די געשטאַלט פון באשקען. איהר געשטאַלט איז געקומען פאַר מיר, ווי דער רעגען־בויגען נאך אַ שטורעם, פיעל פארביק. די גליקליכע מאמענטען, די איבערלעבונג פון יענעם בײַנקענדען ווינטער, וואָס האָט מיר געלאָזען שווערע שטריכען, שווערע צייכענס, און באַלד ווידער איהר צאַרטקייט. דעם גליק וואָס זי האָט מיר געבראַכט מיט איהר אנקומען, און ווידער דער לאַנגער, קאַלטער ווינטער, אפשר וועט זי יעצט זײַן אנדערש? ניין!— איז ווידער געקומען אַ שטימע. איך בין אין מײַן יעצטיגער טראַכטונג געפלויגען פון גליק אין צער און פון צער אין גליק. איך בין געווען ווי דער דערשראָקענער פויגעל וואָס האָט מורא אפצושטעלען זיך און פליהט אָן אויפהער. איך האָב געוואוסט אז איך וועל מיד ווערען, נאָר מײַן מידקייט איז ניט געקומען באַלד. דורך די עטוואס אפענע אויגען האָב איך געזעהן אַלעס וואָס קומט פאַר אין מײַן פאַנטאַזיע, און ניט אָפט אין דעמערונג האָב איך געכאַפּט די ליניעס פון מײַן בלאָנזשע־ניש, געבראַכט זיי צום וועג. דער זייגער האָט שוין געשלאָגען צוויי, באַלד וועט טאָג קומען. די גרויליכקייט אין מזרח האָט זיך באוויזען, רויטליכע וואָלקענס האָבען אנגעזאָגט אויף טאָג, באַלד האָבען זיך דערהערט פייגלישע געזאַנגען, דאָס קרעהען פון די הענער. ברייטער און ברייטער האָט זיך דער ווייסער ליילעך פארשפרייט אויפן האָריזאָנט. אַ מידער

בין איך איינגעשלאָפען.

— — — — — — — — — — —

א שטילער טרייסעל האָט מיך אויפגעוועקט. דאָס איז געווען די האַנט פון אַנדרושאַן. ווען איך האָב איהם דערזעהן מיט מיינע פארשלעפערטע אויגען האָט ער געשמייכעלט:

— איך האָב דיך אויפגעוועקט? איך האָב עס געמוזט טוהן. איך האָב געמוזט געבען אַן ענטפער, און דער ענטפער האָט ניט געטאָרט קומען שפעטער ווי איינס אַזייגער, יעצט איז שוין באַלד איינס, און איך האָב באַשלאָסען דיך אויפצוּוועקען.

ביז מיין געדאַנק איז קלאָר געוואָרען האָב איך ניט פארשטאַנען וואָס ער רעדט און וואָס זיינע רייד באַדייטען, נור באַלד איז מיר קלאָר געוואָרען אז ער האָט געמוזט מיך אויפוועקען. אַנדרושאַ האָט מיר דערצעהלט אַז די לעהרער פון קישעניאווער שולע ווילען קומען צו אונזער פאַרזאַמלונג.

— יאָ! האָב איך פאַרוואונדערט געזאָגט, זיי ווילען קומען? דאָס פרעהט מיך! און באַלד האָב איך זיך אויפגעזעצט.

א ווײַלע טראַכטענדיג האָב איך געזאָגט:—דאָס איז פאַר אונז א געווינס, א געווינס פאַר דער גאַנצער ליידענדער מענשהייט. אין זייער קלאַס געפינען זיך געלערנטע. זיי האָבען א צוטריט צו דער יוגענד וואָס איז פאַר אונז אַזוי טייער און וויכטיג. ווען וועט די פאַרזאַמלונג פאַרקומען?

— זונטאָג, האָט ער מיט באַגייסטערונג געזאָגט.

— איך וועל וואַרטען אויף דעם מאָמענט.

— וואָס טוהסטו היינט — האָט מיך אַנדרושאַ געפרעגט.

— איך ווייס ניט גענוי.

— ועסטו קומען צו אונז? מיין שוועסטער וואַרט אויף דיר.

— יאָ! האָב איך פאַרוואונדערט איבערגערעדט, און האָב איהם באַלד געפרעגט, אויב ער וויל וואַרטען אויף מיר וועל איך געהען מיט איהם צוזאַמען. ער האָט מיר געענטפערט אַז יאָ.

א ווײַלע האָב איך פאַרווײַלט אין הויז, האָב א מאָהלצייט גענעסען און בין מיט איהם אוועק צו זיין היים. ביידע האָבען

מיר מיט באַגײַסטערונג גערעדט פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, פֿון די פֿילע רעדנער וואָס וועלן דאָרט רײדן.

— געוויס וועלן מיר הערן נײַע ווערטער, נײַע באַגײַסטערונג, נײַ בלוט אין אונזערע קעמפּערישע אָדערן.

ווען מיר זײַנען צוגעקומען נאָהענט צום הויז זײַנען מיר בײדע שווײַגנדיק געבליבן. נאַסטיאַ טיכאָמעראָוואַ האָט מיך פֿרײַנדלעך באַגריסט און האָט געזאָגט:

— הײַנט איז גוט דער קילער וואַלד שאָטן אָדער די קילע ווינטעלעך פֿון דעם וואַסער, וואָס וואָלט איר בעסער אויסגעקליבן?

— ווי איך זע גיט איהר מיר די ברירה? אויב ווינטשן זיך, וואָלט איך געוואונטשן מעהר וויכטיגערע זאַכן.

— איהר האָט מײַן פֿראַגע ניט געענטפֿערט, און דאָס איז ניט קאַוואַלעריש, ווי איך האָב שוין אײַך אײן מאָל באַמערקט.

— אין דעם שאָטן פֿון וואַלד!

— דאַן קומט! איך וויל מיט אײַך געהן אַהין אין די שאָטנדיגע בוימער צו דעם גרויסן וואַלד.

איך האָב אַ ציטער געטאָן — וואוהין? איך קען הײַנט ניט זײַן אַזוי לאַנג אַפּוועזנד פֿון מײַן הײם. איך טאָר דאָס ניט טאָן —האָב איך שווער אָטעמענדיג צו איהר גערעדט.

— איהר מעגט מיר עפּעס שענקען, שענקט מיר עטליכע שטונדען, זײ געהערן צו מיר.

איך האָב איהר אָנגעקוקט — וואָס מײנט איהר זײ געהערן צו אײַך, איך האָב זײ אײַך ניט פֿאַרקויפֿט אָדער אַוועקגעגעבן?

— איך בין די וואָס נעמט אַלײן. ביז יעצט האָב איך געשוויגן מיט מײַנע פֿאַרלאַנגען, די פֿאַרלאַנגען זײַנען געקומען, קײנער האָט זײ ניט געוואָלט, מאָן איך זײ פֿון אײַך, און אויב איהר ערפֿילט זײ ניט דאַן פֿאַרלאַנג איך פֿון אײַך. איהר וועט מוזען געהן! . . .

— נאַסטיאַ טיכאָמעראָוואַ, האָב איך האַלב דערשראָקן

שטאמלענדיק געגומען ריידען — איך געה — האָב איך ארויס־גערעדט — נאר איך וועל מוזען קומען אהיים אין צייט.

— געוויס וועט איהר קומען אין צייט אהיים. — זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — איהר האָט מורא? איהר זייט אַ קינד.

איהר געלעכטער האָט מיך מעהר דערשראָקען ווי איהרע בייזע פאדערונגען.

— איהר געהט? — האָט זי געפרעגט — איהר געהט?

זי האָט מיין ארעם געהאַלטען און איז אנגעליינט געגאַנגען דעם וועג צו יענעם גרויסען סאסנאווען וואַלד. די זון האָט גליהענד געשניטען, דער שטויב האָט געוואַרגען, דער שוויס איז געריגען אין גרויסע טראָפּענס אויף מיין שטערן. איך האָב זיי מיט דעם ווייסען טיכעל געטריקענט אפאטהעמענדיג— אך ווי היים!

זי האָט אין איהר גאַנג זעהר וויניג גערעדט. איהרע אויגען זיינען געווען געווענדט צו יענעם וואַלד וואָס איז געשטאַנען ווי אַ גרויסע וואַנט געגען דער זון אין הימעל. שוויגענד, ווי פאַרגליווערט, זיינען געשטאַנען די נידעלדיקע ביימער, וואַרטענדיג אויף אונזערע געהענדע שאָטענס. אין דעם געדיכט בעצווייגטען וואַלד האָט זיך די נאכט פלוצלונג באַוויזען. אַלעס ארום איז געוואָרען טונקעל און שטיל. די זון האָט זיך ערגעץ באַהאַלטען, דער הימעל — אנטרונען געוואָרען. שטיל האָבען די ביימער געאטהעמט, ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט איבערצו־שלאָגען אונזערע שטילע פארטראַכטע טריט. ווייטער און וויי־טער האָבען מיר געבלאָנדזשעט אין אונזער גאַנג.

— שאַ! — האָט זי מיר געזאָגט. — דאָ ווע‌לען מיר אַ ווײלע רוהען. דאָ איז קיהל און פרעכטיק. זיץ!—איז געווען איהר באַפעהל. איך האָב זיך אנידערגעזעצט, מיט דערשרא־קענע אויגען האָב איך געקוקט אויף איהר צופלאַמטען פנים. זי האָט זיך באַלד אוועקגעזעצט נאָענט צו מיר.

— איז דאָ ניט פראַכטפול?

— געוויס! — האָב איך איהר געענטפערט.

— ווארום האָסטו ניט געוואָלט געהען? איך האָב געזעהן

אז דו זוכסט א תירוץ, נאר עס האט דיר ניט געגאלטען.

— געגאלטען? — האב איך פארוואונדערט געזאגט.

— יא, ניט געגאלטען.

זי האט צו מיר מיט איהר האנט געוואונקען — קום צו מיר נעהענטער. קום — האט זי מיט איהר אייגעל א וואונק געטאן.

איך האב איהר דערשראקען געפרעגט, וואס מיינט זי.

זי האט א לאך געטאן — דו ווייסט ניט וואס איך מיין? איך מיין דיך, דו מאנספארשוין! קוש מיך, הערסט? נעהם מיך ארום שטארק! גיב מיר אלע דיינע קדעפטען! גיב מיר אלע דיינע פייערען! איך האב נאך דעם געגארט. דו ביסט דער יעניגער וואס האט אויפגעוועקט אין מיין הארצען אלע מיינע פארלאנגען, יעצט באצאהל זיי.

זי האט מיך ליידענשאפטליך ארומגענומען, געקושט מיינע ליפען, מיינע אויגען:

— ווי גוט איך פיהל . . .

—איך האב אויף איהר רחמנות׳ליך געקוקט, אהן מאכט, ווי אן אפגעלאפענער פון בלוט האב איך מיינע ארעמס ארום איהר ארומגעוויקעלט, האב אויבערפלעכליך געקושט איהר העסליך פנים.

— איהר זייט ניט אמת צו מיר, איהר קושט מיך ווייל איהר זייט געצוואונגען, ניט ווייל איהר ליבט מיך אדער איהר זייט צורייצט.

— לאזט מיך אפ — האב איך נאך אמאל איבערגערעדט.

— איהר זייט מיינער דא און איהר וועט טאן דאס וואס איך וועל אייך באפעלען.

מיינע הענט האבען זיך ארונטערגעלאזען:

— איך קען פאלש ניט זיין. איך ליעב אייך ניט, איהר זייט העסליך, מיאוס.

זי האט איהר פנים פארדעקט.

לאנג איז זי געזעסן פארטראכט זיפצענדיג שווער. זי האט מיט אימפעט איהר פנים אויפגעהויבען:

— איהר געהט?

— געווים, האָב איך איהר געזאָגט.

באַלד זיינען מיר ביידע געגאַנגען, שווייגענדיג, דעם וועג דורך דעם געדיכט באַוואַקסענעם וואַלד. ניט איין מאָל האָבען די צווייגען געשמיסען אונזערע פּנימער, ניט איין מאָל האָבען זיי אונזערע באַקען געגלעט, געצערטעלט, ווי זיי וואָלטען אין זייער צערטלען געפילט דעם רחמנות, דעם מענשליכען רחמנות וואָס גיסט זיך אויס אין אַ טרויעריגען שאָטען.

— איהר זייט גערעכט, סאָלאָמאָן, וואָס איהר האָט אָפּ־געשטויסען אַלע מיינע צערטליכקייטען. איהר האָט פאַרשלאָ־סען אייערע ליפּען. איהר האָט ניט געוואָלט ריידען צו מיר יענע שפּראַך וואָס צערטעלט דאָס האַרץ פון אַ פרוי. איך בין העסליך פאַר אייך, העסליך פאַר דער גאַנצער וועלט. די נאַטור האָט מיך באַשטראָפט ווארום זאָלט איהר מיך באַגליקען? גליק באַלאַנגט ניט צו דעם פאַרמשפּטען, גליק באַלאַנגט צו דעם געווינער. איך האָב פון דער נאַטור געקראָגען אַ שטראָף, און די שטראָף טראָג איך אויף מיין פּנים אויסגעקריצט. וואָרום זאָל מיין פּנים באַשטראָפט ווערען און מיין האַרץ באַגליקט ווערען? דער קערפּער באַלאַנגט דאָך צו איין שטאַם, קען זיין אַז איין טייל זאָל ליידען און דער צווייטער זאָל האָבען פרייד? איך האָב אייך באַלעסטיגט, סאָלאָמאָן, פאַרגיט מיר. אין פלאַמען צונויפגעגאַנגען זיך פונקען, און פונקען קענען אַנצינדען פיעלע פייערען, איהר פאַרשטייט?

— געווים, האָב איך פאַרשעהמט געענטפערט, איהר האָט אייער ציעל געדאַרפט פאַרברייגגען פאַר דעם פאַרדאַרבענעם, וואָס רעכענט זיך ניט מיט געפיהל, האַרץ און נשמה. איהר זייט די פרוי פאַר איהם. ניט איך! איך בין נאָך יונג צו זיין פאַרדאָרבען, אַלע מיינע רייצונגען ליגען איינגעוויקעלט אין ריינער, געטליכער ליבע.

— איך בין אבער אויך אין מיינע פאַרלאַנגען ריין, אייער אומשולד האָט מיך גערייצט. איהר זייט ניט פאַרדאָרבען מיך אויסצולאַכען ווי יענע וואָס זוכען די אונשולד און אַליין זיינען

זיי רינשטאקען, איהר פארשטעהט?

מיינע בלוטען האבען אין מיר געׂנומען זידען. איהר פנים האט אין דער מינוט ניט אויסגעזעהן אזוי העסליך ווי א ווײלע פריהער. זי האט מיין ציטער דערפיהלט.

נאסטיא האט שטרענג אויף מיר א קוק געטאן. -זי האט דערזעהן אין מיין געזיכט יענע בלוטען וואס האבען איהר געשראקען, זי האט א לאך געטאן: — איך בין צופרידען אייך צו זעהן אזוי, איך בין צופרידען וואס צו אייך זיינען געקומען יענע ליידען וואס זיינען ערשט אריבער אין מיר.—זי איז אפגעלאפען עטליכע טריט פאראויס און פון דארט האט זי געלאכט א קייקלדיקען געלעכטער. איך בין נאך איהר נאכגעלאפען. זי האט ווילד געשריען:

— רירט מיך ניט אן!

מיט די הענט האט זי מיך אפגעשלאגען ווי איך וואלט געווען א ווילדע אנשיקעניש. איך האב זי אין מיינע ארעמס געכאפט, שטארק זי איינגעקלאמערט זוכענדיג זי צו קושען. זי האט זיך פון מיינע ארעמס געריסען:

— לאזט מיך אפ, סאלאמאן! לאזט מיך אפ, האט זי געשריען, ווארפענדיק איהר קאפ פון זייט אויף זייט ווי זי וואלט מורא געהאט פאר מיינעם א קוש. מיין אטהעם האט שווער געפרייכט, מיינע אויגען האבען מיט פונקען געשפריצט.

— נאסטיא טיכאמערראווא! געהט ניט אוועק פון מיר!

איך האב געציטערט. זי איז געשטאנען פון דער ווייטענס, האט מיך לאכענדיג און בייז אנגעקוקט.

— איהר האט מיך געוואלט קושען. אייערע קושען זיינען געווען געררייצטע, אין זיי האט געפעהלט יענער פייערעל וואס אן אנשטענדיקע פרוי פארלאנגט. יעצט האט געברענט אין אייך די ווילדקייט, איהר זייט צו שפעט. איך זעה יעצט קלאר און פארשטעה קלאר, און קלאהרערהייט ווערט מען ניט פארבלאנזעט.

איך האב זי שטיל צו זיך גערופען. זי איז צוגעגאנגען. מיט דיזע ווערטער האט זי גענומען מיין ווארט אז איך וועל זיין איהר פריינט — דער פיינער, אנשטענדיגער איינגעל וואס בא-

לעסטיגט ניט און איז א קאוואליער. איך האב איהר פארשפראָכען בעטענדיק איהר קוש. זי האט געלאכט:

— בין איך יעצט אנדערש פאר דיר?

— איך וויים ניט, האב איך אומעטיג געענטפערט, נאר מיר ווילט זיך דיין קוש.

זי האט מיר איהר באק צוגעטראגען און האט לאכענדיק געזאָגט:

— האב נאר קיין חרטה ניט.

מיר זיינעןביידע לאכענדיג געגאנגען דעם וועג וואס האט געפיהרט צו אונזער דארף. שטיל האבען אונזערע הערצער גע־קלאפט, ווי שטיל עס ווערט אפטמאל נאך א שטורעם.

עלפטער קאַפּיטעל

די פּויערים אין דאָרף האָבען דעם אפּגעשניטענעם קאָרן געפירט אין די שייערען. דאָס גרינע גראָז האָבען זיי שוין לאַנג געליינט אין די פּוניעס. די זון האָט שוין איהר ברען פאַרלאָרען, אַ מידע איז זי געגאַנגען איהר טאָגיגען שפּאַציר. געלע בלע־טעלעך האָבען זיך אומעטיק, פּרעפּלענדיק הייזעריג, געטראָגען אין די ווייטע פעלדער ווי זיי וואָלטען ניט געוואָלט זיין דאָרט וואו זיי זיינען געבאָרען געוואָרען און אויפגעוואַקסען. די פייגעלעך האָבען אויפגעהערט צו זינגען זייערע פרעהליכע פיי־געלשע נגונים. ווען ניט ווען האָט מען געהערט אַ פייגעלשען אויסגעשריי. דער אומעט האָט זיך גענומען פלעכטען ארום מיין האַרץ און מיך געבראַכט צו דעם געדאַנק פון דעם לאַנגען, קאַלטען ווינטער, מיט דעם בייגקען פון איהר אפּוועזענהייט. מיט שנעלע טריט בין איך אוועק טרעפען זיך מיט באַשקען. יעצט אין דער בייגקענדער צייט וועלען מיר זיך דורכריידען, באַטראַכטען די פּלענער פון היינטיגען ווינטער. געוויס וועט זי אַנדערש האַנדלען. זי איז עלטער, וועט זיך געוויס מעהר ווערען. זי וועט מיר שרייבען. זי איז געקומען מיר אנטקעגען. איהר פּנים האָט געצייגט איבערלעבונגען:

— דו ווייסט, סאָלאָמאָן, מיר איז אנגעקומען אַ בריעף איך זאָל קומען אהיים. באַלד הייבט זיך אן די שולע און איך וועל זיך מוזען צוגרייטען.

איהרע ווערטער האָט זי ארויסגעזאָגט מיט צער. מיין

הארץ האָט אַ מוראַדיגען אומעט דערפיהלט:

— דו פאָהרסט אַוועק, מיין אומעט וועט זיך ווידער צוגיסען איבער מיין לעבען, איך וועל בייגקען נאָך דיר.

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן:—איך אויך!

— איך האָף אַז די ליבע וועט געפינען אַ וועג ווי אַזוי מיר זאָלען זיך דורכשרייבן. וועסטו מיר שרייבען?

— געוויס! האָט זי פאַרדראָסליך געזאָגט.

זי האָט מיינע הענט אין איהרע גענומען, האָט זיי גלעטענדיג געצערטעלט, האָט אומעטיג אין מיינע אויגען טיף אריינגעקוקט.

— איך פיהל שוין בייגקענד!

זי האָט איהר קאָפּ אפּגעקערט אָן אַ זייט. הייסע טרערען האָבען באַדעקט איהרע קינדערשע באַקען:

— איך וועל שרייבען, האָט זי מיט טרערען אויסגערעדט, וועסטו מיר שרייבען? איך האָב אַ לאַך געטאָן:

— געוויס! איך האָב געוואָלט אַז מיין שרייבען זאָל זיין אַן ענטפער אויף דיינע בריוו.

זי האָט זיך אומעטיג צולאַכט. די עטליכע טעג פון איהר זיין דאָ האָבען מיר פאַרבראַכט צוזאַמען. יעדען טאָג האָבען מיר זיך געטראָפען, אָפט אומגעשפּאַצירט ביז שפּעט אין דער נאַכט, פאַרחלומטע, פאַרזונקענע אין טרויער און גליק. מעהר פון אַלע ווערטער האָב איך באַנוצט: „דו וועסט מיר שרייבען”? דער געדאַנק און פאַרלאַנג איז ניט אפּגעטראָטען אויף איין מינוט. דער טאָג פון איהר אפּפאָהרען איז געווען פאַר מיר דער שווערסטער, און דער אומרואיגסטער אין מיין גאַנ־צער צייט. אָפט האָט זיך מיר געדאַכט אַז זי שרייבט מיר בריעף. איך לעז זיי. זי שרייבט ווי טיף זי בייקט. ווי היים זי ליבט. מיין הארץ טאַנצט פאַר פרייד. און באַלד קומט דער געדאַנק אַז קיינע בריוו באַקום איך ניט. איך געה ארום אַ פאַרלאָרענער, אַ צעבראַכענער, אַן אפּגענאַרטער געבויגען צו דער ערד. מיין אומעט טרייבט מיך צו פאַרצווייפלונג. איך פאַל אין אנמאַכט און ווער צוטראָטען פון מיינע שונאים. מיין כח פאַרלאָזט מיך. די וועלט ווערט פאַר מיר פינסטער. איך

טרינק זיך און קײנער הערט ניט מײַן שטימע. שטיל האָבען זיך געקײַקעלט די רעדער אויף דעם וועג פאַרבײַ אונזער הויז. זי האָט מיר געשיקט קושען מיט דעם צאַרטען קינדערשען הענטעלע, געשיקט באַגריסונגען, ווײַט, ביז דעם זויאַוווער באַרג האָבען מײַנע אויגען זי באַגלײט, און באַלד האָט זי די ווײַטקײט פאַרשלונגען. איך בין געבליבען מיט יענע געדאַנקען און בענקשאַפט וואָס ווערען קײנמאָל ניט פאַרגעסען. אומעטיג און געבויגען בין איך געגאַנגען די עטליכע טריט צו דער טיר פון הויז. באַלד בין איך געפאַלען מיד, אויף מײַן געלעגער, טיף אײַנגעגנורעט מײַן קאָפּ אין קישען, אומעטיג געטראַכט ווי זי וואָלט אפּוועזענד געווען פאַר טויזענטער יאָהרען. איך האָב גענומען מאהלען איהר געשטאַלט. מיר האָט זיך אין דעם מאָמענט געדאַכט אז איך האָב פאַרגעסען איהר אויסזעהן. מיר האָט זיך געוואָלט זי רופען, שרײַען צו איהר, אויסשרײַען מײַן בײַנקענדיג הארץ. ווײַט, ווײַט האָבען אין דער טונקעלקײט געקוקט מײַנע אויגען, געוואָרפען די בליקען צו דעם זויאַוווער באַרג וואָס האָט זי אפּגעשײדט פון מײַנע אויגען. דער פאַרהאַנג פון איהר פאַרגעהן האָט מיך געריצט, וועט זי שרײַבען?

דער מאָרגענדיגער טאָג איז אוועק אין זוכעניש. איך ווײס ניט וואָס איך האָב געזוכט, איך האָב געוואוסט אז איך האָב עפּעס טײַערעס פאַרלאָרען. ניט וועלענדיג האָבען מײַנע אויגען געקוקט אהין צו דעם זויאַוווער באַרג, צו דעם שטיבעלע וואו זי האָט פאַרבראַכט דעם זומער. אין יעדען באַוועגלעכען שאָטען האָב איך געזעהן איהר געשטאַלט, ביז דאָס געשטאַלט איז געקומען נאָהענט. דאַן בין איך אן אפּגענאַרטער אוועק אין אומעט. מיר האָט זיך געדאַכט אז איך הער די רעדער קלאַפּען. די פערדישע טריט האָבען מיר געקלונגען אין די אויערען. איהרע הענטעלעך האָבען מיר ווי בליצען געבלענדעט, נאָר באַלד איז געקומען דער קלאָרער געדאַנק: זי איז ניטאָ! זי איז ווײַט אין יענער שטאָט וואו איהרע פרײַנט האָבען זי עמפּאַנגען מיט פרײד, וואו איהרע פאַרעהרער האָבען זיך דערפרעהט מיט איהר

דערצעהלענדיג זייער בייניקעניש. וואָרום האָט זי מיר ניט געשריבען? געדייצטע געדאנקען זיינען ווי שלאַנגען געקראָכען צו מיר. ווי קאַלטע בייזע שלאַנגען האָבען זיי זיך גענומען ארומוויקלען ארום מיין האַרץ. טונקעלער איז געוואָרען פאַר מיר מיין וועג. ניט ווייט פון מיר און מיין לעבען האָט זיך אָראָפּגעלאָזען דער האָריזאָנט, די אייביגע וואַנט וואָס האָט ניט קיין גאַנג אויף ווייטער. אומעטיקע לידעלעך האָבען זיך גע־זונגען. די לידעלעך זיינען ניט געקומען פון פרייד אדער פון אומעט, די לידעלעך זיינען געקומען ווי קלאַנגען וואָס דאַרפען פאַרטומלען דעם געדאַנק פון מיין איבערלעבונג. איך האָב געוואָלט דערלעבען די עטליכע טעג פון מיין ערוואַרטונג אויף דעם ערשטען בריעף וואָס דאַרף דאָרט אנקומען אין סלאַ־באַטקעס. ניט איין מאָל האָב איך גערעכענט אויף מיינע פינגער, היינט, מאָרגען, איבערמאָרגען, עס דאַרף שוין דאָרט זיין אַ בריעף. איך לויף אין מיינע געדאַנקען איבער דעם וואַלדיגען וועג צו סלאַבאַטקעס, מיט אימפּעט לויף איך אריין פרעגענדיג:

— אַ בריעף פאַר מיר?

ציטערענדיג לעז איך איהם. די אויסדריקען זיינען וואַרעם, צערטליך און פול מיט הייסער ליעבע. באַלד קומט דער גע־דאַנק — ניטאַ קיין בריעף. שווערע, שוואַרצע וואָלקענס פאַר־ציהען מיין וועלט. איך בלאָנזע ארום אַ פאַרבלאָנזשעטער, מע־לאַנכאַליש, וועה איז מיין וועלט. געאיילט בין איך געלאָפען דעם וועג צו סלאַבאַטקעס — דאָרט ליגט פאַר מיר דער בריעף וואָס דאַרף אנזאָגען ליעבע און צערטליכקייט. געאיילט ווי דער פייל פון בויגען בין איך געלאָפען דעם וועג. אריינגעלאָפען בין איך מיט אימפּעט. מיין איילונג האָט זיי אַלעמען איבער־געשראָקען. באַלד האָב איך מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטהעם גע־פרעגט:

— אַ בריעף פאַר מיר?

שמיל האָט מיר דער בריוו־געבער געענטפערט:

— ניטאַ פאַר דיר קיין בריעף.

איך האָב זיינע ווערטער אין דער רגע ניט פאַרשטאַנען, און

האָב איהם מיט וואונדער נאָכאַמאָל געפרעגט פאַר מײן בריעף. ער האָט געלאָסען מיך אָנגעקוקט, האָט מיט אַ שמייכעל מיר געענטפערט:

— ניטאָ פאַר דיר קײן בריעף.

איך האָב איהם אָנגעקוקט ווילד: — ניטא פאַר מיר קײן בריעף? עס קען ניט זײן, גיט אַ קוק גוט, גיט אַ קוק! — האָב איך אויסגעשריען.

— דער בריעף־געבער האָט זיך אויפגעהויבען פון זײן אָרט, אָנקוקענדיג מיך שטרענג האָט ער הויך געזאָגט:

— איהר הערט! איהר האָט דאָ קײנע בריעף. דער כח פון מײן קערפּער האָט מיך גלייך פאַרלאָזען. איך האָב דערפילט אַז מײנע פיס ברעכען זיך אונטער אונטער מיר. מײנע אויגן האָבען גענומען שווינדלען. שטיל בין איך אַרויס צו דער טיר צו דעם וועג וואָס האָט מיך געדאַרפט ברײנגען אַהיים. שטיל און בלאָנדזשענדיג זײנען מײנע פיס געגאַנגען דעם וועג. שטיל און דערשראָקען האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ. שטיל האָט גערעדט אַ קול אין מיר:

— זי האָט ניט געשריבען, זי האָט מיך ווידער אָפּגענאַרט. אָך, דו העסליכע באַשעפעניש, דו מענשען־פרעסערין. מיט מײנע אָפּגעשוואַכטע פויסטען האָב איך געשראָקען יענע שולדיגע געשטאַלט. שטיל האָבען די ביימער געפּרעפּעלט ווי זײ וואָלטען זיך געוואונדערט אויף דעם טרויעריגען שאָטען וואָס געהט אין טרויער איבערן וועג.

— אָך! האָב איך אויסגעשריען מיט אַ זיפץ, וואָס האָסטו געהאַט צו מײן רואיקען לעבען? ווארום האָסטו עס צושמעטערט? איך וועל נעהמען ראַכע פון דיר. אין אונמאַכט בין איך געפאַלען. שפּעט אין נאַכט בין איך געקומען אַהיים אַ מידער, אַ דערשלאָגענער. וואו איך בין געוועזען די שטונדען האָב איך ניט געוואוסט. געבלאָנזעט, געבראָדעט דעם פאַרלאָרענעם וועג פון לעבען. מײן האַרץ האָט מיר וועה געטאָן. ניט אויף דעם וואָס זי האָט מיך אָפּגענאַרט, נור אויף דעם וואָס איך האָב זיך געלאָזט אײנרײדען אַז זי ליבט מיך. נאָך אַלע־

מען איז זי דאך אַ פרוי, און אַ פרוי וועט אוועקגעבען איהר לעבען און עהרע פאר פייניגען. זי איז דאך די וואָס לעבט ניט פאַר זיך, נאר פאַר איהרע פריינדינעס. די מעשענע קנעפלעך פון די סטודענטלעך וועלען זי פאַרפיהרען. דער רייץ פון גאוה איז ביי זיי העכער פון ליבע. איך האָב דאָס באדארפט וויסען. ווי האָב איך געקאנט צאַמען מיינע געפיהלען, איך האָב זי דאך ליעב. ניט איינמאָל האָב איך געוואָלט אויספּאַטשען זיך אליין:—אך! דו נאַרישער אינגעל. — די נאכט בין איך וויניג געשלאָפען. מיר האָט זיך נאך אלץ געדאכט: פיליכט וועט אָנקומען אַ בריעף שפּעטער. פיליכט האָט זי ניט געקענט באַלד שרייבען. אזוי איז אוועק די נאַכט אין קלערעניש און טראַכטעניש. גאַנץ פריה בין איך אוועק אין פעלד. דאָרט וועל איך מיין צער קענען גיכער צושפּרייטען. די נאַטור מאַכט אָפט ביינקענד און אָפט היילט זי וואונדען. ניט ווייט פון די גוועטצעס האָט זמיטרוכע זיינע גענז געפיטערט. ווי אימער איז ער יעצט געשטאַנען אנגעשפּאַרט אויף זיין אייביגען שטעקען. דערזעהענדיג מיך האָט ער גענומען קומען מיר אנטקעגען:

— איך בין צופרידען וואָס דו קומסט היינט מיט מיר פאַרברייגען. מיר איז אומעטיג. דער הערבסט טרייבט אָן אומעט אויפן מענטשען, ווען מען איז נאך אין מיינע יאהרען.

דאָס איז דאָס ערשטע מאל וואָס איך האָב געזעהן זמיטרוכען אומעטיג — דערמאַנענדיק זיין עלטער מיט צער.

— זיץ!—האָט ער מיר געזאגט, אנצייגענדיג אויפן געלבליכען גראז. ער האָט זיך נאָהענט לעבען מיר אוועקגעזעצט און מיט אַ זיפץ ארויסגערעדט:

—דער טויט טאר אַ מענשען ניט שרעקען, אבער קיין אנגענעהמע זאַך איז ער ניט. יעצט אין די יאהרען ווילט זיך מיר ערשט לעבען. מיין לעבען ביז ניט גאר לאַנג איז געוועזן אַ נאַרישער, אַ פאַרבלאָנזעטער. איך האָב מיט מיינע אפענע אויגען גאַרניט געזעהן און פאַרשטאַנען. יעצט זיינען מיינע אויגען זעהענדיג געווארען, זיינען זיי מיד, דו הערסט, סאלאמאן? מיד! דאָס איז די עלטער וואָס דו קענסט זי ניט באַקעמפפען.

זי קומט. דו ווילסט זי דערלעבען. קומט זי, איז זי אַ שווערע לאַסט.

ער האָט זיין שטעקען אוועקגעלייגט אויף דעם געלען גראָז, פארלייגט די הענט אריבער די קניה, אנבויגענדיג זיין קאָפּ, איז ער אָהן ווערטער לאַנג געזעסען:

— דו ביסט יונג, האָט ער אויפהייבענדיג דעם קאָפּ צו מיר געזאָגט — דיין לעבען פאַרשפּרעכט דיר פילעס. נעהם פון לעבען וואָס דו קענסט און דאַן פאַרשווינד. איך האָב דאָס ניט געטאָן. יעצט זיינען מיינע הענט שוואַך, זיי קענען ניט דער־לאַנגען דעם לוקסוס. דו געדענקסט איך האָב דיך געבעטען דו זאָלסט מיר ברייגגען קאַנפעקטען?

— געוויס געדענק איך.

— דו האָסט זיי מיר געבראַכט. אַ קוק טוהענדיג אויף זיי האָב איך זיך ענטזאָגט זיי צו עסען. היינט איז שוין צו שפּעט צו פאַרזוכען די זיסקייטען. מיין גומען איז שוין אַלט, מיין געשמאַק איז פאַרשוואונדען. מיט וועלכען חיות וועל איך דערלעבען מיינע לעצטע יאהרען? דער גאָט אין וועלכען איך האָב געגלויבט איז פאַרשוואונדען פון מיר, קיין נייע געטער האָב איך אין זיך ניט אריינגעבראַכט. וואו איז מיין ציעל?

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם אַלטען זמיטרוכען און האָב איהם באַדויערט.

— יאָ! איך האָב ליידען. איך ליב דאָס מיידעלע. דאָס מיידעלע איז פאַרלאָרען פאַר מיר. נאר צייט היילט וואונדען. איך האָב אַ לאַנגען לעבענס וועג צו געהן.

— דו האָסט מיר געזאָגט אַמאָל אז עס איז דאָ אַ גאָט פון ליבע, איז ער געקומען צו דיר אַמאָל?

—ער איז געקומען. זיין קומען איז געוועזען מיט ליידען, מיט ביטערער שטראָף.

— ווער איז דער גאָט פון ליבע?

— דאָס איז דער גאָט וואָס לעבט אין הארצען. ער

קומט מיט העלישען פייער. אפט מאכט ער דארט א חורבן. אפט פארברענט ער דאס הארץ.

— קען קומען דער פייער פון ליבע צו מיר?

— דער פייער וואס וועט יעצט קומען צו דיר וועט זיין א קאלטער, און א קאלטער פייער איז טויט.

— זמיטרובצע האט א ציטער געטאן: —טויט! דער אייביגער קאלטער טויט! קיינער ווייסט ניט דאס טירעלע פון דארטען, קיינער האט ניט די שליסעלעך צו יענעם שלאס וואס ווערט פארדעקט. דאס ענגע קעמערעל פון אייביגען ליגען שרעקט מיך. עס איז א לאנגער, לאנגער שלאף. — טיף איז געזונקען זיין גרויער קאפ — דער שלאף איז נאך אלץ בעסער ווי דער אייביגער שלאף — האט ער שטיל געזאגט.

איך האב פארגעסען אלעס וואס האט מיט מיר פאסירט, איך האב געוואוסט אז זמיטרובצע איז גערעכט מיט זיינע ווערטער וואס ער זאגט: „דו ביסט יונג, דו קענסט אלעס דערווארטען, דערלעבען. נעהם פון לעבען וואס דו קענסט." וואס איז מיט איהם? זיין יעדער קנייטש, זיין יעדער קרעכץ זאגט אן, ווי דער גלאק, עפעס טרויעריגס.

— איך האב קיין רעכט דאס דיר צו זאגען, ווייל נאך אלעמען ווייל איך דאך זיין אלט, דאך ווייל איך דיר זאגען דעם אמת, אז יעצט, אין דעם מאמענט פיהל איך זיך גליקליכער ווי דו. דו האסט פארלוירען דיינע יאהרען, איך מיין געליבטע. מיר טוהט שרעקליך וועה! ווי עס טוהט וועה ווען מען שניידט דאס הארץ. דאך קען צייט עס היילען. דיר אין דיין עלטער קען קיינער ניט העלפען. דו מוזט זיך אראפקייקלען אין די ארעמס פון טויט. איך בין געלאפען אין דעם וועלדעלע צו צושפרייטען מיין בענקענדיגען אומעט, מיין פארלארענעם צער, היינט, דערזעהענדיג דיין לעצטען ראנגעל אהן האפענונג, איז מיר געווארען גרינגער, כאטש איך בעט צו דערלעבען דיין יעצטיגע עלטער. דאס לעבען איז א פארפלאנטערניש ווי א נעץ וואס כאפט יעדען.

— פאַרשיעדען האָב איך דיר געזעהן אַרומוואַגלענדיג אין דעם פעלד מיט דער מיידעלע וואָס דו האָסט אַזוי ליעב. איך האָב דאָס ניט געהאַט. די וועלט אין וועלכער דו לעבסט יעצט איז גאַר אַן אַנדערע. דו האָסט אַ רעכט אויסצוקלייבען, זאָגען דיין וואָרט. דאָן, אין מיין צייט, איז געווען די געפעלינקייט פון מיינע עלטערען.

— פיליכט זייט איהר געווען גליקליכער?

— איך ווייס ניט, האָט ער טראַכטענדיג געענטפערט.— די ביהן האָט ליעב צו נעהמען דעם האָניג פון דער בלום וואָס געפעלט איהר. עס איז צו שפּעט פאַר מיר צו ריידען, ווי עס איז געווען צו שפּעט פאַר מיר צו פאַרזוכען דעם זיסען קאָנפעקט. דער אומדערבאַרעמדיגער טויט! איז דאָ אַן אונטערשיד פון דעם גע׳משפּט׳ען און דעם פאַר׳משפּט׳ען? דאָ פאַר׳משפּט דיך דאָס געזעץ פאַר אַ פאַרברעכען, דאָ פאַר׳משפּט דיך דאָס לעבען פאַר דיין לעבען לאַנג. די עלטער פאַר׳משפּט דיך צום טויט.—ער האָט אַ ציטער געטאָן. זיין פלאַקסענע באָרד איז ווייסער געוואָרען.

—דו זעהסט אָט די סטאַדע גענז? יאָהר איין יאָהר אויס פיטער איך זיי, האָדעווע זיי, פאַרקויף זיי. ווער עס איז קויפט זיי, עסט זיי אויף, זיי פאַרשווינדען און נייע ווערען אויסגע־האָדעוועט. מיר ווערען געקוילעט, פאַרשוואונדען, און באַלד קומען אַנדערע. מיר פיטערען זיי. עמיצער פיטערט אונז. אַזוי געהט די וועלט.

— ביסטו געווען צו דער פאַרזאַמלונג זונטאָג?

זמיטרוכע האָט געענטפערט אַז יאָ.

— איך האָב צום באַדויערען ניט געקאָנט זיין.

— אַ פאַרדראָס, האָט זמיטרוכע אַרויסגעזאָגט.

דער פלאַם האָט שוין אַריינגעדרונגען טיף אין די מענשלעכע הערצער, עס האָט פאַרנומען אַ גרויסען קרייז. זמיטרוכע האָט אַ שאָקעל געטאָן מיטן קאָפּ.

— יאָ! איך וואָלט געוואָלט זיין יונגער, איך בין געקומען זוכען דיין טרייסט, געפין איך דיך אַ פאַרצווייפעלטען.

זמיטרוכע האָט אַ לאַך געטאָן—שולדיג איז דער הערבסט. ווען מיר הויבען אָן ריידען וועגען עפּעס אַנדערש וואָלט דער אומעטיגער געדאַנק ניט געקומען. זמיטרוכע איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אוועקגעשטעלט אין זיין גאַנצער גרויסקייט, מיט זיין האַנט האָט ער אָנגעצייגט אויף אַלע עקען פון דער וועלט:

— בעלאַנגט איר ניט צו מיר, וועט איר בעלאַנגען צו מיינע קינדער, צו די וואָס ווילען אַרבייטען און זיין עהרליך.

מיט זיין מעכטיגען שטעקען האָט ער אין דער לופטען וועמען געשראָקען. דער שונא האָט געציטערט. די אָפּגעפאַלענע בלעטעלעך האָבען זיך געטראָגען צו אונזערע פיס. פרעפּלענדיג זיינען זיי געלאָפען פאַראויס ווי די געלע פייגעלעך וואָס זוכען שפּייז אויף דער קאַלטער אָסיען ערד. די גענז זיינען געאיילט געלאָפען איבער דעם געלבליכען גראָז. אָפּט גערעדט: גי־גי־גי־. זמיטרוכע האָט זיי מיט זיין שטעקען באַוויזען אַז באַלד איז נאַכט. זיי דאַרפען זייער וועג געהען צו דער היים. דער גאַנער האָט מיט זיין קלינגענדיקען קול איבערגערעדט זיך מיט זיינע גענז דאַמען. באַלד האָבען זיי זיך אַלע אַ קער געטאָן צו דעם וועג וואָס האָט געפיהרט צום דאָרף. די זון האָט זיך פאַרבאַהאַלטען. איהרע טריט האָבען איבערגעלאָזען אַ פּורפּור וועג, וואָס זאָגט אָן אויף אַ שעהנעם מאָרגענדיגען טאָג.

— אַהיים — האָט באַפעהלען זמיטרוכע זיינע גענז.

צוועלפטער קאַפּיטעל

אַנדרושאַ האָט געבראַכט מיר אַ בוך צום לעזען. אַרײַנקוקענדיג אין מײַן פּנים האָט ער מיט פאַרוואונדערונג געזאָגט:

— וואָס איז? דו קוקסט אויס אזוי שלעכט. איך האָב איהם ניט געענטפערט, האָב פּרובירט מיט אַ תּרוץ פאַררײדען, ווי איך וואָלט זײַנע ווערטער ניט געהערט.

— דו מוזט מיר זאָגען, סאָלאָמאָן.

איך האָב אויף איהם אַ קוק געטאָן — איך מוז דיר זאָגען, ווען ניט?

— ווען דו ווילסט מיר ניט זאָגען קען איך דיך ניט צווינגען — אַנדרושאַ האָט אַ לאַך געטאָן און באַלד האָט ער אַ פאַר׳גנב׳עטען בליק געוואָרפען אויף מיר.

— שוין ווידער אַן איבערלעבונג? אַך, דו יונגער לאַשיקעל, דו שפּאַנסט זיך אײַן אין אַ צו שווערען וואגען. דו ביסט נאָך יונג, דו דאַרפסט דײַן האַרץ היטען. דו דאַרפסט דײַנע קרעפטען זשאַלעווען. דאָס לעבען וועט זיי דאַרפען שפּעטער.

—דו רעדסט ווי אַ קינד! האָב איך בייזליך געענטפערט.— דעם מענשענ׳ס האַרץ האָט ניט קײן הענטלעך וואָס קען עס אפּשטעלען, דאָס מענשליכע האַרץ האָט ניט קײן צאַמען. עס איז דאָס וואָס רעגירט מיט דעם מענשען, און ניט דער מענש מיט דעם. פאַרשטעהסט?

— אַנדרושאַ האָט אַרונטערגעלאָזען זײַן קאָפּ פאַרטראַכט, געשטאַנען אומבאַוועגלעך.

— דו ביסט גערעכט! נאר ווייסט דאך אז יענעם זאָגען איז אימער גרינגער ווי אליין טאָן. לעז דעם בוך, ער וועט דיר גרינגער מאכען. עס וועט דיך פאראינטערעסירען, אז דו וועסט פארגעסען אָן דיין איבערלעבונג ווי דו רופסט עס אן.

איך האָב איהם באדאנקט.

— מיר ווילען די וואך האָבען א פארזאמלונג בא שלע־מעצען אין הויז. ווילסטו דאָרט זיין?

— ווען? — האָב איך איהם געפרעגט.

— איך וועל דיר זאָגען ווען דו וועסט זיין.

— יאָ, טו אזוי אנדרושא. ווי פילט נאסטיא טיכאמעראווא?

— זי איז ווי אימער — ביינקענד און פארקלערט. לעזט פיעל און אָפט שרייבט זי. וואָס זי שרייבט איז מיר אומבא־קאַנט.

— זאָג איהר אז איך וועל קומען זי באלד זעהן.

—ווען?

— דאָס וועט זיין א סוד, אונערוואַרטעט.

— געוויס וועט זי זיין גערען צו זעהען דיך. זי פרעגט מיך אפט אויף דיר. איך גיב איהר אָפּ א גרוס.

— איך דאנק דיר אנדרושא. ווען ווילען מיר זיך טרעפען ווידער?

— אנדרושא האָט א לאך געטאָן — מיר האָבען אימער צייט.

דער קאלטער, גרויער הערבסט מיט זיינע אומעטיגע טעג מיט זיינע נעפעלדיגע נעכט האָט געוואַרפען א שווערען געמיט. די אָפטע רעגענס און דער פאלענדער שנעע האָט מיין הארץ געביסען. אין די גרויע וואָלקענס האָב איך מיין לעבען געזעהן. דאָרט אויף דעם פארוויינטען הימעל האָב איך יעצט פארבראכט. דער קאלטער פראסט און די בייסיגע ווינטען האָבען די בלאטע פארשמירט. באלד איז געקומען דער קלאר־ווייסער שנעע, האָט די ערד באדעקט, באדעקט דאָס גראָז, די צווייגען פון די גרויסע סאסנע ביימער. שטיל האָבען געטוויטשעט די פייגעלעך, הויך האָבען געשריען די קראהען. די פערד, געשפאנט אין די

שליטענס האָבען געשניטען דעם פוך־ווײסען שנעע, מיט די גלעקעלעך קלינגענדיג דזין־דזין־דזין. הילכיג האָט געקנאַלט דער פראָסט אין די לבנה נעכט, אין די ווינקלען פון די הײזער. הילכיג האָבען געוואיעט די הונגעריקע װעלף אין דעם גרויסען מוטצער וואַלד. טיפער און טיפער איז די שנעע קאַלדרע געוואָרען. שטיל איז די ערד געלעגען אײנגעוויקעלט אין איהר טויטען צודעק. שטיל, אין בענקעניש, זײנען געגאַנגען די טעג און וואָכען. מיט שטילען בײנקענדען טרויער האָב איך באַווײנט איהר אפוועזענהייט. זי האָט מיך געוויס פאַרגעסען. די אײפערזוכט האָט ווי אַ שלאַנג געביסען דאס האַרץ. ניט אײנמאָל האָב איך זי געשאָלטען, געשטראָפט מיט קללות, און ווידער מיט שרעק גערופען די ווערטער צוריק. איך האָב זי ליב מיט אַלע פאַרברעכערישע פאַלשקײטען, מיט אַלע וועהטאָגען וואָס זי האָט מיר פאַרשאַפט. אין דעם צער בין איך פאַר־קלאָמערט געוואָרען, אײנגעזונקען טיפער און טיפער, ווי עס טרעפט אין אַ בײזען חלום. שטיל זײנען אַוועק די ווינטער מאָנאַ־טען. מיט אַ געפיהל פון ערוואַרטונג, ווי ערגעץ ווײט לויטערט זיך דער הימעל פאַר מיר, מיטן אנזאָג פון גליק. וואַרימע ווינטלען האָבען גענומען בלאָזען, וואַרעמע זונען שטראַהלען האָבען זיך באַוויזען, וואַרימע רעגענדלעך האָבען גענומען געהען, צו־שמעלצענדיק די דיקע ווײסע קאָלדרע. קלײנע ריטשקעלעך וואַסער האָבען זיך גענומען צולאָזען — דער אָנזאָג פון פרילינג.

דער פריהלינג וואָס ברײנגט פרײד אין יעדער האַרץ, ברײנגט אויך אַ פאַרבאָרגענעם געפיהל וואָס מאַכט בײנקענד, שפּילענדיג אויף די סטרונעס פון מענשליכען פאַרלאַנג. יעדע זאַך האָט אַ שאָטען פון גלוסט. די אײנזאַמקײט דריקט, די פאַרלאָרנקײט מאָהנט. שטימען רופען, קלאַנגען זינגען מעלאַנ־כאָליש אויף די סטרונעס פון אײער האַרצען. טיפע, פאַר־באָרגענע סודות שווימען ארוים פון דער פאַרבאָרגענער טיפעניש. זיי ווינקען אין פעלד, אין וואַלד, צו דער אויפגעלעבטער נאַטור וואָס פרײכט אַרײן איהר אָטהעם פון פאַרלאַנגען. די מילדע ווינטעלעך ווערען אָרעמס, אָרעמס מיט צערטליכקײט וואָס

נעהמען ארום און מורמלען מיט יענע ווערטער וואָס מאַכען שכור און דורשטיק נאָך דעם ביסעלע גליק וואס איז אין געפעל. די אויגען זעהען ווייט, דאָס גליק איז אזוי נאָהענט נאָר קען ניט דערגרייכט ווערען. סודות וואָס פּרעפּלען כשוף רופען אהין וואו עס איז ניט דערגרייכבאַר. קומסטו אהין איז דאָס ניט דאס גליק נאָך וועלכען דו האָסט געבענקט און וואס דו האסט פאַרלאַנגט. דאָס אייביגע זוכעניש, דאָס אייביגע בייטעניש פון קומען און אוועקגעהן. דאָס ביסעלע קאַלטע שנעע וואָס האָט באַדעקט די בלאַטיקע ערד האָט געבראַכט ליכט אין דער נשמה. באַלד האָט דער שנעע פאַרדאַרבען אַלעם וואָס דער זומער האָט אויסגעפּלאַנצט. אַ שווערער געמיט פון איבערלעבונג. ווידער דער פריהלינג וואס פאַרטרייבט דעם שנעע און באַגרינט די ערד, באַפליגעלט די ביימער, באַצווייגט די בלומען מיט שעהנקייטען. עס ווערט געביטען דאָס האַרץ פון דער נאַטור. עס ווערט קאַלט און ווערט דערוואַרעמט פון דער זון. דאָס האַרץ פון אַ מענשען ווערט קיינמאָל ניט געביטען. דער קאַלטער פראָסט קען גליווערען. דאָס האַרץ קען בליהען, בליהען מיט ליעבע באַשטראַהלט פון גליק. די זון איז וואַרעם. די היץ שטיקט, אין האַרצען לויערט יענע קעלט וואָס פאַרדאַרבט דאָס לעבען. דער געווינער איז דער שעהנער זומער, דער פאַרלירער איז דער קאַלטער ווינטער. מענשען זיינען ווי שאָטענס. זיי געהען ארום אומגעזעהענע. נאָר דאַ קענסטו דעם שאָטען דערזעהן ווען דו באַגעגענסט זיך מיט אַן אַנדער שאָטען. דער פריהלינג האָט מיר פאַר'גנב'עטערהייט אריינגעבראַכט אַ געוויסע האָפנונג פון אַ גליקליכער ערוואַרטונג.

די פייגלען, די נאַטור קינדער, האָבען דעם אינסטינקט צו וויסען די פאַרבאַרגעניש פון דער נאַטור. זיי זיינען די וואָס ווייסען דעם אנזאג פון שעהנעם טאָג, דעם אָנזאָג פון שטורם, פון וואַרעם און קעלט. דעם פריהלינג דערפיהלען זיי איידער דער מענש פאַרשטעהט אז ער קומט. דער פייגעל זאַוואַראנעק פלעגט זיין דער ערשטער אנצוזאגען דעם גוטען אנזאג פון פריהלינג. דאָרט אויף דעם באַרג פלעגט ער פליהען זינגענדיג הויך—

פריהלינג איז דאַ. זיינע פליגעלעך פלעגט ער האַלטען צושפּרייט אָהן באַוועגונג. מיט זיין נגונדעל פלעגט ער וועקען די וועלט. אין זיין געזאַנג האָבען זיך געהערט גליקליכע טענער, טענער וואָס וועקען דאָס האַרץ צום לעבען, טענער פון פאַרגאַנגענע ליידען. פרייד און טרויער האָבען זיך אין זייערע קלאַנגען געגאָסען. מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן, מיין געדאַנק האָט מיך גע־פיהרט צו יענעם פאַרבאַרגענעם גליק וואָס איז געווען איינגע־וויקעלט אין טויזענטער פראַגען. דאָך האָט זיין געזאַנג נע־הענטער געבראַכט צו יענער ריכטונג וואו איך האָב געבלאָנדזשעט דורך די קאַלטע ווינטער מאָנאַטען. אַ שנירעלע, אַ דינינקער פעדימעל האָט זיך געשפּונען פון דעם פאַרגאַנגענעם זומער ביז יעצט. זיין עק האָב איך ניט געוואָלט אַרויסלאָזען פון מיינע ציטערדיקע הענט. עס איז געווען פאַרבינדען מיט מיינע פע־דימלעך פון האַרצען. דער איבעררייס פון פאַרבאַרגענער ערוואַרטונג וואָלט מיין לעבען פאַרניכטעט. די האָפענונג איז ווי דער נייער טרונק וואָס פרישט אָפּ אין דעם לאַנגען מדבר וועג. לאַנגזאַם האָט די זון מיט איהרע וואַרעמע שטראַהלען געזויגען דעם שנעע, געשיקט אין ריטשקעלעך ווייט אין די ראָווען און טייבעלעך. די נעכט האָבען מיט זייער קאַלטען אָטהעם זיי פאַרשלעפּערט. די זון האָט זיי אויפגעוועקט און גע־שמאַלצען. אויף די בערג האָט די ערד אַרויסגעקוקט צום הימעל, האָט גערופען די וואַרעמע שטראַהלען צו זיך. די פאַרשלעפּער־טע גרעזעלעך האָבען זיך ווי קינדערלעך אויפגעכאַפּט, אויס־ציהענדיג די העלזעלעך האָבען זיי געקוקט אויף דער זון רופענדיג זי צו זיך. פויל האָבען זיי אוסגעצויגען זייערע גלידערלעך.

העכער און העכער איז די זון געקראָכען אויף איהר גאָל־דענעם לייטער. פון דאָרט האָט זי אַלעמען באַטראַכט, מיט איהר ברייט, וואַרים האַרץ באַוואַרעמט, באַשאַנקען מיט שטראַה־לען און קושען. די טויטע ערד האָט פון איהרע געדערים אַרויסגעשיקט אַלע קערענדלעך און וואָרצלען און האָט זיי באַגרינט. פאַרשיעדענע פאַרבען האָט זי אנגעטאָן מיט פאַר־שיעדענע קליידער. זשאַבעס, היישעריקען, שלאַנגען און נאַכ־

טיגאַלען האָבען געננומען: ארומקריכען, ארומלויפען, ארומ־שפּרינגען, ארומפליהען, ארומפויזען אויף איר ערדישען קערפּער. זי איז ווי אַ מאַמע צו אַלעמען געטריי. אַלע זיינען אירע קינדער. דאָס גראָז האָט זי באַגרינט, די ביימער באַבלעטערט, באַשאַפען פאַר יעדען זיין נעסט, פאַר דעם אָדלער דעם הויכען וואַלד, פאַר דער שלאַנג די נארע אין דער ערד, פאַר דעם קערענדעל איהר ברוסט. אויף די דעכער זיינען פייגעלעך פרעהליכע ארומגעלאָפען, ארומגעפלויגען געאיילט, טראָגענדיג אין זייערע מיילעכלעך פעדערלעך און וואָרצלען, און האָבען געבויט זייערע נעסטען. שטיל האָבען די טייבעלעך געוואַרקעט זיצענדיג אויף די שטרויענע דעכער וואַרעמענדיג זיך אויף דער זון. הילכיג האָבען געמעקעט די בהמות בענקענדיג נאָכן פעלד און דעם גרינעם, פרישען גראָז. אויף די פעלדער האָבען זיך געוויזען פויערים מיט אַקער אייזען. די אָרעמע פערדלעך האָבן געשלעפּט די סאָכעס, די סאָכעס האָבען געשניטען די שווערע, פייכטע ערד, געלייגט זי אין פאַסען. דער געשריי פון די פויערים האָט זיך געהערט ווייט אַוועק — פּאַשאָל! העי! און באַלד דער קנאַל פון רימענעם בייטש וואָס שניידט זיך אריין אין דער פאַרשוויצטער פעל פון דעם שווער אָטהעמענדיגען פערד. די פריהלינגס ווינטעלעך האָבען מיט זייער קאַלטען אָטהעם געבלאָזען. מיט קאַלטע ליפּען האָבען די זון־שטראַהלען געקושט, געטריקענט די פייכטע ערד און געבראַכט די קנאָספּען אין שוואַנגערשאַפט, וואָס האָט באַלד אַנגעזאָגט אויף געבאָרען.

זי קיהלע נאַכט מיט איהר טוי האָט כשוף געוועבט. שטיל האָט זיך דאָס וואַסער געטראָגען זיין געשלענגעלטען וועג. שטיל האָט די ערד אריינגעצויגען דעם וואַרעמען אָטהעם טיף אין איהרע געדערים. פון דאָרט האָט זי איהרע וואָרצלען געשיקט אין דער הויכקייט צו דער וואַרעמער זון, צום לעבען. אין כשוף פון נאַכט האָט זי איהרע קינדער געוועקט מיט איהר וואַרעמער האַנט, פּרעפּלענדיק סודות פון לעבען. — שטעהט אויף קינדערלעך, שטעהט אויף, דער פריה־

לינג איז דאָ, ערוואַכט!—ווי קליינע, פאַרבאַהאַלטענע שאַטענד־לעך הייבען זיך אָן ריהרען די אַלע פאַרשלעפּערטע גרעזלעך. מיט מורא קוקען זיי צו דער וויסטער וועלט וואָס דערצעהלט זיי דעם סוד פון פריהלינגס לעבען. ווי פאַרבאַרגענע שאַטענדלעך דער־שראָקענע הייבען זיי אויף זייערע קעפּעלעך אַנצוקוקען דעם אמת פון דעם אַנזאָג. אַלע גצאיילט לויפען זיי זייער געלאַף צום לעבען, צו ערוואַכונג. אין באַגינען איז דער צודעק פון דער ערד גרין און לעבהאַפט. די זון מיט די גרעזעלעך קושען זיך ווי שוועסטער, ווי געטרייע פריינט וואָס זיינען אָפּ־געזונדערט געוואָרען דורך אַ ברוטאַלער מאַכט. געאיילט וואַרפט די זון איהר גאָלדענע האַנט צו אַלעמען, געאיילט הייבען זיך די העלזלעך צו דעם וואַרעמען שטראַהל, ווי זיי וואָלטען איינער דעם צווייטען געוואָלט אָפּגעבען מזל טוב. וואַרעם ווערט די זון, באַגרינט ווערט די ערד. ביידע שפּינען דאָס לעבען.

דער פּאַסטוך מיט זיין טרובע האָט אַנגעזאָגט די צייט פון זיין געהן אין פעלד. די בהמות האָבען זיך ווילד געריסען צום דרויסען. זייערע געשרייען האָבען וויט אָפּגעקלונגען מיט אַן עכאָ. געאיילט זיינען זיי געגאַנגען דעם וועג צום גרינעם גראָז, וואו זיי האָבען מיט זייערע צינגער געלעקט דאָס פייכטע, זיסע גראָז, קייענדיג און שלינגענדיג דורך דעם לאַנגען גאַרגעל. פאַרגעסען האָט די וועלט דעם קאַלטען ווינטער, פאַרגעסען האָט די ערד איהר קאַלטען שלאָף, די זון איהר אומבלאַנזשעניש.

אין פעלד האָט אַלעס געגרינט און געבליהט. די פּויערים האָבען מיט זייערע קאַשיקעס זוימען צושפּרייט איבער דער צו־אַקערטער ערד און האָבען מיט ברכות געוואונשען אַ גוטע גערעטעניש. הייס האָט די זון מיט איהר פּנים געוואָרעמט. ליעב האָבען די וואָלקענס מיט זייערע רעגענס באַפּרישט די ערד און דאָס פאַרשמאַכטע גראָז, און די בלעטער. דאָס לעבען פון די אָרעמע שטיבעלעך האָט גערופען צום פעלד, צו דעם פרייען פעלד וואָס האָט געהאַט דעם כשוף פון פאַנטאַסטישעס. דער הערבסט פאַרזייטער קאָרן האָט גרין באַדעקט די פעלדער. מיט אַ מעכטיגע קראַפט האָט ער געצויגען זיינע גלידער צום הימעל.

ווי א סאַמעט האָט ער אין זיין וויגען זיין קאַליר געביטען, רעדענדיג אומפאַרשטענדליכע ווערטער. די קאָרן־בלימעלעך האָבען אין זיינע אָרעמס געבליהט, געוואָרפען זייערע בלוי׳ליכע פאַרבען מיט רייץ אויף דער ארומיגער וועלט. אומעטיג און בענקענדיג האָבען זיך געהערט די לידעלעך פון די דאָרפישע מוידען, בענקענדיג האָבען זייערע האַרץ סטרונעס געזונגען דעם בענקענדען נגון — וואו איז מיין געליבטער, וואו איז מיין באַשערטער?

דעם טאָג בין איך אין פעלד ניט געגאַנגען. דער פאַר־בענקטער נגון פון די דאָרפס מיידלעך האָבען מיר אומעט גע־בראַכט. זייערע ווערטער זיינען געווען שניידענד׳יג — וואו איז מיין געליבטער, וואו איז מיין באַשערטער? ווער וואָלט דאָס ניט וועלען וויסען? ניטאָ אַ האַרץ וואָס וואָלט ניט וועלען וויסען דעם סוד פון איהר אָדער זיין באַשערטער אדער באַשערטען. די אומשולד פון דעם נגון האָט אויסגעדריקט בענקשאַפט. איך האָב אין דעם נגון מיין אומעט דערפיהלט, דערפיהלט דאָס בענקעניש: באַלד דאַרף זי קומען — איהר קומען האָט אנגעוואָרפען אַ שרעק אויף מיר — ווידער די זעלבע איבער־לעבונג, די זעלבע וואונד. דאָך אין מיין האַרצען האָב איך געוואַרט אויף איהר. דער וועהטאָג פון ליבע איז אַ זיסער. פאַרביי מיר האָבען דורכגעשפּאַצירט צוויי פריילינס, געאָרעמט זיינען זיי געגאַנגען. דערזעהענדיג מיך האָבען זיי זיךביידע דורכגעקוקט און עפּעס שטיל איינע דער אַנדערער געזאָגט. איך האָב זיי באַטראַכט, און ווידער מיינע אויגען געווענדעט צו די שורות וואָס איך האָב געלעזען. באַלד האָבען זיי זיך אַ קער געטאָן צו מיר. האַלב דערשראָקען, האַלב לאַכענדיג האָבען זיי מיך געפרעגט — היים איך ניט סאַלאָמאָן?

— יאָ, האָב איך זיי אנקוקענדיג געענטפערט און בין באַלד אויפגעשטאַנען פון אָרט:

— ווער זייט איהר, מעג איך פרעגען?

— געוויס!—האָט מיר איינע פון זיי געענטפערט.—איך בין — ניט דעררייזענדיג ווער זי איז האָט זי אַ לאַך געטאָן —

איך בין באַשקעס שוועסטער.

איך האָב דערפֿיהלט אין מיין האַרצען יענעם ריס וואָס האָט מיך געמאַכט ציטערען.

— איהר זייט באַשקעס שוועסטער?

אין מיינע אויגען האָבען זיך טרערען באַוויזען. איך האָב אָהן ווערטער לאַנג געקוקט אויף דעם נייעם געשטאַלט.

— און דאָס איז מיינע אַ פֿריינדין.

— מיך פֿרעהט.

מיין האַרץ האָט מיט שטורעם גענומען קלאַפּען.

— זי האָט אייך געלאָזט גריסען.

— איך דאַנק אייך. ווי פֿיהלט זי?

— זי פֿיהלט זיך גוט.

איך האָב אַ ווײַלע געטראַכט, אין דעם מאָמענט האָב איך קיין ווערטער ניט געהאַט.

— זי ריהמט אייך זעהר.

— איך דאַנק אייך, האָב איך נערוועז אַרויסגערעדט.

— זי וועט שפּעטער אַהער קומען.

— קומען!—האָב איך איבערגערעדט. איך האָב מיין פּנים צו דער ערד אַרונטערגעלאָזט.

— ווילט איהר געהען מיט אונז פֿאַר אַ שפּאַציר?

— וואָרום נישט?

— מיין שוועסטער האָט מיר געזאָגט אַז איהר זייט דאָ דער בעסטער קאַוואַליער.

— זי האָט געזאָגט? פֿיין! — האָב איך געענטפֿערט.

שטיל זיינען מיר געגאַנגען דעם וועג.

— זיינען דאָ פֿאַראַן שעהנע פּלעצער, ווי אַ וואַסער, אָדער אַ וואַלד?

— געוויס.

— איהר וועט אונז אַמאָל נעהמען אַהין?

— וואָרום ניט?

—איהר וועט זיין אונזער קאַוואַליר: באַשקע האָט מיר דערצעהלט פֿון אייך. איהר זייט פֿאַרליבט אין איהר?

זי האָט טיף געקוקט אין מיינע אויגען.

— איז ליבע אַ פאַרברעכען?

— געוויס ניט! איהר זייט דאךביידע אזוי יונג און אומפאַראַנטוואָרטליך, פאַרשטעהט איהר?

— איך בין צו יונג אייך צו ענטפערען. איך מיין ניט צו יונג, נאר איך קען אייך זעהר ווייניג. ווען די צייט וועט ערלויבען וועל איך אייך ענטפערען.

זי האָט אונווילליג אַ לאַך געטאָן:

— איהר זייט אַ ראָמאַנטיקער.

דער פאַרנאַכט איז געווען אַ שעהנער. דער גרויער טוי האָט הינטער זיין פאַרהאַנג פאַרבאָרגענעם געשפּונען. זייערע טעמפּע, פאַרשטיינערטע הערצער האָבען נייעם אטהעם גע־אטהעמט. דאָ, אין דעם פאַר׳חלום׳טען דאָרף, ערוואַכט דאָס האַרץ מיט יענער בענקעניש וואָס אַנטפּלעקט זיך ניט אין דער שטיינערנער שטאָט.

שטיל האָט די נאַכט געאטהעמט. קיין ווינטעלע האָט ניט געוועקט יענע נאַכט רוה וואָס ליגט פאַרחלום׳ט אין איר כשוף שטיל זיינען געשטאַנען די שווייגענדע שאָטענס פון די אַלבע ביימער. שטיל האָבען געשריען די היישעריקען אין דעם גרינעם גראָז. בלאָס האָט די לבנה ארויסגעקוקט דורך דעם טוי וואָס האָט זיך ווי אַ פאַרהאַנג געטראָגען.

— איהר זייט אונזער קאַוואַליר. קענען מיר אייך נעמען אין ארעם?

— געוויס, האָב איך שטיל געזאָגט.—די פאַרבאָרגעניש שרעקט און וועקט. יעדער בוים איז אַ שאָטען וואָס רופט צו זיך, צו זיינע פינסטערע ארעמס. איך וואָלט מורא געהאַט דאָ אליין אומבלאָנזען. אומבלאָנזען איז איבעראַל אַ מורא.

— איהר זייט גערעכט, סאָלאָמאָן.

— וואָרום רעדט ניט עפּעס אייער פריינדין? זי איז מיט אונז, פיהלט זי ניט די זעלבע איבערלעבונג?

— געוויס!—האָט זיך אַ דערשראָקענע שטימע דערהערט: פאַר מיר איז דאָס דער ערשטער ארויסטריט פון דעם שטיי־

נערנעם לעבען אין אַט דעם נעפּעלדיגען אַרומבלאָנזשעניש. איהר
װײסט אַז אין שרעק װערט דער אָטהעם פאַרקיהלט, דאָס לשון
שטום. איך קען דאָס ניט באַגרײפען. איהר װעט נאָך הערען
װערטער פון מיר, פּיליכט נאָך צופיעל.

זײ האָבען בײדע מײנע אָרעמס געדריקט, װי אין שאָטען
װאָלט איך געװען זײער האַרצענס־פרײנד.

— מיר װעלען געהען אַהײם, האָט מיר די פרײנדין געזאָגט.

— יאָ, מיר װעלען געהען — האָט איהר שװעסטער
איבערגערעדט.

באַלד זײנען מיר געגאַנגען דעם װעג אַהײם. טונקעלער
און טונקעלער איז די נאַכט געװאָרען, װי זי װאָלט אונז אַלעמען
װעלען אײנשלינגען. ניט אײנמאָל האָבען מיר אױסגעשריען—
װאו זײנען מיר? בלאָנזען מיר ניט?

װײט אין דעם דאָרף סענקאָװע האָבען הינט געבילט. זײער
בילען האָט אַנגעװאָרפען אין דער פינסטערניש פון נאַכט אַ
שרעק.

—װאָס בילען די הינט?

— װער װײסט? — האָב איך געענטפערט, װי
איך װאָלט װעלען אַנװאַרפען אויף זײ אַ גרעסערע שרעק.

—בו, האָבען זײ בײדע געציטערט, קלאַפּענדיק מיט די
מוסקולען פון זײערע הענט.

— אויב איהר װעט אונז ברײנגען אַהײם װעלען מיר אײך
אַ קוש געבען.

— מיר זײנען שוין אין דער הײם, באַצאָלט!

— כאַ־כאַ, בײדע האָבען מיך געקושט, לאַכענדיג.

לאַנג זײנען מיר געזעסען אויף דער באַנק רײדענדיג פון
פאַרשײדענעם, אַרויפקומענדיג אויף די רײד פון ליבע.

—איר װײסט אַז דאָ װאו די נאַטור איז ענטבלױזט איז די ליבע
שטאַרקער. מיר, דאָרטען אין די שטײנערנע װענט מיט די
שטײנערנע גאַסען, זײנען פאַרהאַרטעװעט, דאָ װאו די נאַטור
באַגעגענט זיך מיט אײך, װעקט זי אויף די פאַרשלעפערונג, דעם
פאַרלאַנג פון פאַרקניפּונג. איהר װײסט אַז איך האָב אײך גע־

ליבט אין דער פֿאַנטאַסטישער טונקעלקייט. מיין האַרץ האָט שטאַרקער געקלאַפּט ווי זי קלאַפּט אין יענע שטיינערנע ווענט וואָס זאָגען אייך אַן קאַלטקייט, אייביגע האַרטקייט. איהר וואָלט מיך דאַ געקענט פֿאַרפֿיהרען גרינג מיט אייער צערט־ליכקייט. דאַ אין דער טונקעלקייט ווילט זיך האָבען די באַ־שיצונג פֿון דעם שטאַרקערען. איהר ווילט האָבען אַ רעטער וואָס באַזיגט דעם פֿאַרבאַהאַלטענעם שונא. דאַכט זיך ביימער שאָטענס און דאַך אַזוי ציטערדיג. האָט איהר ניט געפֿיהלט מיין ציטער, מיין ליבע ציטער אין מיינע אָרעם מוסקולען?

— געוויס!

— וואָרום האָט איהר ניט געענטפֿערט?

— איך האָב אייך ניט פֿאַרשטאַנען.

דער גרויליכער באַגינען האָט גענומען אַרויסקוקען דאָרט אין מזרח. דאָס אויג פֿון טאָג האָט גענומען קוקען פֿון איהר באַהאַלטעניש. דער סאָלאָוועי האָט גענומען זינגען זיין בע־גינען געזאַנג. זיינע טענער זיינען געוועזען הילכיגער און שאַר־פֿער, געבעטליכער און ליידענשאַפֿטליכער ווי אַלע פֿרימאָרגענס.

— איהר הערט?—האָב איך זיי ביידען געפֿרעגט.

זיי האָבען מיר ביידע מיט אַ ריהר אויפֿמערקזאַם געמאַכט אַז זיי הערען און ווערען באַצויבערט פֿון זיינע טענער. אין דער ליכט פֿון טאָג האָב איך טרערען דערזעהן אויף זייערע אויגען, כּשוּף ליגט אין זייערע געזאַנגען, ליבע ליגט אין זייערע טענער. דאָס איז דער נאַכטיגאַל וואָס ווערט אָפֿט דערמאָנט פֿון פֿאַרליבטע. באַלד האָבען אַנדערע פֿייגלען געזונגען. זייערע טענער זיינען געוועזען רייצענד און זיס. אין וואַלד און פֿעלד צובליהט זיך די בלום. אין וואַלד און פֿעלד ווערט אויפֿגעוועקט דאָס האַרץ, די ביינקעניש וואָס דרימעלט אין דער פֿאַרגליווער־טער שטאָדט. ווען מיר אייך מאָרגען זעהן?

שטיל און איינגעפּלאַכטען זיינען זיי געגאַנגען דעם וועג צו דער טיר וואָס האָט זיי פֿאַרשלונגען.

— — — — — — — — — — —

דער מאָרגענדיגער טאָג איז געוועזען פֿול מיט ערוואַרטונגען.

עס האָבען מיך געריצט יענע געשטאַלטען וואָס האָבען מיט מיר אין דער פינסטערער נאַכט ארומגעבלאָנדזשעט. עס האָט מיר געפעהלט יענער אטהעם וואָס איז געווען אזוי נאָהענט צו מיר. עס האָט מיר געפעהלט יענע ווארעמקייט וואָס האָט זודיק גע־בריהט מיין הארץ און האָט געוועקט אין מיין הארצען געגוס, יענער פאַרבאָרגענער גענוס וואָס צושמעלצט דעם פאַרשטאַנד. מיינע ארעם מוסקולען האָבען געזוכט יענעם אנזאג פון א פרוי'ס אויפוואַכונג. איך האָב אַלעם געפיהלט אין מיינע בלוטען. אהין, צו יענעם אומבאַקאַנטען גענוס האָט מיך געצויגען. צו יענער פולער ברוסט וואָס האָט זיך אפט אין מיינע פלייצעס אנגעשלאָגען, שווער און אויפרייצענד אטהעמענדיג אין קער־פערליכען ציטער. טראַכטענדיג שטיל האָב איך מיינע ציעלען געוואויגען — דעם ציעל פון שפּעטער. איך וועל געהען צו נאַסטיא טיכאמעראווא, דאָרט וועל איך פאַרברענגען עטליכע שטונדען. מיט דעם וועל איך באַזיגען זייער איבערראַשונג. זיי וועלען וואַרטען אויף מיר. זיי וועלען פאַרשטעהן מיין ווערט, און די נעץ איז פאַרטיג. פרויען וועלען צוטרעטען די שענסטע בלום עס זאָל נאָר בייגען דעם קאָפּ פאַר זיי. הויבט עמיצער אויף זיין שטאָלצען קאָפּ ווערט ער דער אָפּגאָט זייערער.

נאַסטיא האָט מיך אויפגענומען מיט פרייד:—

— איהר זייט מיינער אַ פריינד. איך האָב זיך אזוי פאַרבענקט נאָך געשפּרעכען ווי די מוסקולען וואָס ווערען פאַר־קרעמט אָן באַוועגונג. איך האָב ערשט געטראַכט פון אייך דערפאַר בין איך אזוי פרעהליך.

— איך האָב געסט דאָ.

—געסט? — האָט נאַסטיא ארויסגערעדט — ווער זיינען זיי? — האָט זי שטיל און אומפאַרשטענדליך געפרעגט.

— צוויי פרייהלינס.

— איהר זייט שוין אַ געבאַפּטער. איהר זייט גרינג צו ווערען געבאַפּט ווען זיי זיינען נאָך שעהנע? שעהנ־קייט פאַרגעטערט איהר?

— ווער ניט?

— דאָ, אין דעם פאַל, וועל איך אייך פאַרטרויען אַ סוד, אַז איך וועל נעהמען ראַכע, די ראַכע וואָס קומט מיר. ראַכע! ראַכע פון אַ פרוי!

— דיינקט איהר אַז דאָס איז ווירדיג?

— יאָ! עס איז. דאָס וועט זיין דער קאַלטער קאָמפּרעס צו מיין הייסען ברענענדען פייער.—זי האָט בייז אַ קוק געטאָן:— בין איך ניט אַ קינד פון ראַכע? מיך האָט די נאַטור באַ־שטראָפט.

— איהר זייט גערעכט. נאַטור, נאָכ'ן באַ־שטראָפען, לאָזט אייך צורוה. דער מענש איז ווי די חיה, ער שפּילט זיך מיט די וואונדען, ער שפּילט זיך מיט די ריטשקעלעך בלוט וואָס טריפען פון אייך.

— סאָלאָמאָן, איך וואָרן אייך! — זי האָט דייטליך און בייז אַ קוק געטאָן אויף מיר.

אין דעם פאַרנאַכט בין איך אַרויס פאַר אַ שפּאַציר. דער שפּאַציר איז געווען יענער באַהאַלטענער תרוץ וואָס אַ מענש זוכט אַמאָל פאַר זיך אַליין. אין מיין האַרצען האָב איך געזוכט יענע געשטאַלטען וואָס האָבען מיר מיין פאַרשטאַנד געגעבערט.

— איהר זייט דאָ?—האָב איך זיי געפרעגט, דערזעהענדיג זיי אַרומשפּאַצירען אויף דעם וועג וואו מיר האָבען נעכטען אין פינסטערניש געבלאָנדזשעט.

— איהר זייט שפּעט, סאָלאָמאָן, וואָרום? מיר האָבען געוואַרט אויף אייך פון צוועלף.

— איך בין געווען פאַרנומען.

— יעצט זייט איהר אונזערער?

סאָניע האָט מיך אונטערן אָרעם גענומען — יעצט זייט איהר מיינער.

— ווילט איהר איך זאָל זיין אייערע?

— אין דעם מאָמענט.

— באַלד וועט באַשקע קומען, זי איז די וועלכע וועט רעגירען. איך ווייס אַז איהר ליבט זי.

איהרע ווערטער האָבען געקלונגען מיט אַ טאָן פון פּאַ

דראַם:

— איהר װאַרט אויף איהר, סאַלאמאַן?

— יאָ, איך װאַרט אויף איהר, דאָס איז דער אמת אַלײן.

— װײסט איהר ניט אַז זי איז יונג און אונערפאַהרען, זי װעט בײטען איהרע מײנונגען װי עס בײט די ערד די גראָזען פאַרבען.

— פאַר מיר װעט זיך איהר פאַרב ניט בײטען.

— װײסט איהר אַז זי ליבט אַן אַנדערען?

— אַנדערען?

— יאָ! איך האָב דאָס אײך ניט געװאָלט זאָגען, נאָר איך האָב אײך געװאָלט פאַרהיטען פון זײן געגאַרט. נײן, זי ליבט ניט. זי איז נאָר אַ שטיפערקע. זי האָט ליעב צו שפּילען זיך מיט יענעמס האַרץ.

— ליבען ליבט זי נאָר מיך, מיך אַלײן.

סאָניע האָט אַ לאַך געטאָן. איהר געלעכטער האָט גע־שניטען מײן האַרץ:

— װילט איהר מיט מיר זיך דורכרײדען מאָרגען? האָט זי ציטערדיג געפּערפּעלט.—איך װעל אײך פון אַלעס אַנטפּלעקען און איהר װעט פאַרשטעהן אַז איך בין אײער פרײנד.

— יאָ! — האָב איך שטיל אַרױסגעזאָגט — מאָרגען װעלען מיר זיך טרעפען, אומגעזעהן װעלען מיר אװעק אין יענעם װעג װאָס װערט ניט געשטערט פון מענשליכען אויג.

די װערטער האָבען מיר געגעבערט מײן האַרץ. זײ האָ־בען מיר װאונדען פאַרשאַפט.—ליבט זי װעמען אַנדערש? אָדער דאָס איז נאָר דער סם פון אַן אַנדער פרוי װאָס פאַרגינט ניט דאָס גליק דער צװײטער? באַלד האָב איך געשריען אין זיך — עס איז אַ ליגען, זי ליבט נאָר מיך, און באַלד האָב איך גע־זשיפּעט װי אַ שלאַנג — זי ליבט עמיצען אַנדערש, איך װעל זי אומברײנגען, איך װעל זי פאַרניכטען. באַלד זעה איך זי אַ פאַרפײניגטע ליגען פאַר מײנע פיס, באַלד קומט איהר שעהנער פּנים און געשטאַלט צו מיר. איך קוש זי, איך צערטעל זי, זי פאַלט אויף מײן ברוסט. װײנענדיג רעדט זי צו מיר — דו ביסט

איינער פאַר מיר אין דער גאַנצער וועלט. די סטרונעס פון פאַלשע טענער קלינגען אריבער דעם אמתען טאָן. די ווער־טער וואָס סאניע האָט מיר נעכטען אריינגעפּרעפּעלט האָט מיר געעג־בערט דאָס האַרץ, געעגבערט דעם מארך אין מיין מוח:—אפשר איז זי גערעכט. פרויען זיינען פאַלשע פוקסען. גאַנץ פריה בין איך ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה ארומגעלאָפען ארום סאניעס פענצטער. מיר האָט זיך געוואָלט זי זאָל מיך דערזעהן. באַלד האָט זי מיר פאַרזיכטיק מיט איהר האַנט אנגעצייגט אז זי קומט. זי האָט מיר געהייסען אוועקגעהן. איך בין אוועק און געוואַרט אויף איהר ארויסקומען. זי איז געאיילט געקומען דעם וועג וואו איך האָב מיט מיין האַנט איהר אנגעצייכענט:

— שאַ! — האָט זי שטיל גערעדט. איך וויל ניט זיי זאָלען באַמערקען מיין אוועקגעהן מיט אייך. שנעל זיינען מיר ביידע געלאָפען דעם וועג צו יענעם וואַלד וואָס איז געשטאַנען ווי אַ הויכער שאָטען.

— איהר זייט מיד? — האָב איך זי געפרעגט, אביסעל אויפ־גערעגט. אין דעם שאָטען פון די ביימער האָבען מיר געמיטליך זיך אוועקגעזעצט.

— יעצט זאָגט מיר וואָס איהר ווייסט.

— וועט אייך ניט וועה טאָן? דעם וועה האָט איהר מיר אנגעזאָגט נעכטען. איך האָב שוין אַ שלאָפלאָזע נאַכט דורכ־געלעבט. יעצט האָב איך זיך פאַרגרייט פאַר דעם ערגסטען.

— שווערט אז איהר וועט איהר ניט דערצעהלען.

— יאָ, איך שווער אז דאָס וועט זיין אַ סוד.

— דאַן קושט מיך!—זי האָט איהרע הענט צו מיר אויס־געשטרעקט—קושט מיך, נעהמט מיך שטאַרק ארום, איך האָב נאָך אייך געבענקט, געבענקט אין יענער פינסטערער נאַכט. איהר האָט נישט פאַרשטאַנען.

איך האָב אין מיין קערפּער אַ ציטער דערפיהלט — איך וועל אייך קושען! קושען. זאָגט וואָס איהר ווייסט וועגען איהר?

אויפגעוועקט האָט אונז דער געדאַנק פון אויסניכטערונג:

— מיר װעלען געהן אהיים, האָט זי ציטערדיק גערעדט, ניט קוקענדיג אויף מיר. אין איהרע אויגען זיינען געװען יענע טרערען פון חרטה װאָס קומען צו שפעט. זי איז שטיל געזעסען פאַרזונקען אין טיפער טראַכטונג.

— איהר האָט מיר געזאָגט אז איהר ליעבט באַסקען.

— יאָ, איך האָב זי ליב.

— האָט איהר מיך אויך ליעב?

— איך האָב אייך ליעב אלס א באַפרידיגונג, װי אַלעם װאָס גיט מיר פאַרגעניגען.

זי האָט א ציטער געטאָן. װאַקלענדיג איז זי אויפגעשטאַנען. בלאַנדזשענדיג האָט זי אנגעהויבען געהען דעם װעג אהיים. איך בין נאכגעגאַנגען איהרע טריט בעטענדיג פאַרגעבונג. זי האָט העסליך מיך אפגעװאָרפען.

— איהר ליבט!

מעהר האָב איך זי ניט באַגעגענט. זי איז אפגעפאָהרען צו א טאַנטע אין א װייטער שטאָט.

— — — — — — — — — — —

מיט א ליבען שמייכעל האָט מיך באַסקע באַגעגענט:

— װי פיהלט איהר סאָלאָמאָן? װי לעבט זיך אייך? איהר זייט א גרויסער בחור געװאָרען.

— דו ביסט אויך אויסגעװאַקסען, דו ביסט א פריילין!

זי האָט א שמייכעל געטאָן:—באַלד װעלען מיר װערען גרויס, דערװאַקסען, װאָס נאך װעט אונז בלייבען אין לעבען? איהר האָט געװאַרט אויף מיינע בריװ?

— געװיס!

— איך האָב אייך ניט געשריבען, איהר װייסט װאָרום?

— יאָ, איך װייס.

— איהר זעהט מיר אוים ברגז איך װייס ניט װאָס צו זאָגען. זייט גוט צו מיר, סאָלאָמאָן.

זי האָט מיינע הענט געצערטעלט:

— פאַרגיט מיר! איהר זייט דאך א גוטער. קומט מיט מיר װעלען מיר נעהמען א שפאַציר.

מיר זיינען ביידע אוועק דעם וועג צו די מאגאזועיעס. ביידע שווייגענדיג זיינען מיר געגאנגען דעם פארחלומטען וועג.

— איהר דערציילט מיר גארנישט.

— וואס האב איך דיר צו זאגען?

— האט איהר נאך מיר געבענקט? זאגט!—האט זי זיך א קער געטאן צו מיר — איהר האט געבענקט?

—ווי איז בעסער פאר דיר? — פרעג איך.

— געביינקט!

זי האט מיר מיט פארוואורפע געזאגט:—איך האב גע־דענקט אז גליק וועט ברענגען אונזער טרעפען זיך. איהר זייט אזוי קאלט צו מיר. ליעבט איהר מיך ניט מעהר?—זי האט איהרע אויגען געטריקענט.—איהר ליבט מיך ניט?

— אפט אפצונארען איז שעדליך! שעדליך פאר דעם וואס נארט אפ!

— אפנארען?איך האב דיך ניט גענארט!

— אנדערש האט ניט געקענט זיין.

— יעצט זעהסטו מיך דא! ווען ניט דער צוזאג צו מיינע עלטערען.—זי האט מעהר ניט גערעדט.

—דיינע עלטערען זיינען פארביטערט געגען מיר. ווארום? דענקען זיי אז דו האסט א רעכט אויף זיך אליין ווען דא האנדעלט זיך פון הארצען? האבען זיי דען אין זייער יוגענד ניט דורכגעלעבט דעם זעלבען פלאם? ווארום ווערט עס פאר־געסען? איך קען דאס ניט באגרייפען. דו ווייסט ווארום דאס איז?

א ווײַלע האט זי געשוויגען:

— דערפאר ווייל די עלטערען דיינקען אז זייער קינד איז מעהר וויכטיג ווי דער אנדערער וואס איז פרעמד. וועלכער פאטער און מוטער איז ניט גענארט פון דעם געדאנק אז זייער קינד אדער זייערע קינדער זיינען אויסערגעוועהנליכע, בעסערע ווי די אנדערע. און אט דער אפנאר ברייננגט זיי די גאוה, מיין קינד, מיינע קינדער.

— האסטו געהאנדעלט ריכטיג?

— יאָ, איך האָב געזעעט דאָס שפּעטערדיגע גליק מיט דער בענקעניש פון יעצט. איך האָב זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט. אין שנעלער ערוואכונג האָב איך איהר צאַרט הענטעלע געקושט.

— דו האָסט געטראַכט פון שפּעטער, דער הײליגער צוקונפט האָט דיר דײן וועג באַלויכטען. ביסטו גליקליך יעצט?

— גליקליך!—האָט זי אויסגעשריען. גליקליך! די גאַנצע וועלט איז מײנע.

ווי פליהענדיגע פײגעלעך זײנען מיר ארומגעלאָפען איבער דעם גרינעם גראז. זי האָט געלאַכט, געשטיפט,רופענדיג מיך—'ליכטיגער שטערן' און נאָך ווײכע נעמען וואָס ווײכען דאָס הארץ און צערטלען עס.

— ווי האָט איהר באַגעגענט מײן שוועסטער און פרײנדין?

— זעהר פרײנדליך און אַנגענעהם.

— איך האָב אײך געזאָגט אז איך האָב אינטערעסאַנטע פרײנד.

— געוויס!

זי האָט מײן אומעט דערזעהן:

— וואָס איז געשעהן?

— קײן זאַך נישט — האָב איך געזאָגט.

— דו מוזט מיר דערצעהלען, געוויס מײן פרײנדין?

איך האָב אַ ווײלע געשוויגען.

— האָט זי עפּעס שלעכטס געזאָגט?

— נײן—האָב איך שטיל געענטפערט.

דער פרעהליכער געמיט האָט זיך געביטען. דאָס בײסענדיקע האָט אונז בײדע געמאַטערט.

— ועסטו מיר זאָגען וואָס זי האָט אויף מיר געזאָגט? דאָס שווײגען האָט שטורם געבראַכט.

— וועסטו מיר זאָגען וואָס זי האָט וועגען מיר גערעדט?

איך האָב צאַפּעלדיק פון איהר זיך אַ ריס געטאָן און בין אוועק אָן אַ זײט, ווי איך וואָלט ניט וועלען קוקען אויף איהר. זי איז אַ ווײלע געשטאַנען אומבאַוועגליך און באַלד האָט זי מיט פאָרווירפע געזאָגט:

— איך וועל דיר קײנמאָל ניט פֿאַרגעבען אויב דו וועסט מיר איהרע ווערטער ניט איבערגעבען. זי קען װעגען מיר קײן שלעכטס ניט רעדען. איך בין אנשטענדיג, איך בין נאר א שטיפּערקע. ווער איז זי?

— באַשקע!—האָב איך א געשרײ געטאָן.

— זי איז, זי איז פֿאַרדאָרבען ווען זי רעדט וועגען מיר שלעכטס. פֿיליכט האָט זי מיט דעם שלעכטען גרוס געוואָלט דיך פֿאַרנאַרען. ריכטיג?

איך האָב א שאָקעל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— מיר וועלען פֿאַרגעסען פֿון דעם.

באַלד זײַנען מיר געלאָפֿען אײנער צום צווײטען אין די אָרעמס.

— שלעכטע גרוסען וועלען אונז ניט צושײדען?

— געוויס ניט — האָב איך צערטעלדיק געזאָגט.

— ווי איז נאסטיא טיכאמעראַוואַ?

— זי איז פֿײַן.

— לערענט זי מיט דיר?

— געוויס!

— ווערט זי שעהנער?

— זעהר לאַנגזאַם.

זי האָט א לאַך געטאָן:—דאָס איז א גוטער גרוס. דאָ האָב איך געוואָלט וויסען אײער פּולס. זײַנען פּרויען גוט'ע שפּיאָנען? זײ האָבען שוין א וועג ווי אַזוי אויסצוגעפֿינען זאַכען.

— איך פֿאַרשטעה דיך!

בײדע האָבען מיר קינדעריש געלאַכט.

די טעג זײַנען געגאַנגען ווי זונען שטראַהלען, די נעכט ווי די געצונדענע שטערענדלעך אין קלאָהרען בלויליכען הימעל. יעדען טאָג האָבען מיר פֿאַרבראַכט צוזאַמען אין די פֿעלדער און וועלדער. אומוואַקלענדיג, געבלאַנזעטע, געליבטע הערצער, צו־זאַמען־געשפּונענע, צוזאַמען־געקניפּטע זײַנען מיר אַרומגעגאַנ־גען, זוכענדיג די פּאַר'חלום'קײט פֿון דער צאַרטער, אומבאַ־

רירטער ליבע. אין איהר קרישטאַלענער ריינקייט האָבען מיך זיך געבאדען אין צערטליכען גליק. ווי שנירעלעך פאדים פון זיסען האָניג האָבען זיך געצויגען אונזערע טעג און נעכט. פאַר־חלום׳ט, פאַרבענקט, הונגעריג און דורשטיג נאך דער אונ־אַנטפּלעקונג. מעהר און מעהר קניפּענדיג די הערצער מיט יענעם ליבעם פאָדעם וואָס קען קיינמאל ניט איבערגעריסען ווערען.

מיט א פרעהליכען געמיט זיינען מיר געקומען אהיים. קיינע איבעררייסונגען זיינען ניט פאָרגעקומען אין אונזערע לי־בעם אקאַרדען.

— וועט איהר מיך ווידער אמאָל נעהמען צו דעם אינזעל?

— ווארום נישט?

— וואָס געהט איהר דאָרט טאָן?

— זוכען דאָס גראָז וואָס מאכט אייביג שעהן.

— איהר דאַרפט עס נאָך ניט.

ווי קינדער האָבען מיר ביידע אונשולדיג געלאַכט.

— מאָרגען ווידער.

— ווען ניט, לעב איך ניט. ווען וועט איהר קומען מיך זעהן?

— קיין מאל ניט צו פריה.

זי האָט געלאַכט:—א גוטע נאַכט.

קאַפּיטעל דרייצן

פרעהליך האָבען מיך מיינע טריט געטראָגען. פרעהליך האָט די נאַכט צו מיר געוואונקען מיט איהר שווארץ אויג.

— אויף מאָרגען זיינען מיר מיט דעם זעלבען וועג געגאַנגען צו יענעם שיפעלע וואָס האָט אונז לעצטען זומער צו דעם אינזעל געבראַכט.

— אך! ווי פּראַכטפול די נאַטור איז דאָ. די שטילקייט איז אַ כשופדיגע, דער שטילער מורמעל פון די סודותדיקע גראָזען איז אַ צויבערהאַפטער. עס ליגט אין דעם פאַר'חלום'קייט וואָס מאַכט אומבלאָנזען פאַרלאָרענע וועלטען. דו הערסט?

— איך הער דיין הארץ קלאַפּען. איך הער די שטומע רייד פון דער ערד, דאָס צינדען פון די זונען שטראַהלען, דאָס לויפען פון די געצונדענע שטערענדלעך. ווייסט ווארום איך הער דאָס אַלעס? ווייל דו ביסט אין מיינע אָרעמס, ווייל דיין אָטהעם איז נאָהענט צו מיר, דיין ברוסט באַוועגונג איז אַ שטורם פאַר מיר, דיין ווארים בלוט — דער רייץ וואָס צושרויפט מיין נשמה. אין דיין קערפּער ליגט דער סוד פון יענער גערעכטיגקייט וואָס דער גאָט פון ליבע צייכענט אָן. יעצט ווייסטו ווער דער סוד איז פון מיין הארצען?

— יאָ! און דו ביסט מיין הארצענס האַרפע, דער נאַכטיגאַל וואָס זינגט דאָרט זיינע מעלאָדיעס, דאָס שטילע וואַסער וואָס שניידט דורך דער פאַרחלומטער לאַנקע מיט פרעפּלענדיקע סודות פון לויפענדען גליק. קום אין מיינע אָרעמס ווי דאָס

קינד קומט אין די אָרעמס צו זיין צערטליכער מוטער. קוק אין מיינע אויגען טיף, אזוי טיף ווי דער אפּגרונט פון ים. זעה דאָרטען די שטריכען, די וועגען פון פאַרבאָרגענעם גליק, זעה ווי די טראָפּענדלעך קריכען, קומענדיג אין מעכטיגע וועלען גע־ארעמט, געקניפּט לױפען זיי צו דעם הייליגען ברעג. פיהלסטו דעם אָטהעם פון וואסער? זעה ווי דאָס שיפעלע וויגט זיך. אין ערוואכונג האָב איך דאָס שיפעלע דערזעהן. דערזעהן דאָס וויגעדיקע וואסער וואָס האָט קאָקעטיש געלאַכט צו דער זון, שפּילענדיג מיט די שטראַהלען. לאַנג האָבען מיר געקוקט אויף דעם וויגענדען שיפעלע, ווי עס וואָלט דאָס קייטעלע געשאָלטען וואָס האַלט עס אָפּ פון שווימען ווייט אַוועק, צו יענע ברעגען וואָס קוקען אויס ווי ווייטע פאַרבאָרגענע וועלטען. שטיל האָב איך דאָס קייטעלע אָפּגעקייטעלט. דאָס שיפעלע האָט אַ ציטער געטאָן ווי עס וואָלט געוואָלט אין דער פרייהייט ערגעץ אַנטלױפען. באַלד האָבען מיר זיך ביידע פרעהליך געשיפט צו יענעם אינזעל וואָס האָט צו אונז צויבערהאַפט געוואונקען. שטיל האָבען די וועלען דאָס שיפעלע געקושט. געקושט איהר אָנקומען, געקושט איהר אַוועקגעהן, לױפענדיג אין פרייד אין אַלע רונדען. שטיל און פאַרחלומט האָבען מיינע וויאסלען געשניטען די טיפקייט פון וואסער, שיקענדיק דאָס שיפעלע פאָראויס. באַלד האָט זיך צוקושט די ערד מיט דעם שיפעלע. ווי גוטע פריינד האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט.

— מיר זיינען שוין דאָ! — האָט זי הילכיג אויסגעשריען, און באַלד האָט זי גענומען לױפען איבער דעם באַגרינטען ברעג.

— קום, סאָלאָמאָן, קום! קום גיכער, דאָ איז פראַכטפול. בלומען!—האָט זי אויסגעשריען אַנציינענדיק אויף רויזען בלו־מען, אַפּרייסענדיג עטליכע פון זיי האָט זי מיר זיי איבערגעגעבען.

— ווייסט אַז דאָס איז אַן אומרעכט, דערפאַר האָט די נאַטור זיי אַרומגעצאַמט מיט דעם וואסער, אַז מענשען זאָלען ניט קענען פאַרדאַרבען די פראַכט. ווייסט אַז מאָרגען וועלען זיי זיין פאַרוועלקט.

זי איז אַ ווײלע אומעטיג געוואָרען:—יאָ, פאַרוועלקט,

מארגען.—פארזיכטיג האָט זי באַקוקט אַלע שעהנע פלאַנצונגען.

— מאָרגען וועט איהר פארוועלקט ווערען אויב איך וועל אייך אפצופען. דערשראקענע ענטלעך זיינען געפלויגען קוואקענדיג, ווי זיי וואָלטען אָנזאגען די אנדערע ענטלעך אז געפאהר איז דאָ אין זייער קעניגרייך. דערשראקענע פייגעלעך זיינען טוויטשענדיג געפלויגען פון בוים צו בוים אויסשרייענדיג — וואָס קומט איהר שטערען אונזער רוה, דאָס איז אונזער קעניגרייך? שטיל איז געוואָרען דער פייגעלשער געזאנג. שטיל האָבען געאטהעמט די ניסען בלעטעלעך, ווי זיי וואָלטען פאר עפּעס געציטערט.

גרויליך האָט די נאַכט אראפגעקוקט אויף דעם בלויליכען וואַסער. שטיל האָט געדרעמעלט דער טאָג אין גרויליכען פארנאַכט. ווייט אויפן קלאָהרען הימעל האָבען זיך וואָלקענס רויט געצונדען ווי דער פארנאַכט פייער אין אַ ווייטען וואַלד. שטיל האָט געפּרעפּעלט דאָס עטוואס באַוועגלעכע וואַסער וואָס האָט זיך געראַוּשט מיט דעם זאמדיגען ברעג. שאַ־שאַ־שאַ האָבען געשעפטשעט די טיפענישען ווי דאס הארץ אין מענשליכען שרעק. פאר׳ח׳לום׳ט זיינען מיר געזעסען ביי דעם וואַסער ברעג קוקענדיג אין די אונענדליכע וועלטען וואָס זיינען ווי בערג, ווי וועגט געשטאַנען געגען אונז. דער גרויער טוי האָט זיך ווי דיי־נינקע טראָפּענדלעך צוגאסען איבער דער ערד. ווי אַ פארהאַנג וואָס ווערט געוועקט פון ווינט האָט ער זיך שליינגלענדיק באַ־וועגט וויקלענדיג זיך ארום אונז. געלעהנט איז זי געזעסען, אנגעשפּארט איהר קאָפּ אויף מיין קלאַפּענדער ברוסט, וואָס האָט זיך שטורמיש געהויבען.

— דו האָסט קיין מורא ניט?—האָט זי מיך געפרעגט.

— פאר וועמען?

— פאר דער פינסטערניש פון נאַכט?

— די נאַכט אליין איז שטיל און אונשעדליך, נאר די מענשען, אדער דיווילדע חיות וואָס בלאָנזען ארום אין איהר צודעק זיינען געפעהרליך.

— פארוואַנדלען זיך אמאל מענשען אין ווילדע חיות?

— פיעלע מענשליכע חיות בלאָנזען ארום.

— איך האָב מורא, סאָלאָמאָן.

איהר אָטהעם האָט שטאַרקער געשלאַגען, איהר ברוסט האָט זיך העכער געהויבען:

— וואָס וואָלסטו געטאָן ווען מען קומט מיך פאַרצוקען?

— איך וואָלט זיך געשלאָגען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט.

— און אויב דו ווערסט אליין א חיה?

— דאָס ווייס איך ניט.

זי האָט אַ ציטער געטאָן.

—ווי קומט דער אַפּעטיט צום וואָלף ווען ער זעהט אַ בלאָנדזשענדיק שעפעלע.

—רעג מיך ניט אויף!—האָב איך אויסגעשריען.

— דו ביסט יעצט געפעהרליך, דו האָסט געהאַט אַ שעפעלע, מיין שוועסטער׳ס פריינדין, אמת?

יאָ, האָב איך ציטערענדיג געזאָגט.

— איך געטרוי דיך ניט, מיר וועלען פאהרען צום ברעג, דאָרט, וועלפעלע, וועסטו מורא האָבען.

איך האָב זי מיט קראַפט ארומגענומען, ליידענשאַפטלעך גענומען קושען. לאָז מיך אָפּ! — האָט זי געשריען—לאָז מיך אָפּ!—האָט זי זיך מיט קראַפט גענומען רייסען פון מיינע ציטערדיגע הענט.—סאלאמאן, לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיך אָפּ, האָט זי היסטעריש געשריען, רייסענדיג זיך פון מיינע פארקלאמערטע ארעמס. איהרע האר האָבען ווילד מיין פנים געגלעט.

— לאָזט מיך אָפּ — האָט זי אהן קרעפטען געקלאַפּט מיר אין ברוסט.—איהר זייט קיינמאָל אזוי ניט געווען.

איך האָב געציטערט. מיינע קניהען האָבען זיך געבויגען. זי האָט זיך פון מיינע ארעמס ארויסגעריסען, מיט ווילדע טריט געלאָפען דעם פינסטערען געלאַף. באַלד איז זי געפאלען אין אנמאַכט, אין היסטערישען געוויין.

— נעהם מיך אהיים.

איך האָב זי צערטליך אויפגעהויבען, האָב טיף אין איהרע דערשראקענע אויגען אריינגעקוקט:

— האָב קיין מורא ניט, מיין ווילדקייט איז אוועק, דו ביסט פאַר מיר יענע צאַרטע געליבטע וואָס איז פאַרהייליגט. פאַרגיב מיינע מאָמענטען.

זי האָט מיך צערטלעך ארומגענומען, ליבליך געקושט, זאָגענדיג:

— ווען איהר מיך נעהמען אהיים?

— געוויס—האָב איך צאַרט גערעט צו איהר—איך וועל דיך ברייננען אהיים, האָב קיין מורא ניט.

זי איז שנעל געלאָפען דעם וועג צו דעם שיפעל, לאַכענדיג און מיטשלעפענדיג מיך פאַר'ן האַנט. שטיל האָט דאָס וואַסער גע־אָטהעמט. שטיל האָבען די וויאָסלעס געשניטען דאָס וואַסער שיקענדיג דאָס שיפעלע צום ברעג. די נאַכט האָט שוואַרץ גע־רוהט אויף דער ערד. ווען ניט ווען האָט אַ זשאַבע אויס־געשריען, אַ פייגעלע אויסגעזונגען אַ קורצען געזאַנג, ווי זי וואָלט איבערגעשלאָגען איהר נאַכט־רוה. דאָס דאָרף האָט גע־רוהט אין נאַכט שאָטען. שטיל זיינען מיר געגאַנגען דעם וועג צו איהר שטיבעלע.

— איהר זייט אַ וועלפעלע ווען אפילו איהר ליעבט.

— ווייסטו וואָרום איך בין אַ וועלפעלע? דערפאַר וואָס דו ביסט דאָס שעפעלע.

— איך בין שוין ניט מעהר דאָס מלאך'ל וואָס דו האָסט אַמאָל באַזונגען אין דיינער אַ ליד.

—דו ביסט דאָס מלאָך'ל פאַרקערפערט אין אַ פרויען־גע־שטאַלט.

— איך פאַרשטעה.

אין פינסטערניש פון דער נאַכט איז זי פאַרשוואונדען אין יענער טיר וואָס האָט אונז אַזוי אָפט צושיידט.

— גוט נאַכט.

מיט פאַרוואורפע צו זיך אליין בין איך געגאַנגען דעם וועג אהיים:

— זי איז פאַרלאָרען פאַר מיר. זי וועט געוויס באַטראַכ־טען מיין ליעבע אלס ווילדע ליידענשאַפט. שטיל האָט געקלאַפט

מיין הארץ אין ברוסט ברעט ווי עס וואָלט אָנזאגען ווארום.

צוויי טעג זיינען פאראיבער פון יענעם אווענד. מיין אומעט האָט מיך געשטיקט ביז צום טויט:—ווער ווייסט וואָס פאַר אַ חרבן דער אווענד האָט געבראכט צו איהר הארץ? געוויס האָסט זי מיך, געוויס באַטראַכט זי מיך פאַר אַ ווילדער חיה. באַלד איז געקומען יענער געדאנק וואָס צערטעלט דאָס מענערשע הארץ: זי האָט זיך געגען מיין ליידענשאַפט געווערט און זיך פאַרטיידיגט ווי אַ טיגער. דאָך טיף אין איהר נשמה האָט זי געפיהלט יענעם פאַרבאַרגענעם רייץ וואָס וועקט איהר פולס מיט שטארק קלאַפּען. דורך פאַרבאַרגענעם וואָלט זי געוואלט דורכלעבען די זיסקייט וואָס רייצט יעדע אומשולדיגע פרוי. געוויס האָט זי געהאַט אַן אומרוהיגע נאַכט, אַ ליידענשאַפטליכע נאַכט וואָס האָט איהרע בלוטען אויפגעציטערט, איהרע גלידער אין קאַנוואולסען געווארפען, אויסציהענדיק איהר קערפער ווי דאָס קינד וואָס וואַקסט. איך מוז זי זעהן! ניט ווייט פון איהר הויז האָב איך אויף איהר געלויערט. שפּעט אין נאַכט איז זי געזעסען אין דרויסען. איהר שאָטען האָט מיר אויסגעזעהן ווי דער טרויער פון דער יונגער אלמנה וואָס פארלירט איהר מאַן. איך בין צוגעגאַנגען, האָב שטיל זי געפרעגט אויב זי וויל מיין אנוועזנהייט. זי האָט מיר מיט פארווירפע געזאָגט:

— ווארום ניט, סאָלאָמאָן? איהר האָט מיר קיין שלעכטס ניט געטאָן. פיליכט וואָלט איך אייך מעהר פארדאמט ווען איהר וואָלט זיצען ווי דער שאָטען אומבאַוועגלעך, אהן לעבען און ליידענשאַפט. דער ציטער האָט מיך ווי אַ הייסער פלאַם צושמאלצען. איך פיהל אייערע ארעמס נאך איצט: איך פיהל אייערע קושען נאך יעצט. די פּאעטישע ליעבע איז אַ איידעלע וואָס אָפט קומט זי ניט צו דער טיפעניש פון דער נשמה. דער ציטער פון אייער ליידענשאַפט האָט אויפגעטרייסעלט ווי דער דונער טרייסעלט אויף די ערד נאכ'ן הארטען ווינטער. מיר טאָרען ניט זיין ווי דאָס ווערבעלע, בייגיג אז יעדער ציג זאָל אונזער קארע קענען גריזשען. מיר ווארטען אויף דער אויפרעגונג ווי איהר. מיר קוקען דורך דעם בינאַקעל אויף יענער

ווייטקייט וואָס דאַרף קומען, וואָס איז אונזערע. איך האָב נאָך אייך געבענקט שטאַרקער ווי אימער. מיין בענקען איז געקומען אין בינטלעך. איהר פאַרשטעהט?

— איך בין שוין ניט קיין קינד, ווי איך בין געווען אין יענעם זומער ווען מיר האָבען זיך באַקאַנט. איך בין אויך ניט יענע ערוואַקסענע וואָס נעהמט די שולד אויף זיך. איך בין אין יענער אויפשפּראַצונג וואס קען גרינג פאַרדאַרבען ווערען. איך האָב פּיעלע ביכער איבערגעלעזען וועגען דער פראַגע און ניט איינמאָל בין איך געקומען צו דער שטופּע פון משוגעת. דער געדאַנק האָט אונז געגעבען אַ שטאַרקע רייצונגס־קראַפט. די מאָראַל האָט אונז געגעבען יענע צאַמען וואָס זענען אזוי שווער פאַר'ן קערפּער און מאַרך. אָפט ראַנגעל איך זיך מיט דער ליידענשאַפט, מיט דעם ציטער וואָס מאַכט אזוי זיס, פאַר־שכור'ט, פאַרוועבט. קוקען אויגען דערווידערטע, פינגער טיי־טענדיגע. דער אפגרונט עפענט זיין מויל. דער ראַנגעל איז אַ שווערע, אַ וואַרעמער ווי דער פייער אין גיהנם. איך בין ניט ווי יענע פרוי וואָס אַנטלויפט פון די זונען שטראַלען. זי וויל ניט אז די זונען שטראַלען זאָלען ברענען איהר לייב, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ היילונג. זי וועט בעסער ארומגעהן בלאַס און קרענקליך.

— זי האָט מיין האַנט מיט ציטער גענומען צערטלען:— איך פאַרשטעה דיך, סאָלאָמאָן!

אנדערש האָט זי מיר אין דער טונקעלקייט אויסגעזעהן. אַנדערש האָבען מיינע אויגען געקוקט אויף איהר. אפשר?— דעם מאַנ'ס באַשולדיגונגען זיינען געקומען צו מיר. דער פאַר־דאַכט וואָס האָט מיך אזוי טיף גערייצט מיט ווייטאג און נייע־געריגקייט.

—וועט איהר מיר קענען נעמען אַמאָל אומבלאָנזען אין דער פינסטערער נאַכט?

— וועט איהר מיר געטרויען זיך?

— געטרויען? איך וועל אייך גיכער געטרויען ווי זיך אליין. איהר פאַרשטעהט ניט די פרוי. פרויען זיינען געפעהר־

ליך אין זײערע פּאַרלאַנגגען. איך װאַרף אויף איך אַ שרעק? װעט איהר געהען אַ װײַלע אומבלאַנזשען? מיר װילט זיך זעהן די פינסטערע שאָטענס, די שאָטענס װאָס נעהמען אַרום אין שרעק.

דורך דער פינסטערער גאַס זײַנען מיר געגאַנגען מיט קלאַפּענדע הערצער, שװײַגענדיג. איהרע מוסקולען האָבען אָנגעזאָגט יענעם אָנזאָג פון רײַץ.

— איהר שװײַגט, סאָלאָמאָן.

— דו רעדסט אויך ניט צופיעל.

— איך רעד! דו קענסט מײַנע װערטער ניט הערען. די שטומע שפּראַך איז אָפט טיפער און שרײַענדיגער װי דאָס ברומען פון דעם ליב.

װי אַ דערשראָקענער פויגעל האָט זי זיך געבונדען צו מיר. לײַדענשאַפטליך האָט זי מײַן אָרעם געדריקט:

— דו װײסט אז דו האָסט מיר געפעהלט אין אַלע באַװעגונגען. איך האָב דיך איבעראַל אַרומגעזוכט, געקוקט אַהין אין יענער ריכטונג פון װאַנען דו דאַרפסט אָנקומען. דו ביסט ניט געקומען. פּוסט איז פאַר מיר די װעלט געװען. אַרים און ערביטערט אַלעס אַרום.

—האָסט מיך ניט געהאַסט?

— געװיס ניט! איך האָב דיך ליב געהאַט, ליעב געהאַט דאָס רײַצענדיגע פײַער. דײַנע אויפגעשטורעמטע אויגען האָבען אויף מיר אַ זיסען שרעק געװאָרפען, יענעם זיסען שרעק װאָס מאַכט קװעלען אין אַ קיצעלדיגען געלעכטער.

— איך האָב איהר פּנים געקושט, געגלעט איהרע זײַדענע לאָקען, געלאַסטשעט, צערטליכע װערטער גערעדט.

— װעסטו אימער בענקען נאָך מיר? װעסטו אימער מיך ליעב האָבען אזוי װי אין דעם מאָמענט?

—אימער! אימער!—האָט זי דראַמאַטיש גערעדט. די שעה'ן זײַנען אַװעק אונבאַמערקט, דער באַגינען איז געקומען אונערװאַרטעט. װי דערשראָקענע פייגעלעך זײַנען מיר בײדע געלאָפען דעם װעג אַהײם, לאַכענדיג.

— האָסטו געװאוסט אז עס איז אזוי שפּעט?—האָט זי

מיך געפרעגט.

— ניין!—האָב איך איהר געענטפערט.

—די צייט איז אוועק אזוי שנעל. אך! דער פינסטערער באגינגען, ער האָט אונזער גליק פארטריבען, פארטריבען יענע שאָטענס פון פאר'חלום'טקייט און אומבלאָנזעניש. דעם בע־גינען'ס ענטבלויזונג האָט אונז וואכעדיג געמאכט. ער האָט מיט זיין ליכטיגקייט אויסגעניכטערט יענע געדאנקען וואָס קומען נאר אין בלאָנזעניש. איך פיהל א קעלט. פיהלסטו דאָס זעלבע?

— מיר געהט דורך א קעלט.איך פיהל זיך צאפעלדיג.

זי האָט מיין אָרעם געדריקט אנשפארענדיג איהר מיידעל־שען קערפער אויף מיין קינדערשער פלייצע. פיהלסטו אזוי בע־סער?

— איך פיהל דיינע ווארעמע בלוטען, דאָס זיסע ווארעמ־קייט פון דיין ליב. מיין קעלט האָט פארביטען יענער הייסער פיבער וואָס טרייבט דעם פולס אזוי הויך.

זי האָט א קוק געטאָן אויף מיר און האָט א לאך געטאָן:

— זיי א מענש — אנצייגענדיג מיטן פינגער, ווי דאָס בייזערען זיך פון א מוטער.

איך האָב פארשטאַנען איהר אנזאג, האָב מיט א שמייכעל געענטפערט:

— בלויז א קוש, א קוש פארלאַנג איך, א קוש. דאָס איבעריגע האָבען די ליפען דערפרעפעלט — א קוש!

— מיר ווילט זיך היינטיגען פרי־מארגען אין הויז ניט געהן. איך פיהל זיך אזוי גליקליך אין דיין אנוועזענהייט. איך פיהל אזוי ליעב און צארט דעם באגינגען וואָס זאָגט אן זיין ווארעמ־קייט, זיינע הייסע קושען. איך האָב ליעב דאָס מילדע ווינטעלע וואָס נעהמט אָרום אזוי עלאסטיש מיט די ווייכע, צארטע פינגער, פרעפעלענדיג אומפארשטענדליכע סודות. איך האָב ליעב זיינע שטילע אקאָרדען, די שטילע סטרונעס קלאַנגען וואָס זינגען פאר'־חלום'ט, ווייך און רייצענד. דאָס וויגען זיך פון די צווייגעלעך און בלעטעלעך וואָס קושען זיך און לאשטשען זיך, מילד, אין טרויער און פרייד, שיקענדיג גרוסען אין ווייטקייטען. זעה דעם

באַגינען דאָרט, וואו די זון כאַפּט זיך אויף פון איהר שלאָף. דאָרט אויף איהר וועג זײנען רויטע פּורפּור קאַוויאַרען פאַר־שפּרייט. זעה איהר גרויס, פייערדיג אויג וואָס ווינקט צו דער וואַכענדיגער וועלט, ווי דער שמייכעל פון אַ כלה אונטער דער חופּה. זי קומט, קומט אויפן לייטער פון הימעל, העכער און העכער. נאך איהר לויפען נאך די גאָלדענע שטראַהלען ווי שטאַפעטען וואָס דאַרפען אָנזאָגען דעם וועג פאַר אַ הייליגען גאַסט. איהר קענט דאָס ניט אַפּמאַהלען מיט טויזענטער פּינזלען וואָס די נאַטור האָט אָפּגעמאַהלען אין דעם שעהנעם באַגינען. האָט ווער די קראַפט? פאַרמאַגט ווער די שעהנע פאַרב, די הייליגע פּאַנאָראַמע. איך ווער פאַרבאָדען אין דער טיפקייט און שעהנקייט, אין דעם כשוף וואָס ליגט אין דעם פריהמאָרגען צויבער. — שטעה אויף, קוק אהין אין מזרח, קוק אהין וואו די ערוואַכונג פון טאָג ווערט געבאָרען. איך בין שכור, שכור פון יענעם אנקומענדען פּראַכט וואָס האָט ווי זודיגע וואַסער מײנע ברעגען אריבערגעקאַכט. די שעהנע נאַטור, די שעהנע שפּראַך דײנע האָט צועפענט מײן האַרץ. איך גיב דיר איבער דעם גאַנצען פייער וואָס זי פאַרמאָגט: רעגיר, געוועלטיק, נאָר ווער ניט דערטרונקען ווי יענע ביהן וואָס פאַלט אַריין אין איהר האָניג.

מיט אויסגעשטרעקטע הענט האָט זי צו מיר גערעדט:

— דו ביסט פאַר מיר אונפאַרגעסליך ווי די אויפגעהענדע זון אין איהר פּורפּור וועג, אומפאַרגעסליך ווי יענע נאַכט וואָס ברײנגט רייצונג אין מײנע בלוטען, וואָס אירט איבער יעדען אבר.

דער טאָג האָט מיט זײן גאַנצער ליכטיגקייט ענטבלויזט די וועלט. אין דעם ליכט האָבען זיך באַוועגט די מענשען. פלי־הענדע פייגעלעך זײנען געפלויגען הין און הער, זינגענדיג, טוויטשענדיג, ווי יעדער פייגעלע וואָלט געווען אַ באַזונדער וועלט.

—מיר וועלען עפּעס לעזען—האָט זי מיר געזאָגט. איך וואָלט געגליכען צו לעזען לערמאָנטאָוו'ס „מענש און ליידען”.

— איך האָב ליעב צו הערען דיך פארלעזענדיג אין די מאָמענטען. דו האָסט רעכט אין אזעלכע מאָמענטען.

זי האָט געשמייכעלט. באלד האָט זי גענומען בלעטערען די זייטען פון לערמאנטאָוו'ס בוך, האָט עטליכע מאָל שטיל א זיפץ געטאָן.

— ביסטו פארטיג צו הערען מיך פארלעזען?

— יאָ!

— זי האָט מיט א דערשראָקענע שטימע גענומען לעזען. איהר האַרץ האָט געקלאפט שטארק. איהר אטהעם האָט זי געשטיקט.

— אלעם פיין?—האָט זי פאר'גנב'עטערהייט אויף מיר א קוק געטאָן.

— פארגעניגען ברייננגט מיר דיין לעזען, דיין אויס־דרוק.

זי איז שנעל מיט איהרע אויגען געלאפען די שורות ארויסזאָגענדיג די ווערטער מיט יענעם קלאנג פון אייגענער איבערלעבונג.

— איך בין מיד!—האָט זי מיר געזאָגט.

— ווילסט רוהען?—האָב איך איהר צערטליך געפרעגט.

— יאָ! — מיין רוה וועט זיין אן אויפגערעגטע. מיין אטהעם איז נאך ניט אריבער יענע איבערלעבונגען פון די העלדען וואָס ער שטעלט אזוי קינסטלעריש פאָר.

— ביסטו איינשטימיג מיט זיינע העלדען?

— ער איז שטארק גענוג אז איך זאָל זאָגען יאָ! ער האָט דאָך מיט זיין אייגענעם לעבען באצאָלט פאר דער באליידיגונג. אך! די אייפערזוכט. די שלאנג איז ניט אזוי גיפטיג מיט איהר סם ווי די אייפערזוכט. מיר וועלען א ווייליע ריידען: דאָ קומט אונזער אייגענער ראמאן. איז ער ניט ענליך ווי ער שטעלט עס פאָר? איך האָף אז דו וועסט ניט וועלען דערשיסען דיין קאנקורענט.

— רייד ניט! — האָב איך אויסגעשריען מיט א ווילדען אויסגעשריי. — רייד ניט!

זי האָט ציטערדיג אויף מיר אַ קוק געטאָן:—בארויאיג זיך, סאָלאָמאָן. און באַלד האָט זי ווידער גענומען לעזען: די ווערטער האָבען געציטערט, איהרע אויגען האָבען פארשענדיק געקוקט אויף מיינע גרימאַסען וואָס האָבען קאָנוואולסיעס גע־בראַכט.

— איך בין מיד — האָט זי מיט אַ צערטליכער שטימע געזאָגט.—איך בין מיד און קען מעהר ניט פארלעזען. מיינע אויגען שליסען זיך. מיין געדאַנק ווערט טעמפּ. מיר וועלען דאָס פארלעזען לאָזען אויף אַ צווייטען טאָג. זי האָט זיך אויפ־געשטעלט פויל, זיך אויסגעצויגען, און באַלד האָט זי געזאָגט:— ביז דער מאָרגענדיגער באַגעגעניש.

מיד און שלעפעריג האָב איך זיך געפיהלט אין די טריט פון מיין גאַנג. דער מאָרגענדיגער פאַרנאַכט האָט אונז ווידער־צוזאַמען געבראַכט. אין זיין פאַר'חלום'טער גרויקייט זיינען אונזערע שאָטענס אין טיפער פאַרטראַכטונג געגאַנגען יענעם גאַנג וואָס פאַרנעפּעלט די געדאַנקען, ווי אין אַ נעץ פון וועלכער עס איז שווער ארויסצופּלאָנטערען זיך. אַ פאַרבאַהאַלטענער ברגז, אַ טיפע איבערלעבונג, אַ פאַרבאָרגענע בענקעניש וואָס גיסט זיך אויס אין האָניג און גאַל.

— וואָס שווייגסטו סאָלאָמאָן?—האָט זי מיך פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

— איך טראַכט.

— פון וואָס טראַכסטו?—האָט זי מיך געפרעגט.—קען איך וויסען דיין פאַרטראַכטונג?

— איך בלאָנזע אליין ארום אין אומפאַרשטענדליכקייט, אָן אַ ציעל. פיליכט האָט דער אווענד פאַרלאָשען דעם פלאַקער פון אונזער ליבע. קאַפּריזען האָבען זיך ווי קנוילען געוויקעלט, ווי שלאַנגען געפּויזעט איבער אונזערע וואַרימע וועגען.

— דו ביסט היינט שטיל ווי אַ קראַנקער פויגעל, מען הערט קוים דיין אָטהעם. פיהלסטו ניט גוט, ליבער?

זי האָט צערטליך צוגעלייגט איהר האַנט צו מיין שטערען:

— האָסט ניט קיין היץ?

— איך בין צו קאַלט היינט.

— וואָס האָט דעם פראָסט געבראַכט? איז ער פּלוצלונג געקומען צו דיר? האָבען קיינע ווינטען איהם ניט אנגעזאגט? זיי ניט אזוי. פאַרטרייב די קאַלטע שלאַנגען פון דיין הארצען, לאָז אריין אהין דעם בליענדען צוטרויען. דו וועסט זעהן די שעהנע פלאַנצען, די שעהנע בלומען וואָס וועלען פאַרדופטען דיין לעבען. איך האָב זיך ווי פון א טיפער ערוואכונג אויפ־געכאַפּט.

— דו ביסט גערעכט, טייערינקע! דו ביסט גערעכט. איך האָב אליין געמאַכט א נעסט פאַר דער שלאַנג, יעצט וויל זי פון מיין הארצען ניט אוועקגעהן. העלף זי פאַרטרייבען מיט יענעם צוטרוי וואָס אמת'ע ליבע בויעט אויס.

זי האָט איהר קאָפּ געזונקען אין פאַרטראַכטונג.

מיט דעם שיפעלע זיינען מיר ביידע געפאהרען, ניט צו יענעם פאַנטאַסטישען אינזעל. מיר זיינען געפאהרען צו דעם דארף יעראשענקא. אהין האָט איהר געצויגען, צו דעם דארף פון האניג. דאָרט האָט דער פויער גאוורילא נאָס געהאט זיינע בינען קלעצער. מיט זיין האניג האָט ער גערייצט דעם פארלאנג פון יענער קלעפּיגער זיסקייט וואָס האָט געבראכט חיות. ווייט אוועק האָט דאָס דארף ארויסגעקוקט איבער דעם בלויליכען וואסער. שטיל איז געשוואומען דאָס שיפעלע אין דער ריכטונג פון זיסען האניג.

— וועט ער אונז געבען האָניג?

— געוויס!—האָב איך געזאָגט, שניידענדיג די וויאסלעס טיפער אין וואסער און שיקענדיג דאָס שיפעלע גיכער פאראויס. דאָס וואסער האָט אויסגעקוקט ווילד און צורייצט. די כוואליעס האָבען געווארפען בינטלעך וואסער אין שיפעלע וויגענדיג עס פון זייט צו זייט.

ניט איין מאָל האָט באַסקע מיט מורא אויסגעשריען—אוי! און איז אין ציטער אויפגעשפּרונגען. דאָס איז באלד פארוועדט געוואָרען פון מיר מיט א בייזען בליק.

זי האָט מיט איהרע הענטעלעך געהאַלטען די שיף ברעגען

קוקענדיג אין דער אונגרייכבארער טיפעניש. בייז האָט דער ווינט געוואָרפען איהרע צעוואָרפענע לאָקען, בייז האָבען די כוואַליעס געביסען דאָס לייב פון דער שווימענדער שיפעל. זי האָט זיך פּאַנאַנדערגעלאַכט. איהר געלעכטער איז געווען אַ היסטערישער. זי האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם פּלוצלונגען בויג פון דעם שיפעל.

— דו פאַרסט נאָכ'ן זיסען האָניג, פאַרגעס די שרעק.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן. באַלד האָט זיך דאָס שיפעלע אָנגעשלאָגען אין הויכען, זאַמדיגען ברעג. זי האָט אַ ציטער געטאָן און באַלד האָט זי מיט אַ פרייד באַדעקט פּנים צו מיר אַזוי געזאָגט:

— איך בין צופרידען וואָס מיר זיינען דאָ, ניט אין יענע טיפענישען וואָס רייסען זיך צו פאַרשלונגען.

איך האָב זי פון שיפעלע אַרויסגענומען, געהאָלפען אַרויף־קלעטערען אויף דעם הויכען זאַמדיגען ברעג. באַלד האָב איך דאָס שיפעלע באַוואָרענט און בין אַוועק צו דעם דאָרף, צו דעם פויער וואָס האָט דעם האָניג געהאַט. זי איז נייגעריג געלאָפען פאַראויס, קוקענדיג אויף צוריק צי זי געהט אין ריכטיגען וועג. באַלד האָט זי די קלעצער דערזעהן. מיט פרעהליכען אימפּעט האָט זי צו מיר געשריען, רופענדיג מיך איך זאָל געהען גיכער, ווייל דאָ איז דער פּלאַץ. זי האָט זיך אַ ווייַלע אָפּגעשטעלט, וואַר־טענדיג פאַר מיר, און האָט באַטראַכט די ביידעלעך מיט די אַרומ־פליענדע ביהנען. גאַווריִלאַ, דערזעהענדיג אונז, האָט אונז ביידע געבעטען אַריינקומען. זי האָט פון דער פריינדליכער אויפנאַהמע געלאַכט.

— איהר ווילט האָניג?

— יאָ!—האָט זי גיך געענטפערט.

— ווילט איהר געהען מיט מיר? היט זיך פאַר די ביהנען, זיי געבען ניט אַוועק דעם האָניג אַזוי גרינג. זיי פיהרען אָן אַ פאַרביטערטען קאַמף.

— מיר וועלען געהען, האָט זי שאָקלענדיג מיטן קאָפּ געזאָגט, און באַלד זיינען מיר אַוועק אין די טריט פון גאַווריִלאַן.

ער איז באַלד צוגעגאַנגען צו דעם הילצערנעם קלאָץ, האָט מיט זיינע הענט גענומען דערלאַנגען די קעסטעלעך. טויזענטער ביהנען זיינען איהם ווילד באַפאַלען. ווי אַ בעזים האָבען זיי געשמיסען זיין פּנים, זיינע הענט. ער איז ווילד געוואָרען. מיט בייזקייט זיי אַפּגעוואָרפען און איז מיט צוריק טריט גע־גאַנגען צו אונז, שרייענדיג מיר זאָלען אוועקגעהן אויב ניט וועלען מיר באַפאַלען ווערען פון די נאַכפליהענדע ביהנען. לאַכענדיג איז זי געלאָפען פאַראויס און נאָך איהר בין איך געלאָפען, קאַטשענדיג זיך פון געלעכטער און דערנאָך האָבען מיר דערזעהן געהענדיג דעם באַפאַלענעם גאַווריל נאָס. ער האָט בייז גערעדט, אפּוואַרפענדיג פון זיך די קלעפּענדע ביהנען וואָס האָבען איהם ניט געוואָלט פאַרלאָזען.

— נעהמט אייך דעם האָניג, האָט ער אונז דערלאַנגט צוויי שעהנע קעסטעלעך. עסט געזונטערהייט קינדער!

באַסקע האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם צוביסענעם גאַווריל'ען און האָט איהם געפרעגט:

— איז דאָס אַלע מאָל אַזוי מיט די ביהנען?

—זיי ווילען ניט אוועקגעבען דעם האָניג, נאָר איך בין שוין מיט זיי געוואוינט. אַ פרעמדער קען שטאַרבען פון די וואונדען און געשווילעכץ.

— איך וואָלט ניט געוואָלט דעם האָניג ווען איך וויים אַז עס איז אַזוי שווער אים צו קריגען.

גאַווריל'אַ האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט זיין צופּודעלטען קאָפּ:

— ווילסטו דעם האָניג דאַרפסטו וועלען דעם בים.

באַסקע האָט עטליכע מאָל פאַרזוכט דעם האָניג:—זים, זים.

מיט דעם ביסעלע זיסקייט האָבען מיר געדאַרפט יעצט אריבער פאָרען די ברייטע אַזערע וואָס איז געווען ווילד צורייצט. מיט דעם האָניג אין האַנט איז זי געגאַנגען דעם וועג צו דעם שיפעלע וואָס האָט אונז געדאַרפט ברייגגען צו דעם ברעג פון וואַנען מיר זיינען געקומען אַהער. זי האָט געלאַכט קוקענדיג אויפן האָניג,ריידענדיג צי עס האָט זיך געלוינט.

— זעה דעם שרעק, זעה דעם טיפען אפּגרונט וואָס שרעקט

מיט איינשלינגען.—זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניט.

— זיי פאַרזיכטיג! — האָב איך איהר געזאָגט, אַראָפּקריכענ־דיג דעם באַרג צום וואַסער, — זיי נאַר פאַרזיכטיגער ווען דו וועסט זיצען אין שיפעלע.איין קעהר און מיר קענען ווערען פאַרשלונגען.

זי האָט מיט נערוועזע ווערטער געענטפערט:— איך ווייס— און איז באַלד אין שיפעלע אריין, ווי אַ דערשראָקען פייגעלע אין געכאַפּטער שטייג.

— איך זיץ גוט אַזוי?—האָט זי מיך געפרעגט. זי האָט אויף די כוואַליעס געקוקט זאָגענדיג מיר, אַז זיי זיינען ניט גע־פעהרליך, אריינקוקענדיג אין די טיפענישען און אין דער ברייטקייט, אין יענעם ווייטען ברעג וואָס קוקט אויס ווי אַ וואָל־קען. באַלד האָב איך דאָס שיפעלע אַ שטופּ געטאָן פון ברעג. דאָס שיפעלע האָט אַ ציטער געטאָן, אַ קער טוהענדיג זיך אָן אַ זייט, און באַלד האָט אַ ציטער געטאָן דאָס הארץ פון דער מיידעל וואָס איז געזעסען ווי אַ דערשראַקענע חיה וואָס באַהאַלט זיך פון אַ קויל. קרעכצענדיג האָבען די וויאַסלעס געשניטען דאָס ווילדע וואַסער. אומעטיק האָט זיך דאָס שיפעלע געוויגט אויף די אויפקומענדע און פאַרגעהענדע כוואַליעס.

— וואַסער. — האָט זי מיר געזאָגט.

אַ כוואַליע האָט דאָס ווילדע וואַסער אריבערגעוואָרפען איבער די ברעגען פון דער קרעכצענדער שיפעל.

— שרעק זיך ניט. — האָב איך שטיל געפּרעפּעלט, ווי איך וואָלט מורא געהאט אויפצואוועקען די טיפענישען. שרעק זיך ניט — האָב איך נאָכאַמאָל שטיל געזאָגט.

ווען דאָס שיפעלע האָט זיך אנגעקלאַפּט אָן ברעג, האָט באַסקע לייכט אָפּגעאָטהעמט.

— איך בין צופרידען וואָס מיר זיינען צום ברעג געקומען.

באַלד איז זי פון שיפעלע ארויס, מיט אַ זיפץ האָט זי ארויסגעזאָגט:

— שווער צו קריגען האָניג.

זי האָט דעם האָניג צוגעטראַגען צו מיינע ליפּען: נעהם אַביסעל.

איך האָב זיין זיסקייט פאַרזוכט.

— זיס איז דיין האָניג, ביטער איז דיין ערדייכונג.

מיט דעם זעלבען וועג זיינען מיר געגאַנגען אהיים. די זון האָט וואַרעם געבריהט, שמעלצענדיג דעם זיסען האָניג אין דינע שטריקעלעך. דער האָניג איז געלאָפען איבער איהרע הענט. זי האָט צו מיר געשריען איך זאָל זי באַפרייען פון דער קלעפּעדיגער זיסקייט.

— וואַרף אַוועק!—האָב איך איהר געזאָגט.

— די הענט זיינען קלעפּיג געוואָרען, איך קען מיינע פינגער ניט באַפרייען. באַלד האָב איך איהר געגעבען בלאָטיקע ערד, מיט דער בלאָטע געהאָלפען אָפּווישען דעם האָניג. זי האָט געקוקט אויף איהרע פאַרשמירטע הענט, פאַרקרימענדיג איהר פּנים:

— האָט זיך געלוינט? האָט זיך געלוינט?

איך האָב אויף איהר אַ קוק געטאָן:

— ווען דו פאַרזוכסט ניט דעם האָניג וואָלט דיך די זיסקייט געמאַטערט.

מיט ריינער וואַסער פון לויפענדען רוצעי האָט זי איהרע הענט אָפּגעוואַשען. ביידע שווייגענדיג זיינען מיר געגאַנגען דעם וועג אהיים. טעג פון ליעבע און צערטליכקייט זיינען אַוועק. מיט זיי איז אויך אַוועק דער זומער.

באַסקע האָט מיר מיטגעטהיילט אַז זי קלייבט זיך צו פאָהרען אהיים. זי דאַרף געהן אין שולע. זי האָט ערהאַלטען בריוו פון איהרע פריינדינעס אַז זיי וואַרטען אויף איהר און וויסען פון איהר ראָמאַן, ער איז אייפערזיכטיק—מיט פינטעלעך. דער גאַנצער בריעף האָט זיך געליינט גלאַטיג ווי מען פאָהרט אַראָפּ אַ באַרג. די עטליכע פינטעלעך און דאָס וואָרט אייפערזיכטיג איז געקומען ווי אַ שווערע משא. איך האָב די ווערטער ניט געקענט אַרויפפיהרען אויפן באַרג. וואָס מיינען זיי מיט דעם? איך האָב זי געפרעגט. זי האָט לאַכענדיג, שטיפעריג

געענטפערט:—וואָס זיי שרייבען! בע!

דער טאָג פון איהר אפּפאָהרען אין אריבער אין צערט־ליכקייט, אין אָפּטע הייסע קושן וואָס האָבען געבראַכט צו טרערען.

— איך גיב דיר אוועק מיין הארץ — האָב איך געפּרע־פּעלט.—איך לאָז איבער אַ פּוסטע ברוסט. געדענק, מאַך מיך ניט פאַר קיין קרבן. איך בין דאָך גוט צו דיר געווען.

זי האָט אויף מיינע ווערטער מיט הייסע טרערען געענט־פערט:

— איך בין דיינע אויף אייביג. איך וועל דיר באַלד שרייבען, און דאָס וועט זיין דער אנזאָג פון אונזער ניט צושיי־דונג.

צוריסענע און געבונדענע זיינען מיר געלאָפען איינער דעם אנדערען אין די אָרעמס. — אַך, ווי ליב, ווי ליב!

די שווערע רעדער פון דעם וואָגען האָבען זיך געקייקעלט ווי דער שווערער דונער וואָס פאַלט פּלוצלונג ארונטער. איהרע הענט האָבען מיר קושען געשיקט. ווייט אוועק, ווי ווייסע פלי־געדע טויבען זיינען זיי געפלויגען אין דער לופטען, ביז זי איז פאַרשוואונדען געוואָרען פון מיינע אויגען. מיין הארץ האָט זי באַגלייט מיט אַ שווערען זיפץ, ערגעץ ווייט אריבער די בערג און טאָהלען.

— זיי געזונט, האָב איך אויסגעשריען, אין אנמאַכט. איך בין געפאַלען אין אַ טיפען שלאָף. דער טויטער בענקענדער שלאָף וואָס קומט פון דער טיפעניש פון מענשליכע איבערלעבונגען. ציטערדיג האָבען געקלאַפּט די סטרונעס פון מיין הארצען. — וועט זי שרייבען? געוויס! — האָט אַ שטורעמדיגער אויסגעשריי פאַרטומעלט מיין געדאַנק. און איך בין פאַרוויגט פון גליק, און אין ווייסען צאַפּעל פון מיין צווייפעל געגאַנגען דעם וועג פון מיינע איבערלעבונגען. מאָרגען וועל איך געהן נאָך מיין בריף, מארגען, מארגען. דאָס וואָרט מאָרגען האָט מיר אויסגעקוקט ווי יענער ווייטער וועג וואָס האָט ניט קיין ענדע. איך האָב פּרובירט צו שלאָפען, איך האָב

פּרובירט צו שפּילען, לויפען, טאַנצען, זינגען, וויינען. די צייט איז געגאַנגען לאַנגזאַם ווי פּעך וואָלט געווען אַנגעטאָן אויף די פיס פון טאָג. ער געהט ניט אַוועק, אַזוי ווי ער וואָלט אויף אייביג געקומען. דער פאַרנאַכט אַזוי גרוי און אונערשלעפּערט. די פינסטערניש האָט זיך ערגעץ באַהאַלטען. עס וויל ניט קומען, עס האָט פּאַר עמיצען מורא. און דערנאָך דער באַגינען וואָס קומט אַזוי לאַנגזאַם ווי ער וואָלט מורא געהאַט די ליכ־טיגקייט צו ווייזען. יאָ, איך וועל באַלד געהען. דאָרט וואַרט אויף מיר יענער בריעף וואָס וועט באַלייכטען מיין וועג צום גליק, צום אייביגען גליק וואָס וועט פאַרזיסען מיינע צאַרטע בייינקענישען. שנעל ווי אַ הירש בין איך געלאָפען איבער די פעלדער, פאַרביי די וועלדער, אַהין צו יענער נעסט וואו מיין בריוועלע וואַרט אויף מיר. שטאָלץ ווי דער אַדלער בין איך געפלויגען אַריבער די פייגלען וואָס קענען זיך ניט אויפהייבען ווי איך, אויף די פליגלען פון אייביגער ליבע און גליק וואָס מאַכט מיך שכור און דורשטיק, נאָר דער ווינט יאָגט מיך אָן. מיט זיינע זינגענדיגע טענער טראָגט ער מיך שנעלער צו דער טיר וואו דער בריף וואַרט און שמאַכט נאָך מיינע בייינקענדע געפיהלען.

ווי אַ שטורעם בין איך אַנגעלאָפען דאָ וואו איך האָב מיין בריעף ערוואַרטעט.—מיין בריעף, אַ בריעף—האָב איך שווער פּרייכענדיג געזאָגט. דער מאַן האָט מיך אַנגעקוקט, אַ שאָקעל געטאָן מיטן קאָפּ:—ניטאָ קיין בריעף פאַר אייך.

איך האָב זיינע ווערטער נישט פאַרשטאַנען, אַ ווייילע שטע־הענדיג ווי געלעהמט האָב איך איהם ווידער אַ פרעג געטאָן פאַר מיין בריעף. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיר און האָט העכער געזאָגט — ניטאָ קיין בריעף פאַר אייך. איך בין אין צווייפעל צוגעלאָפען צו דעם מאַן — וואו איז מיין בריעף? וואָרום גיט איהר מיר איהם ניט?

ער האָט מיט בייזקייט געענטפערט:—איהר הערט? איהר האָט דאָ קיינע בריעף.

ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, אָן אַפּגעלאָפענע מיט בלוט בין איך אַרויס פון יענער טיהר וועלכע איך האָב ניט געזעהן. שטיל

און דערשלאָגען בין איך געגאַנגען דעם טרויער וועג מיט יענער האַרץ־קלאַפּעניש, מיט יענעם וועהטאָג וואָס שנײַדט איבער דאָס האַרץ. בלאָנדזשענדיג און וואַקלענדיג בין איך געגאַנגען, ניט מיט יענעם וועג וואָס האָט מיך געטראָגען נאָר מיט יענעם ווילד פאַרוואַקסענעם וועג וואָס האָט געפיהרט דורך שטײנער, בערג און טאָלען. לאַנג האָט מיך גענומען דאָס בלאָנזשעניש, די פאַרלאָרנקייט. אויף אַ צובראָכענעם בוים בין איך מיד אײַנגעשלאָפען. אַ שטאַרקע האַנט האָט מיך אויפגעוועקט. דאָס איז געווען די האַנט פון וואַנקאַ לוקיאַנעווער.

— וואָס טוהסטו דאָ, סאָלאָמאָן אַראָנינעק?

איך האָב אויף איהם אַ קוק געטאָן, ניט פאַרשטעהענדיג וואָס מיט מיר טוהט זיך האָב איך איהם געפרעגט:

— וואו בין איך?

— דו ביסט אין וואַלד, פאַרבלאָנזעט. בײַנאַכט איז דאָ געפעהרליך, געה אַהײם קינד.

שטיל האָב איך זיך אויפגעהויבען אויף מײַנע שכורע פיס. וואַקלענדיג בין איך געגאַנגען דעם וועג אַהײם. שפּעט אין נאַכט בין איך אַרײַן אין הויז, צובראָכען, באַלײדיגט, מיד און דערשלאָגען. ביטער־וויינענדיג האָב איך זי געשאָלטען, זי זאָל קײנמאָל קײן גליק אין לעבען ניט האָבען. איהר לעבען זאָל זײַן צושמעטערט ווי מײַנער, און אויפהייבענדיג מײַנע הענט צו דעם גאָט פון ליבע, האָב איך געזאָגט:

— באַשטראָף זי מיט דעם צער ווי מיר. זאָל איהר האַרץ אומבלאָנזען ווי מײַנס, וויסט און פאַרוואָגעלט.

מיד בין איך אײַנגעשלאָפען.